STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01939

IN OYSGEBENKTN LAND

Mordejai Herbst

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב מרדכי הערבסט

אין אויסגעבענקטן לאנד

הרב מרדכי הערבסט

אין אויסגעבענקטן לאנד

ירושלים, התשל"ו — 1976

אַלע רעכט זענען רעזערווירט
כל הזכויות שמורות בידי המחבר

©

Copyright 1976 by Rabbi Mordejai Herbst
All Rtghts Reserved

Printed in Israel

נדפס בדפוס קואופרטיבי ״אחוה״, ירושלים

אינהאַלט:

זייט

פאַרוואָרט	9
אויפן וועג קיין ישראל	11
דעם ערשטן שבת אין תל־אביב	15
אויפן לופט־פעלד אין לוד	19
ירושלים, אַך, ירושלים!	23
שפע אין וווקס פון ישראל	26
תשעה באב אין ירושלים	30
גאַסטפריינדלעכקייט אין דער מדינה	34
קינדער אין ישראל	38
אין דעם מרכז־קליטה אין ירושלים	41
יידיש געלט	44
דער גייסטיקער אויפשטייג פון ישראל	48
דאָס לאַנד פון קאָנטראַסטן און פּאַראַדאָקסן	51
אויף אַ שפּאַציר צו די אבות	54
ארץ זבת חלב ודבש	57
אַ באַזוך אין "מאה שערים"	60
פרייטיק צו נאַכט ביים רבין	63
הנדלעך פון מדינת־ישראל	66
יידן, פאָרט קיין ישראל!	69
דאָס לאַנד פון אַרבעט	72
אין די גערטנער פון טבעון	75
אַ שפּאַציר אין בית־וגן	78
חודש אלול אין דער מדינה	81
ימים נוראים אין נייעם לאַנד	84
מלחמה־צייט אין "שערי־צדק"־שפּיטאָל	87
אַ "שפּאַציר" אין "שערי־צדק"־שפּיטאָל בעת די מלחמה־טעג	91
ביים אויפנעמען פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן	95
אין אַן "אולפּן" פאַר נייע עולים	98
די גרויסע פרייד	101
שבת אין דער יידישער מדינה	104
סוכות אונטערן צייכן פון מלחמה	107
אויף אַ בר־מצווה פייערונג ביים כותל	109
אין דער נייער דירה	111
דער ערשטער שניי אין ישראל	113

זייט

אויף אַ קבוץ גלויות־פאַרזאַמלונג 115
אין דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים 117
אויף אַ באַזוך אין חבל־יבנה 119
אין אַ סאַלדאַטן־לאַגער 122
"פורים משולש" אין ירושלים 124
אין אַ מוזעאום פון תשמישי קודש 126
אויף אַ קאָלעקטיווער בר־מצווה פייערונג אין תלמים 129
אויף אַ שמחה של מצווה 131
פסח אין דער מדינה 133
"והיה מחנך קדוש" 135
יום־העצמאות 1974 138
אין גערַאנגל פאַרן קיום 140
צוזעענדיק דעם וועלט־פאַרמעסט פון תנ"ך 142
אויף אַ ברית־מילה אין ירושלים 144
אַ באַזוך אין דערציונגס־אַנשטאַלטן 146
די יידישלעכקייט פון דער מדינה 148
אַ באַזוך אין "כוללים" 150
די וואָך פון בוך אין ישראל 152
אויף אַ שבועות־פייערונג אין קרית־גת 154
אימפּראָוויזירטע שילן אין נייע ישובים 156
אין דער בערגיקער "בית־שמש" 158
אויף אַ חתונה אין מאה שערים 160
באַזוכנדיק פאַרשידענע מושבים אין לאַנד 162
אויפן שוק אין "מחנה יהודה" 164
מיט פאַטריאַטישע יידן 166
בייע באַשעפטיקונגען אין ישראל 168
דער דראַנג צו לערנען אין דער מדינה 170
פאָרנדיק פון תל־אביב קיין ירושלים 172
וועגן יידיש אין דער מדינה 174
אַקטיווע יידישקייט 176
אין אַ פאָרנדיקן אויטאָבוס אין ירושלים 178
אין דער אימפּעריע פון רעליגיעזן ציוניזם 180
ביים איינהאַנדלען אתרוגים 182
ראש־השנה אין דעם נייעם ישוב 184
דעם ערשטן יום־כפור נאָך דער יום־כפור מלחמה 186
ערב־סוכות אין ישראל 188
סוכות אין דער מדינה 190
שמחת־תורה ביי די הקפות 192

זייט

אויף אַ גרויסאַרטיקער בר־מצווה פייערונג 194
אויף אַן אייגנאַרטיקער יידישקייט־פאַרזאַמלונג 196
הימל און ערד און דעוואַלואַציע 198
טעג פון אויפטרייסלונג און שפּאַנונג 200
חן־גריבלעך פון ישראל 202
אויף אַ חנוכה־מסיבה אין אַ ישיבה־גימנאַזיע 204
חנוכה־וויוועצן 206
אויף אַ שמחה אין אַלט־ירושלים 208
שבת אין בית־וגן 210
שמועסן פון יידישע סאַלדאַטן 212
אויף דער וואַך פאַר דער מדינה 214
אין אַ ליל־שימורים 216
מיט יידישע סאַלדאַטן־וועכטער 218
אויף אַן אָוונט פון יידישער ליטורגיע 220
פורים — דער אויסדרוק פון יידישער פרייד און בטחון 222
ערב־פסח שטימונג אין דער מדינה 224
דער געאייניקטער פאַלקס־פראָנט 226
אויף אַ צוזאַמענפאַר פון עלית־הנוער 228
הערנדיק אַ ירושלימער מגיד 230
אַפּצייכענענדיק דעם 27־סטן יום־העצמאות 132
דער מתן־תורה יום־טוב אין ישראל 234
אויף אַ ישיבהשער חתונה 236
אויף אַ "שבע ברכות" אין מאה שערים 238
אויף אַ שול־אויספלוג איבערן לאַנד 240
אויף אַן ענדע שול־יאָר פייערונג אין אַן עולים־שולע 242
אין אַ רעליגיעזן קיבוץ 244
בני־ברק — די יידישקייט־שטאָט 246
ראש־השנה אין בית־וגן 248
אויף אַן אויפרוף אין מאה שערים 250
אַ ראַדיאָ־ראַפּאָרט איבער די ישיבות 252
די פאַרשידנאַרטיקייט פון די תשמישי־קדושה 254
אַ סוכה אויפן באַלקאָן 256
אַ בר־מצווה פייערונג אין דער סוכה 258
אַ שפּאַציר אין דער אַלט־שטאָט ירושלים 260
אויף אַן אייגנאַרטיקער אויסשטעלונג 262

פאָרוואָרט

מיר האָבן שוין באַשריבן אין פאָריקע ביכער מדינת־ישראל פון דעם קוק־ווינקל פון אַ טוריסט, פון אַ באַזוכער אויף אַ וויַיל, וואָס ניט שטענ־דיק קען ער זען אויף אַ מיַיל.

און דאָס דאָזיקע בוך שריַיבן מיר שוין אַלס עולה חדש, ווי מיר זעען און ווי מיר טרעפן די יידישע מדינה, פון די פאַרשיידענע קוקווינקלען און וועגן די באַזונדערע אַספּעקטן, לויט דעם וואָס מיר ווערן באַאיינ־דרוקט.

אָבער ישראל איז ניט קיין אָביעקט פון עליה־איינדרוקן, נאָר בעיקר איז עס אַן אויסגעבענקט לאַנד, צו וועלכן אַ ייד קומט מיט אָנגעהויפּטע בענקעניש און גאַרונגען, מיט חלומות און מיט אַ גרויסער דאָזע פון ראָמאַנטיק. מיר זענען דווקא דאָס מאָל אָנגעקומען אין גורלדיקע טעג פאַר דער מדינה, און מיר האָבן אויפגעכאַפּט דעם עכאָ פון דער צייט און פון דעם פּלאַץ אין קאָנפראָנטאַציע מיט דעצידירנדיקע געשעעניש און אין דעם געווירבל פון אַ טיטאַנישן געראַנגל פאַרן קיום און המשך.

מיר האָבן דעריבער געוואָלט איינזאַפּן וואָס מער איינדרוקן און באַ־טראַכטן דאָס לאַנד פון וואָסערע גרעסערע צאָל קוקווינקלען, און איבער־געבן פאַרן יידישן לייענער אויף דער וועלט, וואָס איז דאָך אויך אַ פּאָטענ־ציעלער עולה, יעדנפאַלס וואָס טראָגט אויך אין האַרצן די זעלביקע געפילן און די זעלבע ציטערן, אַ גאַמע פון איינדרוקן און אַ בונט פון געפילן און מחשבות וואָס אַ נייער עולה לעבט און פילט איבער אין די ערשטע צייטן פון זיין קומען, פון זיין איינגלידערן זיך און פון זיין איינוואָרצלונג אין דער אויסגעבענקטער יידישער מדינה.

אויפֿן וועג קיין ישראל

יעדע רייזע אויפֿן אַוויאָן איז פֿאַר אייך אַ ספּעציעלע איבערלעבונג. ווער שמועסט נאָך אַז די רייזע איז אויפֿן וועג קיין ישראל.

דער קפיצת־הדרך, פֿון איין לאַנד אין צווייטן, פֿון איין קלימאַט צום אַנדערן, איז גלייכצייטיק אַ שפּרונג פֿון איין שטימונג צו דער אַנדערער פֿון אייער געמיט.

איר פֿילט זיך ווירקלעך "על כנפי נשרים", אויף די פֿליגלען פֿון דעם מעכטיקן שטאָלענעם פֿויגל, וואָס וואַרפֿט אייך פֿון איין טעמפּעראַטור צו דער צווייטער, און פֿון איין וועלט־טייל צו דער אַנדערער.

און אַזוי ווי אַ קאַליידאָסקאָפּ הויבן זיך און נידערן אייערע געפֿילן און שטימונגען, אייערע רעמיניסצענצן און היסטאָרישע זכרונות וועגן די באַטרעפֿנדיקע קולטורן און געשיכטעס פֿון די מקומות וואָס איר באַטרעט אָדער פֿליט־איבער.

אַזוי אויך וואַרפֿן זיך איבער די פֿאַרשיידענע שפּראַכן פֿון די דאָזיקע וועלט־טיילן, און איר דערזעט און דערשפּירט פּלוצלונג פֿאַר אייך דעם אָטעם פֿון דער גרויסער וועלט, מיט אַלע אירע פֿאַרשידנאַרטיקייטן און ניואַנסן, סיי קלימאַטערישע, סיי טאָפּאָגראַפֿישע, סיי שפּראַכלעכע און קולטורעלע, אַזוי אַז דאָס אַלץ שאַפֿט ביי אייך אַ גרויסע סימפֿאָניע פֿון קלאַנגען און איינדרוקן, דער אָרקעסטער פֿון ג־טלעכן וועלט־באַשאַף, און די איינטיילונג פֿון אונדזער ערד־קיילעך אין פֿעלקער און לענדער.

עס פֿאַרשווינדן פֿאַר אייך און אין אייער מוח, אַלע ענגע באַגריפֿן, אַלע קאָנצענטרירטע און צונויפֿגעפּרעסטע קולטור־גרענעצן, נאָר עס עפֿענען זיך פֿאַר אייך די שליאַכן פֿון דער וועלט־געאָגראַפֿיע און פֿון דער וועלט־געשיכטע. פּלוצים אַנטדעקט איר, אַז איר זענט בלויז אַ קליינע טייל פֿון אַט־דער וועלט, און אַז עס זענען פֿאַראַן אויך "אַנדערע" מענטשן, מיט אַנדערע טראַכטן, מיט אַנדערע שפּראַכן, מיט אַנדערע קולטורן, און זיי אַלע צוזאַמען שאַפֿן עס דעם וועלט־קאָמפּלעקס, זענען עס די אינסטרומענטן פֿון דעם ברייטן קיילעך־באַשאַף, און אַז איר, מיט אייערע אַנגעהויפֿטע באַגריפֿן, זענט בלויז אַ קליינער באַשטאַנד פֿון דעם אַלעם.

ביי אַזאַ פֿלי־צוג דערשפּירט מען די גרויסקייט פֿון דער וועלט און די ענגקייט און קליינקייט פֿון דעם אייגענעם אָרום.

שוין דאָס אַוועקפֿאָרן פֿון אַרגענטינע אין אַ קאַלטער טעמפּעראַטור פֿון עטלעכע גראַד, און דאָס אָנקומען קיין ריאָ דע זשאַנייראָ אין אַ היץ, דערמאָנט אייך יענעם פֿאַלקס־אויסדרוק, פֿון וואַרפֿן אין קעלט און היץ. דער איבערגאַנג איז אַזאַ האַסטיקער און שנעלער, אַז איר דערפֿילט בפֿועל ממש דעם "משנה עתים ומחליף את הזמנים", תוך כדי עיפֿה, אין אַ קורצן פֿלי־אָפּזאַץ.

אַזוי אויך דער שפּראַכלעכער בייט. פֿון אַ לאַנד ווו סערוואַנטעסעס לשון הערשט איבעראַל, פֿאַלט איר גלייך אַריין אין אַ מקום ווו פּאָרטוגעזיש הערט זיך

אומעטום, און ווו עס איז ניט בלויז אַנגעמבאַר אייער לשון, נאָר אויך ווו אַרגענטינער געלט ווערט ניט אַנגענומען און ניט געטוישט...

מיר דאַרפן דאָ איבערגיין באַלד אין אַ צווייטן אַוויאָן וואָס זאָל אונדז פירן קיין מאַדריד, און פון דאָרטן קיין רוים, ווו מיר דאַרפן נאָך עטלעכע שעה איינשטייגן אין "אל על", צו קומען קיין לוד.

אָבער אַנשטאָט גלייך אין דער אַנגעוויזענער שעה איינצושטייגן אין אַ צווייטן אַוויאָן פאַרהאַלט מען אונדז עטלעכע שעה אין דעם וואַרט-זאַל, ווו מען זעצט זיך, מען שרייבט שוין פּאָסט-קאַרטלעך, וואָס דער אַוויאָן האָט אומזיסט פאַרטיילט יעדן פּאַסאַזשיר און צעשיקט עס אויך פון דעם לופט-פעלד, מען טרינקט עפּעס, מען שפּאַצירט אַדורך אין דער לענג און אין דער ברייט דעם וואַרט-זאַל, ביז מען ווערט מיד און שלעפעריק, און מען זעצט זיך און מען דרימלט אַזוי געשמאַק איין, ביז ענדלעך שטייגט מען אַרויף אויפן צווייטן אַוויאָן.

נאָך אַ לאַנגער שטרעקע, איבערפליענדיק דעם אָקעאַן, און אַדורכשלאָפנדיק אין אַוויאָן, קומט מען אָן קיין מאַדריד, און מען הייבט-אָן ארומצוקוקן זיך אויפן לופט-פעלד, איבער די אויטאָקטענע אויסאַרבעטונגען פון שפּאַניע. איבערהויפּט רופט אייך די אויפמערקזאַמקייט די בראָנזענע אויסאַרבעטונגען מיט אַ מגן-דוד, אָבער דאָ געשעט דאָס פאַרקערטע ווי אין ריאָ. מען רופט אייך גלייך פון די הויכרעדער, איר זאָלט צוריק איינשטייגן אין דעם עראָפּלאַן, ווייל ער פליט תיכף אָפּ קיין רוים.

באַלד, נאָך עטלעכע שעה רייזע, קומט מען טאַקע אָן קיין רוים, ווו, לויט דעם פאַרויסגערעכנטן פּלאַן, דאַרף מען זיין עטלעכע שעה ביזן איינשטייגן אין "אל על", אָבער מחמת דער גרויסער פאַרשפּעטיקונג אין ריאָ דע זשאַניירא, ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט צען מינוט פריער איז דער "אל על" אָפּגעפאָרן קיין ישראל, און מיר האָבן פאַרלוירן דעם פלי-צוג.

דאָס איז געקומען אַזוי איבעראַשנדיק, אַזוי שנעל, אַזוי אַוויאָנמעסיק שנעל, אַז מיר בלייבן מיט אָן אָפן מויל.

מיר האָבן געזאָלט אין אייניקע שעה אָנקומען קיין לוד, ווו עס וואַרט זיכער די משפּחה, וואָס ווערט געוויס איבערטראַכטן ביים ניט דערבליקן אונדז צווישן די אָפּשטייגנדיקע פּאַסאַזשירן, און דאָ דאַרפן מיר איבערוואַרטן ביז מאָרגן, ווען עס איז דאָ דער נעקסטער "אל על" פליצוג קיין ישראל.

פונקט איז צומאָרגנס פרייטיק, און עס דערוועקט זיך ווידער אַ נייער חשד, מיר זאָלן ניט אָנקומען אין שבת אַריין.

מיר זאָגן עס טאַקע דעם איטאַליענישן באַאַמטן, און יענער פאַרשטייט עס גראָדע זייער גוט און באַנעמט עס תיכף, ווייל ער טעלעפאָנירט שוין צו אַ צווייטן, אָנמערקנדיק אַז מיר זענען פּאַסאַזשירן וואָס מיר היטן "שאַבאַט", אַ זאַך וואָס פילט אונדז אָן מיט סאַטיספאַקציע.

מיר זעען ווי דער "שאַבאַט" איז באַקאַנט די ניט-יידן, און איבערהויפּט ווערן מיר רואיקער ווען ער פאַרזיכערט אונדז אַז מען וועט אונדז נעמען ביז מאָרגן פאַר-מיטאָג אין אַ האָטעל און פאַרזיכערט אונדז אַז מיר וועלן צוויי-דריי אַזייגער אָנקומען קיין לוד און ניט דאַרפן מחלל-שבת זיין...

אויף צומאַרגנס פאָרן מיר טאַקע אַרויס מיטן „אל על", אָבער מיט אַ שעה שפּעטער ווי מיר האָבן פאַרויסגערעכנט. אָבער אַזוי ווי עס דאָ זומער, שרעקן מיר זיך אַלץ ניט אַז דער אַוויאָן זאָל אָנקומען אין שבת אַריין, אויב אַלץ וועט גיין נאָרמאַל.

דאָס דערזען דעם „אל על", מיט די יידישע סימבאָלן, די ווייס-בלויע אותיות, גיט גלייך אַ פלייץ מיט וואַרעמקייט, און איז עס די הקדמה פון דער יידישער מדינה.

עפּעס גייען מיר צו דעם אַוויאָן מיט אַזאַ היימישן געפיל, און גלייך ביים איינשטייג נעמען אונדז אויף צעשמייכלטע די צבראַס, מיטן כאַראַקטעריסטישן „שלום", און דער אַוויאָן איז אויסגעשטאַט מיט אַ ספּעציעלן חן און געשמאַק.

די יידישע מוזיק שפּילט דאָ נאָכאַנאַנד און דער עברית קלינגט עפּעס אַזוי היימעשלעך. די פּראָספּעקטן, צווישן זיי אַן אויפקלערונג אויף ענגליש איבער כשר עסן, איבער מילכיקס און פליישיקס, די „תפילת-הדרך" און די מעלדונגען אויף העברעיש, אַזוי אויך דאָס עסן מיטן הכשר פון רבנות הראשית פון ישראל און די אויפשריפטן אויף עברית איבער די פאַרשיידענע פּראָדוקטן, פירן אייך אַריין אין אַ הייטערער שטימונג, אַזוי, אַז נאָכן אַריינשפּרינגען אין דער גרויסער וועלט אַריין, קומט איר עפּעס צוריק מיט אַ פרייד אין אייער יידישער וועלט.

ריכטיק, האָבן מיר געזאָגט, אַז די וועלט איז גרויס און פאַרשידנאַרטיק, אָבער ווי עס זאָגט דער זוהר, איז יעדער מענטש אַ קליינע וועלט, ד. ה. עס איז פאַראַן אַ גרויסע וועלט און אַ קליינע וועלט. אין דער גרויסער וועלט זענען פאַראַן מיליאָנען קליינע וועלטן.

ווי זאָגן מיר וועגן אונדזער פאָלק אויף העברעיש: „בית ישראל", די גרויסע שטוב פון ישראל, וואָס איז צונויפגעשטעלט אָבער פון קליינע בתים, שטיבער, הייזער פון ישראל.

און עס דערמאָנט זיך דערביי יענער וווּנדערבאַרער זאָג און טייטש: „נהיה ככל הגויים", האָט דער רבי געטייטשט: אדרבא, זאָלן מיר יאָ זיין ככל הגויים, ווי אַלע פעלקער. אַזוי ווי אַלע פעלקער קעמפן פאַר זייערס, פאַר זייער וועלט, זייער קולטור, לאָמיר זיין ווי זיי, זיי נאָכמאַכן: לאָמיר קעמפן פאַר אונדזער וועלט, אונדזער קולטור...

דאָס אַלץ קומט אונדז אויפן זינען ביים באַשטייגן און פליען אין אַן „אל על"-אַוויאָן.

מיר דאַרפן אַראָפּשטייגן קיין אַטען, אָבער מיר טוען דאָס ניט. דערווייל קריגן מיר אַ „פרישע" צייטונג, און דערוויסן זיך וועגן אַ פּרווו פון אַן אַטענטאַט אין דער ישראל-אַמבאַסאַדע אין יענער שטאָט.

דער אַוויאָן בלייבט דעריבער שטיין אינעם עראָדראָם פון אַטען, און עס הייבט אָן ווערן הייס אינעם אַוויאָן.

לויט אונדזערע אויסרעכענונגען שפּעטיקט אויך דער „אל על". עס איז נאָך גרויסער טאָג, אָבער מיר זאָרגן זיך צי מיר וועלן קענען אָנקומען קיין ירושלים, ווייל מיר דאַרפן דאָך נאָך דורכגיין די רעווידירונגען, און ערשט נאָכדעם מיטן גאַנצן באַגאַזש פאָרן פון לוד קיין ירושלים.

ענדלעך, קומען מיר אָן קיין לוד, און דער דאָרטיקער זייגער האַלט שוין פאַר פינף נאָכמיטאָג.

אַ גרויסע היץ באַשלאָגט אונדז ביים אָפּשטייגן פונעם אַוויאָן, דאָס איז דאָך די סאַמע ברענענדיקע היץ פון חודש תמוז, און ביים קאָלנער הייבט אָן צו פרייען און בראָטן דער האַלדז.

מיר קומען אַריין אינעם האָל פון לוד, און נאָכן דורכמאַכן ביים איינגאַנג די פאָרמאַליטעטן, גייען מיר דורך און באַקוקן דעם אויסגעברייטעטן און צוגעבויטן שיינעם האָל, מיט געשמאַק איינגעריכטעט, און מיר דערקענען אים ווירקלעך ניט. פאַר די דריי יאָר וואָס מיר זענען דאָ־הי ניט געווען איז אַלץ געענדערט געוואָרן לטובה, אַזוי גרויסצוגיק און געשמאַקפול, און דאָס איז דער ערשטער צייכן פון אימפּעטפולן שוווּנג וואָס באַגעגנט אייך ביי די טויערן פון דער יידישער מדינה, און וואָס דאָס איז היינט דער כאַראַקטעריסטישער קענצייכן פון דער זעלבער, ד. ה. אויפבוי און פאַנאַנדערוווּקס, וואָס איר וועט שפּעטער מערקן אויף טריט און שריט אין דעם יידישן אַלט־ניי לאַנד.

דעם ערשטן שבת אין תל־אביב

מיר זענען אָנגעקומען קיין לוד אין זייער אַ הייסן וועטער, פינף אַזייגער פאַרנאַכט, און מיר האָבן שוין ניט געקענט באַווייזן צו קומען אין זעלבן טאָג קיין ירושלים, ווייל עס איז געווען פרייטיק פאַרנאַכט, און מיר האָבן מורא געהאַט מחלל־שבת צו זיין. האָבן מיר דעריבער געבעטן דרינגענדיק אין דעם לופט־פּאָרט, אין דער טוריזם־ביוראָ, אונדז צו באַזאָרגן אַ האָטעל אין תל־אביב, איבער שבת, בכדי מיר זאָלן קענען זונטיק אינדערפרי אָפּפאָרן קיין ירושלים, צו אונדזער באַשטימט פּלאַץ.

מען האָט אונדז צוגעטיילט אַ האָטעל נעבן ים־ברעג, אַ קוואַרטאַל פון דאָרטן, אויפן ערשטן שטאָק, און פון דאָרטן האָבן מיר טאַקע געזען דעם ים.

מיר זענען אָנגעקומען אין האָטעל פאַר ליכט־בענטשן, אַזוי אַז מיין זון האָט נאָך באַוויזן צו טעלעפאָנירן צו זיינס אַ חבר, אָבער אַזוי ווי יענער איז גראָד געווען אין ירושלים, האָט אים אויפגענומען טעלעפאָניש יענעמס ברודער, און תיכף, אָן שום צערעמאָניעס, איינגעלאַדן די גאַנצע משפּחה אויף צומאָרגנס שבת, צום עסן, און אַז ער וועט נאָך אונדז קומען כדי צו פירן צו זיך אַהיים, וואָס איז אין צפון תל־אביב.

מיר זענען געבליבן געפּלעפט פון דער ספּאָנטאַנער גאַסטפריינדשאַפט פון אומבאַקאַנטע, געצעגערט צי מטריח־צו־זיין אומגעריכט אין לעצטן מאָמענט, אָבער ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. יענער האָט אָפּגעהאַקט דעם שמועס, ווייל מען האָט געדאַרפט שוין בענטשן ליכט.

מיר האָבן זיך אַרומגעווישט פון דעם וועג, זיך איבערגעטון לכבוד שבת, און אַרויס אויף דער גאַס זוכן אַ שיל צו קבלת־שבת, הגם עס האָט אונדז שוין געשיינט צו זיין אַביסל שפּעט.

נו, זוכן אַ שיל אין תל־אביב, איז גראָד פון די גרינגסטע זאַכן. ערשטנס, זעט מען גלייך אַ יידן, וואָס גייט פון אַ שיל אָדער צו אַ שיל; צווייטנס, אין יעדן קוואַרטאַל געפינט זיך איינע אָדער מערער שילן, אשכנזישע, ספרדישע, מזרחיסטישע, שטאָטישע א.א.וו.

מיר שטעלן טאַקע אָפּ דעם ערשטן בעסטן יידן מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, מיט אַ ווייסער באָרד, וואָס גייט מיט אַ יונגערמאַן און אַ קינד. יענע זענען ספרדים, און זאָגן אונדז אַז זיי קומען שוין פון שיל, ווייל ביי זיי האָט מען שוין אָפּגעדאַוונט. אָבער אויב מיר ווילן, זאָלן מיר צוגיין אין אָט־יענער אשכנזישער שיל אויף דער קעגנאיבערדיקער גאַס "יונה הנביא". שוין פון דעם נאָמען פון דער גאַס, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, ווערט אייך עפּעס וואַרעם אויף דער נשמה און איר צעשמייכלט זיך עפּעס, ווי ביים באַגעגענען אַן אַלטן באַקאַנטן.

"רחוב יונה הנביא", דער נביא פון מפטיר־יונה, דער נביא וואָס האָט ניט געוואָלט רופן צו תשובה די מענטשן פון נינוה, וואָס איז אַנטלאָפן און אַ גרויסער פיש

האָט אים איינגעשלונגען און שפּעטער אַרויסגעשפּיגן אויפן ברעג ים. נו, אַט דער נביא יונה איז דאָך געוויס אַ גוטע גאַראַנטיע פאַר אַ וווילער שיל.

מיר קומען טאָקע אָן ביים ראָג גאַס און מיר לויפן אַריין אין אַ העל אילומי־נירטער גערוימער שיל, ווו פּאַרנט דאַוועגען יוגענטלעכע און אינעווייניק אַ גרעסערע עדה יידן. און מיר פאַלן אַריין אינמיטן דעם "לכה דודי", און עס באַגעגנט אונדז אַ פולע שיינע באַהאַרצטע שטימע פון דעם בעל־תפילה, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן פון דעם גרויסן עולם דאַוועגער, און אַלע צוזאַמען, קינד און קייט זינגט אַזוי התלה־בותדיק דעם "לכה דודי", און מיר ווערן גלייך אַריינגעצויגן אין דעם תפילה־כאַר פון די דאַוועגער. איך באַטראַכט דעם גרויסן בעלעמער וואָס שטייט הויך אינמיטן, דעם פּרעכטיקן ארון־קודש, די געזיכטער פון די פאַרשיידענע דאַוועגער, און איך קוויק זיך אין האַרצן פון דעם מקבל־שבת, צו זיין אין תל־אביב, ערשט געקומען און שוין שטיי איך און זינג "קומי צאי מתוך ההפיכה" צוזאַמען מיט תל־אביבער יידן, עפּעס אומגלויבלעך.

איך געזעגן זיך מיטן כאַראַקטעריסטישן "שבת שלום", און איך גיי צוריק צו מיין האָטעל, און דערביי כאַפּ איך אַ בליק אויף דער אַלענבי־גאַס, ווו דער האָטעל געפינט זיך, אויף די שוי־פענצטער פון די פאַרמאַכטע געשעפטן. איבערהויפּט ציען מיין אויפמערקזאַמקייט די אילומינירטע העברעישע אויפשריפטן און די תשמישי־קודש פון די שוי־פענצטער, פאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען, ווי לייכטער, בעכערלעך, בשמים־ביקסלעך א.א.וו.

מיר פילן זיך עפּעס נאָך מאָדנע ווי אין אַ ניט־רעאַלער וועלט. עפּעס גלויבט זיך נאָך ניט אַז מיר גייען שוין שבת אויף תל־אביבער גאַסן, און מיט אַט־דעם געפיל קומען מיר אין האָטעל אַריין.

צומאָרגנס אינדערפרי, גייען מיר אין דער זעלבער שיל. דער טאָג איז אויסער־געוויינלעך הייס, און אין שיל דאַוועגען ווינציקער מענטשן, ווייל איין מנין האָט שוין אָפּגעדאַוונט פריער. מען גיט אונדז אַן עליה צו דער תורה און מיר בענטשן "גומל".

נאָכן דאַוועגען צעשמועסן מיר זיך מיט אַ וותיק וואָס האָט נעבן אונדז געדאַוונט, און עס ווייזט זיך אַרויס אַז יענער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון פוילן, נעבן אונדזער געבורטסשטאָט.

אין האָטעל וואַרטן מיר אויף דעם ברודער פון מיין זונס חבר, וואָס דאַרף אונדז קומען זוכן און נעמען צו זיך אַהיים אויף שבת, און דערביי טרעפן מיר אָן אין האָל אַ רייע יידן וואָס פאַרברענגען דאָ זייער דאַטשע, אַ ייד פון שטראַסבורג, אַ ייד פון אַ קיבוץ, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געקומען פון אורוגוויי צו זיינע קינדער אין קיבוץ, אַ פרוי פון אַמעריקע, אַ פּאָרל פון פראַנקרייך, אַן אמתער קיבוץ גלויות.

אייניקע פון זיי קומען שוין מערערע מאָל צו באַזוכן זומער ישראל און פאַר־ברענגען ביים ברעג ים. זיי ווילן וויסן וועגן דער לאַגע פון יידן אין אַרגענטינע, און איבערהויפּט פרעגן זיי זיך נאָך אויף דער פּאָליטישער סיטואַציע פון לאַנד, וואָס האָט לעצטנס געהאַט אַ גרויסן אויפזען און אָפּקלאַנג אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען אין די פאַרשיידענע לענדער.

צוועלף אַזייגער פּינקטלעך, לויט ווי ער האָט צוגעזאָגט, קומט אונדז נעמען דער

יוגענטלעכער, אַ זייער סימפּאַטישער בחור, מיט אַ קורצן בערדל און אַ געשטריקטע יאַרמלקע אויפן קאָפּ, ער שטעלט זיך פאַר אונדז פאַר, און זאָגט אונדז אַז ער וועט אונדז פירן קיין צפון־תל־אביב, און בכדי עס זאָל אונדז זיין קילער, וועט ער אונדז פירן דורכן ברעג ים, פונוואַנען עס דאַרף בלאָזן אַ ווינטל און עטוואָס אָפּפרישן.

אפשר האָט געבלאָזן אַ ווינטעלע, נאָר דער בחור האָט אַפּנים פאַרגעסן, אַז ביים ברעג ים וואַרעמט מיט דער גאַנצער קראַפט די שטאַרקע זון, קיין שאָטן איז דאָרט ניטאָ, האָבן מיר פאַרגעסן דעם ווינט און ממש זיך געבריענט אויף דער זון. דער דאָזיקער בחור איז גראָד אַ סאָלדאַט אין דער צבא, אין דער העלדישער ישראל־אַרמיי, און מעגלעך אַז פאַר אים איז דאָס ניט אַזוי געפערלעך, נאָר ער האָט אונדז געפירט אַזוי אַ גאַנצע שעה צייט, בערך אַ זעקס קילאָמעטער ביז צפון תל־אביב, און כאָטש מיר האָבן נאַטירלעך גאָרניט געזאָגט, אדרבא באַוואונדערט זיין גרויסע גאַסטפריינדלעכקייט, פון קומען פון אַזוי ווייט און אונדז צוריקפירן צוריק אויף דעם זעלבן וועג. נאָר מיר האָבן געפילט אַז ווען דער וועג ציט זיך אַביסל מער, קומען מיר דאָרטן אהינצו ממש פאַרחלשטע.

ענלעך זענען מיר אָנגעקומען אין דעם רעזידענציאַלן תל־אביבער געגנט, אין זייער אַ שיינעם הויז, וווּ עס האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ ברייטן שמייכל און אַ האַרציקן "שבת שלום" דער בעל־הבית און זיין פרוי, און אונדז גלייך מחיה־מתים געווען מיט קאַלטן זאַפטן־געטראַנק.

די האַרציקע באַנעמונג איז אין לשער. אַ ווילד־פרעמדער מענטש נעמט אונדז אויף, אַ גאַנצע משפחה קיין עין הרע, אומגעריכט, און מיט אַזאַ הכנסת־אורחים, אַז ס'איז צום שטוינען.

און עס ווייזט זיך אַרויס אַז דער בעל־הבית איז ניט אַבי־ווער, נאָר אַ פּראָפעסאָר פון פיזיק אין דער תל־אביבער אוניווערסיטעט, אַ מיט יאָרן צוריק געקומענער פון אייראָפּע, און דערביי אַ טראַדיציאָנעלער ייִד, וואָס פירט אַ ייִדישע היים אָנגעפילט מיט תורה און אַלגעמיינער קולטור. פון זיין רייכן ספרים־אַלמער קוקן טאַקע אַראָפּ באַנאַנד ש"ס ופוסקים, ווי אויך קונסט־רעפּראָדוקציעס פון רעמבראַנדט, פיזיקביכער א.א.וו.

מיר וואַשן זיך, מען צעשמועסט זיך, מען פילט זיך ביז גאָר גוט און היימישלעך, ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקענט פון כמה יאָרן, און מיר צעזינגען זיך אַלע מיט די שבתדיקע זמירות.

נאָכן בענטשן ווילן מיר נאַטירלעך צוריקגיין אין האָטעל אַריין, אָבער דער פּראָפעסאָר און זיין פרוי לאָזן אונדז באַין אופן ניט גיין אין אַזאַ היץ, נאָר צווינגען אונדז זיך אָפּצורוען אין זייערע צימערן.

פאַרנאַכט, מוזן זיי גראָד צוגיין צו אַ באַקאַנטן, וועמען זיי האָבן נעכטן צוגעזאָגט באַזוכן, און היות ווי שבת קענען זיי טעלעפאָניש ניט אָפּרופן דעם באַזוך, גיבן זיי אונדז איבער די שליסל פון הויז, אין פאַל מיר ווילן צושפּאַצירן צום ירקון־טייך, און בעטן אונדז זיי אָפּצוּוואַרטן ביז נאָך מעריב, וועלן זיי קומען און אונדז אָפּפירן אין זייער אויטאָ אין האָטעל אַריין.

מיר באַדאַנקען זיי האַרציק און פרוּוון דערווידערן, אָבער עס העלפט ניט. זייער

הכנסת אורחים איז שטאַרקער, און עס וואָלט פאַר זיי געווען אַ פגיעת־הכבוד, חס וחלילה ווען מיר אַקצעפּטירן ניט.

פאַרנאַכט פירט אונדז זייער זון צו צום ירקון, און ער גייט אַוועק, און מיר שפּאַצירן אַרום דעם שפּיגלדיקן טייכל, ביי וועלכן ברעג מענטשן זיצן אָדער גייען זיך געמיטלעך דורך.

אַט זיצט אַ גרופּע פון בני־עקיבא־קינדער מיט זייער מדריך, מסתמא אויך אַ קינד פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן, און מיר הערן ווי ער גיט זיי אַ "שיחה", איבער שמואל הנביא.

אַט שיפט זיך אַ שיפל מיט פיר קינדער, און אַט דערנעבן איז פאַראַן אַ פּאַרק מיט פאַרשיידענע אָריגינעלע שפּילערייען פאַר קינדער, און די קליינע צבראַלעך שפּילן זיך טאַקע גאַנץ געשמאַק אויף די פאַרשיידענע גליטשערס, וואָס זענען געמאַכט גאָר אָריגינעל דורך דער מוניציפּאַליטעט, און איך באַמערק דערביי צו מיינע בני־ברית, אַז די קינדערגערטנערס פון אונדזערע מקומות, וואָס זוכן טאַקע אַזאַ סאָרט שפּילערייען, וואָלטן געמעגט קומען אַראָפּנעמען אַ מאָדעל, ווייל דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט אין אַזעלכע שפּילערייען.

מיר קוקן זיך צו און שעפּן פולע הויפנס נחת.

מיר קערן זיך אום צו דעם הויז פון אונדזערע גאַסטגעבערס. מיר האָבן דאָך שוין אַ "שליסל" צו אַ שטוב אין תל־אביב...

נאָך מעריב קומען די גאַסטגעבער, שטעלן ווידער אַרויף כיבוד, צינדן אָן דעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, און פאַר אונדז וויקלט זיך אויף אַ ביז גאָר יידישלעכע פּראָגראַם, וואָס הייסט "שבוע טוב", אַ גוטע וואָך, און איז דאָס מאָל געווידמעט צו אַ ספרדיש־לאַדינישן פּאָעט, צו זיין לעבן און זיין שאַפן. און עס טרעטן אויף פאַרשיידענע כאָרן און סאָליסטן, וואָס אינטערפּרעטירן זיינע געזאַנגען אויף העברעיש און אויף לאַדינאָ, און מיר דערפילן אפילו אין דער קונסט די יידישלעכקייט פון דער מדינה.

די גאַסטגעבער פירן אונדז דערנאָך איבער תל־אביב. די שטאָט איז איבערפולט מיט מענטשן און מיט אויטאָס, און אין אַ מוצאי־שבתדיקער שטימונג פירן זיי אונדז אָפּ אין אונדזער האָטעל און געזעגענען זיך האַרציק מיט די בעסטע ווונטשן פאַר אונדזער גיכער קליטה און שנעלער איינאָרדענונג אין לאַנד.

מיר שטייגן אָפּ מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט פאַר די־אָ טייערע און איידעלע מענטשן, וואָס פאַראייביקן די בעסטע קולטור און דערציונגס־טוגענטן, און וואָס האָבן אונדז אַנגענעם געמאַכט אונדזער ערשטן שבת אין תל־אביב, די רוישיקע און פאַרנעמפולע גרויסשטאָט פון דער יידישער מדינה.

אויפן לופט־פעלד אין לוד

אויב איר ווילט זען מיט אייערע אייגענע אויגן וואָס עס איז און וואָס דאָס מיינט ״קיבוץ גלויות״, דאַרפט איר טון ווי מיר, זיך אַוועקזעצן און באַאָבאַכטן במשך עטלעכע שעה די אַלע מענטשן וואָס קומען־אָן, גייען פאַרביי און פליען־אָפּ פון לוד.

עס איז אונדז אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ פרימאָרגן די פאָרמאַליטעטן ביי דער ביוראָ פון דער יידישער אַגענץ אין לוד, און וואַרטנדיק אויף אַ קאָמיאָנדל וואָס זאָל אונדז פירן און אונדזער באַגאַזש קיין ירושלים, און דערביי זיין אַ פּאָר שעה אויפן לופט־פעלד פון דער מדינה.

שוין אין דער דערמאָנטער ביוראָ פון דער אַגענץ נעמט אייך אויף דער באַאַמטער וואָס איז ממונה איבער די צייגענישן, און רופט ביי מיר אַרויס די ערשטע שמייכלען. ער זעט אויס אַן אונדזעריקער יונגערמאַן, דאָס הייסט פון אונדזערע קאַנטן, אָבער ווייזט אויס ער איז שוין אַ צברא אָדער אַ לאַנגיאָריקער תושב. איך וויל אים באַ־טיטלען ווי עס באַדאַרף צו זיין, און זאָג אים ״מר״ (אויף העברעיש: הער), רייסט ער מיר גלייך איבער, און זאָגט אַז ער איז ניט ״מר״ (ביטער) נאָר ער איז ״מתוק״, זיס. זאָג איך אים ״אדון״, הער, זאָגט ער מיר ווידער אַז ער איז ניט קיין ״אדון״, אַ ״האָר״, נאָר ער איז פשוט ״דוד״.

אַ צווייטער יונגערמאַן שיינט מיר אַזוי היימישלעך, ווי פון אונדזערע לאַטיין־אַמעריקאַנער מקומות, און ביים פרעגן אים טאַקע פונוואַנען ער איז, זאָגט ער מיר אַז ער איז פון... גרוזיע. און דער יוגנטלעכער וואָס האָט מיך באַגלייט פון ״אל על״־ביוראָ ביז דער אַגענץ־ביוראָ, אַ זייער סימפּאַטישער בחור, צערעדט זיך מיט אונדז אויפן וועג. און ביים פרעגן אים, פון וואַנען ער קומט, צי ער איז אַ צברא, ענטפערט ער מיר אַז ניט, אַז ער איז פון אינדיע. נו, אַזאַ קיבוץ־גלויות פון יידן פון אַלע וועלט־טיילן, קען מען נאָר אָנטרעפן דאָ־הי.

און איך זיץ טאַקע און דריי זיך אַרום אין די האַלן, און זאַפּ־איין אין מיין בליק, ווי איך וואָלט דאָס פאַרפילמירט אין מיין ראיה די אַלע דורכגייענדיקע, זיצנדיקע, שטייענדיקע און שמועסנדיקע פערזאָנען, די פאַרשיידענע טראַכטן און שפּראַכן.

דאָ שטייען פאַדבקותטע חסידים, מיט רונדע ברייטע פלאַטשיקע האַרטע קאַפּעליושן, מיט לאַקנדיקע פאות, לאַנגע קאַפּאָטעס, באַברילטע אויגן, פון וועלכע עס קוקט אַראָפּ דאָס פאַרצייטיקע חסידות ווי פון הונדערטער יאָרן צוריק. דאָ שטייען יוגענטלעכע אין שאָרטס, בלאַנדע, צעכראָסטעטע מיט לעדערנע סאַנדאַלן און רעדן אין זייער גיכן זינגעוודיקן ענגליש.

אגב איז ענגליש דוכט זיך די גאַנגבאַרסטע שפּראַך, איך הויב שוין אָן טראַכטן, צי אפשר ניט מער ווי עברית. מיר האָבן טאַקע אָנגעטראָפן באַאַמטע וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי קענען ניט קיין העברעיש נאָר ענגליש.

דאָ גייען פאַרביי צוויי פּראַוואָסלאַוונע פּאָפּן, מיט זייער כאַראַקטעריסטישן לבוש, און שטעלן זיך אָפּ ביי דער אייז־וואַסער מאַשין און דערקוויקן זיך דאָרט מיט מיים חיים.

דאָ דרייען זיך אַרום אַ גרופּע אַראַבישע משפחות אין זייערע אַבאַיעס, וואָס דאַרפן באַלד ערגעץ אָפּפליען.

דאָ הער איך אַ גרופּע יוגענטלעכע רעדן שפּאַניש, און ערגעץ־ווו אַן עלטער פּאָרל אין יידיש. איך הייב זיך אָן איינקוקן אין די טעכנישע איינריכטונגען פון דעם עראָדראָם. ערשטנס, איז דאָ אַ מחיה צו זיין און צו זיצן, און עס גלוסט זיך ניט אַוועקצוגיין, ווייל דער גאַנצער ריזיקער שיינער האָל איז מיט "עיר קאָנדישאָנאַל", בעת אין דרויסן איז אַן אומדערטרעגלעכע היץ. אין האַרצן בעט איך טאַקע דאָס קאַמיאָנדל זאָל שפּעטיקן וואָס מער, בכדי מיר זאָלן זיך קענען אָפּפרישן און איינזאַפּן וואָס מערער קילע לופט.

איך זע אַז דער לופט־פּאָרט איז אַזוי פיין און רייך אויסגעשטאַטעט, מיט אַזוי פיל עלעגאַנץ און געשמאַק, מיט אַזויפיל היגיענע און שיינקייט, אַז עס קען זיך ניט פאַרשעמען פאַר די אַנדערע וועלט־עראָדראָמען. עס גייט טאַקע פּערמאַנענט דורך עמעצער וואָס רייניקט דעם דיל, באַרשט, קערט און ווישט, און דער גאַנצער עראָדראָם מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען דער שער, דער טויער צו אַ גראַנדיעז לאַנד.

די סטאַנדן זענען זייער שיין איינגעריכטעט, אַזוי אויך די טואַלעטן, און עס פילט זיך דער פּערמאַנענטער שטראָם פון טוריסטן, פון אַוויאַנען, וואָס דאָס איז טאַקע דער דופק, דער באַראָמעטער פון דעם גרויסן טוריסטן־אויפשטייג וואָס באַשטעמפּלט דאָס לאַנד, ווי פון דעם עולים־שטראָם וואָס כאַראַקטעריזירט די מדינה.

איר פילט טאַקע אין לוד, ווי עס ווערט באַשיינפערלעך פאַרווירקלעכט דער "ושבו בנים לגבולם", און ווי דאָס איז ארץ־הקודש, צו וועלכן עס ציען זיך די הערצער פון מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט, פון די פאַרשיידענע לענדער און אמונות.

דער גאַנצער לופט־פּאָרט איז אַ מוסטער פון מאָדערנער איינריכטונג און עלעגאַנץ, און סימבאָליזירט דעם המשך פון קאָמבינאַציע פון אַלטערטום מיט די נייע פאָרמען פון גייסט, פון טעכניק און אַרכיטעקטאָניק.

אַלץ קלאַפּט מיט דער בעסטער אָרדענונג. ביים אַריינגיין און אַרויסגיין פון עראָדראָם ווערט איר רעווידירט דורך די יידישע שומרים, און עס פילט זיך אַ מערקווירדיקע וואַכזאַמקייט און דיסציפּלין.

ביי אַלע איינגענג שטייען אונדזערע היטער, און ביי איין איינגאַנג שטייט שוין ניט קיין יונגער שומר. זיין פּנים, זיין אַקצענט, איז פון אַ יונגערמאַן פון אונדזערע היימישע קאַנטן. אויך זיין יידיש און עברית אַטעמט מיט וואָלינער אָדער פּאָדאָליער געגנט. אויסערלעך שטייט ער אַזוי שטייף אָנגעצויגן, נאָר ווען איר פרעגט אים עפּעס, און עס צעעפנט זיך זיין מויל, ווערט אייך אַזוי היימיש פון זיין אופן רעדן, ווי איר וואָלט זיך צעשמועסט מיט אַן אַלטן באַקאַנטן.

גאַרניט דער כאַראַקטעריסטישער שנעלער אַקצענטירטער אין געוויסע אורס־

דרוקן און זילבן פון די צבראַס, וואָס האָבן אַן אייגנאַרטיקן ישׂראלדיקן אַקצענט און אויסשפּראַך, און איר מוזט איינאיבן און צוגעוווינען אייער געהער צו זייער אויסדרוק.

און רעדנדיק פון שפּראַך, פאַרשטענדלעך אַז יידן זענען דאָך פּאָליגלאָטן, וואָס רעדן עטלעכע שפּראַכן פּאַראַמאַל. דאָס איז דאָך די קאָנסעקווענץ פון אונדזער צע־זייטקייט און צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט. אָבער איין זאַך איז דאָס וויסן טעאָרעטיש, און אַ צווייטע זאַך איז דאָס הערן און אָנען אוממיטלבאַר. דאָ הערט איר אַלע סאָרטן לשונות מיטאַמאָל, לויט דעם אָפּשטאַם פון די באַטרעפנדע לענדער און קולטורן.

אָבער דאָס דערמאָנט אונדז דערביי ווי די תורה איז געגעבן געוואָרן אין זיבעציק לשונות און מיט זיבעציק קולות, כדי יידן זאָלן אין די פאַרשיידענע לענדער וווּ זיי וועלן וווינען פאַרשטיין און פּראַקטיצירן יידישקייט.

און דאָ זעט מען טאַקע, ווי יידן, מיט יידישן לשון, ענגלישן, פראַנצויזישן, איטאַליעניש, דייטשן, אַראַבישן, רוסישן, א.א.וו., ציען קיין ישׂראל, און יעדער איינער אויף זיין אַרט־לשון, גיסט אויס זיינע בענקשאַפטן און אויסדרוקן, און קומט צו אונדזער לאַנד, וואָס נעמט אַריין אַלעמען מיט דער זעלבער ליבשאַפט און ציט־צו אירע קינדער פון אומעטום, פון ארבע פינות העולם אין אירע גרענעצן אַריין.

עס דערמאָנט זיך דערביי יענער טייטש פון "עם לבדד ישכון", וואָס בלעם הרשע האָט אַזוי מייסטערהאַפט באַצייכנט אונדזער אומה.

פון איין זייט איז דאָס דער גרעסטער פּאַראַדאָקס, אַז יידן זענען אַן אָפּגעזונ־דערט פאָלק, ווייל עס איז דאָך אויף דער וועלט ניט פאַראַן נאָך אַ פאָלק, וואָס זאָל גאָר זיין אַזוי אויסגעמישט און אַזוי צונויפגעמישט מיט די פאַרשיידענע לענדער און שפּראַכן, קולטורן, ליטעראַטורן, מנהגים און זיטן, ווי אונדזער פאָלק איז עס אין זיין צעשפּרייטקייט איבעראַל.

ווו טרעפט מען דען ניט קיין יידן, אין די געמאַרקן פון דער וועלט, און דאָך איז עס, טראָץ זיין צונויפמישונג מיט אַלעמען, אַן "עם לבדד ישכון", אַן אָפּגעזונ־דערט פאָלק, מיט אייגענע אידעאַלן און פירונגען, מיט אייגענע נאַציאָנאַלע שטרע־בונגען, מיט אייגענע קולטור־אומרוען און כאַראַקטעריסטישע טראַדיציעס, וואָס טראָץ זיין צונויפמישונג מיט דער גרויסער וועלט, היט עס אויף און פּרעזערווירט עס זיין אייגנאַרטיקייט, און דער שטראָם פון טוריזם, און די עליה, דער אומקער צום טויזנטיאָריקן לאַנד, איז עס טאַקע דער בעסטער עדות דערפון.

ריכטיק, אונדזער אומה איז צעשפּרייט אין הונדערטער לענדער, און דאָך איז עס צונויפגעפלאָכטן מיט אַט־דעם אַלט־נייעם לאַנד, ווו עס קומען זיך צונויף די פאַרשיידענע טיילן פון אונדזער פאָלק, אין זיינע פאַרשיידענע עדות, שפּראַכן, טראַכטן, קולטורן, מנהגים, און ווו עס וועט זיכער מיט דער צייט ווידער אויסגע־שמאָלצן ווערן אַן איינהייטלעכע אומה, ווו פון די אַלע אָנגעהויפטע טראַדיציעס, קולטור־ און פאָלקלאָרישע באַגאַזשן, וועט אויסגעשמידט ווערן אַן איינהייטלעכע קולטור, וואָס וועט ניט בלויז זיין קיין קיבוץ־גלויות, נאָר אַ פאַראייניקטע מאָדע־

לירטע נאַציאָנאַלע קולטור אין אַלע אירע ניואַנסן און אויף אַלע שטחים פון אירע גייסטיקע שעפערישקייטן.

און ווער עס פליט איבער לענדער און טרעפט זיך אָן מיט פאַרשיידענע שפּראַכן און קולטורן, און דורך זיי מיט די יידן פון די דאָזיקע באַטרעפנליקע מקומות און גייסטיקע אויסדרוקן, און איבערהויפט איז עס קענטיק אין לוד, האָט טאַקע דעם איינדרוק, אַז דאָס איז ניט בלויז קיין לופט־פעלד, נאָר דאָס איז די שוועל פון דעם גרויסן יידישן נאַציאָנאַלן שמעלץ־טאָפּ וואָס עס שטעלט פאַר די מדינה, און אַז דאָ שטראָמען אַריין אין דעם דאָזיקן מדינה־קעסל פאַרשיידענע פאָלקס־אָרגאַנען וואָס וועלן אויסגעשטאַלטיקט ווערן אין גאַנג פון דער צייט אין אָן איינהייטלעכן נאַציאָ־נאַלן יידישן שטאַם, און דאָ וועט ניט נאָר מקויים ווערן דער „ושבו בנים לגבולם״, נאָר דאָס צוריקקערן זיך צוריק צו די אייגענע גייסטיקע קולטור־פאַרמען, וואָס וועט זיך אויפהויבן פאַר דער וועלט לשם ולתפארת, אַלס דער גרויסער שמעלץ־וווּנדער פון געשיכטע און געאָגראַפיע.

עס וועלן ווידער אַריינשטראָמען פאַרשיידענע זייטיקע קוואַלן און טייכלעך פון אונדזער אומה אין דעם אייביקן יידישן גייסטיקן שטראָם, וואָס וועט בילדן דעם געאייניקטן און כאַראַקטעריסטישן מקור, וואָס וועט באַשטראַלן די גאַנצע וועלט, און עס וועט טאַקע זיין „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״.

ירושלים, אָך, ירושלים!...

מיר זענען זיך מודה ומתוודה, אַז מיר האָבן אַליין ניט געקענט ווי געהעריק די שיינקייט און פּראַכט פון ירושלים, עיר הקודש. מיר זענען, אמת, פילמאָל דאָ־הי געווען, אָבער, נאָכדעם ווי מיר האָבן זי איצטער באַטראַכט אַלזייטיק, מוזן מיר זאָגן, אַז מיר האָבן פריער ניט געוווּסט די טיפקייט פון איר הידור, און אַז ערשט איצט גיבן מיר זיך רעכענונג, פאַרוואָס אַלע רעדן מיט אַזאַ באַגייסטערונג פון ירושלים.

זאָגן טאַקע דאָך חז״ל, אַז צען מאָס שיינקייט זענען אַראָפּ אויף דער וועלט, און ניין מאָס האָט גענומען ירושלים. אָדער אַז ארץ ישראל איז קודש, נאָר ירושלים איז קודש־קדשים.

שוין דאָס פאָרן קיין ירושלים, דער וועג וואָס פירט אַהינצו, צווישן בערג און היגלען וואָס טוישן זיך, צווישן גרינעם הידור וואָס באַדעקן זי, צווישן שטעגן און וועגן מיט ברייטע האָריזאָנטן, קוקן אויס ווי עפּעס וווּנדערבאַר גראַנדיעזז און פאַנ־טאַסטיש, ניט ווי אַ געאָגראַפישע לאַנדשאַפט, נאָר עפּעס ווי אַ פילם־מאָנטאַזש. עפּעס ניט קיין רעאַלע אומגעאָנטע שיינקייט אַנטפּלעקט זיך פאַר אייערע אויגן.

עפּעס אַ צויבער־טומאַן ליגט אויסגעגאָסן אויף די דאָזיקע בערגיקע שיפּועים, וואָס פירן אייך אַריין אין חומשדיקע און תנ״כדיקע קאַנטן, ווי די דאָזיקע שטאָט וואָלט טאַקע אַרויסגעשווומען פון פאַרמעטענע אַלטע געשיכטע בלעטער, פון אייער יידישן אויסגעבענקטן געמיט, ווי פון ערגעץ פון הדר־פאַנטאַזיע פון אייער קינדהייט.

און דעם דאָזיקן איינדרוק האָט איר אוודאי ווען איר קומט אַריין אין שטאָט אַריין, און ווען איר באַטרעט און באַקוקט די פאַרשיידענע ערטער, ווען איר אָטעמט איין די ריינע בערגיקע לופט, און ווען איר קענט זיך ניט זעטיקן מיט דעם אַלץ וואָס אייער בליק נעמט אַריין אין זיך סיי פון דער טאָפּאָגראַפישער זייט ווי פון דעם גייסטיקן אַספּעקט און מענטשן־קאַלײדאָסקאָפּ.

שוין די הייזער וואָס ווערן געבויט פון די כאַראַקטעריסטישע ירושלימער שיינע העל־ברוינע שטיינער, וואָס שטעמפּלען אָפּ די כאַראַקטעריסטיק אויף דער אַרכיטעק־טאָניק פון דער שטאָט. שוין די שליאַכן און וועגן וואָס דרייען און פירן אייך צווישן דעם געבערג, אויף וועלכע עס שפּרייטן זיך אויס גאַנצע געגנטן, צונויפגעמישט און אָפּגעפּענזלט מיט גרינעם בוימער־באַדעק, שוין דער שפּיל פון באַרג און טאָל, פון ברייטע רונדיקע האָריזאָנטן פאַר אייער ראיה, דאָס געפּיל פון געפינען זיך צווישן הימל און ערד, גיט אייך אַ געפּיל פון עפּעס וווּנדערלעך־געטלעך, פון עפּעס הייליקס און אייביקס, וואָס דאָס איז דאָך די כאַראַקטעריסטיק פון ירושלים.

די קאָמבינאַציע פון אַלט־אַלט, פון דעם אָטעם פון גאַנצע דורות און תקופות, וואָס ליגן דאָ אָנגעהויפט, מיט ניי־ניי און מאָדערן, איז דער פּולס פון המשכדיקייט. און אַזוי אויך די מענטשן־גאַלעריע.

דאָ טרעפט איר אָן אַזעלכע טיפּישע ירושלימער געשטאַלטן, עפּעס פאַרהוילעטע, עפּעס אויך ווי אַרויסגענומענע פון אַלטע פאַרגעלבטע געשיכטע־בלעטער, און צווישן זיי מישן זיך ניי־געקליידעטע מאָדערנע היינטצייטיקע מענטשן־פיגורן.

אויך דער קלימאַט איז אַנדערש, לופטיקער, קילער. דער אוויר, די לופט, שפּילט אַריין אין דער "אווירא", אין דער גייסטיקער אַטמאָספער פון דער שטאָט, און האַר־מאָניזירט אַזוי פיין מיט דער לעצטער. ווי הימל און ערד וואָלטן זיך צונויפגערעדט, בבחינת דשקי הדדי, ווי געשיכטע און געאָגראַפיע וואָלטן זיך דאָ צוזאַמענגענומען אין איין וווּנדערבאַרן צונויפגוס.

מיר פאַרשטייען וואָס מען זאָגט אין גאַנצן לאַנד, ביים רעדן פון ירושלים: אך, ירושלים. איך בין משוגע פאַר ירושלים!...

עפּעס פילט איר טאַקע די טיפקייט פון דעם נאָמען ירושלים: פון יראה און פון שלמות.

ניט נאָר די געשיכטע, ניט נאָר די געאָגראַפיע, נאָר טאַקע דער מענטשן־עלע־מענט, די קולטור וואָס אָטעמט פון דער דאָזיקער שטאָט, צעוואָרפן איבער די הונ־דערטער שילן, אינסטיטוטן, ישיבות, כוללים, אַקאַדעמיעס, מיניסטעריומס, ביוראָען, צענטראַלעס פון אָרגאַניזאַציעס. דאָס אַלץ שאַפט דעם גייסטיקן קלימאַקס, די העגע־מאָניע פון דער הייליקער און אייביקער שטאָט פון דער יידישער מדינה.

און איר באַטראַכט טאַקע דאָס וויגעלע פון דער מענטשלעכער קולטור, און פון די פאַרשיידענע אמונות, און עס ווערט אייך קלאָר די שיינקייט, די הייליקייט, די גרויסקייט, דער הידור און פראַכט פון ירושלים.

דאָ איז אַלץ אַזוי אינספּירירנדיק, אַזוי באַשטראַלנדיק, אַזוי טיף־באַהויכנדיק, אַז אר דערשפּירט דעם אָטעם פון געשכטע, פון אייביקייט.

פון דעם כותל, ביז דעם הר־הצופים, פון דער כנסת, ביז דעם נאַציאָנאַלן מוזעום, פון דעם שוק ביז דעם סופּערמאַרקעט, פון דער אַלט־שטאָט ביז די אַרומיקע פּרעכ־טיקע זיך בויענדיקע געגנטן. אַלץ איז דאָ איינגעטונקען אין דעם דאָזיקן עכטן און אייגנאַרטיקן צויבער וואָס דאָס איז ירושלים.

און עס ווערט אייך דעריבער דאָ קלאָר, פאַרוואָס גאַנצע דורות האָבן אויסגעע־פיבערט אין זייער גאַרונג און געבעטן דעם "לשנה הבאה בירושלים", אַלס די עכסטע אַספּיראַציע, און פאַרוואָס ירושלים האָט שטענדיק פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער יידישער מענטאַליטעט, סיי אין טרויער און סיי אין פרייד.

עס ווערט אייך אויך קלאָר דער פאַרוואָס פון "ואעלה את ירושלים על ראש־שמחתי", דאָס אַוועקשטעלן ירושלים איבער יעדער יידישער פרייד.

ווייל דאָס איז ניט בלויז קיין שטאָט, נאָר אַ סימבאָל, נאָר אַ סינטעז און צונויפ־גוס פון יידישן גייסט, פון יידישן גורל, פון יידישן קיום.

און עס קומט אונדז אויפן זינען יענער ווונדערבאַרער טייטש, אַז אברהם האָט אָנגערופן דעם הר־המוריה "הר", אַ באַרג, יצחק "שדה", אַ פעלד, און יעקב "בית", אין זה כי אם בית־אלקים.

און קומענדיק קיין ירושלים, איז דאָס טאַקע אַזוי, ווי יענער גוטער ייד האָט דאָס געטייטשט: פריער איז ירושלים געווען ניט צוגענגלעך, ווי אַ באַרג, נאָכדעם

איז דאָס שוין געוואָרן צוגעגנגלעכער ווי אַ פעלד, און צום לעצט איז דאָס געוואָרן היימישלעך ווי אַ בית, ווי אַן אייגן הויז.

און ירושלים איז טאַקע אַלץ צוזאַמען: באַרג, פלאַכלאַנד און אַ גרויסע נאַציאָ־נאַלע שטוב.

שטייט טאַקע ירושלים דערמאָנט אין תנ״ך אַריבער זעקס הונדערט מאָל, און אַלע מאָל אויסער אייניקע אויסנאַמען, אָן אַ ״יוד״, אָבער היינט שרייבט מען ירושלים מיט אַ יוד.

ריכטיק האָט מען דעם געפיל, אַז היינט איז ירושלים מיט אַ ייד, פול מיט יידן, יידיש דורך און דורך, ד.ה. אַז צו ירו־שלם, פון יראה און שלמותדיקייט איז אויך צוגעקומען דער דריטער עלעמענט, דער ״יוד״, יידן, יידן איבעראַל, יידן פון די פאַרשיידענע וועלט־קאַנטן, יידן פון פאַרשיידענע עדות, פאַרשיידענע לבושים, פאַר־שיידענע לשונות, פאַרשיידענע קולטורן, אָבער אַלע ציען אַהערצו, אַלע זענען פאַר־ליבט אין ירושלים, אַלע ציען זיך ווי צו דעם וווּנדער, ווי צו דעם פלאַם פון יידן און יידישקייט וואָס דאָס איז די שטאָט ירושלים.

ווער עס שניידט דורך ירושלים בייטאָג בלייבט געפלעפט פון איר שיינקייט, און ווער עס זעט ירושלים ביינאַכט, ווערט פאַרבליפט פון איר צעצונדענער פּראַכט.

דער ליכט־שפּיל איז וווּנדערלעך. דאָס אַראָפּקוקן אין די ליכטיקע טאָלן אָדער בונטפאַרביקן שימער און קאָליר פאַנגען אייער אויג און האַרץ.

ירושלים איז פול מיט פּאָעזיע, ניט קיין פּאַפּירענע שירים, נאָר דער נאַטור־שיר, די סימפאָניע פון ג־טלעכן באַשאַף, פון מענטשלעכע בונטפאַרביקייט און פאַרשידנ־אַרטיקייט, און איר טרעט אויף דעם יידישן גייסטיקן קולטור־פּאַרמעט, וואָס דופטעט אַרויס פון יעדן ווינקל, פון יעדן שטעגל, און וויקלט אייך אַרום מיט דער ראָמאַנטיק פון אייער אַלטערטימלעכקייט, פון אייער שטאָט מיט דער גייסטיקער באַנייונג פון אייער אומה.

איר פילט דאָ ווי דאָס וואָס איז געווען פאַרנורעט אין אַלטע ספרים, אין אייער געמיט, אין אייערע בענקשאַפטן און גאַרונגען, וויקלען זיך פאַר אייך דאָ אויף, און פון אייך אַריין אין די וווּנדערבאַרע לאַבירינטן פון היינטצייטיקער ווירקלעכקייט.

ווי זאָגט עס דער פסוק: ״ירושלים הבנויה, כעיר שחוברה לה יחדיו״, די אויפ־געבויטע ירושלים, די שטאָט ״שתברה״, וואָס חברט, וואָס מאַכט חברים אַלע יידן, וואָס פאַרייניקט אַרום זיך אַלע יידן פון דער וועלט.

און אין ירושלים, אויפן הר־הבית, קומט אייך טאַקע אויפן זינען, איז פאַראַן דער אבן־השתיה, ווי עס זאָגט דער תלמוד, פאַרוואָס הייסט ער שתיה? ״כי ממנו הושתת כל העולם״, ווייל פון דעם דאָזיקן שטיין איז געגרינדעט געוואָרן די גאַנצע וועלט, ד.ה. אַז דאָס איז דער גרונטשטיין פון דער וועלט.

אַז איר זענט אין ירושלים האָט איר טאַקע דאָס געפיל, אַז ממנה הושתת כל העולם, אַז פונדאַנען איז געגרינדעט געוואָרן דער גאַנצער קאָסמאָס. יעדנפאַלס, אַז דאָס איז דער גרונטשטיין פון דער יידישער וועלט, פון יהדות, פון יידישן זשעני און גייסט.

שפע און וווקס פון ישראל

צוריק מיט אַ צייט האָט אַ היגער יידישער זשורנאַליסט באַזוכט ישראל, און ביים צוריקקער געשריבן, אַז אין ישראל רעדט מען ניט וועגן ציוניזם און וועגן אַנדערע גייסטיקע פּראָבלעמען, וואָס פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין די גלות־לענדער, נאָר דאָרטן רעדט מען וועגן "תוך־זאַכן", וועגן ברויט, פּרנסה, אַ דירה, א.א.וו.

ריכטיק, מיר זאָגן טאַקע אַז "לא על הלחם לבדו יחיה האדם", ניט בלויז אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש, ד.ה. ניט "בלויז", אָבער אַז דאָס איז דער עיקר, איז דאָך קיין שום ספק ניט ביי קיינעם.

פון דעם וואָרט "לחם" קומט דאָס וואָרט "מלחמה", קאַמף, לעבנס־קאַמף און, לויט אַ סך היסטאָריקער, פון מאַטעריאַליסטישן חדר, זענען אַלע מלחמות אין דער געשיכטע־גאַנג פון דער מענטשהייט געפירט געוואָרן דורך מאַטעריעלע און מאַטע־ריאַליסטישע מאָטיוון.

און מיר זאָגן דאָך אויך אַז "אם אין קמח — אין תורה". וועלן מיר טאַקע אָנ־פאַנגען אונדזערע באַהאַנדלונג פון דער מדינה, פון אָט דעם אַספּעקט, פון דעם לחם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלעמען אָן אונטערשייד, און נאָכדעם וועלן מיר צוקומען צום צווייטן טייל פון דעם פסוק "ואם אין תורה אין קמח", צום גייסטיקן אַספּעקט, צום "פי ה'".

מיר מוזן באַלד און גלייך אָנפאַנגען, אַז די שפע פון פּראָדוקטן אויף אַלע געביטן וואַרפט זיך ממש אין די אויגן.

צי איז דאָס אויסאַרבעטונגען, צי איז דאָס שפּייז, איז פאַראַן ב"ה אַ גרויסער אויסוואַל, און לויט דעם לעצטן וואָרט פון דער טעכניק.

פּראָדוקטן, עסנוואַרג, זענען ממש אַ ים. פון דעם געוויינטלעכן קלייט, שפּייז־קראָם, ביזן שוק, דעם כאַראַקטעריסטישן מאַרק, ביז די עלעגאַנטע פיין ציכטיקע מאָדערנע סופּערמאַרקעטן, ווו איר קענט זיך גאַרניט אָנזעטיקן אייער בליק פון דער אַבונדאַנץ.

אין עסנוואַרג, קענט איר אין אַזאַ סופּערמאַרקעט קריגן ממש אַלץ פּאַרטיק. אַזוי, אַ בעל הביתטע וואָס איז פאַרנומען, אָדער וויל סתם האָבן אַ גוט צוגעגרייטן און געשמאַקן עסן, קען אַלץ קריגן גרייט, צי אויף שבת, צי אויף אינדערוואָכן, צי מילכיקס אָדער פליישיקס.

אין דער מילך־אינדוסטריע איז פאַראַן אַ גרויסאַרטיקער אויסוואַל, ווי למשל גרייטע לבן, זויערמילך (יאַגורט), אשל, יאַגורט צוגעפּראָוועט מיט סמעטענע, קעזן, סמעטענעס, א.א.וו., אויף די צוגענגלעכסטע פּרייזן.

פישוואַרג האָט איר אַלע סאָרטן, פון קאָנסערוון, לעבעדיקע פיש, ביז געפילטע פיש מיט אַלע צודאָטן, איר דאַרפט עס בלויז עפענען דעם שאַכטל, אַרויפלייגן אויפן

טעלער, און עס דאַכט זיך אייך, און איר האָט דעם מינדסטן ספק ניט אַז דאָס זענען אייער מאַמעס פיש וואָס איר האָט אַזוי ליב.

ווילט איר אַ גרייטן קוגל, אָדער אַ גרייטן טשאָלנט, דאַרפט איר אַזעלכן קויפן, גרייטע שאַכטלען מיט קניידלעך, גרייטע עוף־לעבערלעך, גרייטע קניידלעך, לאַטקעס, בלינצ׳עס, א.א.וו.

אין געטראַנקען, סאָדע־געטראַנקען, ליקערן און ווייַנען האָט איר דעם רייכסטן אויסוואַל. אין קאָנפיטורן, זיסוואַרג, געבעקס, דעסטגלייכן. ווילט איר מיט אַ הכשר פון דער רבנות הראשית, האָט איר דאָס גלייך, ווילט איר מיט אַ נאָך פרומערן הכשר פון די חרדים, קענט איר עס קריגן, ווילט איר פּראָדוקטן אָן חשש פון שמיטה (ווייל דאָס יאָר איז אַ שמיטה־יאָר) קענט קענט איר אַזעלכע אויך באַקומען.

גרינסן און פרוכטן האָבן און פאַרמאָגן דעם נאַטירלעכן גוסט און דעם טעם און ריח פון פרישקייט און נאַטור, אַז עס צעגייט אין אַלע איברים.

די אָרגאַניזירטקייט אין אַזעלכע סופּערמאַרקעטן איז אַ וווּנדערבאַרע. עיר־קאָנ־דישאָן, ציכטיקייט, ריינקייט, צוציונג, זענען עס די דערקען־שטריכן פון די זעלבע.

איבערהויפּט איז דאָ זייער אַנטוויקלט די ״גלידה״, אייזקרעם־אינדוסטריע. פון אַלע סאָרטן, פון די צוזענגלעכסטע פרייזן ביז העכערע. אַלערליי אייזקרעם, פּאַר־טיקע, פרוכטיקע, קאָסאָטאָס, מילכיקע, פּאַרעווע, אין שאַכטלען, אין פּאַפּיר, סאָנד־וויטשן, א.א.וו. וואָס ווערן שטאַרק געברויכט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, היות דאָ־הי איז אַ לאַנגער און הייסער זומער.

זענען טאָקע פאַראַן אין די שטעט אויף טריט און שריט די איבערכאַפּונגס־קיאָסקן און געשעפטן, וווּ מענטשן כאַפּן אַריין אַ צובייסן, אַ ״גלידה״, אַ טרונק, ניסלעך פון אַלע סאָרטן, מאַני, זון־קערנדלעך, דיניע־קערעלעך, עפּעס אַזעלכע גרויסע, אַז מען עסט זיך מיט זיי אָן, סאַנדוויטשן, גרינסן־זאַפטן א.א.וו.

בקיצור: אין ״לחם״ איז די מדינה דאַנקען ג־ט רייך און בשפע, אַז קיין הונגער קען מען דאָ־הי פאַר קיין פאַל ניט ליידן.

איצטער די אַרטיקלען פון שטוב, די אויטאָס, די פריזשידערס, זענען אַ סך מאָדערנערע און פולקאָמערע ווי די וואָס מיר האָבן געוויינטלעך אין אונדזערע מקומות.

פריזשידערס וואָס האָבן אַ חוץ די געוויינטלעכע אייז, טרוקענעם אייז, און בעל־הביתטעס קענען דאָרטן אייַנפרירן אויף וואָכן לאַנג עסנס. אויטאָס, גרעסערע און פּאָלקאָמערע.

און מיר האָבן באַזוכט אַ סך הייזער, פון פאַרשיידענעם קלאַס, און מיר האָבן זיך צוגעקוקט מיט וואָס פאַראַ קאָנפאָרט און געשמאַק זיי זענען אייַנגעריכטעט, אַז מיר האָבן זיך גאַרניט געריכט דאָ־הי צו טרעפן אַזעלכע, איבערהויפּט ביי אַזעלכע וואָס אין אַרגענטינע האָבן זיי ניט געגרייכט צו דעם.

וואָס דאָ־הי איז טאָקע קענטיק און ראַשיק, און אָטעמט ממש מיט אויסערגע־וויינטלעכן שווונג און וווקס, איז מיטן הייזער־געבוי.

עס קומען אויף גאַנצע אימפּאָזאַנטע געגנטן מיט אימפּאָזאַנטע בנינים, און מיט גאָר קאָנפאָרטאַבעלע וווינונגען, פון וועלכע מיר האָבן גאָרניט געאַנט.

אבי מיר האָבן געמיינט, אַז ביי אונדז וווינט מען שיין.

עס איז פאַר אונדז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, די וווינונגען וואָס מען גיט די עולים אין די פּראָוויזאָרישע קליטה־צענטערן פון דער אַגענץ. ברייטע, גערוימע, באַקוועמע, איינגעריכטעטע, עלעגאַנטע, אַז דאָס איז געווען פאַר אונדז די גרעסטע סיורפּריז־דערשיינונג.

מיר האָבן באַזוכט אייניקע אַרגענטינער פריינד, וועמען מיר פלעגן נאַטירלעך אויך באַזוכן אין אַרגענטינע פון מאָל צו מאָל, און מיר זענען געבליבן מיט אַן אָפן מויל.

מיר האָבן, נאַטירלעך, געהאָפט צו טרעפן זיי אין באַשיידענערע קאָנדיציעס ווי אין אונדזער אַרגענטינע, היות אַלע ווייסן, אַז אין אַ נייער מדינה מוז מען דאָך די ערשטע צייט זיך באַשרענקען, אָנפאַנגען פון דאָס ניי, א.א.וו. אָבער ווי איבערראַשט זענען מיר געווען, אַז אַנשטאָט דאָס אַלץ, האָבן מיר זיי געטראָפן גאָר אין אַ סך אַ סך בעסערע, באַקוועמערע, שענערע, רייכערע באַדינגונגען ווי דאָרטן, ביי אונדז.

מיר האָבן באַזוכט בייע געגנטן אויסער דעם צענטער, און געמיינט אַז דאָס זענען ווי געוויינטלעך בלאָקן מיט מיטלמעסיקע וווינונגען, אָבער מיר האָבן גאָר אַנטדעקט רעזידענציאַלע וווינונגען אין אַלע הינזיכטן.

דער בוי־פּיבער איז דאָ אַזאַ גרויסער, אַז פאַר אייערע אויגן און אונטער אייערע אויגן, קומען־אויף פון איבערנאַכט מעכטיקע און פּרעכטיקע שיכונים, וואָס הויבן זיך אַרויס מאַיעסטעטיש מיט זייער געבוי און איינאָרדענונג.

וואָס עס רופט אייך שטאַרק די אויפמערקזאַמקייט איז דער וועגן־געבוי. איבעראַל כבישים, וועגן וואָס שניידן דורך און קרייצן־דורך די מדינה, צי איז דאָס אויפן פלאַכ־לאַנד, צי אויף דעם געבערג, און דער שנעלער און רייכער אויטאָבוסן־באַדינונג און באַוועגונג.

דאָס גאַנצע לאַנד איזווירקלעך מאָטאָריזירט, צי איז דאָס דורך אויטאָבוסן, באַנען, פּאַסאַזשירן־אויטאָס, טאַקסיס, א.א.וו., אָבער איר פילט דעם אימפּולס פון דער מאָטאָריזירטער באַוועגונג, וואָס מאַכט נאָך אימפּעטפולער דאָס לאַנד און באַוועג־לעכער דער מדינה.

און דאָס זאָגט ניט בלויז אַ נייער עולה, נאָר אונדז איז צופעליק אויסגעקומען צו פאָרן מיט אַן איראַקער ייד, וואָס איז דאָ־הי אָנגעקומען באַלד ביי דער עטאַבלי־רונג פון דער מדינה, און יענער האָט מיר טאַקע דערציילט אויף זיין לשון און זיין שטייגער: ביי דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, איז די זעלבע געווען ווי אַ קינד. די ערשטע צייט איז געווען, ווי באַקאַנט, אַ תקופה פון צנע, ווייל אַ קינד קען זיך נאָך אַליין ניט אויסהאַלטן, אָבער מיט דער צייט, איז דאָס קינד געוואַקסן און גע־וואָרן גרויס, און אָנגעהויבן זיך אויפצושטעלן, און קען אַליין שוין שאַפן און צו־שטעלן זיך אַלעס בויטיקס פאַר זיין סובסיסטענץ, און פאַר זיינע הצטרכותן און באַ־קוועמלעכקייטן.

און היינט, האָט מיר דער איראַקער ייד געזאָגט, איז אין אונדזער מדינה פאַראַן אַלץ, שוין אָפּגערעדט פון דעם גייסטיקן אַספּעקט. נאָר ממש אַלע מאַטעריעלע

באַקוועמלעכקייטן. די שפע איז דאָ זייער קענטיק און דאָס לאַנד איז געבענטשט מיט אַלע נויטיקע אַרטיקלען און קאָנפאָרטן.

מיר האָבן זיך דאָ־הי איינגעאָרדנט און מיר לעבן ב״ה צופרידן און גליקלעך און מאַטעריעל פאַרזאָרגט. אַרבעט איז דאָ דאָ אויך בשפע, אַזוי אַז מיר דאַרפן דאַנקען דעם אויבערשטן, וואָס מיר זענען אַרויס פון שקלאַפעריי צו פרייהייט, פון פינצטער־ניש צו ליכט, פון אַרעמקייט צו פרנסה און שפע.

איז דאָס דווקא דער אַספעקט וואָס באַרירט אַלעמען אַן אונטערשייד. דער לעבנס־אַספעקט, ווי יענער זשורנאַליסט האָט דאָס פאָרמולירט, "תוך־זאַכן", ווי ברויט און דירה, איז דאָס אַדאַנק דעם אויבערשטן אַ גליקלעכע רעאַליטעט אין דער מדינה, אַ פאַקט וואָס פילט אַן מיט מוט און וואָס באַרואיקט אַ סך יידן, וואָס האָבן נאַטיר־לעך און באַרעכטיקט מורא, היות עס האַנדלט זיך דאָך פאָרט אין אַן איבערזידלונג אין אַ נייער רעאַליטעט.

זאָל טאַקע זיין שלום אויף דער מדינה און אויף דער וועלט, איז דאָס אַ מדינה אַן עין הרע צו ג־ט און צו לייט!

תשעה באב אין ירושלים

וואָס־וואָס, נאָר שבת, יום־טוב און להבדיל טרויער־טעג, פילן זיך און זעען זיך אָן מיט זייער גאַנצן פּאַרנעם אין ישראל, און איבערהויפּט אין ירושלים.

איז אונדז אויסגעקומען צום ערשטן מאָל זיין תשעה באב אין דער הייליקער שטאָט. מיר גייען צו קינות אין דער שיל פון אונדזער מרכז־קליטה, און דאָ טרעפן מיר שוין אָן אַ פולע שיל מיט עולים, וואָס קומען פון פאַרשיידענע לענדער, אַ סך אַמעריקאַנער, אַרגענטינער, רוסישע יידן, פון זיד־אַמעריקע, א.א.וו. אַן אמתער קיבוץ־גלויות.

אַלע גייען אין לייווענטענע שיך, ווי דער דין. דער דיל איז אויסגעלייגט מיט געזעסן פון סאָפאַס, אַזוי אַז אַלע זיצן אויף דער ערד. עס זענען פאַראַן מענער, פרויען אין דער פרויען־אָפּטיילונג און שיינע קליינע לוסטיקע קינדער דרייען זיך אַרום צווישן עולם.

מען דאַוונט־אָפּ מעריב שטיל ובבכי, און נאָכדעם לייענט מען מגילת־איכה. די פאַרלייענער זענען צוויי יונגע אַמעריקאַנער בחורים, ברידער, וואָס זענען שבת די בעלי־קוראס פון דער שיל. סיי דער פאָטער און די זין זענען אמתע און זייער גוטע בעל־קוראס, מיטן טיפּישן אַמעריקאַנער אַקצענט, אַ פאַרגעניגן זיי צו הערן.

פאַראַן דאָ אויך אַמעריקאַנער יונגעלייטלעך, חסידים. איינער פון זיי כליפּעט און וויינט בעת דעם "איכה", אַזוי האַרצרייסנדיק, אַזוי ווי ער וואָלט שוין געווען אַ באַיאָרטער זקן.

מיר ענדיקן אין שיל, און דער עיקר ווילן מיר זיין, ווי אַלע יידן פון ירושלים און פון אַנדערע שטעט פון לאַנד: ביים כותל.

מיר לאָזן זיך פאָרן אויפן אויטאָבוס, וואָס גייט איצט אינגאַנצן ליידיק, גאָרניט ווי געוויינטלעך. אין שטאָט איז אַזוי שטיל. מען הערט ניט דעם שטענדיקן רויש און געפילדער. טאַקע תשעה באב.

מיר קומען צו צו דער סטאַנציע פון אויטאָבוס, ווו מיר דאַרפן אָפּשטייגן און פון דאָרטן זיך לאָזן גיין אויפן וועג צום כותל.

מיר גייען דורך פינצטערע וועגן און שטעגן און מיר קומען צו צו דעם הר־ציון, און פון דאָרטן לאָזן מיר זיך גיין צום כותל. די קאַראַוואַנען הייבן אָן דאָ צו ווערן אַלץ געדיכטער. קינד און קייט שטראָמט צום און פון דעם כותל. עס שוועבן פאַר אונדז פאַרביי די פאַרשידנאַרטיקסטע מענטשן־טיפּן, פון אַלע לענדער, אַלע טראַכטן. עס הערן זיך פאַרשיידענע לשונות. און מען גייט, מען שפּאַנט צום כותל. מיר גייען דורך דורך דער ישיבת־הכותל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן באַלד ביים באַפרייען ירושלים. דאָס בילד איז אימפּאָזאַנט. רונד אַרום צעצונדענע בערג און טאָלן. מיר קוקן אַראָפּ און זעען די פאַרשיידענע וועגן, אויף וועלכע עס פאָרן באַלויכטענע

אויטאָמאָבילן. די פּאַנאָראַמע איז אַ פֿאַנטאַסטישע. מיר גייען דורך קאָרידאָרן, צווישן הויך־געמויערטע ווענט, און פֿון דערווייטנס זעען מיר שוין דעם אילומינירטן כותל און אַ ים פֿון מענער און פֿרויען וואָס באַדעקן דעם גאַנצן פּלאַץ פֿאַר אים. ממש שוואַרץ מיט מענטשן.

מיר הויבן זיך אָן אַריינצושאַרן צווישן דעם מענטשן־געקנויל און זיך רוקן וואָס נענטער צום כותל. און דערביי אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אַ גראַנדיעז בילד פֿון תשעה באבֿיקייט פֿאַרן כותל.

אויפֿן דיל זיצן פֿאַרשיידענע גרופּעס און עדות און זאָגן איכה. ווער עס זאָגט קינות, ווער עס זאָגט תהילים. ווער עס שאָקלט זיך, און ווער עס שטייט אין שטיל־שווייגנדיקן צוזאַמענגענומענעם דביקותדיקן געוויין.

אַט־הערן מיר אַ כאָראַלע תפֿילה, הויך, שרייענדיק, בויערנדיק, און מיר לאָזן זיך ווו עס קומט דער קול. און מיר דערזעען אַ גאַנצע עדה פֿון צענדליקער תימנער יידן, וואָס זאָגן צוזאַמען בקול רם, מיט זייער כאַראַקטעריסטישן נוסח, מגילת איכה.

דערנעבן זיצט אַ יונגער חסיד, מיט אַ קאַפּאָטע, זאָקן און לאַפּטשעס, און קוקט פֿאַרמוחט, אין אַ מדרש איכה רבתי, און לויפֿט מיט די אויגן און מיטן ווייז־פֿינגער אין זיינע בלעטער. האַרט לעבן אים זיצן צוויי פֿרומע באַבערדלטע מיטליאַריקע יידן, און איינער לערנט פֿאַרויס פֿאַרן צווייטן פֿון אַ ספֿר וועגן חורבן־הבית.

איך הייב זיך אָן אַרומדרייען צווישן עולם, און רוק זיך פֿאַרויס אַלץ נענטער צום כותל. לעבן מיר שטייט אַ יונגערמאַן, אַפּנים אַ ספֿרדישער, מיט אַ קויל־שוואַרצער באָרד, און זאָגט הויך און באַהאַרצט תהילים. דערנעבן, אויפֿן דיל, זיצן צוויי "היפּיס", מיט זייערע לאַנגע האָר און טיפּישן לבוש, און זאָגן "איכה". דאָס איז די סענסאַציע פֿון דעם כותל. לענג־אויס און אין דער ברייט, צווישן די שטייענדיקע שאָקלנדיקע יידן, זיצן גאַנצע גרופּעס, חסידישע יונגעלייט, ישיבֿה־בחורים, מזרחי־ניקעס, און זאָגן קינות.

איך רוק זיך אַלץ פֿאַרויס, ביז איך דערגרייך ענדלעך צו דער אויסגעווייינטער און אויסגעדאַווענטער וואַנט, און קען זי אָנרירן און קושן. נעבן מיר שטייט פֿון איין זייט אַ מיטלוווקסיקער זקן, מיט אַ ווייסער באָרד, אַ קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל, און האַלט איינגעבוירעט דאָס פּנים אין דער וואַנט, און כליפּעט אַריין אַלע זיינע ווייטיקן און בעט מסתמא פֿאַר כלל־ישראל.

און נעבן מיין צווייטער זייט, שטייט אַ ספֿרדישער ייד, מיט אַ יאַרמולקע און ווײנט קאָנוווּלסיוו איבער דער וואַנט. איך זע ניט זיין פּנים וואָס איז איינגעגראָבן אין כותל. איך זע אַלע מאָל, ווי ער רוקט אָפּ אַלע ווײלע זיין געזיכט כדי צו ווישן זיינע שפּאַרנדיקע טרערן, אָבער ניט אין אַ טיכל, נאָר ממש אין אַ קליין האַנטעכל...

איך שטיי אַזוי דורכגענומען פֿאַר דעם כותל, באַטראַכט זי פֿון דער הויך און אין דער ברייט, קוק זיך איין אין די שטיינער־שפּאַלטן ווו עס ליגן איינגעבוירעט ווייסע צונויפֿגעקנייטשטע קוויטלעך, דערבליק דעם גרינעם מאָך וואָס שפּאַרט ערטער־ווייז אַרויס פֿון דער וואַנט, און שטיי פֿאַרגאַפֿט פֿאַר דעם היסטאָרישן מויער, דער איבערבלייב פֿון אונדזער אַמאָליקער פּראַכט, ווען פּלוצלונג, דערפֿיל איך אַ צי ביים אַרבל, אַ נעם ביים אָרעם. איך דריי זיך אויס, דאָס איז אַ פֿריינד פֿון אַרגענטינע,

און מיר גייען אַפּ אייניקע טריט, ווען מיר טרעפן זיך שוין מיט נאָך פריינד, היגע און דאָרטיקע, און אַלעמאָל ווערט גרעסער דער קרייז פון די באַקאַנטע.

מיר הייבן אָן זיך אַרומצוקוקן, ווער איז אַלץ ניטאָ ביים כותל? וועמען קענט איר אַלץ ניט טרעפן דאָ?

מען צעשמועסט זיך וועגן דאָ און דאָרטן, וועגן ישראל, וועגן כותל, און ביי אַלעמען איז פאַראַן איין געאייניקטע מיינונג, אַז עס וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט אַז דער גואל־צדק זאָל שוין קומען, און אַז עס זאָל פון תשעה באב ווערן אַ גרויסער יום־טוב, אַנשטאָט אַזאַ פּיינלעכלעכער שניידיקער תענית און טרויער־טאָג.

און אַזוי ווי מיר רעדן, ווייזט מיר פלוצים אָן אייגער אַ פריינד, איך זאָל ווענדן מיין בליק דאָרט־אַ, אויף דער מיט פון כותל, וווּ עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ בלענד־ווייסע טויב, ווי עס וואָלט געווען אַ סימבאָל פון פרידן און שלום, וואָס דאַרף שוין קומען אויף אונדזער וועלט, און ווי אַ פרידן־טויב אונדז אָנזאָגן בשורות טובות, ישועות ונחמות.

מיר לאָזן זיך גיין צוריק פון כותל דורך דעם אַראַבישן שוק, דורך די געדרייטע אַראַבישע מאַרק־געסלעך. מיר גייען עפּעס ווי אין ניט קיין רעאַלער וועלט. פון ערגעץ אַ דערבייאיק אינערלעך אַראַביש געסל גייט אָן אַראַבער מיט אַ באַלאָדן אייזל. מיר קוקן אויף דער גאַנצער געגנט, אויף דעם גאַנצן אָריענטאַלישן אימאַזש, ווי דאָס וואָלט אַרויסגעשווומען פון די מעשיות פון "טויזנט און איין נאַכט".

מיר ווייסן ניט צו מיר טרעטן אויף אַ רעאַלער וועלט, אָדער עס דרייט פאַר אונדז פאַר — אַ פילם.

עס קומען אונדז אַנטקעגן מחנות יידן, סאָלדאַטן, ישיבה־בחורים, חסידים, וואָס לאָזן זיך ערשט צום כותל. און דער דאָזיקער מאַרש, ווי מען גיט אונדז איבער, וועט זיך ציען אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן מאָרגעדיקן טאָג, פּערמאַנענט.

ביים אַרויסגיין פון אַראַבישן שוק, קומען מיר צו צו דער גאַס, ווו עס איז פאַראַן אַ שווערע באַוועגונג, און ווו מען הערט שטאַרק מאַנעווורירן מיט די "מויל־פייפלעך" פון די פּאָליציאַנטן. מיר קוקן זיך צו, און די פּאָליציאַנטן זענען ישראלדיקע מיידלעך, וואָס ספּראַווען זיך אויף אַ גאַר געשיקטן אופן אָנצופירן די גרויסע באַוועגונג פון אויטאָמאָבילן, און רופן אַרויס די סימפּאַטישסטע געפילן פון די אַלע כותל־פאַר־בייגייער.

תשעה באב אינדערפרי גייט מען ווידער דאָוונען אין שיל פון מרכז־הקליטה, ווו מען שפּעטיקט, ווייל מען זאָגט־אויס אַלע קינות, ניט אויסלאָזנדיק קיין איינע.

ביים אַהיימקומען שטעלן מיר אָן די ראַדיאָ צו הערן נייעס. די ראַדיאָ האַלט אין איין איבערגעבן כראָנאָלאָגיע איבער דער חורבן־תקופה, איבער דעם כותל במשך פון יאָרהונדערטער, אגדות פון חורבן, קאַפּיטלעך איכה און קינות, שילדערונגען פון באַזוכן אין דער חרובער שטאָט ירושלים, וועגן חורבן וואָס די אַראַבער האָבן פאַר־אורזאַכט צווישן 1948 און 1967, ווען די אַלטע ירושלים איז געווען אין זייערע הענט, און אַלע מאָל טראָגט זיך פון אַפּאַראַט אַ קלאַנג פון אַ קלאָג־ליד אויפן חורבן פון אונדזער לאַנד און שטאָט.

און עס ווערט אייך עפּעס אַזוי וואַרעם אויפן געפיל, אויפן האַרצן און ביי דער נשמה, אַזוי מתיקותדיק זיס, אַנענדיק ווי אונדזער אומה רינגלט אַרום דאָס לאַנד, די וואַנט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, נעסטעט אין האַרצן דעם זכר פון זיין חורבן, און איך שפיר גלייך אַז דערמיט נעסטעט עס איין און וואַרעמט עס אויס די קומענדיקע גענצלעכע גאולה פון אונדזער פאָלק, במהרה בימינו, אמן!

גאַסטפריינדלעכקייט אין דער מדינה

מידות גייען בירושה. דערפאַר האָט שוין געפרוווט אליעזר, אברהמס קנעכט, אונדזער מוטער רבקה אין דער מידה פון געבן אים און זיינע קעמלען אַ טרונק וואַסער. ווייל, ווי ס'איז באַקאַנט, איז "מעשי־אבות ירשו בנים", די מעשים וואָס זיי זעען פון זייערע עלטערן, ירשענען די קינדער, זייערע טואונגען, זייערע מידות.

אונדזער פאָטער אברהם איז באַשאַנקען געוואָרן מיט דער גרויסער מידה פון הכנסת־אורחים און די געשיכטע פון אונדזער אומה הייבט זיך טאַקע אָן ווי אברהם וואַרט אויף אורחים, און דער מדרש רעדט טאַקע אַרום אַז זיין געצעלט האָט געהאַט טירן פון אַלע פיר זייטן, די אורחים וואָס קומען מידע פון דעם ווייטן און הייסן וועג, זאָלן זיך ניט דאַרפן מיען צו געפינען אַ טיר, און אַז ער האָט פאַרשפּרייט זיין אמונה דורך געבן צו עסן און צו טרינקען דעם מידן, דעם דורשטיקן, דעם הונגעריקן, און דעם וואַנדערנדיקן.

"חסד עולם יבנה", די וועלט איז געבויט אויף חסד, אויף גענאַד, אויף גוטס. און פון די דריי זאַכן אויף וואָס די וועלט שטייט, איז גמילת־חסדים איינע פון די באַזיסן, פון די זיילן פון איר קיום.

דאָס האָבן מיר טאַקע שטענדיק געטראַכט און געזאָגט ביים זען ווי די דאָזיקע גוטע מידות פון הכנסת אורחים, פון גאַסטפריינדשאַפט, האָט זיך טאַקע איבערגע־טראָגן און איבערגעגאָסן אין אברהמס קינדער, אין דער ידישער מדינה, אין דעם לאַנד פון די אבות ווו עס האָט אַרויסגעשפּראָצט אונדזער אומה, און ווו טאַקע אברהם האָט געגרונטפעסטיקט זיין שטאַם מיט די מידות פון חסד, פון הכנסת אורחים.

אויף אַזוי ווייט, אַז אברהם לאָזט שטיין די שכינה און גייט באַדינען און אויפ־נעמען די אורחי־פּרחי פונעם וועג, און די חז״ל דרינגען טאַקע דערויף אַרויס אַז "גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה".

מיר געדענקען ווי מיט זיבן יאָר צוריק, בעת אונדזער אויפהאַלטן זיך אין דער מדינה מיט אונדזער גאַנצער משפחה, האָבן פריינד אונדז אַנגעבאָטן אויף אייניקע טעג און אונדז צוגעשטאַנען ביי זיי איינצושטיין, די גאַנצע פאַמיליע, עטלעכע טעג, עסן, שלאָפן, און בעת זיי פלעגן אַוועקשיקן זייערע אייגענע בני־בית צו נעכטיקן ערגעץ אַנדערש, ביי שכנים און פריינד, בכדי אונדז אָפּצוגעבן זייערע רוימען.

מען דערציילט דאָך פון אַ גרויסן רבין, וואָס האָט געהאַט אַ קינד אַן עילוי, און ווען עס האָט אים באַזוכט אַ צווייטער גאון, האָט ער אַריינגערופן דאָס קינד, און אים געבעטן עפּעס ווייזן אַ חידוש אין לערנען פאַרן גאַסט. האָט דאָס קינד דאַן געבעטן צייט דעם פאָטער, ער זאָל אַריינטראַכטן אין לערנען.

ווען דאָס קינד האָט זיך געזוימט, איז דער פאָטער, דער רבי, אים געגאַנגען זוכן, און אים גאַר געפונען, פאַרקאַטשעט די אַרבל, פאַרטון און פאַרשוויצט, אין

צוגרייטן דאָס צימער, אויסרוימען עס, צוגרייטן דאָס געלעגער פאַרן גאַסט.

— דאָס איז דער גרויסער חידוש וואָס דו גרייטסט צו? — האָט אים דער פאָטער מיט פאַריבל געפרעגט.

יאָ, טאַטע, דאָס איז דער חידוש אין הלכות הכנסת־אורחים... האָט דאָס קינד גלייך געענטפערט.

און וועגן בערדיטשעווער דערציילט מען, אַז ווען ער איז געווען אַ יינגל, האָט דער פאָטער געזען ווי ער בעט אויס דאָס שטרוי, און איז אַריינגעטון אינגאַנצן אין צוגרייטן אַ געלעגער פאַר אַן אורח, האָט ער אים געזאָגט:

פאַר אַ פּאָר גראָשן, וואָס דו וואָלסט געגעבן דעם משרת, וואָלסטו דאָך פאַרשפּאַרט אַזוי פיל צו מאַטערן זיך.

— וואָס, אָוועקגעבן דעם משרת די מצווה פון הכנסת אורחים, און נאָך דערפאַר באַצאָלן אויך? — האָט דער בערדיטשעווער געענטפערט...

די־אָ געדאַנקען וועגן הכנסת־אורחים, מיט וועלכער אונדזער אומה האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט אין פאַרגאַנגענע צייטן, אפילו אין די קלענסטע אָרטשאַפטן, ווו אַן אורח אויף שבת, אויף פסח, א.א.וו. איז געווען אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם און פּריוואַטן לעבנס־שטייגער פון דעם יידן, זענען אונדז אַרויפגעשווומען, צוקוקנדיק ווי אין ישראל האָט זיך אויך די גוטע און אורשפּרינגלעך יידישע גרויסע מידה, זיך איבערגעטראָגן און איינגעפלאַנצט אָרגאַניש ביי די היגע תושבים.

מיר האָבן אין אַ פאַריקן קאַפּיטל וועגן אונדזער ערשטן שבת אין תל־אביב, טאַקע מיט גרויס סאַטיספאַקציע און שטויגונג איבערגעגעבן ווי אַ ווילד־פרעמדע משפחה, פון אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר, האָט אונדז אויפגענומען דעם גאַנצן שבת, אומגעריכטערהייט, מיט אַ ריינדיקער פריינדשאַפט, גלייך מיר וואָלטן זיך שוין געקענט אַ היפשע צאָל יאָרן.

אינטערעסאַנט, מיט אַ וואָך צוריק, אַן אָוונט, עפּענען מיר די טיר, ביים קלונג פון גלעקל, און דער פּראָפעסאָר און זיין פרוי קומען צו אונדז אַריין קיין ירושלים, בלויז אויף אַ ווילע, ווייל זיי זענען דאָ אין ירושלים, זענען זיי צו אונדז אַרויף, בלויז אויף אַ ווילע, ווייל זיי ווילן וויסן ווי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין ישראל.

נו, אַז די־אָ פרעמדע און טייערע יידן באַהאַנדלען אייך אַזוי, איז דאָך שוין איבעריק אייך צו זאָגן, ווי אייערע קוזינען באַהאַנדלען אייך. זיי ווייסן פּשוט ניט וואָס צו טון. אַלע טאָג קלינגען זיי, וואָס עס הערט זיך, קומען אַרויף, לאַדן איין, זענען גרייט אייך באַהילפיק צו זיין, מיט וואָס נאָר זיי קענען, ממש אין אַלע הינזיכטן.

נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, טייערע לייענער, בלויז צוליב אָט דער טייערער הכנסת־אורחים־מידה איז שוין כדאי צו קומען קיין ישראל!

איבעריק שוין אויך צו זאָגן, אַז חברים און פריינד פון אַרגענטינע, האָבן זיך גלייך ביים דערוויסן זיך פון אונדזער אָנקום קיין ירושלים, געקומען צו לויפן און טאָג־טעגלעך געקומען אונדז אַרויסצונעמען אין זייערע אויטאָס, אונדז געפירט נאָכאַנאַנד צו ווייזן די שטאָט ירושלים, מיט אירע מערקווירדיקייטן און זעעבאַרקייטן, אונדז אָנגעבאָטן אַלע סאָרטן הילף, אויף די פאַרשיידנסטע געביטן, קלינגען אַז,

געמען אונדז אין שטוב אַריין. און דאָס זענען מענטשן וואָס זענען אַליין שטאַרק פאַרנומען מיט זייערע ענינים, וואָס זענען אויך רעלאַטיוו נייע אין לאַנד. זייער גאַסטפריינדשאַפט איז אַ פּערמאַנענטע און אַ ביז גאָר רירנדיקע. און דאָס איז ניט קיין הכנסת־אורחים פאַר טוריסטן, וואָס היינט זענען זיי דאָ און מאָרגן פאָרן זיי אַוועק, וואָס דאָס איז אויך איינע פון די גרעסטע זאַכן, נאָר דאָס איז דווקא אַ פריינד־שאַפט וואָס מען ווייזט אַרויס נייע עולים, וואָס דאַרפן דאָ־הי בלייבן און זיך איינ־בירגערן אין לאַנד.

און ס'איז פּשוט ניט אויסצודריקן מיט ווערטער די דאַנקבאַרקייט וואָס אַזעלכע עולים פילן, אין די געגעבענע קליטה־אומשטענדן פאַר זיי, איבערהויפּט די ערשטע צייט אין לאַנד, ווען מען נויטיקט זיך ווירקלעך אין אַזעלכער הילף־מוטיקער גרייט־קייט און אויפנאַמע.

אַ צווייטער יונגערמאַן, וואָס איז געקומען פון טשילע, וואָס מיר קענען גאָרניט פּערזענלעך, איז געקומען צו אונדז און זיך אָנגעבאָטן און טאַקע זיך באַמיט צו דערליידיקן אַ פאָרמאַליטעט. ער קען אונדז בלויז פון אונדזערע אַרטיקלען אין "די אידישע צייטונג", וואָס ער פלעג לייענען זייענדיק אין טשילע, פון וואַנען ער איז געקומען מיט אַכט חדשים צוריק.

אַ דריטער פריינד, וואָס איז אַמאָל געווען עליה־שליח אין אַרגענטינע, האָט אונדז גערופן פאַרצווייפלט טעלעפאָניש מאָל דרינגענדיק אין דער ביוראָ פון אונדזער מרכז־קליטה, און ווען ענדלעך, ער האָט אונדז געטראָפן, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז דאָס רופט ער אונדז איינצולאַדן אין שטוב און זען ווי מיר האָבן זיך איינגע־אָרדנט און מיט וואָס ער קען אונדז באַהילפיק זיין.

ער איז נאָענט און באַקאַנט, און רוט ניט ביז וואַנען ער וועט, ווי ער זאָגט, דערגרייכן דאָס וואָס ער וויל אונטערקומען מיט הילף.

און ער מאָנט מיך: זאָלסט מיך ניט אָפּלאָזן, דו זאָלסט מיך אַזוי לאַנג מוטשען, ביז איך וועל דאָס אויספירן.

אַ צווייטער חבר און פריינד, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט אין דער בוענאָס איירעסער קהילה, און וואָס איז מיט אַ צוועלף־דרייצן יאָר צוריק עולה־געווען, האָט מיך אויפגעזוכט און מיר פאָרגעשלאָגן הילף און סוגערירט מעגלעכקייטן.

און וויסן דאַרף מען, אַז דאָ־הי איז יעדער איינער ביז גאָר פאַרנומען מיט דאָס זייניקע, און די צייט איז ממש דאָ־הי גאָלד. און דאַך ציען זיך צו אייך פון אַלע זייטן אייגנוויליקע ספּאָנטאַנע אָפּרופן, אָנבאָטן פון הילף. ניט שטענדיק און ניט וויכטיק איז דאָס וואָס קען אַרויסקומען דערפון צי ניט, כאָטש תמיד זענען פאַראַן מעגלעכקייטן אַז מען גיט אייך הילף. נאָר אַזוי צי אַזוי, דער פאַקט אַליין, דאָס געפיל פון פריינטשאַפט, פון גאַסטפריינדלעכקייט, פון הילפס־גרייטקייט, פילט אייך אָן מיט אַזאַ גוט געפיל, רירט אייך אויף אַזוי ווייט, אַז איר טראַכט ביי זיך ווירקלעך, אַז ווי עס זאָל זיך ניט אויסלאָזן, האָט זיך געלוינט צו קומען אין יידישן לאַנד אַריין, ווו אויסער די שיינקייטן פון גייסט, פון נאַטור, פון געשיכטע, פון געאָגראַפיע, פון געאָ־לאָגיע, פון אַרכעאָלאָגיע, פון שפּראַך און פון קולטור, איז פאַראַן די לעבעדיקע שיינ־קייט פון די בעסטע טוגענטן מיט וועלכע אונדזער פאָלק איז באַשאָנקען געוואָרן,

און עס פרייט אייך באמת, וואָס אויסער אַנדערע לעבנספּירונגען און אַלטן שטייגער פון יידישקייט, וואָס האָבן אויפגעלעבט און אויפגעבליט אויפסניי אין ישראל, מיט אַזאַ קראַפט און מאַכט, האָט זיך אויך דאָ איינגעפלאַנצט און איינגעבירגערט אָט די שיינע גרויסע יידישע מידה פון הכנסת־אורחים, וואָס טראָגט אין אירע פליגלען בענטשונג און גוטסקייט, ווייל סוף־כל־סוף און אחרי ככלות הכל, איז טאַקע "עולם חסד יבנה", שטייט דאָך די וועלט אויף חסד און גענאָד.

קינדער אין ישראל

ניטאָ קיין שענערע זאַך ווי אַ שמייכל פון אַ קינד, האָט איינער אַמאָל געשריבן. און ווירקלעך, דער וואָס האָט געהאַט צו טון מיט קינדער־דערציונג, ווייסט ווי שיין עס איז די קינדער־וועלט, ווי הערלעך עס איז די קינדהייט, און אַז דאָס איז אַ קוואַל פון נחת און פאַרגעניגן.

דער וואָס שרייבט אָט־די שורות איז טאַקע געווען אַ סך יאָרן פאַרבונדן אַלס לערער און שול־דירעקטאָר, און לעצטנס אַלס "סופּערווייסאָר" פון שולעס, און עס איז פאַר אים ניט קיין נאָווינע אָט די שיינקייט פון קינדער.

אָבער איך מוז זיך מודה־זיין, אַז די ישראל־קינדער וואָס מיר האָבן ביז איצט אָנגעטראָפן און די קינדער פון אַנדערע לענדער אין ישראל, פאַרמאָגן אַ ספּעציעלן חן און אַ ספּעציפישע שיינקייט.

דערציילט דאָך שוין דער תלמוד וועגן דער קלוגשאַפט פון די ישראלדיקע קינדער.

צוריק מיט יאָרן האָט רער פאַרשטאָרבענער שרייבער ז. סעגאַלאָוויטש געשריבן אין המשכים אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג זיין בוך "מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב", און געשילדערט זיין "ראָמאַנס" מיט דער זיבן־יעריקער צבראַלע גילי. איר געדענקט דאָך זיכער ווי איר האָט זיך געקוויקט מיט זיינע באַשרייבונגען.

אונדז געשעעט עפּעס ענלעכס אין ישראל. צווישן דער געוויסער פאַרשידנאַרטיקער וועלט, ציט אונדז און צוּיבערט אונדז ספּעציעל די יידישע קינדער־וועלט דאָ־הי.

מיר האָבן, למען האמת, אין ערגעץ ניט געזען און געהערט קינדער לאַכן אַזוי פריי און קוועקזילבערדיק, אַזוי זיך אומדרייען און שפּילן און שטיפן ווי דאָ־הי. אפשר, ווייל דאָ זענען זיי ניט פאַרמאַכט ווי ביי אונדז אין די שטעט און דעפּאַרטאַ־מענטן, נאָר לעבן זיך אויס אינדרויסן מער, הערט מען זיי און זעט מען זיי פריי און אומגעשטערט און מען קען שעפּן פולע הויפנס מיט נחת און מתיקות.

אָט־למשל ביי אונדז אין מרכז־קליטה אין ירושלים, האָב איך אַ בונטפאַרביקע און פאַרשידנאַרטיקע גאַמע פון יידישע קינדער פון דער גאַנצער וועלט: אַמעריקאַ־נער זיסע שיינע קינדערלעך, וואָס רעדן ענגליש און שוין צוביסלעך העברעיש. איבערהויפּט זענען זיי עס, קינדער פון פרומע יונגע אַמעריקאַנער עלטערן, און עס איז ממש אַ פאַרגעניגן זיי אָנצוקוקן.

דריי קינדערלעך זענען עס פון אַ יונגן חסיד פון אַמעריקע, און גראַד רעדן זיי יידיש, מיט גאַליציאַנער־אונגאַרישער אויסשפּראַך. אַ יינגעלע און צוויי מיידעלעך. דאָס יינגעלע איז אַ בלאָנד־רויטהאָריקער מיט שיינע לאָקנדיקע פּיאותלעך, וואָס טוט אַלעמאָל אָן דעם טאַטנס קאַפּעליוש, און קומט צו וויינען צום טאַטן און זאָגט אים אין יידיש: טאַטע, מען האָט מיר צוגענומען די יאַרמולקע...

אַ צווייט מיידעלע, רבקהלע, איז אַלט זעקס יאָר. די עלטערן זענען יונגע מענטשן, וואָס האָבן געלערנט, ער, אין אַ ישיבה, און זי אין "בית־יעקב", און עס איז ממש אַ ספּעקטאַקל ווי רבקהלע שטייט און דאַוונט, איבערהויפּט ביי שמונה עשרה.

אַ דריט יינגעלע, אַ שטיפערל אַ שיינס, האָט תשעה באב, בעת דער גאַנצער עולם איז געזעסן ביי די קינות, איז עס אים אַפּנים שטאַרק געפעלן, און ער האָט זיך געשאַרט אונטערן טיש און בעת דער עולם האָט געשמאַק געזאָגט, אונטערגע־שלוכצט און אויסגעוויינט דעם "איכה", האָט דאָס באַחנט קליין יינגעלע זיך אַרומ־געדרייט, געלאַכט, אַרונטערגעקוקט פונעם טיש און געשמאַק אַרומגעשטיפּט.

תשעה באב נאָכמיטאָג, ווען מען איז געזעסן אַביסל אָפּגעשוואַכט פון דעם לאַנגן תענית, זענען אַריינגעקומען אין שטוב דריי מיידעלעך, שכנות, און אַריינגעבראַכט רויטע בלימעלעך וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן, און געטיילט יעדן איינעם אַ בלימל.

און ביי מנחה איז ביי די קליינוואַרג געווען גאָר פריילעך, אַ שמחה און אַ גדולה.

אַזוי ווי דער עולם האָט שוין מער ניט באַדאַרפט די געזעסן פון די סאָפּעס צו זיצן אויף דער ערד, האָבן חברה קליינוואַרג צונויפגעטראָגן אַלע אויפן דיל אין עטלעכע רייען, באַדעקט מיט זיי ממש די גאַנצע אָפּטיילונג, און געשפּילט דערמיט אָפּנים אין אַ באַן אָדער עפּעס ענלעכס, מאַכנדיק דערביי די קולות פון אַ וואַגאָן, אַז מען האָט זיי באַדאַרפט איינשטילן ביים לייענען "ויחל", און ביי דער שמונה עשרה...

איר זעט דאָ פאַרשיידענע קינדערלעך, ענגליש־רעדנדיקע, רוסישע, אַמעריקאַ־נער, אַרגענטינער, תימנער, גרוזינישע, ספרדישע, צבראַלעך, און אַלע עפּעס קיין עין הרע, אַזעלכע לעבעדיקע, שיינינקע, שפּילעוודיקע.

איבערהויפּט כישופט מיך ווען איך הער זיי רעדן העברעיש. פאַרנדיק אויפן אויטאָבוס האָב איך געהערט אַ קליינטשיק מיידעלע דעם גאַנצן וועג אויסזינגען אַ העברעישן שיר, וואָס זי האָט מסתמא געלערנט אין גן, האָט עס געהאַט אַלע טעמים.

אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט און אויפשמייכלדיק בילד אין דעם אויטאָבוס איז געווען ווי אַ עופהלע טרינקט אַ "מאַמאַדערא", אָבער דערביי האַלט עס אַליין דאָס פלעשל און באַדינט זיך דערמיט אַליין, אָן דער מוטער.

אין ישראל זענען זיך די קינדער אָן. למשל אין שיל, נעמט אַ ייִנגעלע צונויף און טיילט דעם עוילם חומשים.

אין אַלע שילן איז איינגעפירט דער וווּנדערשיינער מנהג, אַז נאָכן דאַווענען שבת אינדערפרי, ענדיקט אַ יינגעלע, אָנגעטאָן אין אַ טליתל, מיטן אויסזינגען דעם "אנעים זמירות", וואָס ווערט נאָכגעזונגען דורך דעם גאַנצן עולם, און דאָס איז דער לעצטער סימפּאַטישער אַקאָרד פון דעם דאַווענען.

אדרבא, ביטאָ דאָ דער אַזוי צעפּויקטער "קאָנפליקט פון דורות", נאָר מען ציט אַריין אַזוי נאַטירלעך און אָרגאַניש דעם יונגן דור, ער זאָל ממשיך־זיין אין די וועגן פון דעם עלטערן דור.

ביי אונדז אין שיל, איז גאָר דער בעל־קורא אַ יונגער אַמעריקאַנער בחור, און

עולם קוויקט זיך ביז גאָר מיט זיין פיינער קריאת־התורה.

אין דעם מרכז־הקליטה, זענען מיר געקומען איינמאָל גאָר פרי דאַווענען מנחה, האָבן מיר געטראָפן אַן איבעררּאַשונג. אַרום עטלעכע צוואַנציק קינדער זענען געזעסן אַרום אַ טיש אין שיל און געלערנט מיט אַ יונגן בחור, זייער לערער, גמרא. ווען מיר זענען אָנגעקומען און נאָך יידן צו דאַווענען, האָבן זיי פאַרענדיקט זייער לערנען, און איך האָב דערביי געפרעגט אַ יינגעלע פון אַ יאָר צען־עלף, מיט שוואַרצע פּיאה־לעך איבער זיין שיין אויסגערונדיקט פּנימל, וואָס ער לערנט. האָט ער מיר געענט־פערט: "כיצד מברכים" פון דער גמרא ברכות. איך פרעג אים פונוואַנען ער איז, האָט ער מיר געענטפערט: פון תימן.

דערווייל האָבן זיך די קינדער אויסגעזעצט אויפן דיל, און אויך דער תימנער האָט זיך צוגעזעצט און אָנגעהויבן צו שפּילן אין שטיינדלעך (אין "ביענפי"). איך האָב זיך גאָר דערפרייט, מיינענדיק אויף אַ ווײלע אַז מיר זענען טאַקע אין אַרגענ־טינע, ווו מיר פלעגן אויך אין די פויזעס פון שולע שפּילן די זעלבע שפּיל. אָבער מיר מוזן מודה־זיין, אַז די היגע קינדער זענען גרעסערע מייסטערס פון אונדז, כאָטש מיר זענען אויך ניט געווען קיין שלעכטע שפּילער...

יענע וואָך איז אונדז אויסגעקומען צו זיין נעבן אַ קליין צייטונגס־פאַרקויפערל, און זען ווי ער פירט זיין "געשעפט", און פאַרקויפט די צייטונגען. ווי ער רופט מיט אַ גלעקלדיקער שטימעלע: "מעריב", "ידיעות" (אחרונות).

מיר זענען מיט זיבן יאָר צוריק אָנגעקומען צום ערשטן מאָל אין לאַנד אַריין, האָבן מיר גלייך ניט אויפגעכאַפּט וואָס דער צייטונגס־פאַרקויפער האָט גערופן. מיר הערן "מעריב, אידיאָט", "אידיאָט, מעריב". זענען מיר געבליבן שטיין. מיר האָבן געמיינט, אַז יענער רופט צו מעריב, אָבער מיר האָבן בלויז ניט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס ער רופט אונדז אידיאָט...

אוודאי, אַלע קינדער פון דער וועלט, איבערהויפּט יידישע קינדער, האָבן אַ באַזונדערן חן, אָבער די קינדער אין ישראל און פון ישראל האָבן נאָך אַ ספּע־ציעלערן חן.

ווען מיר דערבליקן זיי, דערמאַנען מיר זיך גלייך אין דעם משורר "משהלעך און שלמהלעך", אין די "ציצילעך און פּיאהלעך", און אין זיין אויסרוף, מיט וועלכן מיר אידענטיפיצירן זיך געגצלעך:

"מיר זאָל זיין, יידישע קינדערלעך, פאַר אייערע כּשרע אייגעלעך;"...

מען זאָגט אַז די צבראַס רופט מען "צברא", ווייל אויף העברעיש מיינט דאָס אַ קאַקטוס־פּרוכט, וואָס פון דרויסן זענען זיי שטעכעדיק, אָבער אינעווייניק זענען זיי זיס.

אָבער מיר זעען גאָר אַז עס איז ניט אַזוי: די קינדער אין ישראל זענען אויך אויסערלעך זייער זיס, אַ ברכה צו מאַכן אויף זיי, און אַ בענטשונג טראָגט זיך איבער זיי. דאָס איז זיכער, דאָס שענסטע און בעסטע פון "תוצרת הארץ", פון דער אייגענער מדינה־פּראָדוקציע...

אין דעם מרכז־קליטה אין ירושלים

מיר האָבן ניט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס איז אַזוינס אַ מרכז־קליטה, אַן אַבסאָר־ציע־צענטער פאַר עולים, וואָס קומען אַן מארבע פינות העולם אין לאַנד אַריין. און מיר האָבן זיך ערשט איצט באַקענט מיט אַזאַ צענטער, ווייל מיר זענען צוגע־טיילט געוואָרן צום מרכז־קליטה אין ירושלים.

למען האמת, האָבן מיר זיך ניט געריכט אַז די היימען פאַר עולים זאָלן זיין אַזוי באַקוועם און רעלאַטיוו קאָנפאָרטאַבילע. מען האָט אונדז אויך ניט געזאָגט אפילו וועגן דעם אין אַרגענטינער עליה־אַמט, אַזוי אַרום אַז מיר האָבן זיך ניט געמאַכט קיין גרויסע אילוזיעס וועגן אָט די דאָזיקע איבערגאַנגס־וווינונגען.

איז עס פאַר אונדז דער צענטער דעריבער געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווען מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ נייער ציכטיק־געראַומער וווינונג, מיט אַלע אויסשטאַטונגען און באַקוועמלעכקייטן, און מיר האָבן זיך באַלד דערמאַנט אין אונ־דזער דאַטשע־וווינונג אין אַטלאַנטידאַ.

ערשטנס, געפינט זיך דער דאָזיקער עולים־צענטער אין די בערג פון ירושלים, אין אַ פרעכטיקער אומגעבונג, צווישן בערג, מיט אַ קילער פרישער לופט, איבער־הויפּט אין אָוונט, צווישן גרינסן אוןביימער, און מאַכט טאַקע דעם איינדרוק פון אַ דאַטשע־וווינונג.

די מעבלירונג און איינריכטונגען נעטע, ציכטיקע, אַ ריינקייט ליגט אויף אַלץ אויסגעגאָסן, און מען זעט און מען פילט, אַז מען פאַסט ווי געהעריק אויף.

יעדער דעפּאַרטאַמענט, לויט די נפשות, האָט די געהעריקע קאַפּאַציטעט, פאַרן נויטיקסטן, די אַדעקוואַטע מעבלירונג, לופטיקע אַמביענטן, מיט אַלע אינסטאַלאַציעס. אַן "עוזרת", קומט דאַ רייניקן איין מאָל אַ וואָך. מען גיט אויך די געהעריקע בעט־געוואַנט, און עס ווערט געפירט אַ גוט־אָרגאַניזירטע ווירטשאַפט.

דער צענטער באַשטייט פון עטלעכע גרויסע הייזער־בלאָקן, מיט וועראַנדעס צו דער גאַס, פון וועלכער עס זעט זיך אַ פרעכטיקע אומגעבונג בייטאָג און ביינאַכט.

אין איין בלאָק געפינט זיך דער בית־הכנסת, די שיל, ווו עס פונקציאָנירט אויך אַ תלמוד תורה, און דער גבאי, איז זייער אַ טיכטיקער און ליבלעכער מענטש, און פּאַסט אויף אויפן בית־הכנסת מיט גרויס געטריישאַפט.

יעדן פאַרנאַכט, קענט איר אים הערן שרייען אויף דער גאַס "מנחה, מנחה". דאָס רופט ער צו מנחה־מעריב. ער איז עס אַ ביז גאָר סימפּאַטישער פּערסאָנאַזש. ער אַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פון דעם צענטער, אין דער אינטענדענץ פון דעם זעלבן, און גלייכצייטיק איז ער ממונה איבער דער שיל און רעליגיעז לעבן פון דעם צענטער.

די שיל געפינט זיך אין אַ באַקוועמען זאַל, זייער שיין איינגעאָרדנט, און מען

לערנט דאָ און מען דאַוונט גאַנץ געשמאַק. יידן פון אַלע עקן וועלט, איבערהויפּט אַ סך יונגעלייט, יוגענטלעכע און קינדער, קומען זיך צונויף און פראַווען די תפילות, יעדער בעל־תפילה לויט דער געגנט וואָס ער שטאַמט.

איז עס ניט קיין וווּנדער וואָס איין ייד דאַוונט נוסח אשכנז, אַ צווייטער ספרד, אַ דריטער אויף דער אשכנזישער אויסשפּראַך און אַ פערטער אויף דער ספרדישער. איינער האָט אַ רוסישן אַקצענט און אַ צווייטער אַן ענגלישן. איינער אין אַ שטריימל, אַ צווייטער אין אַ גאַרטל, אַ דריטער אין אַ העמד, און עס קומען זיך צונויף עטלעכע מנינים יידן און ריכטן גאַנץ פיין אָפּ די תפילות.

אָט דאַוונט אַ ייד פון גרוזיע, און אָט זאָגט די הפטורה אַ רב פון קאַנאַדאַ, און אָט בענטשט ראש־חודש אַ ייד פון ניו־יאָרק. אַן אמתער קיבוץ גלויות און אַ ביז גאָר פיינער און פאַרשידנאַרטיקער מענטשן־עלעמענט.

אין דעם צענטער־בלאָק געפינט זיך דער "משרד", די ביוראָ פון דעם עולים־צענטער, און דאָרטן געפינט זיך אַ שטאַב באַאַמטע, די טעלעפאָנען, סיי די ביוראָ־טעלעפאָנען ווי אויך דער עפנטלעכער, און די פּאָסט־קעסטעלעך פון די עולים.

אין דער ביוראָ איז שטענדיק אַ באַוועגונג, ווער עס קומט טעלעפאָנירן, ווער עס קומט אָפּנעמען קאָרעספּאָנדענץ, ווער עס קומט נעמען אַ צייטונג "אומר" פאַר עולים, און עס ווערט דאָ פּערמאַנענט צוגעשטעלט נייע נוצלעכע אינפאָרמאַטיווע מאַטעריאַלן, מעלדונגען, ביולעטינען, אין פאַרשיידענע שפּראַכן, ענגליש, העברעיש, שפּאַניש, פראַנצויזיש, רוסיש, רומעניש, א.א.וו.

די באַאַמטע רעדן טאַקע יעדער איינער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן.

פאַראַן אַ דירעקטאָר פון דעם קליטה־צענטער און פאַרשיידענע באַאַמטע, יעדער איינער ממונה פאַר אַן אַנדער אויפגאַבע, ווי למשל, די פאַרוואַלטערן פון צענטער, דער אינטענדענט, די ביוראָ־באַאַמטע, דער שומר פון דעם צענטער, דער בעל־מלאכה צו פאַרריכטן די פאַרשיידענע איינריכטונגען, א.א.וו.

אין איין בלאָק פונקציאָנירט די גרויסע וואַש־מאַשין, וואָס פונקציאָנירט נאָכן אַריינוואַרפן אַנדערהאַלבן פונט, און יעדע בעלי־ביתטע לאָזט דאָרט אויטאָמאַטיש אויסוואַשן איר געוועש.

פאַראַן אויך ספּעציעלע באַאַמטע, וואָס גיבן זיך אָפּ איינע מיט זוכן אַרבעט פאַר די עולים, מצד דעם אַרבעטס־מיניסטעריום, איינע אַ באַאַמטין פון דעם קליטה־מיניס־טעריום, א.א.וו.

אין דעם צענטער געפינט זיך אַ טעגלעכער אולפּן, ווו די עולים וואָס דאַרפן זיך לערנען עברית, קענען און מוזן עס טון אינטענסיוו עטלעכע שעה אין טאָג.

אויך איז פאַראַן אַ יוגנט־קלוב און אַ קולטור־צענטער, ווו עס ווערן דורכגעפירט קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונגען.

פאַרגאַנגענע וואָך איז דאָ־הי געקומען אַ גרופּע פון דער אָרגאַניזאַציע פון אַמע־ריקע אונטערן נאָמען "התחיה", אַ רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַשטייט פון וואָלונטירן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אויך אַ קולטור־רעליגיעזע אַרבעט צווישן נייע עולים, איבערהויפּט פון רוסלאַנד, און די מיטגלידער פון דער

דאָזיקער סימפּאַטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פירן אָן מיט קינדער זומער־קאָלאָניעס, פירן דורך עונג־שבתן, שיעורים, א.א.וו.

דעם לעצטן פּרייטיק אין אָוונט האָבן זיי דורכגעפירט אין דעם קליטה־צענטער אַן עונג־שבת, און זיי גייען איצט סיסטעמאַטיש איינפירן קאָנפערענצן־ציקלען וועגן יידישקייט, פון יידישער טעמאַטיק, פאַר די פאַרשיידענע אָפּשטאַמיקע עולים, אין יידיש, עברית, שפּאַניש, ענגליש א.א.וו.

עס ווערן אויך דורכגעפירט דיריגירטע אויספלוגן אין די פאַרשיידענע היסטאָרישע און מערקווירדיקע פּלעצער, און די עולים באַקענען זיך מיט דער שטאָט.

די שכנים פון די בלאָקן שטעלן מיט זיך פאַר אַן אינטערעסאַנטן מיזוג־גלויות.

אַט־למשל געפינען זיך דאָ אַקאַדעמיקער פון רוסלאַנד, פּראָפעסיאָנאַלן, רבנים, פּראָפעסאָרן, וכדומה.

דער אַמביענט, די סביבה, איז אַ געמיטלעכע און אַן איינגענעמע, ווי אויך אַ פריינדלעכע ביז גאָר.

אין שיל, למשל, איז דער אַנגעזעענסטער טייל אַמעריקאַנער און דער ענגליש קלינגט־אָפּ פון קינד און קייט.

עס איז איבערהויפּט אינטערעסאַנט אַז די עליה וואָס קומט פון אַמעריקע איז אין איר רוב אַ טראַדיציאָנעלע. מען זעט מאָדערנע געקליידעטע אַמעריקאַנער יידן, מיט אַ קליינער יאַרמולקע אויפן קאָפּ. מען זעט חסידישע יונגעלייט, מיט בערדלעך, און אַנדערע מיט קאַפּעליושן און קאַפּאָטעס, און איבערהויפּט כישופן אייך זייערע שיינע קינדער, וואָס זיי ברענגען מיט אין שיל אַריין פון דער גאָר פריער עלטער.

מיין שכן, אין דעם קעגנאיבערדיקן דעפּאַרטאַמענט, איז אַ יונגער רב פון סאַן פראַנציסקאָ. אַראָפּנידערנדיק אַ שטאָק אונטן, געפינט זיך אַ פּראָפעסאָר פון אַ מיטל־שול אין ניו־יאָרק, וואָס איז אַפּנים אַן אַנהענגער פון דעם רב מאיר כהנא. אויף זיין טיר איז טאַקע צוגעקלעפּט אַ פּראָפּאַגאַנדע־קוויטל לטובת אים, וואָס זאָגט: "הרב כהנא לכנסת ולא לכלא", ד.ה. הרב כהנא — צו דער כנסת און ניט צו דער טורמע!". אַ שטאָק נידעריקער איז פאַראַן אַ רוסישער ייד, אַ ביז גאָר פרומער און געלערנטער, אַ מאַטעמאַטיקער פון באַרוף.

זיכער איז יעדער עולה אַ וועלט פאַר זיך, מיט די אייגענע פּראָבלעמען, זאָרגן און שטרעבונגען. זיכער האָט יעדער איינער דורכגעמאַכט זיין וועג ביז דער מדינה און וועט דורכמאַכן זיין פּראָצעס פון איינבירגערונג אין דער מדינה.

זיכער האָט יעדער איינער פון זיי אויסגעפּיבערט זייגע טרוימען וועגן דער מדינה, ווער אין ניו־יאָרק ,ווער אין מאָסקווע, ווער אין גרוזיע, ווער אין פּאַריז, ווער אין בוענאָס־איירעס, ווער אין יאָהאַנעסבורג, און אַלע געפינען זיך שוין דאָ־הי אין דעם ערשטן עטאַפּ אין ישראל, אין דעם מרכז־קליטה, וואָס איז זיכער די שוועל, דער איבערגאַנג צו אַ סטאַביליזירן און איינגעאָרדנטן לעבן אויף דער אדמת־קודש, אין יידישן לאַנד, אונטער דעם תכלתדיקן הימל פון ישראל.

יידיש געלט

מיר באַמיען זיך צו באַהאַנדלען, אין אונדזער אַריינבליק וועגן ישראל, די פּאַר־שיידענע אַספּעקטן פון דער מדינה, פון די דערהויבנסטע, פון די גייסטיק־הויכע, ביז די געוויינטלעכע פּראַזאַישע, ווייל אַלע שפּילן די זעלבע ראָלע און שטעלן מיט זיך צונויף דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם וואָס עס איז די מדינה. עס איז טאַקע ווי אַן אָרגאַ־ניזם, וואָס יעדער אבר איז וויכטיק, און דו קענסט ניט זאָגן וואָס עס איז וויכטיקער. פאַרשטייט זיך, אַז דער קאָפּ פון אַ מענטשן איז זייער וויכטיק, זיין גייסט, זיין מענ־טאַליטעט, אָבער אַ קאָפּ אַליין קען ניט אָנהאַלטן זיין עקזיסטענץ, אָן דעם איבעריקן טייל קערפּער.

און אַזוי מיט אַלע אַנדערע טיילן. אָדער ווי אַ מאַשין, וואָס יעדעס שרייפעלע איז ביז גאָר חשוב פאַר איר געהעריקער פונקציאָנירונג, און זאָל פעלן דאָס מינדסטע שרייפעלע, וואָס אויבנאויפיק קוקט עס ניט אויס אַזוי וויכטיק, וועט זיך אָפּשטעלן די גאַנצע מאַשין.

אָדער ווי אַ קייט, וואָס יעדעס רינגעלע איז ביז גאָר טייער, ווייל, אָן דעם, זאָל עס אַרויספאַלן, צערייסן, צעפאַלט זיך די גאַנצע קייט.

דעריבער באַהאַנדלען מיר אין אונדזער סעריע בילדער וועגן ישראל אַלע מעגלעכע אַספּעקטן פון דעם היגן יידישן לעבן, וואָס יעדער אַספּעקט בילדעט אַ חוט־השדרה, אַ טייל פון דעם גאַנצן לעבן פון דער מדינה, און קיינער קען פאַר קיין פאַל ניט אַרויסזאָגן זיך וואָס עס איז וויכטיקער פון וואָס.

דעריבער ווערן מיר ניט נאָר באַגייסטערט פון דעם גייסטיקן אויפשוווּנג פון דער מדינה, ווערן מיר ניט בלויז אָנגעפילט פון דער שיינקייט פון דער נאַטור און פון דער שפּראַך און קולטור, נאָר פון אַלץ, ממש פון אַלץ.

אָט־למשל נעמט אַזאַ זאַך ווי געלט, וואָס קען זיין פּראַזאַישער און ניכטערער און מאַטעריעלער פון געלט, און וואָס איז דאָ דערביי צו ווערן באַגייסטערט און דורכגענומען? ווייסט מען דאָך אַז געלט איז "אינטערנאַציאָנאַל", אַז אומעטום, ווער עס האָט די "מאה" האָט די "דעה", און ווי פלעג זינגען דאָס לידל: "ג־ע־ל־ט", אויף דעם שטייט די וועלט. "געלט, געלט, געלט! אויף דעם שטייט די וועלט."

איז וואָס פאַראַ אונטערשייד וואָס פאַראַ געלט דאָס איז, צי דער גרינער דאָלאַר, צי דער מאַרק, צי דער פראַנק, צי די לירע, צי דער פונט שטערלינג, צי די פעזע, צי די פעזעטע, צי דער קרוזיירא, צי דער פערו, א.א.וו.? געלט איז איבעראַל געלט, אָפּגעזען פון דעם נאָמען, פון דער נאַציאָנאַליטעט, פון דעם ווערט.

אָבער מיר מוזן אייך מודה־זיין, אַז ווען מיר דערבליקן, דערזען, און האָבן אין האַנט ישראלדיק געלט, עמאָציאָנירן מיר זיך ביז גאָר (אין גייסטיקן זין פון דער "עמאָציע", ניט נאָר אין דעם מאַטעריעלן...).

יידיש געלט איז דאָך אַנדערש. ערשטנס, די צורה, די העברעישע אותיות, די בילדער. ערשטנס ווען איר נעמט אַזאַ באַנקנאָט אין האַנט, ווערט איר גלייך פאַר־פלייצט מיט אַ מאָדנער וואַרעמקייט, כאָטש געלט איז בטבע פון די ״קאַלטסטע״ זאַכן...

אַט־דערבליקט איר אויף אַ צען־פונטיקן באַנקנאָט ביאַליקס בילד. עס גיט אייך גלייך אַ שלאָג אין מוח: געלט, מיט ביאַליקס אַ בילד?... דער משורר וואָס האָט געשליידערט די פּחדנות אין גלות, דער משורר פון ״אל הציפור״, פון מגילת־אש, פון דער ״שחיטה־שטאָט״, קוקט אייך אַראָפּ עפּעס אַזוי היימיש און מילד פון דעם געלט־פּאַפּיר. למען האמת, איז געלט און פּאָעזיע אַביסל ניט אַזוי נאָענט צווישן זיך, און דאָ גאָר גייט איר אַריין קויפן מיט ביאַליקס געלט...

אָדער נעמט אַ פינף פונטיקן באַנקנאָט, און עס גיט אייך אַ שיין דאָס געשטאַלט פון איינשטיינען, דער גרעסטער גאון פון דער מענטשהייט, דער סימבאָל פון ספר און וויסנשאַפט, און דאָ גאָר איינשטיין אויף אַ געלט־פּאַפּיר?

אָדער אויף אַ גרעסערן באַנקנאָט, פון פופציק פונט, גיט אייך אַ קוק אַראָפּ ווייצמאַן, דער לאַנגיאָריקער ציוניסטישער מנהיג און ערשטער פּרעזידענט פון ישראל.

דערמאָנט מען זיך דערביי, אַז ווען ווייצמאַן האָט איינמאָל געהאַט אַ סך פיבער, און אַ באַקאַנטער מיליאָנער ביי יידן האָט אים געפרעגט, מיט וואָס וואָלט ער אים געקענט העלפן אַראָפּזועצן דעם פיבער, האָט ווייצמאַן אים גלייך געענטפערט: מיט אַ פעטן טשעק פאַרן ציוניזם וואָלט מיר דער פיבער גלייך געניטערט...

אָדער אַז איר גיט אַ נעם אַ בלויען שיינעם באַנקנאָט פון הונדערט פונט, גיט אייך אַ בלענד דאָס שיינע געשטאַלט פון ד״ר בנימין זאב הערצל, דער טרוימער און גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער מחבר פון ״יידנשטאַט״ און פון ״אַלט־ניי לאַנד״, וואָס האָט טאַקע וועגן געלט געשריבן אין זיין טאָגבוך: ״אַזעלכע קלייניקייטן האָמעוועט מיין גרויסן וועג״ (ווען ער האָט געהאַט אויסגעגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַר דער ציוניסטישער זאַך, און ער האָט זיך געגוויטיקט אין גרויסע פאַנדן פאַר דעם דאָזיקן אידעאַל)...

אָדער ווען איר האַלט אין האַנט איין גרוש (אַ גראָשן), מיט דער ביבלישער צורה פון אַמאָליקער מטבע, אָדער פון פינף גרושים, צי פון צען, צי פון אַ האַלבער לירע אָדער פון אַ גאַנצער. אמת, איר האַלט אין האַנט קאַלט געלט, אָבער עס וואַרעמט אייך דער יידישער מאָטיוו, דער ביבלישער חן, און איר פילט עפּעס מער ווי אַ גרוש אָדער אַ לירע, איר פילט אין דעם קאַלטן מעטאַל גאַנצע צונויפגעפּרעסטע תקופות און געשטאַלטן פון דער יידישער געשיכטע.

און איר דערמאָנט זיך דערביי יענעם וווּנדערבאַרן טייטש איבער דעם ארון־קודש, וואָס האָט באַדאַרפט זיין פון האָלץ און באַדעקט פון ביידע זייטן, ד. ה. פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, פון גאָלד. זאָגן טאַקע די חז״ל, אַז בצלאל האָט דעריבער געדאַרפט מאַכן דריי קאַסטנס: אַ קאַסטן פון האָלץ, און אים אַריינטון אין אַ קאַסטן פון גאָלד און אין דעם הילצערנעם קאַסטן אַריינטון נאָך אַ קאַסטן

פון גאָלד. האָט זיך באַקומען, אַז דער ארון קודש, וואָס איז געווען פון האָלץ איז געווען פון אויסנווייניק באַדעקט מיט גאָלד און פון אינעווייניק.

אויב אַזוי, האָט אַ גדול געפרעגט, אויב פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק איז דער ארון געווען באַדעקט מיט גאָלד, איז צו וואָס האָט דער אינערלעכער קאַסטן געדאַרפט זיין פון האָלץ, אַז סיי ווי האָט מען אים דאָך ניט אַרויסגעזען, נאָר בלויז גאָלד פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק?

— אָבער, האָט דער גדול געטייטשט, גאָלד איז אַ מעטאַל, אַ מעטאַל איז בטבע קאַלט, און וואַרעמט ניט, אָבער האָלץ איז וואַרעם און וואַרעמט, און איז אַ טייל פון אַ בוים, וואָס איז אַ סימבאָל פון לעבן, ווייל אַ בוים גיט לעבן אַנדערעביימער. פון אַ קערנדל פון אַ בוים וואַקסט אַרויס אַ צווייטער בוים. אַ בוים גיט פרוכטן, שאָטן, בלעטער, בלומען, און גאָלד איז קאַלט און קען ניט אַרויסגעבן גאָרניט.

דעריבער האָט אין די צוויי קאַסטנס פון גאָלד פון ארון קודש, געדאַרפט דער אינעווייניקסטער זיין פון האָלץ, אַן "עץ חיים", בכדי צו וויסן אַז אינערהאַלב דעם קאַלטן גאָלד שלאָגט די לעבעדיקע וואַרעמקייט, דער פולס פון "חיים", פון לעבן.

און איר פילט אַט־דאָס געפיל ווען איר האַלט קאַלט ישראלדיק געלט אין דער האַנט, איר פילט די יידישע וואַרעמקייט, די וואַרעמקייט פון ביאַליקס פּאָעזיע, איינשטיינס גאונות, הערצלס וויזיע און וויצמאַנס מסירות פאַרן יידישן אילעאַל.

און געלט איז דאָך בלויז אַ מיטל, אַ טויש־מיטל און אַ סימבאָל פון האַנדל, פון געשעפטן.

זענען מיר, אַ שטייגער, בייגעווען, מיט אַ קוזין, אַ קבלן, אַ בוי־אונטערנעמער, אַ קויף־אָפּעראַציע פון אַ דעפּאַרטאַמענט אין אַ בלאָק וואָס ער בויט מיט אַ שותף.

מיר האָבן שוין געזען אַ סך בוי־אונטערנעמער און אינזשעניערן, אָבער מיר מוזן זיך מודה־זיין אַז אַזעלכעס האָבן מיר ניט געזען און נאָך ניט געהערט.

דער קבלן איז ערשטנס אַ פרומער ייד מיט אַ באָרד, און זיין שותף איז אויך אַ פרומער ייד מיט אַ באָרד, אַ האַרטן קאַפּעליוש און אַ קאַפּאָטע, און אַזוי שטייט ער דאָרטן, ביי דעם בוי־ווערק, די הענט אַרונטער, גיט אַכטונג, רעדט און טענהט מיט די אַראַבישע אַרבעטער אויף אַראַביש, און דערמאָנט מיר אַ טיפּ פון מנחם־מענדל פון יידישן טעאַטער. אַזאַ אונטערנעמער אין אַזאַ טראַכט האָב איך און מסתמא ניט איר נאָכנישט געזען אין ערגעץ.

איך בין בייוועזנד, ווי אַן עלטערע באַשייטלטע יידענע קויפט אַ דעפּאַרטאַמענט, שטעלט די געהעריקע בוי־באַדינגונגען, די אָביקאַציע פון די פאַרשיידענע חדרים, אָבער דערביי בעט זי דעם אונטערנעמער אַראָפּצורעכענען פון דער פּרייז, ווייל עס וועט ניט זיין פּלאַץ אין דעפּאַרטאַמענט פאַר אַ סוכה, און מען וועט מוזן מאַכן די סוכה אויפן טראַטואַר... און אויך, בעט זי אַראָפּצולאָזן פון דעם פּרייז, ווייל אין דעם דאָזיקן בלאָק, איז נאָך ניטאָ קיין שיל, און זי וויל ניט אַז אויף שלש סעודות, זאָל איר מאַן דאַרפן גיין ווייט... דער "קבלן" פאַרזיכערט אַז אויך אַ שיל וועט מען זען דאָ אויפצושטעלן, און די יידענע באַרואיקט זיך און ווערט נאָכגעביקער אין דער פּרייז.

דערביי, קומט אַרויס אַ דיקער ברייטער באַבערדלטער יונגערמאַן פון אַ צווייטן

דעפּאַרטאַמענט און קלאָגט זיך פאַר דעם אונטערנעמער, אַז ער האָט אים נאָכניט פאַרריכט דעם קראַן, וואָס גיסט שוין אַ היפּש ביסל צייט, כאָטש ער האָט יענעם באַצאָלט וויפל ער האָט אים געפאָדערט פאַר דער שטוב. איך הער דערביי זינגען אַ סך קינדער מיטאַמאָל, און פרעג מיין קוזין, צי עס איז פאַראַן נאָענט אַ שולע אָדער אַ קינדערגאָרטן, ענטפערט מיר מיין קוזין, אַז קיין קינדערגאָרטן און קיין שולע איז דאָ נאָך ניט פאַראַן, נאָר דאָס זענען די צען קינדער פון דעם דאָזיקן ישיבה־מאַן, קיין עין־הרע, דער וואָס קלאָגט זיך פאַרן ניט פאַרריכטן דעם קראַן, און רוימט מיר דערביי איין אַ סוד, אַז ער האָט שוין מיט דעם דעפּאַרטאַמענט געמאַכט אַ בעסער געשעפט, ווי ער מיטן גאַנצן בנין, ווייל ער האָט אים געלאָזט פאַר שפּאָט־ביליק, און ער קלאָגט זיך נאָך...

רבותי, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אויך אין בוענאָס איירעס גייט דאָך אָן שטאַרק דער בוי־פיבער, דאָס קויפן און פאַרקויפן הייזער, דאָס שטעלן באַדינגונגען און אָנמערקן וועגן בוי, אָבער אַזאַ טראַנזאַקציע, אַזעלכע קבלנים, אַזעלכע קונים, אַזעלכע קאָנדיציעס פון אַ סוכה, פון אַ שיל אויף שלוש סעודות, בין איך אייך מודה ומתוודה, אַז איך האָב נאָך ניט געזען ביז איצט.

ריכטיק, טאַקע קאַלטע ניכטערע געלט־געשעפטן און טראַנזאַקציעס, אָבער זאָגט זיך וואָס איר ווילט, דאָס איז דאָך און פאָרט "יידיש געלט", הערצלס געלט, ביאַליקס געלט, וויצמאַנס און איינשטיינס געלט, וואָס פון אינעווייניק שלאָגט אַרויס די וואַרעמקייט פון דעם יידישן לעבנס־בוים, פון דעם עץ־החיים וואָס וואַרעמט און פלייצט מיט יידישקייט.

דער גייסטיקער אויפשוואונג פון ישראל

בלי ספק אַז ישראל מאַכט דורך אַ גרויסן אויפשוואונג אויפן גייסטיקן געביט, און דאָס איז צו מערקן אויף שריט און טריט.

עס דוכט זיך אַז גאַנץ ישראל לערנט, און אַז דאָס לאַנד באַשטייט פון בתי־אולפנא, פון לערן־הייזער, און דאָ קומט גריילעך צום אויסדרוק אַז אונדזער פאָלק איז ניט קיין עם־הארץ, אַ געוויינטלעך פאָלק, נאָר אַן עם התורה און אַן עם הספר.

נעמט ירושלים, דוכט זיך אייך אַז עס ווערט צונויפגעשטעלט פון שילן, בתי־מדרשים, קולטור־הייזער און שולעס.

שולעס, לערן־הייזער, פון אַלע טיפּן, פאָלקס־שולן, מיטל־שולן, העכערע שולן, פאַקולטעטן אויף טריט און שריט. גיי איך למשל אַ פּאָר קוואַרטאַלן אין בית־וגן, די שיינע פרומע געגנט פון ירושלים, איז איין לערן־הויז נעבן אַנדערן ממש.

טרעפט איר זיך אָן אין אַ "בית־יעקב" שולע פאַר מיידלעך, און דערנעבן אין דער גרויסער "קול־תורה"־ישיבה, און ווייטער אין דעם ישיבה־טעכנאָלאָגישן אינ־סטיטוט, און דערנעבן אין דער "מכללה", אין דער פרומער פאַקולטעט פאַר מיידלעך, א.א.וו.

איז דערמאַנענדיק לערן־הייזער פאַר פרומע מיידלעך, קענט איר זיך אויסוויילן צווישן דער "מכללה", צווישן "בית יעקב", צווישן "חורב", צווישן "עוועלין ראָט־שילד"־שול, א.א.וו. ממש אַ שפע אויף איין געביט איז, וועגן ישיבות, שוין אָפּגע־רעדט, קענט איר זיך אויסקלייבן צווישן "נתיב מאיר", "ישיבת־הכותל", מיר, טעלז, קול־תורה, א.א.וו. א.א.וו.

דאָס איז בלויז פרומע שולן. ניט קיין פרומע, אַ שלל, פון די אָנפאַנג־שולן ביז די מיטל־שולן, פּראָפעסיאָנעלע, ביז דער העברעישער אוניווערסיטעט אויפן הר־הצופים.

ביבליאָטעקן, בוכהאַנדלונגען און ספרים איבעראַל. סיי אויפן תורה־געביט ווערן פּערמאַנענט אַרויסגעגעבן נייע ספרים אויף פאַרשיידענע געביטן, וועמענס אויסוואַל איז ביז גאָר אַ רייכער, אַז איר ווייסט ניט מיט וואָס אָנצופאַנגען. אַזוי אויך אויף די אַנדערע געביטן.

יעדער איינער לערנט, אפילו די וואָס לערנען ניט סיסטעמאַטיש. מיין קוזין, אַ זייער פאַרנומענער מענטש, האָט שוין יעדן טאָג, נאָך פיר פאַרטאָג, אַ שטענדיקן שיעור, פאַרן אַרויסגיין צו זיין אַרבעט.

שיעורים איבעראַל, אין די פאַרשיידענע קרייזן, געזעלשאַפטן, שילן א.א.וו.

זאָגט מיר אַ פריינד פון אַרגענטינע, אַז אין דער געגנט ווו ער וווינט, קומען פאַר אַ שבת מסתמא ביי די פינף הונדערט שיעורים אין די פאַרשיידענע שילן

װעלכע ריגגלען אַרום זײַן געגנט אין ירושלים, אַזױ אַז ניט נאָר עולם הבא האָט ער דאָ, נאָר ממש "עולם הזה", דעם גרעסטן פאַרגעניגן...

און ניט נאָר שיעורים װאָס יעדער אײנער נעמט אָדער האָט אין זײַן באַשטימטן קרײַז, נאָר עס װערן אָרגאַניזירט קאָלעקטיװע שיעורים, װי למשל די "ירחי כלה" װוּ הונדערטער יידן קומען זיך צונויף צו לערנען צוזאַמען און הערן שיעורים פון גרויסע אויטאָריטעטן.

אַט װערט איצט די טעג אָרגאַניזירט אַ כינוס פאַר תורה שבעל־פה, װאָס װערט יאָר־יערלעך דורכגעפירט אין ירושלים, און אַט װעלן פאָרקומען סימפּאָזיעס װעגן דער ראָל פון מדינת־ישראל און ירושלים.

שוין אָפּגערעדט פון די אויסשטעלונגען, אַקטן, קאָנפערענצן, צוזאַמענפאָרן פון כל המינים, שוין אָפּגערעדט פון די "מלווה מלכה"ס, סיומס א.א.וו.

נעמט למשל, די ראַדיאָ, איז דאָס אַ קוואַל פון גײַסט. מיטוואָך איז פאַראַן אַ קאָמענטאַר פון פּרשת־השבוע, פּרײַטיק די פּרשה, די הפטרה, איבער די ימים טובים, א.א.וו. חסידיש געזאַנג, חזנות, פון סידור, דאַווענען, פון מחזור, קינות, סליחות א.א.וו. דעסטגלײַכן די טעלעוויזיע, וווּ עס איז פאַראַן למשל מוצאי־שבת דער "שבוע טוב", די "גוט וואָך"־אוידיציעס א.א.

שוין אָפּגערעדט די העברעישע צײַטונגען, װאָס ברענגען קאָמענטאַרן פון דער פּרשה, אגדתאס, אָפּהאַנדלונג פון די דערשינענע ספרים, תורה־אָפּהאַנדלונגען אויף פאַרשײדענע שטחים, און איר גײט אַרויס באַלערנט פון די דאָזיקע טאָג־בלעטער.

איר האָט דעם אײַנדרוק אַז דאָס איז טאַקע "ירושלים של מעלה", און אַלץ אונטערן מאַנטל פון יידישקײט.

אַט למשל פון די פּלאַקאַטן פון די װענט, אָטעמט מיט יהדות. אײן פּלאַקאַט למשל, פאַר תשעה באב, רופט צו אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע קעגן דעם פאַלמעטן מתים, אַ צװײטער פּלאַקאַט רופט פאַר דער אָפּהיטונג פון צניעות פון דער יוגנט, און דערבײַ אַ שלל פון פסוקים און ספרים־ציטאַטן. אַ צװײטער פּלאַקאַט רופט שבת־נחמו אין שיל פון "היכל שלמה", וווּ עס װעט דאַװענען דער נשיא־המדינה, די אַנדערע פּלאַקאַטן רופן צו טעאַטער־ספּעקטאַקלען, צו קינאָ־בילדער, און צו פאַרשרײַבן זיך אין די פאַרשײדענע מיטל־שולן, היות װי מען האַלט פאַרן אָנפאַנג לערן־סעזאָן, װאָס דערעפנט זיך אין עטלעכע װאָכן אַרום.

איר פילט, אויף טריט און שריט דעם אָטעם און דעם פּולס פון אַ פאָלקס־קולטור אין אַלע שאַטירונגען.

אפילו אין שיל פון אונדזער מרכז־הקליטה קומען פאַר יעדן שבת שיעורים, און אײן אַמעריקאַנער עולה פרעגט מיך װיפל אַזײגער איז דער שיעור פון פּרקי־אבות. װער שמועסט װעגן אויספלוגן אויף היסטאָרישע ערטער און אַרכעאָלאָגישע פלעצער, װאָס איז אַ טײל פון דער פאָלקס־קולטור, װאָס איז באַלערנדיק און פול מיט גײַסט.

עס איז ממש אַ קאָכנדיק ברויזנדיק קולטור־לעבן, װוּ קינד און קײט לערנט און איז אַרײַנגעטון אין גײַסטיקע אינטערעסן, און װוּ מען װערט אַרײַנגעצויגן אין די זעלבע, װײַל דאָס איז עס די הערשנדיקע אַטמאָספערע.

מיין חבר פון אַרגענטינע, וואָס געפינט זיך דאָ אויף אַ שטודיום, דערציילט, ווי זיין יינגעלע פון 10 יאָר לויפט אַלע טאָג אין אַ שיל צו אַ שיעור פון משניות, ווייל זיינע חברים טוען דאָס זעלביקע, קען ער ניט בלייבן אויסערן אַמביענט...

ווי באַקאַנט, איז דער מענטש אַ פּראָדוקט פון דער סביבה, און ער אַסימילירט זיך צו דער סביבה. גייט דאָ אויך אָן אַט־אַזאַ סאָרט אַסימילאַציע, אויף אַלע יידישע תפוצות געזאָגט געוואָרן...

דער גייסטיקער אויפשוווּנג, די ספּיריטועלע דערוואַכונג, איז געוואָרן אַן אָרגאַ־נישע און נאַטירלעכע טייל פון דעם היגן יידישן שטייגער־לעבן, און אַ באַדאַרף. אַזוי אַז מען ווערט אַריינגעריסן, מיטגעריסן און אַריינגעצויגן.

ווען אַלץ אָטעמט מיט קולטור און גייסט, ווען מען שאַצט לויט דעם דאָזיקן מאַסשטאַב און מען קוקט דורך אָט דער פּריזבע, איז עס אַ פּאַרטיקער מאָדעל און אַ מאַטריץ פאַרן היגן יידישן לעבן און אויסלעבן זיך.

דאָ איז מען זיכער מקיים הונדערטפּראָצענטיק דעם "ללמוד", דאָס לערנען. דאָס איז די ערשטע קלאַוזל, פאַרן "ללמד", לערנען יענעם. יעדער איינער לערנט דאָ.

איך געדענק דאָס וואָס אַ יונגער אַרגענטינער יידישער אינטעלעקטואַל אין בעסטן זין פון וואָרט, האָט נאָכן אָפּזיין אַ שטיק צייט אין ישראל, ווו ער פאַרנעמט אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין דער לערן־וועלט, האָט מיר איינמאָל געזאָגט:

דאָ וויל אַ יעדער איינער מיט דיר לערנען, בעת אין ישראל, וויל יעדער איינער אַליין זיך לערנען. און אין ישראל פילט איר באַשיינפּערלעך אַז עס ווערט מקוים דער "ללמוד וללמד", אָבער נישט נאָר דאָס, אויך דער "לשמר ולעשות".

זיץ איך פּונקט ביים שרייבן אָט־דאָס קאַפּיטל און פון דער ראַדיאָ טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון "נחמו נחמו עמי", ערב שבת נחמו, און איך טראַכט טאַקע, אַז דאָס איז פאַר אונדז די בעסטע טרייסט, וואָס נאָכן גרויסן פאָלקס־חורבן, נאָך די "דריי וואָכן", פון אונדזער חורבן־געשיכטע, איז אויפגעקומען אַזאַ גייסטיקער מעכטיקער צענטער ווי דאָס איז די יידישע מדינה, וואָס ברענגט אונדזער אומה אַריין דעם "נחמו נחמו", די דאָפּלטע טרייסט, די טרייסט פון נאַציאָנאַלער אויפריכטונג און די טרייסט פון גייסטיקער צעבליונג, וואָס די השגחה האָט אונדז באַשערט אין אונ־דזערע טעג.

דאָס לאַנד פון קאָנטראַסטן און פּאַראַדאָקסן

אַ סך מאָל הערט איר זאָגן אַז ישראל איז דאָס לאַנד פון גרויסע קאָנטראַסטן. איר זעט עס טאַקע אויסערלעך און אין פאַרשיידענע היגזיכטן.

למשל, אויסערלעך, קענט איר זען דורכגיין יידן אין בערד און קאַפּעטעס, אין די גרעסטע היצן, מיידלעך פרומע אין זייער צניעותדיקן לבוש, און גלייך נעבן זיי, דאָס פאַרקערטע, צעכראַסטעטע מענטשן אין שאָרט, און אַזעלכע פרויען אין אַ קנאַפּן צניעותדיקן לבוש, וואָס איז אין שניידנדיקן קאָנטראַסט צו דע פריער־דערמאָנטע.

אָדער פון אַ קיאָסק זאָל אַראָפּקוקן אַ פרומע בראַשור און זשורנאַל און דערנעבן, אַזאַ זשורנאַל מיט אַזאַ "צניעותדיקן" שער־בלאַט, אַז איר זאָלט רויט ווערן אינמיטן גאַס. אַזוי שטיי איך טאַקע אויף אַ גאַס אין ירושלים, און אַ פאַרקויפער גייט דורך און שרייט "עולם הזה", דער עולם הזהדיקער זשורנאַל, ווען עס גייט דורך אַ פרומער בחור שון שרייט אים איבער: "עולם הבא"...

אָדער איר גייט אין אַ שיל אַריין, גייען יידן שבתדיק אָנגעטון, און דערנעבן פאָרן אַדורך אויף ביציקלעטן אין די באַד־קאָסטיומען יינגלעך און מיידלעך וואָס גייען צו דער פּליאַזשע.

אָדער ווי האָט אַמאָל אַ גדול געזאָגט: אין ארץ ישראל איז גרויס די קדושה און אויך די טומאה, ווייל ווו עס איז פאַראַן קדושה, דאָרט איז פאַראַן טומאה און פאַרקערט.

אָבער מיר באַמערקן, למען האמת, אַן אַנדער אַספּעקט אין דער גאַנצער פראַגע.

יאָ, עס זענען פאַראַן קאָנטראַסטן, בולטע, שרייענדיקע, נאָר עס איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישן ישראל, אין דעם זין, און אין די תפוצות.

אָט למשל, גייען מיר תשעה באב צום כותל. טויזנטער און טויזנטער יידן ציען זיך פון און צו דער וואַנט. אַלע, אָדער דער רוב, אין לייוועגטענע שיך, און דאָ, אויפן וועג דרייען זיך אַרום אַ פּאָר ליידיקגייערישע בחורים און מיידלעך און בכוונה פאַר די פאַרבייגייער, זינגען, טאַנצן־אונטער און שטעלן־אָן מוזיק.

איז דאָס גאָר אַ פּאָזיטיווער קאָנטראַסט. ד.ה. אַז דאָס רוב איז טאַקע תשעה באבדיק, און דער מיעוט איז דער קאָנטראַסט צו דער הערשנדיקער שטימונג.

אין גלות איז דאָס פאַרקערט. אַז איר זעט עמעצן גיין תשעה באב אין לייוועגטענע שיך, איז דאָס אַ פּליאה, אַ גרויס וווּנדער, אַן אויפפאַלנדיקע זאַך, אַ קאָנטראַסט צו דער הערשנדיקער סביבה.

צי אַז איר דערזעט אַ יידן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט פּיאות, צי גאָר אין אַ שטריימל, איז אויף צו נעמען בילעטן דאָס אָנצוקוקן...

דאָ זענען טאַקע פאַראַן טומאהדיקע זאַכן, לויט יענעם יידן, אָבער אַלס קאָנטראַסט צו דער הערשנדיקער קדושה, בעת אין אַנדערע ערטער, איז אינגאַנצן קיין קדושה

ניטאָ, איז דעריבער ניטאָ קיין קאָנטראַסט, וואָס זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן.

אוודאי איז אַ קאָנטראַסט אַז ווען איר גייט אין שיל, לויפן אייך פאַרביי בחורים און מיידלעך אין באַד־קאָסטיומען וואָס גייען צו דער פּליאַזשע, אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט גייען טויזנטער און טויזנטער בחורים און מיידלעך דאַווענען אין די פאַר־שיידענע שילן, אַ זאַך וואָס איר זעט ניט ערגעץ אַנדערשוווּ, און דאָס איז דער פּאָזי־טיווער קאָנטראַסט און פּאַראַדאָקס.

דער עיקר: עס איז דאָ וואָס צו קלייבן, און דער וואָס זוכט יידישקייט, קען דאָס געפינען אויף אַלע טריט און שריט און פולע הויפנס.

איך געדענק מיט אַ שמייכל יענעם היימישן טוריסט, וואָס האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט מיט יאָרן צוריק ישראל, און ווען מיין פאָטער, זאָל געזונט זיין, האָט אים געפרעגט ווי זעט אויס יידישקייט אין ישראל, האָט יענער געענטפערט אַז ער האָט געזען שבת אַ סך יידן ביי דער פּליאַזשע.

האָט אים מיין פאָטער געענטפערט: ווער האָט דיר געהייסן פונקט גיין שבת אויף דער פּליאַזשע, האָסט דאָך געקענט גיין אין אַ שיל אַריין, וואָלסטו דאָך פאַר־שפּאָרט צוצוזען חילול שבת?...

וואָס־וואָס, ארץ ישראל, מיט די שוואַכסטע זייטן, וואָס איז גאַנץ נאַטירלעך אַז אַ מדינה זאָל דאָס פאַרמאָגן, איז דאָך דער גרויסער גייסטיקער צענטער פון אונדזער אומה, און ס'איז טאַקע "כי מציון תצא תורה", עס ווימלט און שוויבלט מיט יידישקייט.

צי איז עס אויפן כשרות־געביט, צי איז עס אויפן קולטור־געביט, אויפן פרומ־קייט־געביט, אין חסידות, אין מסירת־נפש, אין חינוך, אויפן ישיבהשן געביט.

אָט למשל איז דאָ אין גאָר מאָדערנער מאָדע דער "כולל", ווו יונגעלייט זיצן און לערנען, און די פרויען אַרבעטן אַלס לערערנס און האַלטן זיי אויס.

אדרבא: פרייערע מיידלעך האָבן אַ פּרעפערענץ פאַר אַזעלכע יונגעלייט, היות זיי זענען איידעלער און דערצויגענער ווי די אַנדערע און זענען נאָכדעם גוטע און געטרייע מענער.

ווי האָט געזאָגט הרב גאָרען אויפן דיאַלאָג צווישן אַמעריקאַנער יידן און ישראל־פירער אויף דער פייערלעכער דערעפענונג פון דער 63־סטער וועידה פון אַמערי־קאַנער מזרחי־הפועל המזרחי, וואָס מיר האָבן געשריבן ביי אַ פאַריקער געלעגנהייט: איין שכונה פון ישראל פאַרמאָגט מער יידישקייט ווי גאַנץ אַמעריקע!"...

אוודאי קען מען אָנווייזן אויף שוואַכע און אויף שאָטנדיקע זייטן. אָבער דער עיקר זענען ניט די זון־פלעקן נאָר דאָס גרויסע ליכט וואָס פלייצט אַרויס פון ציון.

איר געדענקט דאָך גוט, וואָס יענער רב פון אונדזערע לענדער האָט אַמאָל געזאָגט: אַז יידישקייט וואָלגערט זיך אויף די גאַסן, אין אַ געוויסן לאַטיין־אַמערי־קאַנער לאַנד. האָט אים איינער, ווען עס איז גראָד געווען באַקאַנט די ווירקלעכ־קייט פון יענעם מקום געפרעגט: — רבי, זייט מוחל, אָבער אין יענעם לאַנד זעט זיך יידישקייט גאָרניט אָן.

— דו האָסט ניט ריכטיק פאַרשטאַנען — האָט אים דער רב געענטפערט. ווער עס האָט אַביסל יידישקייט אין שטוב, וואַרפט עס אַרויס אויף דער גאַס. אַזוי אַרום, אַז יידישקייט וואָלגערט זיך אויף די גאַסן...

אין ארץ־ישראל איז אַביסל אַנדערש, יידישקייט וואַלגערט זיך באמת אויף דער גאַס. עס אַטעמט אומעטום מיט יידישקייט, און דער "כי מציון תצא תורה", איז ניט נאָר אַ שיינער ווונטש און אַ שיינער זאָג, נייערט אַן אמתע און גליקלעכע ווירקלעכקייט.

ערשט יענע וואָך, אין אַ שמועס מיט אַ זיד־אַפריקאַנער יונגן אינטעלעקטואַל וואָס איז אַקאָרשט עולה געווען קיין ישראל, און רעדנדיק וועגן דאָרטיקער יידישקייט האָט ער מיר שפּאַסיק באַמערקט:

דו ווייסט די דעפיניציע פון אנוסים? דאָס זענען געווען יידן, וואָס מחמת מורא פאַר דער אינקוויזיציע, האָבן זיי זיך פאַרשטעלט פאַר גויים.

די מאָדערנע דעפיניצע פון הייַנטיקע אנוסים איז גאָר אַ פאַרקערטע: דאָס זענען גויים וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר יידן...

יאָ, שפּאַס אין אַ זייט. די ווירקלעכקייט פון דער לאַגע איז טאַקע אַזוי:

ריכטיק: פאַראַן אַ סך קאָנטראַסטן אין דער מדינה, אַ סך פּאַראַדאָקסן, אָבער דאָס זענען, ווי אויבן געזאָגט, צום גליק, קאָנטראַסטן צו אַ שיינער הערשנדיקער ווירקלעכקייט.

פאַראַן אַ סך ניט פּאַסיקע זאַכן, נאָר דאָס איז אַ שפּרענקעלע אויף דעם גרויסן פּאַס ליכט וואָס שעמערירט אויפן לעבן אין דער מדינה, און דער וואָס וויל אויסקלייבן און וויל געפינען, קען דאָ־הי געפינען פולע הויפנס קדושה וטהרה, יידישע פאָרמען און קאָנטיורן, יידישן אינהאַלט און טראַכט, און סוף סוף איז דאָס דער עיקר און דאָס איז די גרויסע פרייד און דער גרויסער אויפטו און שטאָלץ פון אונדזער יידישער מדינה.

אויף אַ שפּאַציר צו די אבות

מיט אַ פאַרשטענדלעכן נייגער און אינטערעס זענען מיר געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין בית־לחם צום קבר־רחל און קיין חברון צו דער מערת־המכפלה.

די דאָזיקע באַזוכן און שפּאַצירן זענען עפּעס ניט קיין פּריוואַטע, נאָר איר פילט זיך אין דער דאָזיקער רגע ווי איר וואָלט געווען דאָס פאָלק ישראל, און איר גייט אויף די שפורן פון דער פאָלקס־געשיכטע, און איר קומט צו ביז די וואָרצלען פון דער אויספורעמונג פון אייער אומה.

אַ מאָדנער געפיל כאַפּט אייך אַרום, ווי איר וואָלט אַריינגעפאָרן אין ווייטע פּרעהיסטאָרישע צייטן. די אומגעבונג איז טאַקע געאייגנט דערצו. די נאַטור־ראַם איז פונקט צוגעפּאַסט צו אַט־דער שפּירונג. איר קענט זיך בכלל ניט אָפּוואונדערן פון דער נאַטור־שיינקייט פון דעם אַרום: ״ג־טס וווּנדער״, טראַכט איר ביי זיך, ווען אויפן וועג טוישן זיך דאָ בערג און טאָלן, און איר זעט דעם הידור פון גרינע ליגנדיקע ווייגשטאָקן וואָס שפּרייטן זיך אַרום דעם גאַנצן וועג און איבער די פּאַרקנס איבערן וועג הענגען אַריבער זאַפטיקע הענגלעך וויינטרויבן, וואָס לאָקן דאָס אויג און זאַפטיקן אייער גוסט ביים פאַרזוכן זיי.

די בערג טוישן זיך מיט זייער מראה. אַט־שוועבן פאַרביי גרין־באַדעקטע בערג־לעך, אַט נאַקעטע שטיינערדיקע בערג, און אַט פאַרבויטע מיט שיינע הייזער־בלאָקן.

מיר קומען צו קיין בית־לחם און גייען גלייך אַריין צום קבר־רחל. אַ הייליקער ציטער כאַפּט אייך אַרום ווען איר קומט אַריין צווישן דער צונויפגעדרענגטער מאַסע מענטשן, וואָס שטייט און זאָגט תהילים, דירעקט־אויס געבעטן ביי דער מוטער רחל.

פון די ווענט קוקן אַראָפּ אויסגעקריצטע פּסוקים איבערן ״ושבו בנים לגבולם״, און אויך געשריפטן פון די באַזוכער פון דעם קבר־רחל.

דאָס געפיל איז גאָר אַ געהויבנס. איר שטייט ביים קבר פון דער מוטער פון אונדזער אומה, די באַרעמהאַרציקע מאַמע רחל, וואָס בעט פאַר אירע קינדער, לויט דער אגדה, און איצט זענען טאַקע אירע קינדער צוריקגעקומען פון זייערע גלותן און בעטן ביי איר, ווי טאַקע ביי אַ גוטער דערבאַרעמדיקער ליבער מאַמען.

ביים אַרויסגאַנג שטייט אַ ברונעם און איבער דעם אַן אויסגעקריצטער שטיינער־נער טאָוול, אַז אַט־דעם ברונעם האָבן איינגעשטעלט די יידישע ברידער פון באָמביי, אינדיע, און איר וואַשט זיך די הענט דערנעבן און גייט אַרויס עפּעס אַ געלייטערטער, אַן אויסגעווייקטער און אויסגעוויינטער, ווי טאַקע נאָך קבר־אבות.

פון דער ״מאַמען״, לאָזט מען זיך צו די ״אבות״, קיין חברון.

דער וועג איז פאַנטאַסטיש שיין, און איר הייבט אָן אַריינצופאָרן אין דער אַריענ־טאַלישער אַמאָליקער צויבער־וועלט. איר קומט אָן קיין חברון, און איר באַטראַכט די אַראַבער ביי די הייזקעס און קלייטלעך, זייערע פרויען, פאַרדעקט די פּנימער,

די אַראַבער וואָס רייטן אויף די קליינע אייזעלעך, די קינדער וואָס פאַרקויפן זייערע מערקווירדיקייטן. איר באַטראַכט די גאַנצע אומגעבונג, איידער איר גייט אַריין אין דער מערת־המכפלה, און אייך דוכט זיך אַז עס איז טאַקע די עפּאָכע פון אברהם אבינו. אַזוי האָבן טאַקע אויסגעזען די אַמאָליקע וואַנדערנדיקע אַראַבער, וואָס אונדזער פאָטער האָט אויף זיי געוואַרט כחום־היום, אויף אורחים, אַזוי האָבן אויסגעזען די אַרומיקע בערג, אַזוי די הייזער, און עס דוכט זיך אַז אָט וועט איר טאַקע אַליין אַריין אין דעם אוהל, אין דעם געצעלט פון אברהם אבינו און שרה אמנו.

מיר קומען אַריין צוזאַמען מיט הונדערטער יידן אין דער מערת־המכפלה, און גייען איבער די שטיגן וואָס פירן אַריין צום קבר.

אינעווייניק איז אימפּאָזאַנט, אַ הויך געוועלבטער בנין, קילבלעך. דער טאָג איז זייער אַ הייסער אָבער אינעווייניק איז גאָר קיל. עס קומט אייך גלייך אויפן זינען, אַז אויך אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, האָבן די מידע וואַנדערער דערפילט ביי אונדזער פאָטער אין געצעלט אָט די מחיהדיקע פרישקייט, נאָך אַן אויסמאַטערנדיקן הייסן וועג.

מיר קומען אַריין אין דעם הויפּט־זאַל און קוקן אַראָפּ צום אילומינירטן טויער צו דער מערה, צו דער הייל וווּ עס ליגן די אבות, און וווּ מען זאָגט אַז עס איז דער שער, דער טויער פון גן־עדן.

און מיר הייבן אָן צו באַזוכן די אבות און אמהות, יעדן איינעם אין זיין קבר־צימער. גלייך ביים אַריינקומען אין דעם צימער פון אברהמען און שרהן, שטייט שוין אַ גרויסער עולם און מען הייבט־אָן צו דאַווענען מנחה בציבור. עס שטייט אַן עמוד, און מיר שטייען און דאַווענען אין דער מערת־המכפלה, איבערן קבר פון אונדזער אברהם און שרה. אַ ספּעציעלע פייערלעכקייט כאַפּט אייך אַרום, ווען דער ספרדישער בעל־תפילה זאָגט מיט אַזוי פיל הארץ די הויכע שמונה עשרה, און די מתפללים ענטפערן אָפּ מיט אַ דבקותדיקן "אמן", נאָך יעדער ברכה. נעבן מיר שטייט אַ יונגערמאַן, און טייכן טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן. די שטימונג איז ביז גאָר אַ רירנדיקע. עפּעס אַ קלייניקייט! דאַווענען פאַר די אבות. עס שטייען די בני־ישראל, יידישע קינדער פון דער גאַנצער וועלט און גיסן אויס זייער געבעט ניט פאַר קיין אַנדערע ווי פאַר אונדזערע עלטערן, שטייען און זענען מתפלל פאַר די וואָרצלען פון אונדזער שטאָם.

מיט זיי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער געשיכטע, אונדזער גלויבן, אונדזערע מידות, אונדזערע וואַנדערונגען, אונדזער גורל, און דאָ שטייען מיר און מיר דער־מאָנען זיך דעם תלמודישן זאָג אַז "תפילות אבות תקנום", די תפילות האָבן דאָך איינגעפירט די אבות, און נאָך טויזנטער יאָרן שטייען מיר טאַקע און זאָגן איצט פאַר זיי די תפילות, וואָס זיי האָבן עס איינגעפירט. לויט די ספרים, האָט אברהם איינגעפירט דאָס דאַווענען שחרית, יצחק — מנחה און יעקב — מעריב, און אַזוי פירן מיר זיך טאַקע זינט דאַן ביז היינט־צו־טאָג. מיר דאַווענען דריי מאָל אין טאָג.

נאָכן דאַווענען, גייען מיר באַזוכן יעדן טאַטן און יעדע מאַמע באַזונדער, לויט זייער עלטער, פריער אברהמען און שרהן, נאָכדעם יצחק און רבקהן און נאָכדעם יעקב און לאה.

ביי יעדן קבר־בנין שטייען מענער און פרויען און שאָקלען זיך, זאָגן תהילים, שטייען פאַרדבקותט, פּרעפּלען.

ביי רבקהס קבר שטייט אַן עלטערע ספרדישע פרוי און רעדט אַריין, און בעט־אַריין אויף איר לשון, אויף אראביש, און אַלעמאָל טאַפּט זי די וואַנט און קושט.

אַ צווייטער יונגערמאַן, רעדט־אַריין און בעט־אויס אַ גרינגע קליטה אין לאַנד פון די אבות ווו דער מאַמעס קינדער האָבן זיך איצט צוריקגעקערט, און בעט ישועות אויף יידן.

ביים אַרויסגאַנג פון דער אימפּאָזאַנטער געביידע פון דער מערה ווייזט מען אונדז אַן ביים אויסגאַנג־טויער אויף די שטיינער איבער דער טיר, אַלטע ירושלימער ביט־געטעסעטע שטיינער, וואָס שטייען שוין דאָרטן זינט יאָרהונדערטער. פון אויבן גיבן מיר אַ בליק, אַזוי ווי מיר וואָלטן דאָס געזען פון אַן אַוויאָן, די גאַנצע שטאָט חברון אויסגעשפּרייט איבער די בערג, און מיר קענען זיך גאָרניט אָנזעטיקן מיט דער עקזאָטישקייט פון דעם אַמביענט, ווי דאָס וואָלט ספּעציעל אַזוי געבליבן פאַר די "אבות", וואָס זענען דאָך אַלטע לייט, און קענען זיך ניט "מאָדערניזירן". די שטאָט איז טאַקע אַזוי צוגעפּאַסט צו דעם קבר־אבות, און אַזוי פאַרבלייבט זי אין דעם געמיט.

מיר דערמאָנען זיך דערביי, אַז ווען מיט יאָרן צוריק, האָבן מיר באַזוכט די שטאָט טוקומאַן אין אַרגענטינע, איז אונדז גלייך געקומען אײַנזינען צו באַזוכן די "קאַסאַ דע טוקומאַן", דאָס היסטאָריש הויז פון דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פון אַרגענטינע, ווען מיר זענען געבליבן אַנטוישט, ווען צווישן געוויינטלעכע הייזער, האָט מען אונדז פּלוצים אָנגעוויזן אַז דאָס איז די "קאַסאַ דע טוקומאַן". עס האָט נאַטירלעך געפעלט די נאַטור־ראַם, די היסטאָרישע ראַם, די שטימונגס־ראַם, וואָס איז אַזוי וויכטיק ווי די געביידע זעלבסט.

דאָ, ווידער, אין חברון, איז נאָך פאַרן אַריינקומען אין דער מערת־המכפלה, דערפילט איר שוין גלייך די שטימונג, ווייט עס אַן מיט דער אומגעבונג, אָטעמט עס מיט דער אַנטיקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, מיט דער אורשפּרינגלעכער אַטמאָספערע פון די אבות, אַז איר האָט דאָס געפיל, אַז ניט נאָר גייט איר אויף "קבר־אבות", נאָר צו אַ לעבעדיקן באַזוך ביי די עלטערן, ביי אייערע עלטערן, ביי די אבות פון אייער "בית־ישראל", פון אייער יידישן הויזגעזינט.

אָט מיט אַזאַ געפיל, און מיט אַזאַ געמיט האָבן מיר פאַרלאָזט אָט דעם מקום־קדוש, אָט דאָס פּלאַץ, ווו עס ליגן די טיפע אורשפּרינגלעכע וואָרצלען פון אונדזער יידישן שטאַם, פון וואַנען עס האָט זיך צעצווייגט דער עץ־חיים פון יידישן פאָלק.

ארץ זבת חלב ודבש...

אַז איר זענט אין ישראל, איר באַרייזט דאָס לאַנד, איר באַקוקט עס, פילט איר יענעם פסוק דעם אַלטן, פון חומש אַרויס, ווי צוגעפּאַסט ער איז עס, ווי אָנגעמאָסטן; „ארץ זבת חלב ודבש", אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. עפּעס האָט איר טאַקע דאָס געפיל פון חומשדיקייט, דאָס צוריקקערן זיך צו דער צייט וואָס איר האָט גע־לערנט חומש אין חדר, דאָס ווידער דורכקרייצן די ברייטע פעלדער און פליינען, לארכם ולרחבם, ווי זיי ווערן טאַקע געשילדערט אין דעם חומש. עפּעס ליגט אויף דעם, דער צויבער און דער טומאַן פון קינדערשער פאַרטראַכטקייט און אַריינבליקונג אינעם דמיון אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען איר האָט געלערנט וועגן די אבות און אמהות, וועגן יוסף און זיינע ברידער, און וועגן צוזאָג אַריינצופירן די בני־ישראל אין אַ לאַנד פון מילך און האָניק, אין אַ לאַנד פון מאַנדלען און פייגן, פון ווייַנשטאָקן און פון פאַלמען.

איר פילט דאָס באַשייַנפערלעך אין יעדן טריט און שריט, אַז איר קומט טאַקע אַריין אין דעם טונעל פון דער אַמאָליקער צייט, אין אַלץ, ראשית אין דער געאָגראַ־פיע, אין דער פּאַנאָראַמע, אין דער לאַנדשאַפט, אין די מאכלים, אין די פּראָדוקטן, און אַט־דער אַלטער היימישער זיסער חומש־טעם צעגיסט זיך אין דער ווירקלעכקייט איבער אייך, און איר מיינט אַז איר טרעט טאַקע איבער די לאַנד־בלעטער פון אַ גרויסן צעעפנטן חומש.

איר דערמאָנט זיך אויך די אגדה אַז ארץ־ישראל הייסט ארץ־הצבי, דאָס הירשן־לאַנד, ווייל אַזוי ווי די פעל פון אַ הירש איז איינגעשרומפּן, אָבער קען זיך אויפ־וויקלען און איז אייגנטלעך אַ סך גרעסער ווי עס זעט אויס, אַזוי איז עס דאָס לאַנד, מיט די געבערג, מיט די הויכן און נידער, וואָס געאָגראַפיש איז עס אויף דער מאַפּע קליין, אָבער זאָל מען עס פאַנאַנדערוויקלען, אויספּרעסן די בערג, באַזעצן די בערג־שיפּועים, די גרינע אָפּהאַנגען און טאָלן, ווי מען טוט עס טאַקע, קען דאָס גאַנצע פאָלק אַהינצו אַריין, און עס איז פּונקט ווי אָנגעמאָסטן פאַר דעם.

און איר דערמאָנט זיך אויך, יענעם וווּנדערבאַרן טייטש פון עסן מילכיקס שבועות, ווייל ביים באַקומען די תורה איז דאָס פאָלק ווי נייַ געבוירן געוואָרן, איז „היום נהיית לעם", און אַ ערשט־געבוירענעם גיט מען טאַקע מילך צו טרינקען. דאָס פילט איר ביים זיין אין ישראל, אַז איר זענט נייַ געבוירן געוואָרן אין געמיט, אין גייסט, אין שפּראַך, אין קולטור, אין יידישקייט, איר באַטראַכט אַלץ מיט קינ־דערשן נייגער און חידוש, ווי אַ ערשט־געבוירענע וועלט וואָלט זיך פאַר אייך אַנט־פּלעקט, טאַקע מיט יענעם חדרדיקן חומשדיקן געפיל, מיט יענער קינדערשער תמימות און נאַיווקייט באַטראַכט איר און באַוווּנדערט אַלץ און אַלעמען.

דאָס וואָס איר האָט שוין ערגעץ אַנדערש איבערגעלעבט און געפילט, געשפּירט און געאַנט, איז דאָס פאַר אייך דאָ אַ גרויסע דערהייגעניש און וויוועניץ.

אַט־למשל, זענען מיר געגאַנגען באַטראַכטן די באַן, די יידישע באַן מיט אַזויפיל ציטער און פרייד, גלייך מיר וואָלטן געזען אַ באַן צום ערשטן מאָל אין אונדזער לעבן... ספּעציעל האָבן מיר זיך אָוועקגעשטעלט, ווי מיר וואָלטן געקומען פון דאָרף אין שטאָט אַריין, ביי דעם אַריינגאַנג צו דער באַן־סטאַנציע, בכדי צו באַאָבאַכטן די אָנקומענדיקע און אָנפאָרנדיקע טאַקסיס מיט די פּאַסאַזשירן, און אַלעמאָל האָט פאַר אונדזערע אויגן פאַרביימאַרשירט און זיך אַנטפּלעקט אַ ספּעציעלער מענטשן־בילד, פון וועלכן מיר האָבן געשעפּט פולע הויפנס הנאה.

אַט גייט אַראָפּ אַ פאַמיליע פון אַ יונגן חסיד, מיט רענצלעך און וואַליזקעס, צו בעמען די באַן, וואָס גייט פון ירושלים קיין חיפה.

דער יונגערמאַן מיט אַ קאַפּאָטע, מיט אַ שיינער רויטער באָרד, מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש, די קינדער מיט פאות, און די פרוי פיין און צניעותדיק געקליידעט. אַט יאָגט־אָן אַ קאָטש מיט אַ מזרחי־פאַמיליע, מיט די געשטריקטע קאַפּעלעך, און אַזוי ווייטער און ווייטער. דאָס איז באמת אַ פאַרביישוועבנדיקער אינטערעסאַנטער מענטשן־קאַליידאָסקאָפּ, פון אַלע סאָרטן, וואָס פאַרכאַפּן אייער אינטערעס און אויפמערק־זאַמקייט.

אַט קומט די באַן פון תל־אביב, און איר באַטראַכט די אָפּשטייגנדיקע פּאַסאַזשירן.

איבער אַלץ איז אָפּגעשטעמפּלט די יידישלעכקייט פון דער מדינה. דער העברע־ישער קלינגעוודיקער לשון, די געשריבענע אותיות אומעטום כישופן און פאַנגען אייער בליק. אַט־למשל, אַז איר גיט אַ צי דאָס גלעקל אין אויטאָבוס, אָפּצושטייגן, גיט זיך אַ צינד אָן אַ שילד, איז אין איין אויטאָבוס שטייט אילומינירט געשריבן "עצור", אָפּשטעלן זיך, אין אַ צווייטן "שמעתי", ד.ה. איך האָב שוין געהערט, אַז דער נהג, דער שאָפער האָט שוין געהערט און ווייסט שוין אַז ער דאַרף זיך אָפּשטעלן ביי דער נעקסטער תחנה, די סטאַנציע. און אין אַ דריטן שטייט גאָר: "אך רגע", נאָר אַ ווייליקע...

אָדער למשל, אַז דער שכן לייט־אייך אויס אַ שאָך צום שפּילן, איז איבערן מלך אַ מגן־דוד, איבער דער מלכה, אַ מנורה, און איבערן טורעם אויך אַ ליגנדיקער מגן־דוד. איר פילט און מיינט אַז דער שאָך איז געבוירן געוואָרן ניט אין פּערסיע, נאָר גאָר אין ישראל... פרייט איר זיך און קוועלט־אָן ממש ווי אַ קינד, ביים אַריינבאַ־קומען אַ נייע שיינע צאַצקע...

איך דערמאָן זיך דערביי, דאָס וואָס עס איז טאַקע געשען אַמאָל מיט מיין קינד ווען עס איז געגאַנגען אין דער שפּאַנישער אָנפאַנג־שול, און די לערערקע האָט זיי געהייסן צייכענען די מצבה איבער בעלגראַנאָס קבר, צום טאָג פון דער פאָן, און מיין יינגעלע האָט ניט געוואָלט נאַטירלעך צייכענען דעם צלם איבערן קבר, זענען ער און זיין יידישע מיטשילערין געפאַלן אויף אַ גליקלעכער המצאה: זיי האָבן טאַקע געצייכנט די מצבה פון בעלגראַנאָ, אָבער אַנשטאָט אַ צלם האָבן זיי געצייכנט אַ מגן דוד... איר שטעלט זיך פאָר, בעלגראַנאָס מצבה מיט אַ מגן־דוד?...

די יידישלעכקייט איבער אַלץ איז נאַטירלעכערווייז אַזוי אַרומנעמענדיק און

אַנשטעקיק, אַז דורך אַ טעות זענען מיר אַריין אין אַן אַראַביש דאָרף און אַנגעטראָפן אַ גרויסע מחנה אַראַבישע קינדער, און צווישן זיי אַן אַראַביש מיידעלע וואָס האָט געטראָגן אַ כיפּה, אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ. אַפּנים עס האָט זיך מתקנא־געווען אין די יידישע קינדער וואָס טראָגן יאַרמולקעס, אָדער עס איז איר סתם געפעלן צו טראָגן עס אויפן קאָפּ.

אַזוי באַטראַכט איר אַלץ און אַלעמען, מיט אַ־דעם נייגער און טוריסטישן אינטערעס וואָס איז פּערמאַנענט ניי און לעבעדיק.

אַזוי איז עס געווען ביי אייך איינער פון די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע ספּאַרטן דורכקלעטערן די בערג אַרויף און אַראָפּ, פון איין ישוב צום צווייטן, און איר פילט אַליין דעם ״מי יעלה בהר ה׳״, דאָס קלעטערן אויף די ירושלימדיקע בערג, ווי עפּעס ניט קיין אַלפּיניסטיש פאַרגעניגן, נאָר אַ הייליקן ציטער.

און יעדע זאַך און יעדעס פּלאַץ פירט אייך אַריין אין די פאַרשיידענע תקופות פון דער געשיכטע, און עס איז אייך פּשוט אומגלויבלעך אַז איר אַליין טרעט עס אויף די דאָזיקע ערטער, ווו עס האָבן אַמאָל געטראָטן די נביאים, די מלכים, די אבות און אמהות.

אַ־למשל פירט מען אונדז צו די ״ברכות שלמה״, צו די ריזיקע וואַסער־באַסיינען, וואָס געפינען זיך אויסגעהאַקט און שטיינערדיק אויסגעלייגט צווישן די בערג אַרום ירושלים, ווו שלמה המלך האָט געזאַמלט די רעגן־וואַסערן פאַר ירושלים פאַר אַ צייט פון טריקעניש און וואַסער־מאַנגל. איר באַטראַכט דאָס אַרכיטעקטאָניש טויזנטיעריק ווערק, וואָס שטייט נאָך אַזוי ניי און פריש, ווי עס וואָלט ערשט געבויט געוואָרן, און עס איז אייך פּשוט אומגלויבלעך דער פאַקט אַז דאָס האָט שוין עטלעכע טויזנט יאָר, און איר שטייט היינט און באַטראַכט עס אַזוי רואיק און געלאַסן...

אָדער אַז איר באַטראַכט אין האָטעל ״האַלילעגנד״, וואָס אויפן באַרג אין ירושלים די אויפגעבויטע שטאָט ירושלים אין מאַקעטן, אין די צייטן פון בית־שני, מיטן בית־המקדש, און איר האָט פאַר אייך די גאַנצע שטאָט פון צוויי טויזנט יאָר צוריק פאַר אייערע אויגן, מיינט איר אַז איר זענט אויך פון יענער עפּאָכע.

עס איז טאַקע ״ארץ זבת חלב ודבש״, אַ לאַנד פון מילך און האָניק אין געמיט, די מילכיקע שפּייז פון אייער קינדהייט און די זיסע האָניק־נאַשוואַרג פון אייערע חדר־יאָרן, וואָס איר שעפּט מיט פולע הויפנס צוריק איצט.

און איר דערמאָנט אייך אין שפּאַס, אַז דעריבער שטייט אַז די יידן האָבן געזאָגט אַז זיי געדענקען ״את הדגה״, די פיש וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין מצרים און ״בשבתנו על סיר הבשר״, און דאָס זיצן ביים פלייש־טאָפּ וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין גלות. און דאָ אין ישראל עסט מען טאַקע ניט קיין סך פלייש, נאָר דאָקעגן איז עס אַ לאַנד פון שפע פון מילכיקס און פון זיסוואַרג, פון חלב ודבש, ניט נאָר אין דעם מאַטעריעלן זין, נאָר טאַקע אינעם גייסט, אין דער שפּירונג, ס׳איז דאָס חומש־לאַנד פון אונדזער געשיכטע, פון אונדזער געמיט, פון אונדזערע טרוימען און חלומות, וואָס איז איצט פאַר אונדז געוואָרן אַ גליקלעכע ווירקלעכקייט אין אַלע הינזיכטן, לעולם ועד, לדור דור ולנצח נצחים!

אַ באַזוך אין "מאה שערים"

אָפּגעזען פון יעדער ריכטונג, פּאָליטישע איינשטעלונג אָדער רעליגיעזע סימפּאַטיע, קענען מיר זאָגן אָביעקטיוו, אַז עס געפעלט אונדז דאָס וואָס אין ישראל, אין דעם גרויסן מאָזאַיק דעם בונטפאַרביקן, פון עדות, פון טראַכטן, פון שפּראַכן, פון מנהגים, געפינט זיך אויך אַזאַ קאָליר־פול פּלאַץ, וואָס איז ווי אַרויסגענומען פון אַ טעאַטער־מאַנטאַזש, ווו עס דוכט זיך איר קומט אַריין אין אַ ניט־רעאַלער וועלט, אין אַ מין יידישן "האָליווּד", וואָס איז גרייט צו דרייען אַ פילם וועגן אַמאָליקן יידישלעכן לעבן פון אַ יידיש חסידיש שטעטל אין פּוילן, לויט דעם וואָס מען האָט אייך איבערגעגעבן מינדלעך און שריפטלעך אין דער יידישער ליטעראַטור, אָדער אין דעם יידישן טעאַטער און פילם.

ווען איר קומט אַריין אין דעם דאָזיקן יידישן קוואַרטאַל, גיט עפּעס אַ ציטער־אויף אַ פאַרבאָרגענע סטרונע פון אייער יידישן געמיט און הייבט זיך אָן אַזוי צו צעשפּילן אינעווייניק ביי אייך...

בלויז ביים איבערטרעטן פון איין זייט מאה שערים, און איידער איר דרייט זיך אַריין אין די געסלעך און צווישן די מערק פון אָט־דעם אייגנאַרטיקן קוואַרטאַל פון ירושלים, גיט אייך אַ פלייץ מיט וואָרעמקייט דער אויפגעשריבענער שילד אויף ענגליש, וואָס לויטעט מער ווייניקער אַזוי: "טייערער באַזוכער, איר ווערט דאָ אויפגענומען ווערן מיט דער גרעסטער פריינדלעכקייט, אָבער ביטע די פרויען צו קומען אָנגעטון פּאַסיק, און די מענער ניט אַריין מיט אַ הוילן קאָפּ. ביטע צו רעספּעקטירן אונדזער אָרט־לעבן און אונדזערע אויפפירונגען און שטייגער, לויט די פאָרשריפטן פון אונדזערע הייליקע ספרים".

און שוין אָט־דער שילד איז עס דער עדות, אַז איר ווערט טאַקע אַריין אין אַ קוואַרטאַל פון יידן וואָס לעבן זיך־אויס לויט אָט־די דורותדיקע פאָרשריפטן, אָבער ניט נאָר גייסטיק און אינהאַלטלעך, נאָר אויך אויסערלעך, אינעם לבוש, אינעם גאַנג, אינעם געבוי פון די הייזער און גאַסן, ווי די צייט וואָלט דאָ גאָרניט פאַריבער זינט יאָרהונדערטער, און ווי די מאָדעס און גענג פון דער מאָדערנער וועלט וואָלטן גאָר קיין שליטה ניט געהאַט און וואָלטן בכלל ניט באַקאַנט געווען און אַריינגעדרונגען דאָרטן.

ווייזט־אויס אַז דער גייסט איז פעסט, אַז די אינערלעכע וועלט איז אַזוי קאָנסאָלידירט, איז די אויסערלעכע וועלט אויף קיין האָר ניט משפיע.

און דאָס האָט איר גלייך דעם איינדרוק, ווען איר דערזעט די פּאַטריאַרכאַלישע יידישלעכע פיגורן פון אַלע סאָרטן, ווען איר באַגעגנט די אָנקומענדיקע יידן, עלטערע מיט צעוואַקסענע ברייטע ווייסע בערד, איינגעבויגענע רוקנס, ברייט־ראַנדיקע האַרטע קאַפּעליושן, לאַנגע קאַפּאָטעס, ווער מיט זאָקן און ווער ניט, מיט די איינגעשניטענע

געזיכט־אויסדרוקן און פּנים־שטריכן, אַז איר קלערט ביי זיך, אַז אַזוי, לויט די בילדער, האָבן אויסגעזען אייערע זיידעס און עלטער־זיידעס אין פּוילן, אין רוסלאַנד, אין גאַליציע.

און אַט־קומען־אָן מיטליעריקע יידן, ווער מיט שוואַרצע קאַפּאָטעס, און ווער מיט געשטרייפּטע העל־ברוינע קאַפּאָטעס, כאַראַקטעריסטישע פון מאה שערים, ווער מיט אַ שטריימל און מיט ווייסע זאָקן, ווער יום־טובדיקער אין דער וואָכן, מיט אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ שמחה.

און דאָ קומען־אָן יונגעלייט, מיט די שיינע ווייסע געזיכטער, מיט די רויטלעכע בערד, מיט די לאָקנדיקע באַמבלדיקע פּיאות, און לאָזן זיך אין שיל אַריין, לערנען אָדער דאַווענען.

און איבערהויפּט ווערט איר פאַרכישופט פון די קינדער, מיט די הויזן מיט שלייקעס, מיט די טלית־קטנס, מיט די געשווירענע קעפּלעך און לאַנגע צעפּלדיקע פּיאות, פּונקט ווי איר האָט עס געזען אין טעאַטער ביי "מאָטל פּייסי דעם חזנס". רונדיקע פּנימלעך, און זיי רעדן צווישן זיך אין אַ היימישן יידיש, ווי אין דער אַלטער היים. עס ווערט אייך וואַרעם אויף דער נשמה, ביים דערזען זיי און דערהערן דעם אַזוי פאַרהיימישטן מאַמע־לשון, וואָס איז שוין געוואָרן אַזאַ גרויסע זעלטענהייט אויף די ליפּן פון דעם אויפקומענדיקן דור פון אומעטום.

איר קוקט אויף זיי, אויף זייער גאַנג, אויף זייער שמועסן און שפּילן, און עס דערמאָנען זיך אייך ביאַליקס משהלעך און שלמהלעך, מיט די כשרע אייגעלעך". אוןווירקלעך ווייזן זיי דאָך זיך אין כשרות, און טובלען זיך אין יידישקייט, דאָס איז דאָך אייגענטלעך זייער אינערלעכע און זייער אויסערלעכע וועלט און לעבנס־אינטערעס.

און אַט־באַמערקט איר די צניעותדיקע פרויען, יונגערע, עלטערע, מיט די צוגע־דעקטע קעפּ, און איר שטעלט זיך פאָר אַז אַזוי האָבן זיך געפירט און געגאַנגען אייערע באָבעס און עלטער־באָבעס.

איר הייבט אָן זיך אַריינדרייען אין די געסלעך און באַטראַכטן די גאַסן, די הייזער, די קראָמען, אַלץ און אַלעמען.

עס וואַרפן זיך אין די אויגן די פּילע האַנדלס־הייזער פון תשמישי־קודש און ספרים. איין האַנדלס־הויז איז פון קונסט־בילדער, אָבער אַלץ איז אויף רעליגיעזע טעמים, ווי אויל־בילדער וועגן כותל־מערבי, בילדער פון גדולי־ישראל, פון רביים און רבנים, פּוסקים און מקובלים.

די שפּייז־קרעמלעך זענען דאָ לרוב. אַ גרויסע גרינצייג־קראָם פאַרקויפט גרינ־צייג מיט אַ גרויסן שילד, אַז אַלע פּראָדוקטן זענען אונטער דער השגחה פון "ועד השמיטה".

פון אַ צווייטער קראָם פאַרשמעקט אַזש די פרישע חלה און געבעקסן. עס איז דאָנערשטיק אָוונט, און דער עולם צעכאַפּט ממש די געבעקסן אויף שבת, און איר דערמאָנט זיך אייער אייגענע קינדהייט, ווען איר פלעגט מיט אומגעדולד שוין וואַרטן אויף די פרייטיק־פאַרטאָגיקע שבתדיקע געבעקס וואָס די מאַמע ע"ה פלעג אָפּבאַקן און אייך צוטיילן. מיר קויפן טאָקע און פאַרזוכן אַזאַ מין געבעקסט, און עס ווייט־

גלייך אָן מיט יענע היימישע מאַמעשע געשמאַקע קוכנס, וואָס ליגן אייך נאָך אויף אייער צונג און אויף אייער בענקענדיקן געמיט.

אַט גייען מיר פאַרביי אַ געשעפט ווו מען פאַרקויפט די ישראלדיקע "פאַלאַפעל", אַ מאכל וואָס די ספרדישע יידן האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד, און וואָס איז דווקא אַנגענומען געוואָרן ווי שיעור ניט דאָס "נאַציאָנאַלע" מאכל. מיר זענען אויך נהנה דערפון, אָבער ביים עסן דערזען מיר ווי אויבן, אויפן שילד פון געשעפט, שטייט, אַז רעכטס זאָלן זיך שטעלן מענער צו קויפן און לינקס פרויען, ניט חלילה זיך אויס־מישן. איר טראַכט דערביי, אַז אויף אַלץ איז אָפּגעשטעמפּלט די פרומע צניעותדיקע פירונג, אפילו אויף אַ פאַלאַפל־געשעפט...

מיר גייען ווייטער און טרעפן־אָן דריי יידן שמועסן. תחילה, לויט דעם אופן פון שטיין און רעדן, קענט איר מיינען וואָס פאַרא וועלט־פּראָבלעמען צי וועלט "פּאָלי־טיקע" זיי שמועסן עס. אָבער דערנענטערנדיק, הערן מיר גאָר ווי איינער "אַנטפּלעקט" פאַר די אַנדערע צוויי אַ חידושדיקן טייטש פון דער פרשה פון דער וואָך "ראה", און סיי דער דערציילער און סיי פאַר די וואָס ער גיט איבער די תורה קוועלן־אָן און צעגייען זיך אין נחת פון דעם דאָזיקן נייעם אַריינטייטש אין דעם פסוק "ומל ה׳ אלקיך את לבבך"...

איך גיי ווייטער און זע, ביים ראָג פון גאַס, צווישן די הויכע פענצטער יונגע חסידים דיסקוטירן וועגן דעם צי דער רבי וועט יאָ אָדער ניט אסרן. געניי וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, קען איך ניט אויפכאַפּן.

אַט לייענען מיר, ביי אַ קליינער ערשט־שטאָקיקער הייזקע, דעם שילד "בית דין הגדול", און קעגנאיבער, אין אַ שיל, איז ליכטיק, און דורכן פענצטער זעען מיר שטיין אַ בכבודיקן עלטערן יידן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, געבן אַ שיעור גמרא פאַר אַ פול־געפּאַקטער שיל.

מיר גייען ווייטער, אויף דער גאַס, שטייען טישן מיט ספרים און אינעווייניק פולע פּאָליצעס מיט כלערליי ספרי־קודש. עס זיצט דערביי אַ יונגער טיפּיש מאה שערימדיקער בחור, מיט אַ יאַרמולקע, צעפּל־פּיאות, אַ העלע געשטרייפטע קאַפּאָטע און פאַרקויפט זיי.

עס הויבן זיך שוין אָן לעשן די ליכטער פון די קראָמען און די מערק פון מאה שערים, עס ווערט שוין פינצטערלעך, און מיר לאָזן זיך אַרויס פון דעם קוואַרטאַל, און מיר מיינען אַז ניט נאָר גייען מיר אַוועק פון נאָך אַ קוואַרטאַל פון דער פיל־פּנימדיקער פּרעכטיקער שטאָט ירושלים, נאָר פון אַן אַמאָליקער וועלט, פון אַן אַנדערער וועלט, עפּעס נעמען מיר מיט אויף דער צונג דעם געשמאַק און גוסט פון אַ זיסן געשמאַקן ערב־שבתדיקן קוכן, וואָס האָט אויפגעוועקט אייער קינדהייט־זכרון, און אויך דעם אַראָמאַט פון אַ פאַרשווונדענער וועלט אין אַמאָליקער אייראָפּע, וואָס האָט זיך דאָ־אַזוי איבערגעפּלאַנצט, איבערגעגאָסן, אַזוי ווי יענע וועלט שטייט און גייט, און זעצט דאָ־הי פאָר, פונקט ווי אויף דער וועלט וואָלט זיך גאָרניט געביטן און געענדערט.

פרייטיק צו נאַכט ביים רבין

וואָס אָן אמת: מיר האָבן שוין לאַנג געגאַרט און געגלוסט צו זיין אין ירושלים, צו זיין אַ פרייטיק צו נאַכט אין מאה שערים, וווּ, ווי מען האָט אונדז איבערגעגעבן, "טוט" זיך אויפן געביט פון יידישקייט, און איבערהויפּט האָבן מיר געוואָלט בייזיין ביי אַ רבין, בעת ער פּראַוועט "טיש".

איז דאָך חסידות די פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט רעוואָלוציאָנירט דאָס יידישע פאָלקס־לעבן, און אַריינגעגעבן אירע אינהאַלטן און פאָלקלאָריסטישע און גייסטיקע שפּורן אויף דעם יידישן לעבן בכל תפוצות ישראל, ביזן היינטיקן טאָג.

איז דאָס דאָך די באַוועגונג וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזאַ רייכע אַנעקדאָטיק, ספרים און גוטע יידן, געזאַנגען און ניגונים, וואָס זענען צעטראָגן געוואָרן איבער ארבע פינות העולם, זיך אַריינגעוועבט אין די חתונה־מאַרשן און ניגונים, אין די חלוצישע לידער א.א.וו.

פילט מען דאָך איר השפעה אויף טריט און שריט אויף אַלע ניואַנסן פון אונדזער אויסלעבן זיך אַלס יידן און אין אַלע קעמערלעך פון אונדזער גייסטיקער יצירה.

איז גלוסט זיך צו זען בפועל ממש, מיט די אייגענע אויגן, און בייזיין, דווקא אין ירושלים, די אויסגעבענקטע און אויסגעתפילהטע, דווקא אין דעם שבת־קודש, ביי אַזאַ רביישן טיש, און פילן אַליין אָט־דאָס וואָס גאַנצע דורות און מיליאָנען יידן האָבן געשפּירט און געפילט אין די חסידישע געדיכטע קרייזן פון אַמאָליקן אייראָפּע, פונוואַנען מיר ציען נאָך אַלע די יניקה.

איז עס אַ געמיש פון נייגער, פון אַריינבליקן אין דער פאַרגאַנגענהייט, און פון אָנגעמען זיך מיט דעם אַראָמאַט פון יידישן שטייגער, וואָס האָט געפורעמט דעם גייסטיקן געשטאַלט פון אונדזער אומה פאַר די לעצטע דורות.

האָבן מיר טאַקע גענומען אַ פרייטיק צו נאַכטס, אָפּגעדאַוונט אין אונדזער שיל, אָפּגעפּראַוועט די סעודת־שבת, און זיך געלאָזט גיין, אַ וויַיטן וועג, אַריבער אַ שעה, ביז מאה שערים, און זיך איבערצייגן אַליין אין די אַלע שמועות פון פאַרצייטיקער לעבעדיקער יידישקייט וואָס גייט דאָרט קאָכיק אָן אין אַ שבת־קודש.

דער וועג איבער ירושלימער בערג, פרייטיק צונאַכט, איז שוין אַליין אַ גרויסע איבערלעבונג. די לופט אַ קילע, אַ פרישע, אַ מחיהדיקע. דער צעפינקלטער הימל און דער בערגיקער צעפינקלעטער אַרום איז פאַנטאַסטיש שיין, און מען שעפּט פשוט נחת, גייענדיק איבערן שבתדיקן כביש. מיר זאָגן "שבתדיקן כביש", ווייל עס מערקט זיך היינט דער שבת־קודש אין דער שיטערער אויטאָ־באַוועגונג, דאָרטן ווו אַ גאַנצע וואָך איז אָן אומאיבערגעריסענער אינטענסיווער אויטאָ־פּאַרקער.

מיר קומען אָן קיין מאה שערים, נאָכן גאַנג איבער די שטילע שפּעטלעך־נאַכטיקע ירושלימער גאַסן און געסלעך, כבישים און שטעגן. און דאָ אין מאה שערים, הייבט

זיך ערשט אַן דאָס "נאַכטיקע" לעבן. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ פאַנטאַסטישע וועלט, ווי מיר וואָלטן אַריין אין אַן אַנדער תקופה.

איבער די שמאָלע מאה שערימדיקע געסלעך, לאָזן זיך אין גאַנג צענדליקער און הונדערטער חסידים, יעדער איינער אַנגעטאָן אין זיין טראַכט, דער מיט אַ שטריימל, דער מיט אַ ספּאָדעק, דער מיט אַ גרויסן הוט, דער מיט אַ געשטרייפּטער העלער קאַפּאָטע, דער מיט אַ שוואַרצער, דער מיט אַן אַטלעסענער. דער מיט שוואַרצע זאַקן, דער מיט ווייסע.

און עס הייבן אָן פאַר אייך פאַרביימאַרשירן די בונטפאַרביקסטע מענטשן־גאַ־לעריע, פון די פאַרשיידענע הייכן, גרייס, קינדער, אַלטע, יונגע, מענער, פרויען, און אפילו קליינע וויג־קינדער אין זייערע וועגעלעך, וואָס ווערן געשטופּט פון זייערע באַשטריימלטע טאַטעס.

די שמאָלע געסלעך ווערן פול מיט מענטשן־גאַנג און באַוועגונג. אייער אויג זעטיקט זיך ממש מיט אָט דעם זאַנדערבאַרן ספּעקטאַקל, וואָס זעט אויס אַרויסגע־נומען פון ערגעץ אַ פאַנטאַסטיש בילד פון אַ פאַרשוווּנדענער וועלט, וואָס איר האָט נאָר געוווּסט פון דער ליטעראַטור, פון דעם טעאַטער אָדער פילם, און וואָס איצטער גייט זי פאַרביי אין אַ נייער לעבעדיקער ישראלדיקער אויפלאַגע.

מיר כאַפּן פּלוצעם אויף אַ מעכטיק כאָראַל שיין חסידיש געזאַנג, און לאָזן זיך גלייך צום פּלאַץ פון וואַנען דאָס קומט. מיר שטעלן זיך אָוועק ביים פענצטער פון אַן אילומינירטער ישיבה־בית־מדרש, ווו עס זיצן צענדליקער חסידישע יונגעלייט און זינגען אַזוי אַדורכגענומען און פאַרדבקותט.

און אָט גייען מיר אַריבער צו אַן אַנטקעגנדיקן פּונקט, פון וואַנען עס טראָגן זיך אויך חסידישע ניגונים, און דאָרטן זיצן שוין עלטערע חסידישע יונגעלייט און ביים אַריינגאַנג שטייען קינדערלעך מיט זייערע טלית־קטנדלעך, ווייסע פּנימלעך, בלאָנדע, מיט בלאָנדינקע פּיאהלעך, און רעדן אויף אַזאַ געשמאַקן היימישן יידיש. מיר פאַרפירן מיט אָט דעם קליינוואַרג אַ גיכן שמועס, און זעען אַז זיי זענען אַריינ־געטון איינגאַנצן אין די חסידישע קרייזן. זיי ווייזן אונדז טאַקע אָן ווו צו גיין צו דעם חסידישן הויף, צו דעם רבין און צו יענעם.

מיר לאָזן זיך גיין צום געדער רבין, אָבער שוין צוקומענדיק אַהינצו, גיט מען אונדז איבער אַז דער רבי איז אויף וואַקאַציעס אין חיפה, און דאַן לאָזן מיר זיך גיין צו אַ רבי פון ירושלים.

מען גיט אונדז איבער אַז עס זענען פאַראַן צוויי רביים, ביידע שוואָגערס, איינער איז דער איידעם פון דעם ערשטן רבין וואָס האָט איינגעפירט דאָס ירושלימער חסידות, און דער צווייטער איז זיין זון.

איין רבי פאַרמאָגט אַ גרעסערן הויף, אַ גרעסערן בית־מדרש, און דער אַנדערער אַ קלענערן. מיר קומען אַריין אין דעם גרעסערן בית־מדרש. ביים איינגאַנג איז פאַראַן אַ גרויסער זודיקער טיי־טאָפּ, פונוואַנען די חסידים צאַפּן־אָן הייסע גלעזער טיי און זופּן מחיהדיק. מיר קומען אַריין אינעווייניק, פון וואַנען עס טראָגט זיך אַ מעכטיק געזאַנג. דאָס בית־מדרש איז פול, און מיר דערזען אַ מאָדנע בילד.

ווי אויף אַ טריבונע, אויף ביידע זייטן, שטייען געדיכטע רייען חסידים, אויף

שטאַפּלען און וויגן זיך מעכטיק, און שאַקלען זיך האַסטיק בעת זיי זינגען מיט צעי־נומענער דבקות די חסידישע ניגונים.

צווישןביידע טריבונעס שטייט דער טיש, און בראש זיצט דער רבי און ביים לאַנגן טיש זיצן אויסגעזעצט צענדליקער חסידים, און אַרום זיי שטייען אויך צענדלי־קער, צונויפגעדרענגט און אָנגעשטרענגט אויפצונעמען דעם רבינס קול.

איך קום פּונקט ווען די חסידים זינגען דעם "אשת חיל" מיט אַזאַ התפּעלות, וואָס מיר האָבן נאָכניט געהערט.

נאָכדעם ווערט טויט־שטיל. דער רבי און דער גאַנצער עולם הייבט זיך אויף, דער רבי מאַכט קידוש, וואַשט זיך, מאַכט "המוציא", עסט און טיילט שיריים.

מיר ווילן אָבער זען אויך דעם צווייטן רבין, און מיר לאָזן זיך אין זיין מלכות. דאָרטן איז קלענער, אָבער דערפאַר קאָנצענטרירטער און היימישער, און מיר קומען אָן פאַר חצות־הלילה, און מיר רוקן זיך צו ממש נעבן רבין, בכדי ניט צו פאַרלירן קיין שום "אַקט" פון דעם גרויסן ספּעקטאַקל.

דער עולם זיצט און שטייט אַ צונויפגעדרענגטער. עולם פון אַלע עלטערס, פון קליינע קינדער ביז באַיאָרטע זקנים. עס וואַרפן זיך אין די אויגן אַלע סאָרטן בערד און פּיאות. ביי איין יונגן בחור, אַן איידעלער, אַ בלייכער, זענען די פּיאות אויסערסט לאַנג, ווי זיי וואָלטן געווען תפילין־רצועות, וואָס הענגען אַראָפּ איבער זיין קאַפּאָטע.

דער רבי, אַ פאַרנעמפּולער און הדרת־פּנימדיקער, אַן איידעלער, און מיט אַ וואַרעמער ציטערדיק־וויינענדיקער שטימע, מאַכט קידוש, טיילט שיריים.

עס איז שוין אַריבער איינס פאַרטאָג און מיר וואַרטן אויפן רבינס "תורה". דער עולם זעט שוין אויס אַביסל פאַרמאַטערט צוליב דעם נאָכאַנאַנדיקן זינגען, צוליב דער שפּעטער שעה, ווען דער רבי פאַנגט אָן זיין תורה־זאָגן. עס ווערט שטיל, ממש מען כאַפּט אויף דעם מינדסטן גערויש. דער רבי רעדט מיט אַ דורכגעווייקטער שטימע וועגן דער פּרשה פון דער וואָך, וועגן פּסוק "שום תשים לך מלך מקרב אחיך", וועגן יידישן קעניג, וועגן מלכות־שמים און מלכות־הארץ. ברענגט ציטאַטן פון דעם "זוהר" און טראַכטן דערביי, פון דעם אומגלויבלעכן נס, ווי יידישקייט האָט זיך איבערגע־נען מיט זיינע מידות, אַלס דער רעפּרעזענטאַנט פון דעם קעניג פון דער וועלט, און פּירט אויס, אַז היות מיר דערנענטערן זיך צום חודש תשרי, צום חודש פון מלכות, ווען דער אויבערשטער ווערט פּראָקלאַמירט אַלס מלך פון דער וועלט, דאַרף טאַקע יעדער ייד טון תשובה, זיך אָננעמען מיט גוטע מלכותדיקע מידות, זיך אָפּטרייסלען פון די שלעכטע מידות, וואָס די תורה הייסט דעם קעניג זיך דערווייטערן, און טאַקע "מקרב אחיך". עס זאָל זיין ברידערלעכקייט, עס זאָל הערשן אחווה צווישן יידן, עס זאָל זיין יראת־שמים ביי די בני־מלכים, ווי יידן רופן זיך.

מיר פאַרלאָזן דעם רבינס טיש שפּעט פאַרטאָג. אויף די גאַסן קומען נאָך־אָן און גייען־אָפּ חסידים.

שפּעט, ווען די גאַנצע שטאָט שלאָפט אויסער "מאה שערים", וואָס "קאָכט" נאָך מיט חסידישער יידישקייט, לאָזן מיר זיך צוריק גיין אַהיים, אויפן זעלביקן כביש, און טראַכטן דערביי, פון דעם אומגלויבלעכן נס, ווי יידישקייט האָט זיך איבערגע־פלאַנצט און איבערגעגאָסן דאָ־הי מיט אַזאַ קראַפט.

חנדלעך פון מדינת־ישראל

מדינת־ישראל פאַרמאָגט אַ סך חן־שפּרענקלעך אויף איר טאָג־טעגלעך פּנים, וואָס געבן איר צו אַ פּערמאַנענטן און אייגנאַרטיקן חן, און צייכענען איר אויס מיט דעם עכטן יידישן הומאָר און קנייטש, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אונדזער אומה.

אַט־למשל וואַרטן מיר אויף אָנקומענדיקע קרובים אויף דעם לופט־פּאַרט אין לוד. דער אַוויאָן שפּעטיקט זיך, און מיר זיצן ממש אַ גאַנצע נאַכט. דער עראָפּאָרט איז פול, ווייל די באַוועגונג אין לוד איז אַן אויסערגעוויינטלעכע. יעדע עטלעכע מינוט אַנאָנסירט מען דאָס אָפּפליען אָדער דאָס אָנקומען פון אַוויאָן, פון די פאַרשידנסטע ערד־טיילן, צי פון ציריך, צי פון רוים, צי פון ווין, צי פון טעהעראַן, מיט די פאַרשיידנסטע פלי־געזעלשאַפטן.

עס ווערט שוין שפּעטלעך, אָבער די באַוועגונג און דאָס פּובליקום ווערט אַלע מאָל גרעסער. און פּלוצים, גיט זיך אַן עלטערע פרוי, אַפּנים גאַנץ מיד פון וואַרטן און צוליב דער שפּעטער שעה, אַ לייג אַוועק אויף אַ טישל פון דעם צאָל־אַמט, און ווערט געשמאַק און אַזוי היימיש אַנטשלאָפן, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען ביי זיך אינדערהיים. מיר הייבן זיך אָן אַרומדרייען איבערן גרויסן האָל פון דעם לופט־פּאַרט, און צו אונדזער גרויסער שטוינונג, זעען מיר איבעראַל יוגענטלעכע שלאָפן געשמאַק אויפן דיל אין די געבראַכטע שלאָף־זעק.

אינדערפרי, ביים צוריקפאָרן קיין ירושלים, גייען מיר צו צו דעם אָפּשטעל פון דעם אויטאָבוס, וואָס דאַרף אָפּגיין אין אַ האַלבער שעה אַרום, און אויף דער גאָס, ביים אָפּשטעל ליגט זיך אַזוי רואיק און געמיטלעך אַן אַמעריקאַנער יוגענטלעכער און שלאָפט אַזוי נאַטירלעך, ביז דער אויטאָבוס רירט זיך קיין ירושלים.

מיר באַטראַכטן דאָס, שמייכלען־צו און קאָמענטירן, אַז נאָר אין ישראל קען אַזוינס פּאַסירן, און דאָס ליגן די קינדער פון יעקבן "על הארץ אשר אתה שוכב עליה", ווי דער פּסוק לויטעט, אויף דער ערד וואָס דו ליגסט אויף איר, וועל איך דיר און דיינע קינדער זי געבן. און ווי טייטשט דאָס איין דער רבי: "על הארץ אשר אתה שוכב עליה", אויף דער ערד וואָס דו האָסט זיך פאַרלייגט אויף איר. און מיר זעען טאַקע דאָ באַשיינפּערלעך אַז די יידישע קינדער האָבן זיך ניט נאָר פאַרלייגט אויף דעם דאַזיקן באָדן, נאָר ליגן טאַקע צעלייגט אויף אים פראַנק און פריי אינמיטן גאַס און אינמיטן לופט־פּאַרט...

אָדער אַז מיר גייען אַריין אינדערפרי צום טויער פון לופט־פעלד, גייט אַ ייד אינמיטן גאַס איינגעהילט אין אַ גרויסן טלית, און מיר פאַרשטייען ניט וואָס ער גייט דאָרט טון מיטן טלית, ווען מיר דערהערן אונדז רופן. דאָס רופט מען אונדז צום מנין פון דער שיל פון לוד, גלייך ביים איינגאַנג פון דעם טויער, און עס שטייט טאַקע

יענער ייד און נאָך אַנדערע און כאַפּן דערווייל אַריין אַ שחרית־דאַווענען אויפן עראָדראָם.

אָדער אַז מיר פאָרן צו דער מערת־המכפלה, און אַלץ אָטעמט מיט אָריענטאַלישן צויבער ווי אַמאָל, מיט דעם אַמאָליקן געבוי, מיט די אַראַבער, זייערע פאַרשלייערטע פרויען, זייערע איינגעמויערטע הייזער און קראָמען ווי עס וואָלטן געווען בערג־נישעס, זייערע טיפּישע אייזלעך, א.א.וו., ווו די גאַנצע אומגעבונג איז אַזוי צוגע־פּאַסט און דינט אַלס ראַם צו דעם אַנטיקן פּלאַץ, דערבליקן מיר ביים אַריינגיין אויף די טרעפּ פון דער מערת־המכפלה, פונקט קעגנאיבער אַ שילד וואָס לויטעט "בנק לאומי", וואָס דאָס איז אין דיסאַנאַנס מיט דער גאַנצער סביבה. ווו קומט עפּעס אַ באַנק אינמיטן דערינען קעגנאיבער דער מערת־המכפלה? אַפּנים אַז אויך אַנדערע יידן באַמערקן דאָס, ווען אייגער פון זיי רופט זיך אָן אינדערמיט, איצט פאַרשטיי איך דעם חומש, אַז ווען אברהם אבינו האָט אָפּגעקויפט די מערת המכפלה, האָט ער טאַקע באַצאָלט פאַר איר "כסף עובר לסוחר", גאַנגבאַר געלט, איז ווו האָט ער דאָס געלט גענומען, געלט וואָס איז געווען אַזוי גאַנגבאַר? — נאָר אין דער "בנק לאומי" וואָס געפינט זיך טאַקע אַנטקעגן...

אָדער מיר פאָרן אין אַ "שרות", דער קאָלעקטיווער טאַקסי פון ירושלים קיין תל־אביב, ווען ביים אָפּפאָרן אַ ביסל, בעט אַ יונגע דאַמע דעם "נהג", דעם שאָפער, ער זאָל זיין אַזוי גוט און האַלטן אָנגעצונדן דאָס ליכט פון אויטאָ. מיר זענען נייגע־ריק צו וויסן וואָס זי דאַרף דאָס, און מיר זעען ווי די יונגע דאַמע זאָגט פון אַ קליין סידורל אַרויס מיט גרויס כוונה, מאַכנדיק דערביי פרום מיט די ליפּן, ביים זאָגן שטיל דעם "תפילת הדרך", גיט אַ קוש צום סוף דאָס סידורל, און מעלדעט דעם שאָפער, אַז איצט קען ער שוין אויסלעשן דאָס ליכט...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, זעען מיר ווי אַ צווייטע יונגע פרוי בעט דער דאַמע צו לייען איר דאָס סידורל מיטן "תפילת הדרך", און בכדי נאָכאַמאָל ניט הייסן אַנצינדן דאָס אויטאָ־ליכט נעמט זי אַרויס פון איר טעקע אַ קליין מיניאַטור־לאַמטערנדל, באַלויכט די "תפילת הדרך" און ביים ענדע פאַרלעשט זי דאָס לאַמטערנדל.

— נו, וואָס זאָגט איר? — ווו נאָך קענט איר טרעפן אַזעלכע יידישע חן־פּינט־לעך אויף טריט און שריט?

איבעריק צו זאָגן, אַז איר קוועלט אָן און צעגייט ממש פון נחת, פון יידישן נחת אין דער מדינה.

אינטערעסאַנט ביז גאָר און באַחנט זענען די שוי־פענצטער פון די פאַרשיידענע געשעפטן און קראָמען, מיט די העברעישע אויפשריפטן און לאָזונגען, מיט די גע־גראַמטע פּראָפּאַגאַנדע און רעקלאַמע־ווערטער פון די פּראָדוקטן און מיט די אָריגי־נעלע זאַכן וואָס דאָרטן געפינען זיך, וואָס איר זעט עס צום ערשטן מאָל.

אָט־למשל אין אַן אַנטיקוואַרן־געשעפט שטייט אַרויסגעשטעלט אַ גרויסער און פּרעכטיקער שאָך־ברעט, ווו די "שטיינער" זענען אמתע גרויסע געשניצטע הילצערנע פיגורן. דער קעניג, דער שאָך, איז אַ קעניג, די מלכה, אַן אמתע מלכה־פיגור, דער טורעם ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַנשטאָט פערד — אמתע שיינע קעמלען, און די סאָלדאַטן, אמתע סאָלדאַטן־פיגורן, באַפּאַנצערטע און אויסגעשטאַטע מיט געווער.

בקיצור: דאָס שאַך־ברעט איז ניט נאָר אַ דמיון־שפּיל נאָר איר האָט און איר זעט פאַר זיך אַן אמתן שלאַכטפעלד, מיט סאָלדאַטן, מיט די קעמלען, מיט די טורעמס, גענעראַלן, בראש מיט די מלכים. און איר פאַרשטייט אַז דאָ איז ניט בלויז אַ פאַר־שטעלונגס־ און אינטעליגענץ־שפּיל נאָר ממש אַ געפעכט אויפן קריגס־פעלד צווישן צוויי פיינטלעכע מחנות, וואָס זוכן זיך פאַרמעסטן און קעגנזייטיק באַזיגן.

אָדער אין אַ בילדער־געשעפט, גייט איר אַריין אָנקוקן די שיינע געראַמטע בילדער, און איר בלייבט שטיין פאַרגאַפט פון דער אָריגינעלער קונסט. פון די ראַמען אַרויסן קוקן אַרויס פּראָפיל־פּערסאָנאַזשן און פּייסאַזשן, וואָס זענען בולט און וואַקסן אַרויס פון דעם בילד, ס'איז ניט נאָר אַ שיין הערלעך געמעל, נאָר אַ קאָמבינאַציע פון שניצעריי וואָס איז בולט, און איר זעט פאַר זיך אַ טרידימענסיאָנאַלן קינסטלע־רישן אויפטו וואָס פאַנגט דעם בליק און קריצט־זיך איין אין געמיט, און איז דערביי אַזוי געלונגען, אַז איר בלייבט אַזש באַגייסטערט פון דעם שיינעם חן וואָס באַ־צויבערט.

און אַזוי שריט אויף טריט, ווו איר גייט, שיינט אַרויס דער אייגנאַרטיקער יידישער חן, דער יידישער אויפטו, דער מוח, די זון־שפּריצן פון יידישן גייסט און שעפערישקייט, פון יידישן הומאָר, וואָס באַפאַרבן און ניואַנסירן דאָס לעבן אין דער מדינה.

אַז אַ מגן־דוד איז ניט קיין זעלטענהייט אין ישראל, דאַרף מען דאָך קיינעם ניט דערציילן, איז דאָך דאָס דער סימבאָל פון דער מדינה, פון דער מלוכה, פון יידישן פאָלק, און איבעראַל קענט איר אַזעלכן טרעפן, אָבער אַז איר גייט אינמיטן גאַס, און איבער דעם מאַטאָר פון אַ גרויסן אויטאָבוס שיינט אַרויס אַ גרויסער בראַנדזענער מגן־דוד, בלייבט איר שטיין אַנגענעם איבערראַשט.

אפילו די ווערטער וואָס די נהגים, די שאָפערן וואַרפן זיך איבער מיט די פּאַסאַ־זשירן, די דיסקוסיעס, די קריגערייען, אַטעמען עפּעס מיט אַזאַ יידישן חן!...

הקיצור: די מדינה איז אין רעכטן שוווּנג, אין פיבער פון וווּקס און אויפבוי, אין גייסטיקער און מלוכהשער נאָכאַנאַנדיקער אַנטוויקלונג, איז עס דער שמעלץ־טאָפּ פון יידישע גלותן, פון עדות און מנהגים, אָבער איבער אַלץ און איבער אַלעמען דער מערקווירדיקער און אַזוי אייגנאַרטיקער חן, וואָס גיט צו אַ באַזונדערן קאָלאָריט, אַן עכטע ישראלדיקע באַפאַרבונג דעם דאָרטיקן יידישן לעבן, און טיילט עס אויס צווישן אַנדערע מקומות, מיט אַ ספּעציפישן שטריך וואָס באַקוועלט און באַנחתט.

יידן, פאָרט קיין ישראל!

דער וואָס שרייבט אָט־די שורות איז ניט קיין שליח פון עליה און פון קיין שום אַנדערן דעפּאַרטאַמענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער פון אַ רעגירונגס־אַמט, נאָר אַליין אַן עולה, מיט אַלע פּראָבלעמען און קליטה־ווייען וואָס אַן עולה חדש דאַרף דורכמאַכן אין לאַנד, און דאָך, ווען איר וואָלט מיך געפרעגט, וואָלט איך ניט געזעגנט און געצווייפלט אויף אַ מינוט אייך צו זאָגן:

יידן, פאָרט קיין ישראל!

ניט דערפאַר וואָס דאָ אין ישראל איז אַלץ ווויל און גוט, ניט דערפאַר וואָס דאָ ענדיקן זיך שוין אַלע אייערע פּראָבלעמען און זאָרגן. אדרבא, אַ סך מאָל הייבן זיי זיך ערשט אָן, ווייל וויסן דאַרף מען אַז "כי האדם עץ־השדה", דער מענטש איז געגליכן צו אַ בוים, פון פעלד. ער וואַקסט און געדייט אויף זיין באָדן, און ס'איז ווי אַרויסרייסן אים פון דאָרטן ווען ער גייט אַריבער אין אַ צווייטן באָדן. הגם, אונדזער היסטאָרישער באָדן איז דאָך ארץ־ישראל, אָבער מען קען דאָך ניט פאַרהוילן דעם פאַקט, וואָס דער גלות, דער גורל, האָט אונדז פאַרוואָרצלט, צי מען וויל ניט, צי מען וויל יאָ, אויף אַנדערע פרעמדע באָדנס, וואָס אַ סך מאָל האָבן מיר שוין געמיינט אַז ס'איז אייגנס, און וואָס די גרויזאַמע געשיכטע האָט אונדז דווקא געוויזן אַנדערש...

אונדזער באַציאָנאַלע ברכה איז דאָך געווען, ווי די גוטע יידן טייטשן־איין דעם פּסוק, "כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם", אַז יידן וועלן זיך פילן פרעמד אין די ניט־זייערע לענדער, און דאָס האָט דאָך אויפגעהאַלטן אונדזער אינטעגריטעט אַלס פאָלק, אונדזער חלום צוריקצוקערן זיך צו ציון און ווידער באַנייען דאָרט אונדזער יידיש לעבן.

אָבער, דאָך זענען מיר דאָך יעדער איינער פּריוואַט אויף מערער אָדער ווינציקער געווען פאַרבונדן מיט די באַטרעפנדיקע אָפּשטאַם־צענטערן פון וואַנען מיר זענען געקומען, אַזוי, אַז עס איז שווער מיטאַמאָל איבערצורייסן, און נאָכמער מיטאַמאָל זיך איינגלידערן אין אַ נייער אָרטשאַפט, מעג דאָס טאַקע זיין אייערע, און דאָך, איז:

— יידן, פאָרט קיין ישראל!

ניט דערפאַר, ווידער, וואָס אַלץ איז דאָ גוט, גלאַט און פיין, און צו אייער געשמאַק. ווי האָט מען געזאָגט יענעם נייעם עולה ביים באַטרעטן צום ערשטן מאָל ישראל: ר' ייד, דאָ ענדיקן זיך אַלע אייערע צרות.

— וואָס, האָט יענער פאַרוווּנדערט געענטפערט? — איז דאָ אַלץ גוט און פיין?

— ניין, איר האָט ניט פאַרשטאַנען, ר' ייד, איז געקומען דער ענטפער. דאָ ענדיקן זיך אַלע אייערע "צורעס", אָבער עס הייבן זיך אָן אייערע "צאַראָט"...

ווירקלעך, פאַר אַ סך יידן, נייע עולים, ווער מער, ווער ווינציקער, הייבן זיך אָן

מיטן קומען אין לאַנד אַריין, אַלע זיינע "צאַראַט", חבלי־קליטה, איבערוואַנדלונג, איבערבויונג. אָבער אין אַנבליק מיט די אַנדערע מעלות פון דעם לאַנד, אין אַנבליק פון דער פרייהייט, פון דער יידישלעכקייט, פון דער קולטור, פון דער שיינקייט, פון דעם גייסטיקן אויפשוונג, פון דער נאַציאָנאַלער דערהויבנקייט, פון דער צוקונפט פון די קינדער, אַן דער לויערנדיקער אַסימילאַציע פון די גלות־אָרטשאַפטן, אַן די אַנדערע שרעקן, מאַטעריעלע, לעבנס־שרעק, א.א.וו. איז דאָס נאָך אַלץ איבערוועגנ־דיקער דער מאָטיוו פון:

יידן, פאָרט קיין ישראל!

איז אויב יידן וועלן פרעגן: — מה נאכל? — **אין דעם מאַטעריעלן זין.**

וועלן מיר ענטפערן:

די פּראָבלעם איז פונקט ווי אומעטום, אַן אינדיווידועלע פּראָבלעם. ווער עס האָט צו לעבן אין גלות, און ווער ניט. אדרבא, דאָס לאַנד, אַלס קאָלעקטיוו, איז אַ לאַנד פון שפע און כל־טוב, און דער וואָס קען און האָט, קען זיך אַלץ פאַרגינען דאָ, נאָכ־מער אפילו פון געוויסע לענדער ווו ער האָט געוווינט. און דער וואָס ניט, איז אין דער זעלבער לאַגע ווי אין זיין וווינאָרט, ווייל, ווו איז יאָ גוט אַן אָרעמאַן, פרעג איך אייך?

אין גייסטיקן זין, איז דאָך אָפגערעדט. דאָ איז אַ לאַנד פון תורה און חכמה, און ווער עס וויל נאָר, האָט און קען זיך אויסקלייבן און צוקלייבן נאָך זיין גוסט נאָך.

איז ווי האָט געזאָגט דער בערדיטשעווער צום אויבערשטן: מיט אַלע חסרונות, האָסטו ניט, רבונו של עולם, נאָך אַזאַ פאָלק ווי דיין פאָלק ישראל.

מיט אַלע מעגלעכע חסרונות, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט זיכער, איז דאָך ניטאָ קיין בעסער לאַנד פון ישראל פאַר יידן.

אַ לאַנד וואָס מען פאָרט געבוירן צו ווערן פונדאַסניי, אין בוכשטעבליכן זין פון וואָרט.

ווי האָט אַ גוטער ייד געזאָגט?

אַמאָל איז מען געפאָרן קיין ישראל שטאַרבן. היינט פאָרט מען דאָרט אַהינצו צו לעבן. אַמאָל האָט מען געזאָגט טאָקע נאָך אַ נפטר: — די נשמה זאָל האָבן אַן עליה! היינט, זאָגט מען פאַרקערט: — די עליה זאָל האָבן אַ נשמה!...

מען האָט אַמאָל אַ רבין געזאָגט, אַז די פרייע חלוצים זענען מטמא דאָס לאַנד. האָט יענער בייז געענטפערט, אַז די אַמאָליקע פרומע זקנים האָבן מטמא־געווען דאָס לאַנד, ווייל זיי זענען דאָרטן אַהינצו געפאָרן שטאַרבן, און דעריבער מטמא געווען טומאת־המת... די היינטיקע זענען מקדש דאָס לאַנד, מיטן לעבן אַ יידיש לעבן, שפּראַכלעך, זיטלעך, גייסטיק, אורשפרינגלעך, א.א.וו.

און ווי האָבן מיר טאָקע געזאָגט ביים אָנהויב: "כי האדם עץ־השדה", דער מענטש איז דאָך געגליכן צו אַ בוים פון פעלד".

אַ בוים, כידוע, נערט זיך פון צוויי פאַקטאָרן: פון דעם באָדן, דאָס הייסט פון זיינע וואָרצלען וואָס זענען אין באָדן, און פון דער לופט און פון דער זון, וואָס ער ציט אַריין דורך די בלעטער.

באָדן און אומגעבונג זענען עס די לעבנס־באַדינגונגען פון דעם בוים. זאָל אַ

בוים ניט האָבן קיין גוטן באָדן, דאַן דאַרט ער איין און טריקנט־אויס. זאָל ער ווידער ניט האָבן קיין זון און לופט, דאַן געשעט דאָס זעלביקע.

אַזוי אויך מיט אונדזער פאָלק.

דער באָדן, די וואָרצלען, די יידישע, איז נאָר ארץ־ישראל. און די יידישע לופט, די אַטמאָספערע, די יידישע גייסטיקע זון, איז נאָר אויך טאָקע דאָ, אָן אָט־דעם באָדן און אָט־דער דאָזיקער זון און לופט, קען אונדזער פאָלקס־בוים ניט האָבן קיין קיום, און דאָס זענען ניט סתם קיין פליטערלעך, קיין רעטאָרישע פראַזן, נאָר די געשיכטע, די לאַנגע, האָט דאָס אונדז גוט אויסגעלערנט.

אוודאי, אויף דער זון זענען פאַראַן שפּרענקעלעך, געננג שפּרענקעלעך, אָבער עס איז דאָך אַ זון.

אַ סך מאָל האָבן מיר דאָך בלויז די שפּרענקעלעך, אין די באַטרעפנדיקע גלות־לענדער, אָבער קיין זון, קיין לויכטנדיקע יידישע זון האָבן מיר ניט, דאָס וואָס איז יאָ פאַראַן אין דער יידישער מדינה.

פאַראַן דאָ אַן אויפגייענדיק יידיש לעבן, מיט אַלע חסרונות, אָבער דער עיקר, מיט אַלע מעלות.

אויב, תורה: איז „אין תורה כתורת־ארץ־ישראל". אויב גייסט, אויב פרייהייט, אויב שפּראַך, אויב יידישן שטאָלץ, אויב שיינקייט, חכמה, לאַנדשאַפט, אַטמאָספערע, איז נאָר ישראל. און דאָס איבעריקע, איז אַן אינדיווידועל פּראָבלעם און גורל, פון יעדן איינעם, פּונקט ווי אין יעטוועדן לאַנד און פלאַץ אויף דער וועלט.

דעם גביר איז גאַנץ גוט אין ישראל, און דעם אָרעמאַן איז גאַנץ ביטער, פּונקט ווי אומעטום.

איז דעריבער, אַנאַליזירנדיק די לאַגע, וועגנדיק און מעסטנדיק, פאַרגלייכנדיק און באַטראַכטנדיק, צעגערן מיר ניט צו עצהן און רעקאָמענדירן:

— יידן, פאַרט קיין ישראל!

דאָס לאַנד פון אַרבעט

זייענדיק אין ישראל האָט איר דעם איינדרוק און איר זעט דאָס בפּועל ממש מיט אַלע אייערע חושים, ווי דאָס איז דאָס לאַנד פון אַרבעט "פּאַר עקסעלאַנס", אַזוי קאָלעקטיוו, שטאָטלעך ווי אינדיווידועל.

בלויז דאָס אַדורכרייזן דאָס לאַנד, און זען ווי אומעטום, אויף יעדן שטעג, ווערט פיבערהאַפט געבויט, אימפּאָנענטע געביידעס, בלאָקן הייזער, גאַנצע שיכונים, אַז איר ווערט אַזש פאַרכאַפּט פון דעם גרויסן אַרבעטס־אימפּעט וואָס באַהערשט די מדינה.

ווען איר זעט ווי עס ווערן פאַרבויט גאַנצע בערג, וואָס זענען נעכטן געווען ליידיק און גלאַט, ווערן פאַרוואַנדלט אין בליענדיקע באַוווינטע געגנטן, ווי דאָס וואָלטן געווען בערג־פעסטונגען, פאַרשטייט איר דאָס וואָס עס הייסט אמתע פּיאָנע־רישע אַרבעט.

ווען איר זעט ווי עס ווערן דורך די דאָזיקע בערג אַדורכגעהאַקט און אויסגע־לייגט כבישים, שיינע ברייטע, שלענגלדיקע שאָסייען־וועגן, וואָס ווערן גלייך באַ־לעבט מיט אַ געדיכטן אויטאָ־פאַרקער, דערפילט איר דעם פּולס פון אויפבוי, פון וווקס און צעבליונג פון דער מדינה.

דאָ איז טאַקע דאָס קלאַסישע לאַנד פון "ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך", פון אַלע זעקס טעג אַרבעט אין דער וואָך, "ויום השביעי לה׳ אלקיך", און דער זיבעטער טאָג, דער שבת איז טאַקע דער גרויסער גייסטיקער אָפּרו־טאָג.

מיר זענען עס גאַרניט געוווינט אין אונדזערע מקומות, ווו מיר האָבן אַ "שבת שני של גלויות", ווי אַ ייד האָט זיך טרעפלעך און שפּאַסיק אויסגעדריקט, ווו מיר האָבן אַ צווייטן שבת, דאָס הייסט דעם זונטיק, וואָס מיר נוצן אויס צו שפּאַצירן, צו רוען, זיך צונויפצוקומען, צו פאַרוויילן זיך, אַרויספאָרן וכדומה.

דאָ אין לאַנד, איז דער זונטיק דער ערשטער אַרבעטס־טאָג, דער אָנפאַנג פון דער וואָך, בעת אין אונדזערע לענדער איז עס דער "וויק־ענד", דער ענדע וואָך, דער פאַרוויילונגס־טאָג.

און ניט נאָר אין דער וואָכן, אַזוי אויך אין די ימים טובים. בלויז איין טאָג יום־טוב, אַנשטאָט צוויי ווי אין גלות, און דאָס איבעריקע איז אַרבעטס־טעג.

און ניט ווי עס פלעג אומגיין יענער וויץ, אַז יידן פלעגן אַמאָל רוען אין ישראל גאַנצע דריי טעג... שבת, זונטיק, און פרייטיק, דעם מאַכמעדאַנישן רו־טאָג.

און דער דאָזיקער אַרבעטס־ריטם און סיסטעם האָט אָפּגעשטעמפּלט דעם חותם ניט נאָר אויפן שטאָט, נאָר טאַקע בעיקר אויף יעדן יחיד.

אַזעלכע וואָס פלעגן ניט אין אונדזערע לענדער אַרבעטן, פילן זיך דאָ גליקלעך אַז זיי טוען עפּעס, אַרבעטן, פאַרדינען.

מיר קענען אַ פרוי, אַ שכנה, וואָס אין אַרגענטינע האָט זי געהאַט צוויי דינסטן,

און דאָ איז זי ממש איבערגליקלעך, וואָס זי איז באַשעפטיקט, פון די פריע שעהען פון טאָג ביז נאַכמיטאָג. דאָרטן, ביי אונדז, האָט זי נאַטירלעך געדאַרפט פאַרברויכן איר פרייע צייט אין די שיינהייטס־סאַלאָנען פאַר פרויען, דאָ האָט זי עס גאָרניט אינזינען. איר לעבנס־אינהאַלט און אינטערעס איז די אַרבעט.

אדרבא, נאָך אַ יאָר צייט, האָט זי געהאַט דאָ־הי איר חופש, אירע וואַקאַציעס, האָט זי זיך קוים דערוואַרט זי זאָל שוין נאָכאַמאָל גיין צו דער אַרבעט, ווייל זי האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען אין דער היים. אַזוי צוגעוווינט איז זי צו דער אַרבעט, און אַזוי גליקלעך פילט זי זיך דערביי.

אדרבא: עס איז גאָר אַ שטאָלץ פאַר אַ פרוי, ווען זי באַשעפטיקט זיך מיט עפּעס. די וואָס טוען דאָס ניט אַנערקענען אַז אַ פרוי וואָס אַרבעט און פאַרדינט נאָך דערצו, ווערט גאָר אָפּגעשאַצט אַנדערש און בעסער אין דער אייגענער היים. אַזוי זאָגן זיי.

אויף אַזוי וויט גייט עס, אַז ביי די פרומע שיכטן האָט זיך גאָר איינגעבירגערט אַ ביז גאָר "רעוואָלוציאָנערישער" מנהג, אַז די פרויען אַרבעטן, בעת די מענער לערנען אין "כולל", און די הויפּט־פאַרדינערין איז גאָר די פרוי. און ווי מען גיט מיר איבער, זענעןביידע גאָר צופרידן דערפון... און אַ סברא, אַז דאָס האַלט־אויף די שטוב־האַרמאָניע און די בעסערע פאַרשטענדעניש פון די דאָזיקע פּאָרלעך...

— אויב אַזוי, זענען דאָך אונדזערע זיידעס און באָבעס, שוין געווען גרויסע פּסיכאָלאָגן און "מאָדערנע" מענטשן, ווען זיי האָבן טאַקע גענומען איידעמס אויף קעסט!...

וועגן דער ראָל, די חשיבות פון אַרבעט און די וויכטיקייט דערפון, ווערט שוין געבראַכט אין תנ"ך און אין תלמוד, אָבער דאָ קענט איר דאָס זען אין דעם רעאַלן לעבן און ניט בלויז אויפן ספר־פּאַפּיר.

מיינס אַ חבר, למשל, וואָס לערנט דאָ אויפן אוניווערסיטעט, איז איינמאָל אַהיימ־געקומען ממש אַן איבערגליקלעכער, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר עטלעכע קאָנפע־רענצן וואָס ער האָט דאָ־הי געגעבן, ממש ווי אַן "אינסטאַלאַטאָר", ד.ה. אַן עלעקטריציסט. דערפון קענט איר דאָך דרינגען אַז אַן אינסטאַלאַטאָר איז דאָ "דאָס אויבערשטע פון שטויסל"...

פאַרגאַנגענע וואָך, בין איך דורכגעגאַנגען אין אַ געסל־קאָרידאָר פון מחנה־יהודה־געגנט אין ירושלים, און זעענדיק אַ שוסטער וואָס האָט זיין וואַרשטאַט ממש אויף דער גאַס, און פאַרריכט און לייגט אָפּצאַסן אויפן מאָמענט, האָבן מיר אַזעלכעס געבעטן ביי אים. און בעתן צוואַרטן, האָט זיך פאַרבונדן צווישן אונדז אַ שמועס, ווי אַ שטייגער ווען צוויי יידן באַגעגענען זיך. ער דערציילט מיר אַז ער איז אַ ייד פון איראַק, און איז שוין דאָ עטלעכע צוואַנציק יאָר. ער באַרימט זיך פאַר מיר מיט גרויס נחת, אַזש אַ גליקזעליקייט פאַרשיינט זיין געזיכט, אַז ער האָט זיבן קינדער, פינף זין און צוויי טעכטער, און אַלע זיינען זיי פּראָפעסיאָנאַלן און אַרמיי־קאַפּיטאַנען די אַנדערע. איינער איז אַן אַדוואָקאַט, איינע איז אַ ליטעראַטור־פּראָפעסאָרן וואָס האָט געקראָגן אוניווערסיטעט־פּרעמיעס, די אַנדערע הויכע אָפּיצירן, און ער איז אַ שוסטער, ווייל ער האָט געוואָלט אַז זיינע קינדער זאָלן דאָס אַלץ דערגרייכן, און ער דאַנקט טויזנט מאָל דעם אויבערשטן דערפאַר.

בעת־מעשה האָט זיך אונדז דערמאָנט יענעם אַנעקדאָט, פון יענעם יידן ביי אונדז וואָס האָט דערציילט, אַז ער האָט דריי זין, איינער אַ מאָלער, איינער אַ דיכטער, איינער אַן אַקטיאָר, און ער איז אַן אָרעמער פעדלער און האַלט זיי אַלעמען אויס...

ער רעדט מיט שטאָלץ וועגן זיינע קינדער און איז איבערגליקלעך צו האָבן פאַרלאָזן איראַק און וווינען אין אַזאַ פריי און יידיש לאַנד, ווו די קינדער באַקומען אַזאַ גוטע יידישלעכע דערציונג.

ווען איר זעט צוויי יידן זיך דאָ באַגעגענען, סיי אַלטגעזעסענע, סיי נייע, סיי אַלטע, סיי יונגע, איז די ערשטע פראַגע דאָ: — וואָס טוסטו, ביי וואָס אַרבעטסטו? אפילו די וואַל־פּלאַטאָפאָרמען פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען און זייערע וואַל־צוזאָגן לויטן מערסטנס וועגן צוויי הויפּט־פראַגן אין דער מדינה: "שיכון", וווינונג, און "עבודה" — אַרבעט.

איז דאָך קיין חידוש ניט וואָס די גרעסטע פּאַרטיי הייסט "עבודה".

איז וואָס נוגע "שיכון", וווינונג, איז דאָס גאַנצע לאַנד, ווו איר גייט און שטייט, פאַרבויט זיך און איז אַ מין וווינונגס־וואַרשטאַט.

און וואָס בנוגע אַרבעט, איז דאָס גאַנצע לאַנד אויך איינגעשפּאַנט אין אינטענסיווער און־אַפּרוּענדיקער אַרבעט.

וועגן פרעה, מלך מצרים, שרייבט אַ באַקאַנטער תנ"ך־עסייאיסט, אַז "פרעה" מיינט אויף עגיפּטיש: "דאָס גרויסע הויז", ווייל גאַנץ מצרים איז געווען אַריינגעטון אין דער בוי־אַרבעט פון פיתום ורעמסס, פון די פּיראַמידן און די שטעט־שפּייכלער.

דעריבער שטייט טאַקע אַז דער אויבערשטער האָט אונדז אַרויסגענומען פון דעם "בית־עבדים", פון דעם שקלאַפן־הויז, פון דעם גרויסן עגיפּטישן הויז ווו יידן האָבן געשקלאַפט. דאָ, אין דער מדינה, האָט איר היינט דעם איינדרוק אַז דאָס איז אַ גרויס "בית־עבודה", אַ גרויס אַרבעטס־הויז, ווו יידן בויען־אויף דאָס בית־ישראל, בויען אויף זייער פרייהייט און סוווערעניטעט אויף דער באַזע און מיטן כוח פון אַרבעט, פון עבודה, און אָט דער שווונג, אָט דער אַרבעטס־פיבער און גייסט שטעמפּלט־אָפּ און כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן די נייע יידישע מדינה.

אין די גערטנער פון טבעון

דער וואָס שרייבט די שורות איז אין זיין לעבן געווען אויף אַ סך יידישע חתונות, פרומע, חסידישע, ישיבהשע, וועלטלעכע. אַליין מסדר־קידושין־געווען הונ־דערטער און הונדערטער יידישע פּאָרלעך, אָבער אויף אַזאַ אָריגינעלער חתונה, ווי עס איז אונדז אויסגעקומען צו זיין לעצטנס אין ישראל, זענען מיר נאָכנישט געווען. און דאָס איז ניט נאָר אונדזער פּריוואַטע מיינונג און איינדרוק, נאָר אויך די אַנדערע מיטבאַטייליקטע אויף דער דאַזיקער שמחה האָבן דעם זעלבן איינדרוק און מיינונג.

עס איז אונדז אויסגעקומען לעצטנס אין דער דאַזיקער סעריע אַרבעטן, וועגן ישראל, צו באַשרייבן אַ יידישלעכע חתונה אין בני־ברק, אָבער זי איז דאָך געווען ענלעך צו אַנדערע אַזעלכע חתונות אומעטום, און מיר האָבן זיך געקענט פאָרשטעלן אַז אַזוי איז דאָס.

אָבער די חתונה וואָס מיר האָבן זיך באַטייליקט אין טבעון, דאָס גאָרטן־שטעטל פון חיפהער אומגעגנט, איז געווען ביז גאָר ניי, אָריגינעל און אומפאָרשטעלבאַר.

ערשטנס, שוין די חתונה־איינלאַדונג איז געווען אַן אָריגינעלע. פון די הונדער־טער און אפשר טויזנטער חתונה איינלאַדונגען וואָס מיר האָבן אין אונדזער לעבן געזען, איז צו דער, סיי אין שריפט, אין סטיל, אין טעקסט, אין פשטות, ניט קיין פאַרגלייך.

אָט איז מער ווייניקער דער נוסח, איבערגעזעצט, פאַרשטייט זיך, פון עברית.

ב״ה. שרה און עציון האָבן חתונה.

מיר וועלן זיך פרייען אייך אויפצונעמען די און די דאָטע אין דעם גאָרטן ״בית השומר״, גאָס יזרעאל, קרית־טבעון. די חופה וועט פאָרקומען 730 אין אָוונט. די עלטערן.

בייגעלייגט — אַ צייכנונג פון דעם פּלאַץ און דעם אויטאָבוסן־פּאַרקער. און טאַקע בייגעלייגט, אַ גאַנצע מאַפּע פון דעם פּלאַץ, מיט די געהעריקע דערקלערונגען מיט וועלכע אויטאָבוסן מען פאָרט פון חיפה, פון תל־אביב, פון עפולה און נצרת, ווי אויך ווו מען קען סטאַציאָנירן די אויטאָמאָבילן א.א.וו.

מיט בייגער זענען מיר באַטירלעך געפאָרן אויף אָט דער פּאָר אונדז מאָדנער חתונה־פייערונג. פריער זענען מיר געווען ביים חיפהער פּאָרט, נאָכדעם באַזוכט קרובים אין קרית־אתא, און פאַרנאַכט אָפּגעפאָרן קיין טבעון.

און ווירקלעך שטעלט זיך אָפּ אונדזער אויטאָ, וואָס פירט אונדז צו דער חתונה, נעבן אַ פּאַרצוימטן גאָרטן, פול מיט ביימער און גרינסן. דער גאַנצער גאָרטן אויס־געשטעלט מיט טישלעך און אילומינירט מיט לעמפּלעך. מיר האָבן דעם איינדרוק אַז מיר פאָרן אַריין ערגעץ אויף אַ ״פּיקניק״. עס איז נאָך אַ האַלבע שעה פאַר דער חתונה. דאָס הייסט פרי. זיכער זענען נאָך חתן־כלה ניטאָ. אָבער ווי דערשטוינט

ווערן מיר, ווען מיר דערבליקן ביים איבערטרעטן דעם גאַרטן־טויער די כלה שטיין אַנגעטון אין איר ווייסן לאַנגען חופה־קלייד, און נעמט אַ צשמייכלטע־אויף די געסט.

גלייך ביים טויער לויפט אונדז אַנטקעגן אַ יונגער בחור אין אַ ווייסער בלוזע, און ווייסט אונדז־אָן ווו אַוועקצולייגן אונדזערע זאַכן. זיכער איז דאָס אַ „מלצר", אַ קעלנער וואָס באַדינט די געסט. אָבער ווי דערשטוינט ווערן מיר, ווען מיר צעגריסן זיך מיט דער כלה, ווען דער דאָזיקער „קעלנער" וואַקסט־אויס און שטעלט זיך פאַר אַז ער איז עס דער חתן...

מיר הייבן זיך אָן אַרומדרייען אין דעם גרויסן גאַרטן, צעגריסן זיך מיט פריינד, ווינטשן־אָן די מחותנים, און מיר הייבן אָן באַטראַכטן מיט נייגער אַלץ און אַלעמען.

די חתונה וועט פאַרקומען אינעם גאַרטן, אָבער עס געפינט זיך אויך אַ שיינער זאַל, ביים אַריינגאַנג, אויף די טרעפּ פון דעם זאַל, געפינט זיך אַ ווייסע געבעטע איבערגעדעקטע שטול, און אינעווייניק, אינמיטן זאַל, אַ שיינער געגרייטער טיש, מיט אַ גרויסן חתונה־קוילעטש, און מען פאַרבעט אונדז דאָרטן אַנצופירן צום סוף פון דער חתונה, מיט די שבע ברכות.

מיר קומען צוריק אַרויס אין דעם גרינעם שיינעם גרויסן באַביימערטן גאַרטן, ווו עס שטייען אויסגעשטעלט איבערגעדעקטע טישן און שטולן, און פאַרן אַריינגאַנג צום זאַל, שטייט אַ גרויסער טיש פאַרפלייצט אינגאַנצן מיט טרויבן, עפּעל, אַזוי פיל פרוכט מיטאַמאָל, אַזאַ גרויסער, פול־באַדעקטער פרוכטן־טיש געדענקען מיר נאָך קיינמאָל צו האָבן געזען. דאָס שפּילט אַריין אין דער גאַרטנדיקער שטימונג פון דער שמחה.

די געסט הייבן זיך אָן פינקטלעך צו דער שעה צונויפצוקומען. עס הייבן זיך אָן די קושעני־שן, ווינטשעני־שן, ווי אויף יעדער חתונה, און דער גאַרטן ווערט פול און באַלעבט מיט אויסגעפוצטן עולם, טאַקע ווי אויף אַ חתונה. די מערסטע מענער אין בלויזע העמדער, ווי עס פירט זיך דאָ אין ישראל, אין די הייסע זומער־חדשים, און די פרויען אין זייערע לאַנגע חתונה־קליידער.

אָט קומט־אָן דער רב פון טבעון, אַ הויך־געוויקסיקער סימפּאַטישער יונגערמאַן מיט אַ צעוואַקסענער באָרד, רעדט אַ גוטן עברית און אַ געשמאַקן ליטווישן יידיש, כאָטש אַליין איז ער אַ ישראל־געבוירענער. ער רופט־צו דעם חתן און די מחתונים צו אַ טישל, פּילט־אויס די כתובה, דערקלערט זי פריער דעם חתן, הייסט אונטער־שרייבן ווי אויך די עדות, און גיט אַ „באַפעל" אויפצושטעלן די חופה.

דער דאָזיקער „באַפעל" ווערט תיכף אויסגעפירט, און מען פירט דעם חתן צו באַדעקן די כלה וואָס זיצט שוין אויפן אויסגעבעטן כלה־שטול.

אַ געמיש פון מאָדערנער פשטות און היימישער אַלטער טראַדיציע.

און אַזוי פשוט ווערן חתן־כלה געפירט צו דער חופה אינמיטן גרויסן גרינעם אילומינירטן גאַרטן.

מיר דערמאָנען זיך דערביי וואָס די ספרים זאָגן אַז די ערשטע חופה איז טאַקע פאַרגעקומען אויך אין אַ גאַרטן, אין גן־עדן, ווען דער אויבערשטער אַליין האָט מסדר חופה־קידושין געווען אדם און חוה, אינמיטן אַ ים פון גרינס און בלומען פון גן־עדן, און די מלאכים אַליין זענען עס געווען די משוררים.

און מיר זאָגן טאַקע אין די ברכות־נישואין: "כשמחך יצירך בגן־עדן מקדם", אַז מען זאָל דערפרייען חתן־כלה, פונקט ווי דער אויבערשטער האָט דערפרייט דאָס ערשטע מענטשן־פּאָר אין דעם גן־עדן, אין דעם עדן־גאָרטן.

דער רב פון טבעון זאָגט די ערשטע ברכה און לייענט די כתובה, און איז אונדז מכבד מיט די ברכות־נשואין.

מיט אַ ספּעציעלער עמאָציע טוען מיר דאָס. דאָס ערשטע מאָל וואָס אונדז קומט אויס אַזעלכעס צו טון אין ישראל, און אין אַזאַ אויסנעמעלעך גאָרטנדיקער אומגעבונג.

כאָטש פּאָר אונדז איז דאָס געווען אין אָרגענטינע דאָס נאַטירלעכסטע איז דאָס פּאָר אונדז דאָ אַ ביז גאָר עמאָטיווע איבערלעבונג, אַזוי סימבאָליש, אַזוי אויסנעמלעך.

עפּעס פילן מיר זיך פייערלעך און מאָדנע דערהויבן, ווי דאָס וואָלט פּאָר אונדז געווען צום ערשטן מאָל.

נאָכן הילכיקן "מזל־טוב", נאָך די אומאַרמונגען און ווונטשן, זעצט זיך דער עולם־אויס ביי די טישן און דער ליכטיקער גאָרטן ווערט פול מיט געפילדער און חתונה־פרייד.

די לופט איז אַ מחיהדיקע, טאַקע אַ גאָרטנדיקע און נאָך דעם הייסן היפּהער טאָג, וואָלט זיך דאָ געגלוסט צו זיצן און זיצן אַ גאַנצע נאַכט.

מיטאַמאָל ווערן מיר אָבער איינגעלאַדן אַריינצוגיין אין זאָל אָפּריכטן די "שבע ברכות", און דאָ קומט טאַקע צום אויסדרוק די אמתע אָריגינעלע יידישע פרייד און שטייגער פון אַ יידישער חתונה. עס זיצן חתן־כלה, און אַרום זיי טראַדיציאָנעלע יידן, און עס איז שמחה וצהלה. עטלעכע יוגענטלעכע צייכענען זיך אויס מיט זייערע הויכן און שיינע נגינה־קולות, און מען פּראַוועט די שבע ברכות ווי עס באַדאַרף צו זיין, און לסוף כאַפּט מען אַריין אַ פייערדיקן ריקודל.

ביים אַרויסגיין צוריק אין גאָרטן, זאָגט מיר אַן עלטערער ייד, אַ מחותן פון כלהס צד, אַז ער איז שוין דאָ אין טבעון גאַנצע דריי און פופציק יאָר, און ער איז עס געווען פון די וואָס האָבן אויסגעפּלאַסטערט דעם שאָסיי וואָס גייט דורך דעם גאָרטן, און אַלץ איז היינט איינגעטונקען אין גרינס, אין בלומען און בוימער, אַזש אַ מחיה צו קוקן און געניסן.

איך בין מיט אים פולשטענדיק מסכים, און איך טראַכט דערביי אַז די דאָזיקע אָריגינעלע חתונה איז אַ צוריקטריט צו דער נאַטור, צום תנ"ך, אָדער גאָר צום תלמוד, ווען די יידישע טעכטער פלעגן טאַנצן אין די וויין־גערטנער, און דאָרט אויסקלייבן זיך זייערע באַשערטע, ווי די גמרא גיט דאָס אַזוי שיין איבער, און אויך די דאָזיקע חתונה איז עפּעס געווען אַ געמיש פון תנ"ך, פון תלמוד, פון גלות און פון ישראל, אין אַ פּראַקטיקער נאַטור־ראַם און וועט זיכער איבערלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויפן געמיט און אין זכרון.

אַ שפּאַציר אין בית־וגן

אין אַ פאַריקן קאַפּיטל האָבן מיר באַשריבן אַ באַזוך אין מאה שערים, אין דעם באַרימטן אָרטאָדאָקסישן קוואַרטאַל אין ירושלים, ווו עס הערשט נאָך די מאָדע און דער שטייגער און דער גאַנג ווי די אַטמאָספּערע פון יאָרהונדערטער צוריק, און וואָס דאָס איז אַ פעסטונג פון אַרכאַישער יידישקייט אין פולן זין פון וואָרט.

אָבער ווי אַ קאָנטראַסט צו מאה שערים, הגם אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע געגנט אין דער זעלבער ירושלים, קען דינען אַ צווייטע געגנט פון דער שטאָט, וואָס מיר וואָלטן מיט רעכט באַצייכנט מיטן נאָמען ״רעזידענציעלע אָרטאָדאָקסיע״, היות ווי בית־וגן געפינט זיך טאַקע אין דער רעזידענציעלער טייל פון דער הייליקער שטאָט.

סיי דער אוויר, די לופט, היות בית־וגן געפינט זיך אויף דעם העכסטן פּלאַץ, און סיי די ״אַווירה״, די גייסטיקע אַטמאָספערע, הויערט מיט שיינקייט און יידישער אַריסטאָקראַטישקייט. ערשטנס, די אַרכיטעקטאָנישע שיינקייט. שיינע הייזער ביז גאָר, געטאַקטע, עלעגאַנטע. די לופט איז אַ קילע, אַ מחיהדיקע.

אַ רואיקייט און אַ שטילקייט, ווי אויך אַ חשיבות ליגט אויסגעגאָסן אויף דער גאַנצער געגנט.

אַ פרומע געגנט, אַן אָרטאָדאָקסישע ביז גאָר, אָבער אין די קאָנטורן פון אַ געהויבענער גייסטיקייט און אַן עלעגאַנץ, סיי אין דער וואָכן, און אָפּגערעדט שבת און יום־טוב.

די קלייטן אונטער דעם צייכן פון חרדישער השגחה, פון שמיטה־אָפּהיטונג, אבער אין דער זעלבער צייט מיט געשמאַק און היגיענע.

די איינוווינערשאַפט זענען פון דער שטאָט־עליטע, איבערהויפּט פון דער יידיש־לעכער עליטע. דאָ געפינען זיך איינער נעבן דעם אַנדערן די גרויסע חינוך־אַנ־שטאַלטן פון אַלע סאָרטן. איר קענט דאָ געפינען די ישיבה ״נתיב מאיר״, די ישיבה ״קול תורה״, דער ״בית־יעקב״, פאַר מיידלעך, די ״מכללה״, פאַר רעליגיעזע מייד־לעך, דער העכסטער טעכנאָלאָגישער ישיבה־אינסטיטוט, דער ״בית דוד ואסתר״, די סאַנאַטאָריע פאַר געווינערנס, א.א.וו. אַלע, פאַרנעמיקע אימפּאָזאַנטע געראַמע און געשמאַקפולע געביידעס, ווו עס לערנען אַמעריקאַנער סטודענטן און אַ טייל ווערט טאַקע אויסגעהאַלטן פון אויסלענדישע אינסטיטוציעס. היינט די שילן, די שטיבלעך, די קלויזן, ווו עס לאָזן זיך הונדערטער יידן, יונגע און אַלטע, ווו מען דאַווענט און מען לערנט, וואָס גייען געלאַסן און פאַרנעמען, געמאָסטן און איידל, ווייען־אָן מיט איידלקייט און גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע.

די פּאַנאָראַמע איז אַ וווּנדערלעכע. סיי די הויפּט־גאַס, סיי די גאַס בית־וגן ווי די נעבן־גאַסן אָטעמען מיט חשיבות. מען דערפילט דאָ דעם אָטעם פון יידיש־

קייט, אָבער אין אַ מאָדערנער אויפלאַגע. די אויסערלעכקייט איז זייער אַן עלעגאַנטע, הגם די זיטן, דער יידישער שטייגער איז העכסט אַ פרומער.

מען זעט דאָ אויך אַ סך בערד, שייטלען און טיכלען, צניעותדיקן לבוש, אָבער אַלץ אין אַ מאָדערנעם איבערצי, מיט היינטצייטיקער שיינקייט און איידלען חן.

ביים אַריינטרעטן אין דער געגנט, גייענדיק פון דעם באַרג הערצל, ווו אַנטקעגן געפינט זיך דער יד־הרצוג, ווו מען גיט אַרויס די מאָנומענטאַלע אַנציקלאָפּדיה תלמודית", און אַריינגייענדיק אין דעם הויפּט־כביש, אויף רחוב הפסגה, לייענט איר גלייך דעם אייזערנעם שילד אויפן טראָטואַר וואָס לויטעט: "רעספּעקטירט די סענטימענטן פון די וואָס וווינען דאָ, און האַלט זיך אָפּ ניט צו פאָרן שבת מיט אויטאָמאָבילן".

דער פרימאָרגן, דער באַגינען, וועקט אייך אויף אין בית־וגן מיט באַהאַרצטע תפילותדיקע שטימען פון אַ בעל־תפילה פאַרן עמוד, און ליגנדיק נאָך אין דעם וואַרעמען בעט קענט איר שוין אין בלוילעכן באַגינען אַרויסהערן דייטלעך און שניידנדיק אין דער אַרומיקער שטילקייט דעם "אשרי יושבי ביתך", און אין אָוונט, דורכגייענדיק אַ שיל, קענט איר אַרויסהערן דעם קנייטש פון דעם פאַרלערנער פון אַ גמרא־שיעור.

אינדערפרי איז גאָר שיין און קילבלעך, און אַז איר קוקט אַרויס פון דער ווערענדע, זעט איר ירושלים פונדערווייטנס, און איר דערמאָנט זיך אין דער ברכה פון "בונה ברחמיו ירושלים אמן".

אין אָוונט איז ביז גאָר גוט זיך אַרויסצוזעצן אויף דער זעלבער ווערענדע און איינאָטעמען און שעפּן חיות פון דער גאָר פרישער לופט. אַ שטיק געזונט קומט אייך צו, און דערביי זען ווי עס שלייכן זיך אין דער נאַכטיקער טונקלקייט פאַרשיידענע יידישלעכע געשטאַלטן וואָס גייען פון און צו דער שיל, ווער דאַווענען, ווער לערנען, ווער פון ביידען.

עס איז טאַקע ווי דער נאָמען פון דער געגנט: בית וגן. דאָס איז טאַקע אַ פּראַכט פון הייזער און פון גערטנער. אַ סך גרינס,ביימער, געבערגע.

איז עס טאַקע אַ טייערע געגנט, אין פולן זין פון וואָרט, און עס איז די שטרעבונג פון אַ מאָדערנעם אָרטאָדאָקסישן יידן דאָרט צו וווינען.

בעת אין מאה שערים האָט איר דעם איינדרוק אַז יידישקייט איז ממש פאַרגליווערט געוואָרן, און איז געבליבן ווי מיט יאָרהונדערטער צוריק, האָט איר דאָ דעם רושם, אין בית־וגן, אַז יידישקייט איז לובש צורה ופושט צורה, די אויסערלעכע צורה בלויז, איז אַן העכסט מאָדערנע, אין די היינטצייטיקסטע פאַרשריפטן און באַדינגונגען, אין דעם היינט־וועלטיקן שאַרם און קאָנפאָרט, רעזידענציעל, ווי געזאָגט, הגם יידישלעך, מאָנאָליטיש, סאָליד אין גייסט.

עס קומט אייך אויס ווי ביידע זייטן פון דער זעלבער יידישער מטבע, איין זייט פון דעם אַמאָל און די צווייטע פון דעם היינט, אָבער ביידע די זעלבע יידישע מטבע, ניט צווישנצושיידן, דאָס וואָרט "מטבע", ווערט טאַקע אַ סך גענוצט אין אונדזערע ספרים, פון דעם וואָרט מינצן, "במטבע שטבעו חז"ל", לויט דער מטבע, לויט דער פאָרם וואָס עס האָבן אויסגעגאָסן, אויסגעמינצט אונדזערע חכמים, ד.ה.

לויטן מוסטער, לויט דער פאַרמול פון אונדזערע חכמים, ד.ה. לויטן מוסטער, לויט דער פאַרמול פון אונדזערע חכמים.

און איר זעט טאַקע די דאָזיקע מטבע אין דעם טעגלעכן און אין דעם שבת־יום־טובדיקן שטייגער־לעבן, נאָר איין זייט מטבע פון אַט דער יידישקייט־"מטבע", איז געבליבן נאָך פון אַמאָליקן פוילן, רוסלאַנד און גאַליציע, ווי דאָס איז אין מאה שערים, און די צווייטע זייט מטבע איז אין די ראַמען פון היינטיקן יאָרהונדערט, און אויסערלעך ווי אין אַמעריקע, קאַנאַדע, מערב־אייראָפּע און ישראל, ווי דאָס איז אין בית־וגן.

אוודאי: זוכן עקזאָטישקייט, טוריסטישן נייגער, אינטערעסאַנטקייט און שטייגער פון דורות, קען מען טאַקע אין מאה שערים, אָבער ווינען וועט אַ מאָדערנער אָרטאָדאָקסישער ייד זיכער וועלן, אַבי ער קען דאָס נאָר באַהויפּטן, אין בית־וגן.

און ס'איז זיכער גוט וואָס ביידע קאָנפּראָנטאַציעס פון אָרטאָדאָקסישער יידישקייט געפינט איר פאַראַמאָל אין ישראל.

דאָס גיט אַ געלעגנהייט צו זען, אַז כאָטש יידישקייט איז געבליבן אין תוך ווי אַמאָל, גייט עס דאָך מיט דער צייט, אין טעכנישן זין, אין די פאָרמען פון היינטצייטיקער אויסערלעכקייט.

ווי דאָס וואָלט פאַר אייך געווען אַן אויסשטעלונג איבער דער אַנטוויקלונג און צייט־מהלך צווישן מאה שערים און צווישן בית־וגן, ווי יידישקייט, האָט געמאַכט אַ פאָרשריט, און דאָך געבליבן ביי די זעלבע ווערטן, און אַז איר זעט פאַר אייך ביידע זייטן פון אָט דער אָרטאָדאָקסישער מטבע, זעט איר ערשט מיט גרויסער אינערלעכער צופרידנקייט, אַז מען קען היינט אויך זיין אַ ייד, לויט אייער מאָדערנעם גוסט און איינשטעלונג, נאָר די נשמה, דער תוך, דער גייסט, בלייבט אַלץ די זעלבע יידישקייט, מיט אַ צוגאָב נאָך פון עלעגאַנץ, שיינקייט, היגיענע און פראַכט.

חודש אלול אין דער מדינה

דאָס יידיש לעבן און דער יידישער שטייגער איז למען האמת פּערמאַנענט, אַ גאַנץ יאָר אין ישראל, און נאָכאַנאַנד גייט דאָ אָן אַן אינטענסיווער מאָזאַיק פון יידישקייט אין אַלע אירע פאַזעס און ניואַנסן.

יעדע צייט פון יאָר און יעדער יום־טוב ווערט דאָ אָפּגעשפּיגלט און קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק, סיי גייסטיק, סיי אין שטימונג, סיי אין די שפּייז־קראָמען.

אַזוי, אַז דער חודש אלול איז דאָך אוודאי דאָ ניט קיין אויסנאַם, נאָר אדרבא, שפּילט־אריין אין דער ערב־ימים נוראימדיקער שטימונג, מיט זיין גאַנצן פּאַרנעם און מיט אַלע מעגלעכע פּרטים.

שוין פון ראש־חודש אלול, ווען מען הייבט אָן בלאָזן שופר, און ווי זאָגט דער שלחן ערוך, און ברענגט עס אין נאָמען פון דעם רמב״ם, אַז דאָס וועקט־אויף דעם יידן פון די טרדות־הזמן, פון די צייט־האָוועניש, און פירט אים אַריין אין דער וועלט פון חשבון־נפש.

דאָ וועקט ממש דער שופר אויף יעדן פרימאָרגן פון שלאָף, נאָך איידער איר גייט אַרויס צו די טאָג־האָוועניש.

גאַנץ פרי, ווען איר ליגט נאָך אויף אייער געלעגער, וועקט אייך אויף דער מעכטיקער שופר־שאַל פון ערגעץ אַ נאָענטן מנין, אַזוי אַז לפי דינא זענט איר מקיים דאָס הערן דאָס שופר־בלאָזן, ניט דאַרפנדיק גיין אין שיל אַריין, נאָר פון אייער געלעגער נאָך...

הייבט זיך דאָ אָן אַ סדרה פון שופר־בלאָזן. אַ גאַנצן טאָג קענט איר דאָ הערן די בעלי־תוקעס, אָדער די וואָס אַספּירירן דערצו, פּראַקטיצירן אויף די העכסטע טענער די תקיעות, שברים און תרועות.

איר זיצט זיך רואיק און איר לייענט אָדער שרייבט, ווען אינמיטן גיט אייך אַ שניידט אַריין אין געהער אַ סקריפּענדיקער אָדער גאָר לויטערער שופר־שאַל. אַזוי אַז דעם סעיף פון דער הלכה קענט איר אין אַ פולער מאָס מקיים זיין, זיך ניט דאַרפנדיק גאַרניט מטריח־זיין...

אָדער אַז איר גייט פאַרביי די טאָוולען מיט פּלאַקאַטן־מודעות אויף די גאַסן, ווו איר לייענט די וואַנט־צייטונג פון מעלדונגען פון אַלע סאָרטן מינים, פון טעאַטער, ביז קאָנצענטראַציעס, ביז וואָל־פּראָפּאַגאַנדע, ביז קאָמערציעלע אויפרופן, וואַרפט אייך זיך אין די אויגן אַ פּלאַקאַט וואָס רופט קומען אין ראַבינאַט מסדר צו זיין ביז ענדע אלול דעם פרוזבול, היות דאָס איז אַ שמיטה־יאָר.

אַ צווייטער פּלאַקאַט רופט צו אַ ״מבצע תיקון תפילין ומזוזות״, דאָס הייסט צו אַן אַקציע פון איבערקוקן און פאַרריכטן תפילין און מזוזות, פאַרן אָנקומען פון דעם נייעם יאָר.

אַ דריטער פּלאַקאַט רופט די שוחטים אַנצושאַרפן די חלפים. אַ פערטער פּלאַקאַט רופט דעם ציבור ניט צו פאַרגעסן צו מאַכן אַן "עירוב תבשילין" ערב ראש־השנה, היות ווי נאָכדעם פאַלט־אויס גלייך שבת, און "בזכות דעם וועלן מיר האָבן אַ גוט יאָר."

היינט די פילע מעלדונגען וועגן די פאַרשיידענע התעוררות־אַקטן, מלוה־מלכהס, דרשות איבער ימים נוראים, איינלאַדונגען צו די שבת־שובה־דרשות פון די תורה־גדולים.

שוין אָפּגערעדט פון דער "לשנה טובה"־אַקציע וואָס איז ביז גאָר קענטיק אין אַלע ווינקעלעך פון דעם לאַנד.

אין אַלע שויפענצטער איז אַרויסגעהאַנגען דער פּלאַקאַט פון "לשנה טובה". די פּאָסט האָט אַרויסגעלאָזט אַ וווּנדער־שיינע פּאָסט־מאַרקע לכבוד די ימים טובים.

אויף די גאַסן, אויסער אין די קלייטן, שטייען לאַנגע טישן מיט אַלע סאָרטן "לשנה טובה"ס, און עולם קויפט איין אין די גרויסע קוואַנטומס, און שוין אָפּגערעדט אַז די פּאָסט האָט די אמתע אַרבעט צו צעשיקן און פאַרטיילן די דאָזיקע ריזיקע קוואַנטיטעט פון ווינטש־קאַרטעס.

ביי אונדז, אין מרכז־קליטה, האָבן קינדער אַריינגעבראַכט יעדן נייעם עולה אַ ווינטש־קאַרטע פון דער באַוועגונג פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פרויען, צוזאַמען מיט עטלעכע עפּל און אַ גלאָז האָניק אויף טונקען ראש־השנה און מאַכן די ברכה און אויסדריקן דעם ווונטש פון אַ זיס יאָר, צוזאַמען מיט די אָפּגעדרוקטע ווונטשן פון גליק און שנעלער איינגלידערונג אין לאַנד.

אַ מוצאי־שבת זענען געקומען חזנים און רבנים אויף אַ מלווה־מלכה און גע־האַלטן התעוררות־דרשות און איינגעזונגען ניגונים און שירים לכבוד די ימים נוראים. אַ וואָך פאַר יום־טוב, זענען אויפגעטראָטן קינדער, געקומענע פון אַ צווייטער געגנט, מיט פאַרשיידענע געזאַנג־נומערן לכבוד יום־טוב.

אַנדערע פּלאַקאַטן האָבן גערופן זיך באַזאָרגן באַצייטנס די "שטעט" אין די שילן, וואָס ווערן איבערגעפּולט ימים נוראים, און אַנדערע האָבן איינגעלאַדן צו סליחות־זאָגן. ביי אונדז למשל, זענען געקומען צוויי יונגעלייט פאַראַמאָל צו זאָגן די ערשטע סליחות, ווייזט אויס עס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש און נישט קאָאָרדינאַציע, ווייל ביידע האָבן געזאָלט זאָגן סליחות און ביידע האָבן זיך געאָמ־פּערט ווער עס וועט זיין בעל־מוסף יום־טוב, ביז לסוף האָבן זיי זיך איינפאַר־שטאַנען...

און למען האמת, האָט זיך אָוועקגעשטעלט זאָגן די סליחות גאָר אַ יונגערמאַן, מיט אַזאַ האַרציקן היימישן נוסח, אַז ס'איז געווען גאָר אַ פאַרגעניגן צו הערן.

וואָס, וואָס, נאָר קיין בעלי־תפילות פעלן דאָ ניט הי, און קיין מאַנגל אויף דעם דאָזיקן געביט איז גאָרניט פאַראויסצוזען אויך אין די נעקסטע יאָרן... אַזוי האָט זיך יידישקייט אָרגאַניש איבערגעפלאַנצט דאָ אין לאַנד, אַזש ניט צו גלויבן.

אָט למשל געפינען זיך צווישן די עולים־שכנים צוויי אַמעריקאַנער יונגעלייט, חסידים, איז איינער אַוועקגעפאָרן אויף ראש־השנה קיין... רוסלאַנד, צו דעם קבר פון ר' נחמן בראַצלאַווער, היות ער איז עס אַ בראַצלאַווער חסיד, און דער צווייטער

קיין מירון, ווייל ער איז אויך פון די "טויטע" חסידים. דער לעצטער איז אַ קאָמ־פיוטער־פּראָגראַמאַטאָר און דער ערשטער איז אַ סוחר, אוןביידע פירן זיי חסידות און דערציען זייערע קינדער און פירן זיך אַליין, ווי די אַמאָליקע חסידים, מיט אַלע "פּיטשעווקעס", כאָטש עס ווילט זיך גאָר נישט גלויבן דאָס אויף הייַנטיקע מאָדערנע געבילדעטע אַמעריקאַנער יונגעלייט.

אַן אַנדער פּלאַקאַט מעלדעט אַז דעם צווייטן טאָג יום־טוב וועט מען אויך קענען קריגן מילך אויף די און די ערטער פון דער שטאָט, נאָר מען זאָל זיך באַצייטנס איינקויפן פאַר יום־טוב די קאַרטלעך פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל ליטער. דערמיט האָט דער הרב הראשי געלייזט די האַרבע פּראָגע פון מילך־צושטעלונג און פאַר־מיטן אַ גרויסן פאַרלוסט פאַר דער מילך־פּראָדוקציע, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגע־שטעלט ווערן דריי טעג נאָכאַנאַנד, צוליב די צוויי טעג ראש־השנה און דעם נאָכ־קומענדיקן שבת.

די מילך־פּראָדוקטאָרן האָבן טאַקע אַ צייט צוריק אַלאַרמירט וועגן דער פּראָגע אין די צייטונגען, ביז די הרבנות הראשית האָט ענדלעך געפונען דעם וועג און אויסוועג צו דער וויכטיקער הלכהשער און אויך עקאָנאָמישער פּראָגע אין לאַנד.

איבעריק צו זאָגן אַז די קראָמען ווערן פולער פאַרן דערנענטערן זיך פון ראש־השנה, איבערהויפּט די שפּייז־קראָמען.

חודש אלול פילט זיך איבער טריט און שריט, בפועל ממש, ניט נאָר אין דער ליטעראַטור נאָר אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אין דעם גייסטיקן ווי אין דעם וואָכע־דיקן. און אויב מען פלעג אַמאָל זאָגן אַז חודש אלול ציטערט אפילו אַ פיש אין וואַסער, דערפילט מען טאַקע דאָ הי דעם דאָזיקן אלולדיקן ציטער אויף דער גאַס, אין דער שול, אויף די פּלאַקאַטן, אין די קראָמען און אומעטום ממש, און דאָס איז עס די פּרעלודיע, דער פאָרשפּיל, די הקדמה צו די אָנקומענדיקע ימים נוראים, די טעג פון חשבון הנפש, פון תשובה און לייטערונג, און עס שוועבט אין דער לופטן דער ווונטש פון "לשנה טובה", פון אַ גליקלעך, פון אַ גוט און אַ זיס יאָר, און דער הייסער געבעט פון אַ וועלט פון כולו שלום, און "כל הרשעה כעשן הכלה", פון אַ בעסערער און שענערער וועלט פאַר יידן און פאַר אַלעמען.

ימים נוראים אין נייעם לאַנד

די היינטיקע ימים נוראים זענען פאַר אונדז געווען ביז גאַר שטימונגספולע. ניט נאַר אַ ניי לאַנד, ניט נאַר אַ ניי יאָר, נאַר מיר פילן ווי מיר טרעטן אַריין אין אַ נייער פאַזע פון אונדזער לעבן, און מיר שטייען פאַר דער שוועל פון איינגלי־דערונג, פון קליטה אין דער מדינה.

איבעריק צו זאָגן אַז די ימים נוראים זענען די טעג פון חשבון הנפש פון יעדן ייִדן, ווו ער זאָל זיך ניט געפינען, די טעג וואָס ווייען־אָן מט שטימונגען, מיט גייסטיקער באַלאַנס־מאַכונג פון יעדן יידישן יחיד, אָבער דאָס מאָל האָט זיך פאַר אונדז באַזונדערס געפילט. איז עס דאָך דער ערשטער ראש־השנה, דער ערשטער יום־כיפור אין דער מדינה, נאָך אונדזער עליה, אין אונדזער מרכז־קליטה, ווו מיר דאַרפן זיין די ימים נוראים.

מען איז דאָס שטענדיק געווען געוווינט ביי אונדז אין אַרגענטינע, ביי אונדז אין דער שיל, צווישן דער משפחה, און איצט איז דאָס אַלץ אַנדערש.

און מיט אַ ספּעציעלן געפיל און אפילו נייגער טורעטן מיר צו צו די פּאַרכטיקע טעג. אין דעם מרכז־קליטה אין ירושלים, ווו מיר שטייען נאָך דערוויייל איין, איז פאַראַן אַ שטענדיקע מיגראַציע. עולים קומען־אָן און עולים גייען אַוועק אין די פאַר זיי באַשטימטע וווינונגען.

אַזוי, אַז זינט די צוויי חדשים וואָס מיר זענען דאָ אַהערצו אָנגעקומען, האָט זיך די איינוווינערשאַפט איבערגעשיכטעט. פון אַ מערהייט פון אַמעריקאַנער עולים, איז איצט געוואָרן אַ מערהייט פון רוסישע עולים. אויך די שפּראַך, די רוסישע, הערט זיך מערער, און אפילו די מחזורים וואָס דער מרכז־קליטה שטעלט־צו די דאַווענער, זענען אַ העלפט מיט רוסישער איבערזעצונג.

יידן זענען איצט אונטער דעם איינדרוק פון די געשעענישן אין ווין, נאָכן פאַר־כאַפּן די דריי רוסישע עולים, און נאָך די דערקלערונגען פון דעם עסטרייכישן פּרעמיער צו שליסן דעם עולים־לאַגער אין ווין.

און אַזוי טרעטן מיר אַריין אין ראש־השנה תשל״ד הבעל״ט.

ביי אונדז אין מרכז־הקליטה איז די שיל פול און גוט איינגעאָרדנט און מען דאַוונט זייער געשמאַק און היימישלעך.

דער בעל־שחרית איז אַ רוסישער ייד, אַ טיפּ, אויסערלעך, פון אַ ״טביה דעם מילכיקן״, אַ ברייטער הויכער יונגערמאַן, מיט אַ בלאָנדער ברייטער צעוואָקסענער באָרד, אַ זייער פרומער. דערביי איז ער אויך געווען מאַטעמאַטיק־פּראָפעסאָר פון דער מאָסקווער אוניווערסיטעט, אָבער זיין גאַנג, זיין רעדן, זיין דאַווענען, זיין לערנען, איז פון אַ היימישן גוט־פרומען יידן. זיין נוסח איז היימיש־סקאַרבאָווע, און זיין שטימע אַ באַסאָווע, שפּילט־צו צו זיין גאַנצער כאַראַקטעריסטיק.

דער בעל־מוסף איז אַ הי־געבוירענער יונגערמאַן, מיט אַ זעלטן־שיינעם נוסח און געפּיל אין דאַוונען. ער באַהערשט דעם גאַנצן מחזור, מיט אַ מערקווירדיקער פּירוש־המילות און אײַנטײַטש, און עס איז ממש אַ פאַרגעניגן מיטצודאַוונען מיט אים.

דער בעל־תוקע איז אַ יונגער בחור, מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלעמען, אַזוי אַז זײַנע תקיעות, פעסטע און הויכע, קומען זיכער אַרויף אויבן שנעלער פון אַנדערע...

דער וועטער איז אויך אַן אַנגענעמער, ניט קיין איבעריק הייסער, ווײַל לויט ווי מען גיט איבער, איז פאַראַיאָרן, איבערהויפּט יום־כּיפּור, געווען אומדערטרעגלעך הייס, אַזוי אַז מענטשן שרעקן זיך אויך פאַר די איצטיקע ימים נוראים. אָבער אַדאַנק ג', עס איז צו דערליידן. מען בעט אונדז צו האַלטן אַ דרשה פאַר די ערשטע תקיעות, און מען איז אונדז מכבד מיט דער הפטורה דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, אַזוי אַז מיר הייבן זיך אָן פילן ווי כּמעט אין אונדזער שיל... ביים זאָגן די הפטורה וועגן דעם "יקיר לי אפרים", און וועגן "ושבו בנים לבולם", פילן מיר אַז דאָס איז איצט באַשײַנפערלעך פאַרווירקלעכט אין דער מדינה, און מיר פילן זיך טאַקע אַלס אַן אינטעגראַלער טייל פון יידן פון אַלע וועלט־עקן, אַמעריקאַנער, רוסישע, רומענישע, ענגלישע, זיד־אַפריקאַנער, לאַטיין־אַמעריקאַנער, א.א.וו. אַזוי אַז דער "ושבו בנים לגבולם", איז איצט אַ גליקלעכע ווירקלעכקייט, ניט נאָר אַ הפטורה־לאַזונג, נאָר אַ לעבעדיקע רעאַליטעט.

איבערהויפּט האָבן הנאה די יידיש־רעדנדיקע יידן, ווען נאָך אונדזער העברע־ישער טייל פון דער דרשה גייען מיר איבער, טאַקע צוליב זיי, אויף יידיש, און זיי לעבן־ממש־אויף און זענען אויסערסט דאַנקבאַר פאַר דעם, ווײַל צוליב דער קורצ־קייט פון דער צײַט וואָס זיי געפינען זיך דאָ, איז נאָך פאַר זיי ניט מעגלעך אויפצו־כאַפּן אַ העברעישע דרשה.

שבת שובה איז דאָ געווען אַ גרויסער "כאַמסין", און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט אָנגעהאַלטן דער ניט געווינטלעכער הייסער וועטער, מיט אַ סך גראַד העכער דער נאָרמאַלער.

מוצ"ש זענען מיר געווען אײַנגעלאַדן אין הויז פון אַן אָנגעזעענעם עסקן אין ישראל און אין די תפוצות, און עס זענען לכבוד אונדז אויך געקומען צוויי געווע־זענע שליחים אין אַרגענטינע, אַזוי אַז מיר האָבן ווידער פאַרבראַכט זייער גוט און היימישלעך.

מיר קוקן זיך צו צו די ערב־יום־כּיפּורדיקע צוגרייטונגען אין פאַרשיידענע געגנטן פון ירושלים. מיר זענען אין אַ יידישער געגנט און זעען ווי עס מאַרשירן פאַרביי די פאַרשיידענע חסידישע יונגעלייט, אין זייערע קאַפּאָטעס, שטריימלעך, כאַראַקטעריסטישן יידישלעכן טראַכט. דער יידיש קלינגט אַרויס פון זיי און מיט זייערע העוויות און אופן רעדן, דערמאַנען זיי די אַמאָליקע יידן אַקוראַט, ווי אַ פאָטאָגראַפיע.

איין יונגער חסיד טראָגט פון דער ווערטשעריי זײַן ריינעם אויסגעפרעסטן קיטל אויף יום־כּיפּור, און די לופט איז פול מיט די ווינטשעוואַניעס פון אַ "גמר חתימה טובה".

יום־כיפור, איז להיפוך צו דעם וואָס מען האָט זיך געשראָקן, אַ פרישער און זייער אַנגענעמער טאָג.

פאַר כל־נדרי בעט מען אונדז ווידער צו זאָגן דברי־התעוררות, און די געפּאַקטע שיל פון דעם מרכז־קליטה, מענער, פרויען און קינדער, פון אַרום צוויי הונדערט נפשות, איז שטיל, ערנסט און פייערלעך, און עס ווערן אָפּגעריכט די תפילות אין אַ ספּעציעלער שטימונג. צומאַרגנס הייבט מען אָן צו דאַווענען גאַר פרי. מען איז אונדז ווידער מכבד מיט מפטיר, מיט דער תפילה פאַר דעם שלום פון דער מדינה און פאַר דער ישראל־אַרמיי, ווי אויך מיטן יזכור פאַר די געפאַלענע אין דער מלחמה פון ישראל־באַפרייונג און בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיר גייען אַרויס פון שיל, אין דער פויזע צווישן מוסף און מנחה, צופרידענע, אויסגעדאַוונטע, און מיט אַן אַנגענעם געפיל פון דעם גאַר פיינעם פרישן וועטער, ווען מיר הערן פּלוצים אַ סירענע־אַלאַרם. תחילת מיינען מיר אַז דאָס איז אַן אַמבו־לאַנס, אָבער נאָכדעם, גיבן מיר זיך רעכענונג, אַז דאָס איז אַן אַלאַרם.

אַ שכנה זאָגט אונדז אַז דאָס איז שוין די צווייטע סירענע, און אַז זי האָט דערפאַר ערשט אָנגעצונדן די ראַדיאָ, און מען גיט־איבער אַז דאָס אַלאַרמירט מען די באַפעלקערונג היות עס איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן ישראל און די עגיפּטישע כוחות אין דעם סיני און צווישן די סירישע כוחות אינעם גולן.

מען רופט צו מאָביליזאַציע פון די סאָלדאָטן און די רעזערוויסטן, און מען הייבט אָן געבן אָנווייזונגען דער ציווילער באַפעלקערונג.

מיר טראַכטן, אַז דאָס האָבן די שונאים אונדז פאַרשטערט אַזאַ שיינעם יום־כיפור. מענטשן הייבן אָן אָפּצופאָרן מיט די אויטאָס, סאָלדאָטן און רעזערוויסטן.

מיר דאַווענען דערווייל מנחה און די נעילה איז שוין גאַר אונטער דער מלחמה־שטימונג. די תפילות פון די בעלי־תפילות און די דאַווענער זענען באַהערשט און דער געבעט צום אבינו מלכנו טראָגט זיך פון יעדערן איינעם, מיט דעם ווונטש פון שלום. אַ יונגערמאַן, אַ חסיד, אַ טאַטע פון עטלעכע טייערע יידישע קינדערלעך, שרייט־אויס איינדרוקספול דעם ״חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו״, און עולם צעגייט זיך נאָך מעריב, און מען כאַפּט זיך צו ראַדיאָס און טעלעוויזאָרן, הערן נייעס און מערער פּרטים וועגן דער לאַגע.

עס ווענדעט זיך צום ישוב די פּרעמיער־מיניסטאַרשע גאָלדע מאיר, וואָס רופט צו זיין גרייט און וואַכזאַם, און נאָכדעם רעדט דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער משה דיין איבער דער מלחמה־לאַגע, און פאַרענדיקט אויסדריקענדיק דעם ווונטש און די פאַרזיכערונג, אַז ער גלויבט אַז דער קריג וועט זיך טאַקע פאַרענדיקן מיט אַ ״גמר חתימה טובה״ פאַר דער יידישער אַרמיי.

מיר כאַפּן טאַקע אויף אָט־דעם ווונטש און בעטן־מיט, צוזאַמען מיט אַלע יידן אויף דער וועלט, עס זאָל טאַקע זיין פאַר אונדז אַלעמען אַ ״גמר חתימה טובה״, אמן

מלחמה־צייט אין ״שערי־צדק״־שפּיטאָל

ווי באַוווסט איז די מלחמה אויסגעבראָכן יום־כּיפּור, אין דעם הייליקסטן טאָג, ווען ייִדן זענען געשטאַנען און אויסגעגאָסן זייערע תּפילות פאַרן אויבערשטן.

די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט פּליציק און באַלד האָט זיך אָנגעפאַנגען די מאָביליזאַציע. דאָס מאָל איז ניט געשען ווי אין דער קריג פון 1948 אָדער אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען ירושלים איז געווען אַ שלאַכט־פעלד. דאָס מאָל איז דער קריג־פראָנט ניט דערגאַנגען צו דער הייליקער שטאָט, און עס איז פאַרהעלטנס־מעסיק דאָ געווען רואיק. אמת, ביינאַכט ווערט די שיינע פּראַכטפולע שטאָט אויס־געלאָשן, און מען בענקט שוין נאָך די פינקלדיקע מיליאָנען ליכטער פון דער אייביקער שטאָט, וואָס ווייזט ירושלימס נאַכטיקע שיינקייט.

מען האָט דער באַפעלקערונג געגעבן די געהעריקע אינסטרוקציעס אין פאַל פון די אַלאַרם־סיגנאַלן, אָבער די מלחמה־שפּאַנונג איז אין פולן גאַנג.

אין יעדער שטוב פעלן די מענער, וואָס זענען אַוועק אויפן פראָנט. די ראַדיאָס און טעלעוויזיעס זענען עס די נאָכאַנאַנדיקע גייסטיקע אינטערעס־צענטערס פון די איינוווינער, און די צייטונגען ווערן ממש צעכאַפּט אונטער די הענט. אַ הונגער און אַ דראַנג נאָך קריגס־ידיעות פאַרכאַפּט אַלע און אַלעמען.

אַזוי פעלט אין שטאָט גאָרניט, אָבער אויב ירושלים איז ניט קיין קריגס־פראָנט, איז עס זיכער אַ קריגס־הינטערלאַנד.

עס איז מערקווירדיק דער מסירת־נפש־גייסט און דער וואָלונטירן־ווילן פון אַלעמען, פון גרויס און קליין.

אַלע ווילן עפּעס מיטהעלפן, מיט עפּעס צונויף קומען. דאָס איז ממש באַגייס־טערונגספול. ווער עס וויל גיין העלפן אין שפּיטאָל, אין אַרבעטס־פּאָסטנס, אין די פאַרשיידענע פונקציעס, און מען רוט ניט און מען זוכט און מען נישטערט און מען דערפילט דעם ציוויל־פליכט פון דעם קריג.

איינער באַט זיך אָן אין דער פּאָסט, צו סאָרטירן אין דער ביוראָ די בריוו, אַ צווייטער צו צעטיילן די קאָרעספּאָנדענץ, אַ דריטער צו אויספירן דאָס אויסרוימען די מיסט.

עס איז אַזוי גרויס די צאָל ״מתנדבים״, די וואָלונטירן אומעטום, אַז אַ סך איינ־סטאַנצן און אינסטיטוציעס האָבן געמוזט מעלדן אין די צייטונגען און מיט שילדן אויף זייערע ביוראָ־פּראָנטן, אַז זיי דאַרפן מער ניט קיין וואָלונטירן. און זיי דאַנקען־אָפּ פאַר דעם עס קומט אונדז אויפן זינען, אַז דאָס איז ענלעך צו דער אַרבעט פאַרן משכן, ווען מען האָט געמוזט אַדורכפירן אַ מעלדונג אין דער יידישער מחנה, אַז יידן, מענער און פרויען, זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון ברענגען זייערע ביישטייערונגען און אויסאַרבעטונגען פאַרן משכן, ווייל עס איז שוין איבעריק. אַזוי ווייט איז געווען דער ספּאָנטאַנער רצון

אויפצובויען דעם פּאַלקס־סאַנקטאַריום. אַזוי אויך איצט, איז אַזוי גרויס דער ווילן פון אַלע, גרויס און קליין, צו באַשיצן דער מדינה־גאַנצקייט און צו פאַרנעמען די לײדיקע אַרבעטס־פּלעצער פון די וואָס קעמפן אין די פראָנטן פאַרן יידישן קיום און המשך.

מיר ווערן אַרויסגערופן דורך דעם "שערי־צדק"־שפּיטאַל, צו באַאָבאַכטן און זען וואָס עס טוט זיך אין דעם גרעסטן און עלטסטן יידישן שפּיטאָל פון דער מדינה אין די דאָזיקע טעג, און אַנטאַפּן דעם דופק פון דעם קריג און פון דעם הינטער־פראָנט, דעם ציווילן. דאָ, אין שפּיטאָל, וועלן מיר קענען זען אין פולן זין די וואָלונטירערשאַפט פון דעם ישוב, פון יידן פון ישראל ווי פון אַנדערע לענדער, ווי אויך זען די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן וואָס מען האָט געבראַכט פון דעם פראָנט.

אויפן אויטאָבוס וואָס פירט אונדז ביזן "שערי־צדק"־שפּיטאָל אויף דער הויפּט־גאַס יפו, הערן מיר זיך איין די שמועסן וואָס עס פירן די פּאַסאַזשירן, און וואָס דרייען זיך באַטירלעך אַלץ איבער דער מלחמה־צייט און דער קריגס־לאַגע. יעדע האַלבע שעה גיט די אויטאָבוס־ראַדיאָ די נייעס וועגן די קאַמפן.

קעגן אונדז זיצן צוויי ספרדישע פרויען פון פראַנצויזישן מאַראָקאָ. הערנדיק ווי מיר רעדן שפּאַניש, רופט זיך איינע אָפּ אַז אויך זי רעדט שפּאַניש, ווייל זי שטאַמט אייגנטלעך פון שפּאַניען, און געוווינט האָט זי אין מאַראָקאָ.

דער זון איז איצט אויפן פראָנט. רופט זיך־אָפּ די צווייטע פרוי, אויך אויף שפּאַניש, און האַלב אויף פראַנצויזיש, אַז איר מאַן און איר זון זענען אויפן פראָנט, און אַז נעכטן איז צו איר געקומען איר ניין־יאָריק יינגעלע, דער איינציקער וואָס איז איר געבליבן אין שטוב און זיך צו איר אָנגערופן:

— מאַמע, איך וויל אויך זיין אַ "מתנדב", אַ וואָלונטיר...

— וואָס וועסטו אַ שטייגער טון? — פרעגט אים די מוטער. דו ביסט דאָך נאָך אַ קליינער. — איך וועל פאַרבן די אויטאָמאָבילן־ליכטער מיט בלויער ליכט... (בכדי מען זאָל ביינאַכט זיי ניט אַזוי שטאַרק אַרויסזען, פאַרבט מען זיי אָפּ אויף בלוי, אַנ־שטאָט רויט).

אַזוי, אַז איצט האָב איך גאַנצע "דריי" סאָלדאַטן, זאָגט ווייטער די פרוי, ה׳ ישמרם, דער אויבערשטער זאָל זיי מיר אויסהיטן פון בייז!

און אין אָט דער באַוווּנדערונג פאַרן וואָלונטירן־גייסט פון דער ישראל־באַפעלקע־רונג, שטייגן מיר־אָפּ פון דעם אויטאָבוס, אַנטקעגן דעם "שערי־צדק"־שפּיטאָל, און מיר לאָזן זיך אַהינצו.

גלייך ביים איינגאַנגס־טויער, טרעפן מיר־אָן אַ שילד, אַז דער שפּיטאָל נויטיקט זיך מער ניט אין קיין שום סאָרט וואָלונטירן און אַ דאַנק אַלעמען פאַר זייער גרייטקייט.

מיר לאָזן זיך צו די ביוראָען פון שפּיטאָל, ווו מיר ווערן זייער פריינדלעך אויפגעבומען פון דעם דירעקטאָר פון דעם אַנטוויקלונגס־פּלאַן פון דעם שפּיטאָל, און איידער מיר לאָזן זיך גיין אויף אַ ברייטן באַזוך אין די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דעם שפּיטאָל, הערן מיר אויס פון אים אַ הקדמה, — אַן אַריינפיר וועגן דעם שפּיטאָל אין די איצטיקע גורלדיקע טעג פאַר אונדזער מדינה.

ער שילדערט אונדז די גרויסע אָפּפערוויליקייט פון אַלע שיכטן פון דער יידישער מדינה פאַר דעם שפּיטאָל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל,

דאָס הייסט וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין רשות פון די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. דער גאַנצער שפּיטאָל איז כמעט אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר זיי. בלויז געציילטע דרינגענדיקע פאַלן פון די ציווילע ווערן אויפגענומען. בכלל קומען מענטשן איצט אין שפּיטאָל אין נויט־פאַלן, און אין געוויינטלעכע קומען זיי ניט, ווייל זיי פאַרשטייען, אַז די סאָלדאַטן זענען איצט בילכער.

עס איז מערקווירדיק די וואָלונטירערשאַפט פון קליין און גרויס. אַרום זעקס הונ־דערט מתנדבים זענען פאַראַן אין די פיר און צוואַנציק שעה פון דעם מעת־לעת, און הונדערטער האָט מען געדאַרפט אַנטזאָגן, צוליב איבערפלוס.

די וואָלונטירן זענען יוגענטלעכע פון גדנ״ע, פון די יוגנט־באַטאַליאָנען, וואָס זענען מוסטערהאַפט דיסציפּלינירט אונטער דער מיליטערישער קאָמאַנדע, און העלפן מיט אין די פאַרשיידענע שפּיטאָל־אַרבעטן, ווי אין דער אויפנאַמע פון די פאַרוווּנ־דעטע סאָלדאַטן וואָס מען ברענגט פון פראָנט.

דאָקטוירים פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אָנגעבאָטן צו קומען אין שפּיטאָל אַריין, און מען האָט זיי געמוזט אָפּזאָגן. איינער איז אפילו געקומען פון אויס־לאַנד פלוצים, גענומען זיין דאָקטאָר־רענצל, און אפילו ניט מודיע־זייענדיק זיין פרוי, איז ער געקומען צו פליען קיין ישראל און זיך פּרעזענטירט צום דינסט פאַרן שפּיטאָל. און דאָס האַנדלט זיך אין אַ דאָקטאָר מיט אַ וועלט־נאָמען.

אַ ספּעציעלע וואָלונטירונג איז דאָס זיין אַן אויטאָ־טרייבער, וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָל סיי פאַרן פראָנט, ווי פאַרן ציווילן לעבן. למשל, אַ גאַנצע נאַכט, וואָלונ־טירן אויטאָ־טרייבער, וואָס ברענגען און פירן־אָפּ צום און פון שפּיטאָל. היות די אויטאָבוסן־באַדינונג גייט ניט אין דער אויסגעלאָשענער שטאָט ביינאַכט, פירן זיי אָפּ קראַנקען־שוועסטער, דאָקטוירים, א.א.וו. און ווער זענען עס די ״שאָפערן״? רבנים, אינדוסטריאַלן, גרויסע סוחרים, וואָס בייטאָג זענען זיי באַשעפטיקט יעדער איינער אין זיין רעספּעקטיווער אינדוסטריע, פּראָפעסיע אָדער אַנדער אַרבעט, און ביינאַכט גיט ער אָפּ זיין צייט צו טרייבן דעם אויטאָמאָביל לטובת דעם ״שערי־צדק״־שפּיטאָל.

אָדער אַז מען ברענגט ביינאַכט פון עראָפּאָרט פון ירושלים אַמבולאַנסן מיט פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, דאַרפן זיי באַלויכטן פאַר זיי דעם וועג ביזן שפּיטאָל, אין דער טונקעלער שטאָט. אָדער למשל, אַז מען האָט באַדאַרפט האָבן פאַר די פאַר־וווּנדעטע סאָלדאַטן טעלעוויזאָרן, האָט מען אויפגעהויבן דעם טעלעפאָן־רעדל, און באַלד זענען ״באַשאַפן״ געוואָרן טעלעוויזאָרן פאַר יעדער קראַנקען־סאַלע. די פרוי פון דעם נשיא־מדינה האָט גלייך אָנגעבאָטן ביז וואָס־ווען איר אייגענעם טעלעוויזאָר, און האָט באַזוכט די פאַרוווּנדעטע פראָנט־סאָלדאַטן און געשאָנקען יעדן איינעם פון זיי אַ בוקעט בלומען מיט אַ פּערזענלעכער באַטע פון דעם מדינה־פּרעזידענט פראָפ׳ אפרים קציר, מיט די בעסטע ווינטשן פאַר זייער שנעלער דערהאָלונג און צוגעזאָגט נאָכן קריג, ביי זייער געזונט־ווערן זיי איינצולאָדן אין בית־הנשיא צו אַ ספּעציעלער פייערלעכער מסיבה פאַר זיי.

מיר הערן־אויס באַגייסטערט אָט די שילדערונג פון ספּאָנטאַנער התנדבות, און

מיר ווילן שוין באַזוכן און זען מיט די אייגענע אויגן וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דעם שפּיטאָל.

און אין באַגלייטונג פון די שפּיטאָל־מיטאַרבעטער, לאָזן מיר זיך גיין צוזאַמען מיטן פאַרשטייער פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור פון אַמעריקע איבערן שפּיטאָל ווו מיר ווילן אויפנעמען וואָס מער איינדרוקן און זיי קענען שילדערן פאַר די יידישע לייענער פון דער וועלט, מיר, פאַר דער יידישער און שפּאַנישער פרעסע אין די פינף קאָנטינענטן און דער אַמעריקאַנער קאָלעגע פאַר דער ענגלישער פרעסע פון די זעלבע.

און מיר וועלן ווייטער איבערגעבן אונדזערע אוממיטלבאַרע באַגעגענישן און געשפּרעכן אין דעם דאָזיקן יידישלעכן שפּיטאָל, אין די דאָזיקע היסטאָרישע גורל־דיקע טעג פאַר אונדזער אומה.

אַ "שפּאַציר" אין "שערי־צדק"־שפּיטאָל בעת די מלחמה־טעג

מיר פאַנגען־אָן אונדזער "שפּאַציר" אין דעם "שערי־צדק"־שפּיטאָל. שוין באַלד ביים אַרויסגיין פון די ביוראָען און דורכקרייצנדיק די גערטנער פון דעם שפּיטאָל, ליגן אויסגעלייגט און שמועסן געמיטלעך צענדליקער יוגענטלעכע פון גדנ"ע, פון די יוגנט־באַטאַליאָנען, וואָלונטירן, וואָס טוען פאַרשיידענע שפּיטאָל־אַרבעטן און נעמען־אויף די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן פון די אַמבולאַנסן, ווען מען ברענגט זיי אין שפּיטאָל אַריין.

די יוגענטלעכע ליגן געמיטלעך אויפן גראָז און שמועסן און רעדן צווישן זיך. עס דערנענטערן זיך אַייניקע צו אונדז, און זאָגן אונדז אַז זיי זענען וואָלונטירן פון אַמעריקע, איינער פון זיי לערנט דאָ אין אַ ישיבה.

מיר כאַפּן אַ שמועס מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די וואָלונטירן פון שפּיטאָל. זי דערציילט אונדז אַז גלייך דעם ערשטן טאָג פון קריגס־אויסברוך זענען געקומען דריי הונדערט וואָלונטירן זיך אָנבאָטן. זי דערציילט אונדז אַז עס וואָלונטירן אשכנזים, ספרדים, ישיבה־בחורים, סטודענטן, און אַלע זענען אָנגעשטעקט מיט הילפס־גרייטקייט און פרייוויליקייט און ווילן רק מיטהעלפן און נעמען אַ חלק אין דעם גרויסן קאַמף פון דער מדינה.

מיר קומען אַריין צום אַלעם ערשטן אין דער שפּיטאָל־אַנפירונג, ווו עס נעמען אונדז־אויף דער הויפּט־דאָקטאָר און דער שפּיטאָל־אַדמיניסטראַטאָר. זיי גיבן־אונדז איבער וועגן דער גוטער קוואַליטעט פון דעם מעדיקער־קאָרפּוס, וואָס איז פון די בעסטע אויף דער וועלט.

אויף אונדזער אָנפרעגע ווי עס איז צוגעגאַנגען מיט דער אָרגאַניזירונג פון דעם שפּיטאָל און די צופּאַסונג צו דער קריגס־לאַגע, גיבן זיי אונדז־איבער אַז דאָס איז געטון געוואָרן בליץ־שנעל. אין משך פון 3—4 שעה איז דער שפּיטאָל צוגעגרייט געוואָרן אויפצונעמען די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן און איז פאַקטיש פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. נאָכן פאַרבייגיין 18 שעה האָט מען אָנגעהויבן אויפצונעמען די ערשטע פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין דעם הייליקסטן טאָג, אין יום־כיפור, און אין דעם דאָזיקן מאָמענט זענען פרומע און ניט־פרומע אַריין אין שיל פון דעם שפּיטאָל צו בעטן פאַרן שלום פון דער מדינה, און אז עס זאָלן זיין וואָס ווינציקער פאַרוואונ־דעטע יידן און וואָס ווייניקער קרבנות.

אַלע האָבן מיר געוואָלט מקדש־זיין דעם יום־כיפור, דעם יידישן יום־הקדוש. אדרבא: אונדזער רב פון שפּיטאָל, האָט געפּאַדערט אַז די אויטאָ־אַנטרייבער זאָלן דווקא זיין פרומע יידן, וואָס זאָלן מכוון־זיין די מצווה פון פּיקוח־נפש דוחה שבת־שבתון. אַז אויב שוין יאָ פּיקוח־נפש־מצווה זאָל עס געטון ווערן דווקא פון שומרי־

מצוות. איבעריק צו זאָגן, אַז אַט די דעפיניציע האָט אונדז שטאַרק גערירט.

פון דאָרטן הייבן מיר אָן צו גיין איבער די סאַלעס פון די קראַנקע פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן.

ביים אָנפאַנג קאָרידאָר טרעפן מיר אַ קראַנקען־ברודער, מיט אַ לאַנגער שוואַר־צער באָרד, אַ ספרדישער יונגערמאַן פון מאַראָקאָ. ער זאָגט אונדז אַז ביז נאָכמיטאָג אַרבעט ער אין שפיטאָל, און נאָכדעם לערנט ער ביז אין דער נאַכט אַריין אין אַ בית־מדרש אין ירושלים, און אַדאַנק דעם וואָס ער דערגענצט זיין הומאַניטאַרע שפיטאָל־אַרבעט מיטן לערנען לימודי־קודש, קען ער בעסער באַדינען די קראַנקע און פאַרוואונדעטע.

מיר גייען אַריין אין די סאַלעס ווו עס ליגן פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן. אויך אין די קאָרידאָרן טרעפן מיר זיי־אָן צוזאַמען מיט פאַמיליאָרן וואָס באַזוכן זיי און באַ־גלייטן. מיר ווינטשן יעדן איינעם ער זאָל איינגיכן געזונט ווערן. אייניקע שמייכלען ביז גאָר און זאָגן אַז אַזוי דאַרף עס זיין.

אין די קאָרידאָרן גיבן אונדז איבער די קראַנקענשוועסטער איבערן אויסנעמ־לעכן מוט און גייסט פון די סאָלדאַטן. כאָטש זיי זענען פאַרוואונדעט, ווילן זיי גלייך לויפן צוריק צום פראָנט און באַדויערן פאַרוואָס זיי זענען ניט איצט ביים סועץ־קאַנאַל אָדער אין גולן. אַזעלכעס זעט מען עס ניט אויף דער גאַנצער וועלט.

זיי הייסן אונדז ניט זאָרגן פאַר זיי. דער עיקר זיי זאָלן קענען צוריק קעמפן פאַר דער מדינה. מיר בלייבן געפּלעפט. זיי טרייסטן אונדז גאָר און מוטיקן אונדז...

מיר גייען אַריין אין דער אויגן־אָפּטיילונג, אָנגעפירט דורך אַ יונגן דאָקטער. אַט די סאַלע איז געשאַנקען געוואָרן און ווערט אויסגעשטאַט דורך דעם ווענעסאַ־לאַנער "שערי־צדק"־קאָמיטעט. די דאָקטוירים דריקן טאַקע אויס אַ יישר כוח דעם ישוב פון קאַראַקאַס פאַר זיין זאָרגפעלטיקייט.

שטענדיק ווימלט און שוויבלט דאָ מיט פּאַציענטן, אָבער איצטער איז דאָס נאָר פאַרנומען און אָפּגעגעבן כמעט אינגאַנצן, אויסער דרינגענדיקע פאַלן, פאַר די פאַר־וואונדעטע סאָלדאַטן.

די דאָקטוירים באַדינען די אָפּטיילונג פּערמאַנענט, די 24 שעה פון מעת־לעת. זיי דערציילן טאַקע אינטערעסאַנטע פאַקטן פון זייער אַרבעט. אַט־למשל האָט מען געבראַכט אַ פאַרוואונדעטן סאָלדאַט אויף אַ פוס, נאָר ער באַקלאָגט זיך גאָר אויף די אויגן. דאָס האָט ער פאַרלוירן די ברילן, האָט עס אים אַזוי שטאַרק באַלעסטיקט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אין דעם פאַרוואונדעטן פוס, וואָס צוליב דעם האָט מען אים אייגענטלעך געבראַכט אין שפיטאָל אַריין. מיר גייען אַריין אין אַנדערע אָפּטיילונגען, און דערביי זעען מיר זעק־טראַנשייען, וואָס די וואָלונטירן האָבן געבראַכט און אויסגעלייגט איבער די ווענט פון שפיטאָל. מיר גייען אַריין אין מילה־זאַל פון שפיטאָל.

מען גיט אונדז איבער אַז אין שפיטאָל קומען פאַר צוויי טויזנט געבורטן אַ יאָר, פון זיי אַ טויזנט ברית־מילה ווערן געפּראַוועט אין שפיטאָל, אין דעם ספּעציעלן ברית־מילה־זאַל.

אין דעם נייעם גרויסן מעדיצינישן צענטער וואָס דער שפיטאָל בויט אין בית־

וגן, און וואָס וועט פֿאַרענדיקט ווערן אין עטלעכע יאָר אַרום, גלייבט מען אַז די צאָל וועט פֿאַרדרייפֿאַכיקט ווערן.

עס ווערט אָפּעלירט דעריבער צו די יידן אויף דער גאַרער וועלט, איבערהויפּט די יידישע קהילות וואָס ווילן פֿאַראייביקן די אומגעקומענע קהילות פֿון אייראָפּע, און די קינדער וואָס זענען אומגעקומען אין צווייטן וועלט־קריג, זאָלן פֿינאַנסירן אָט די אָפּטיילונג, און אַזוי אַרום פֿאַרייביקן אין די יידישע קינדער וואָס וועלן דאָ געבוירן ווערן, יענע משהלעך און שלמהלעך, וואָס די נאַצישע רוצחים האָבן אומגעבראַכט און פֿאַרשניטן.

מיר טרעפֿן־אָן דעם הויפּט־מוהל פֿון שפּיטאָל, וואָס גיט אונדז איבער רירנדיקע פֿאַקטן פֿון זיין אָפּטיילונג במשך די קריגס־טעג.

ביז איצט זענען געפּראַוועט געוואָרן פֿופֿצן ברית־מילהס ביי קינדער פֿון סאָלדאַטן, און דער שפּיטאָל האָט זיך געזאָרגט פֿאַרן כיבוד און עס זאָל זיין אַ מנין.

מערסטנטייל זענען עס די דאָזיקע בריתן אָן דער אָנוועזנהייט פֿון די טאַטעס, וואָס זענען אויפֿן פֿראָנט, און דאָס אַליין ברענגט שוין אַריין די טראַגישע קריגס־נאָטע אין דער געבורט־שמחה. אפֿילו אין די נעמען פֿון די קינדער דערקענט מען אַז עס איז מלחמה־צייט.

קינדער וואָס ווערן געבוירן אין דער דאָזיקער צייט, אין חודש תשרי, גיט מען דאָ, אין ישראל, געוויינטלעך נעמען וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דעם חודש. למשל, רופֿט מען אַ ייִנגעלע "איתן", ווייל ער איז געבוירן אין ירח־איתנים, אַזוי ווי דער חודש תשרי ווערט אָנגערופֿן אין אונדזערע ספֿרים, אָדער מען רופֿט אַ ייִנגעלע וואָס ווערט געבוירן סוכות־צייט "חגי", פֿונעם וואָרט "חג", יום־טוב, א.א.וו. דאָסמאָל זענען אָבער די נעמען אויסדרוקן פֿון די מלחמה־טעג. אָט האָט מען אַ נאָמען געגעבן אַ קינד יריב, ער זאָל קעמפֿן. שלום, וכדומה נעמען, וואָס דריקן־אויס די שטימונגען און געפֿילן פֿון די עלטערן אין די דאָזיקע גורלדיקע טעג פֿאַר דער מדינה.

אָבער עס זענען פֿאַראַן אויפֿטרייסלנדיקע פֿאַלן, ווען די מאַמעס פֿרעגן אַ שאלה, צי מען קען געבן דאָס קינד אַ פּראָוויזאָרישן נאָמען, צי מען קען צוזעצן שפּעטער אַ נאָמען, ווייל אַזוי ווי דער פֿאָטער קעמפֿט אויפֿן פֿראָנט, און די שעה זאָל ניט זיין... און מען וועט דאַרפֿן דאָס קינד אָנרופֿן אויף זיין נאָמען...

מיר גייען דערווייל אין דער גרויסער שיינער סוכה פֿון דעם שפּיטאָל, עפּעס איבערכאַפּן. פֿאָרט אַ יידישער שפּיטאָל, ווו תורה און חכמה גייען צוזאַמען.

אָט טרעפֿן מיר־אָן אַ שילד, אַז מען לאַדט איין צו אַ קאָנפֿערענץ איבער סוכות פֿון דער ד"ר נחמה לייבאָוויטש, די תנ"ך־קענערן און קאַטעדראַטיקערן.

מיר שמועסן איבער דער גרויסער אַרבעט פֿון די דאָקטוירים און וואָלונטירן, ווען פּלוצעם הערן מיר דעם אַלאַרם אין שפּיטאָל, אַ ספּעציעלע אַלאַרם וואָס מעלדעט וועגן אָנקומען פֿון אַמבולאַנסן מיט פֿאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן.

יעדעס מאָל וואָס מען ברענגט די סאָלדאַטן, ווערט אין שפּיטאָל פֿריער געמאָלדן מיט ספּעציעלער סיגנאַל־אַלאַרמירונג. עס ווערט מאָביליזירט דער דאָקטוירים־ און וואָלונטירן־פּערסאָנאַל, און מען אָרגאַניזירט אויף אַ מוסטערהאַפֿטן אופֿן דאָס אויפֿנעמען די חיילים.

אויך מיר ווערן איינגעלאַדן צו באַאָבאַכטן די דאָזיקע צוגרייטונגען און דאָס אַריינפאַרן פון די אַמבולאַנסן מיט די פאַרווונדעטע סאָלדאַטן פון דעם פראָנט. און מען זעצט אונדז אַוועק אויף אַ "פריווילעגירטן" און "סטראַטעגישן" פלאַץ, ממש אַנטקעגן זיי, און מיר כאַפּן־אויף מיט נייגער און ציטער אָט־די מסירת־נפשדיקע מאַמענטן. אין גרויס שפאַנונג וואַרטן מיר־אָפּ זייער אָנקום.

ביים אויפנעמען פאַרווונדעטע סאָלדאַטן

ווי געזאָגט אין פאַריקן קאַפּיטל, הייבט אָן דער סיגנאַל צו אַלאַרמירן אין שפּיטאָל, אַלס צייכן אַז מען דאַרף זיין גרייט אויפצונעמען די סאָלדאַטן וואָס מען ברענגט פון דעם לופטפּאָרט מיט אַמבולאַנסן.

און תוך כדי דיבור ווערט אַלץ אָרגאַניזירט מיט שנעלקייט און מערקווירדיקער דיסציפּלין.

עס ווערן געעפנט די טירן וואָס גיבן צו דעם איינגאַנג פון שפּיטאָל, וואָס זענען ווי געוויינטלעך שטענדיק פאַרמאַכט, אָבער איצט ווערן זיי תיכף געעפנט, דורכצולאָזן די אַמבולאַנסן.

פאַרן טויער שטייען שוין די צענדליקער יוגענטלעכע פון גדנ״ע, יוגענטלעכע פון 15 ביז 17 יאָר, אָנגעטון אין ווייסע כאַלאַטן, און וואַרטן־אָפּ דאָס אָנקומען פון די אַמבולאַנסן. דער וועג ווערט אָפּגערייניקט פון אויטאָס און פון מענטשן, און אַ שפּאַנונג און דערוואַרטונג באַהערשט אַלץ און אַלעמען. מען ווייסט ניט וויפל פאַרווונדעטע מען ברענגט און אין וועלכן צושטאַנד.

ביים טויער שטייט דער הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל און דער הויפּט־כירורג, און נאָך איידער מען טראָגט אַריין די פאַרווונדעטע סאָלדאַטן, פאַרצייכנט אַ שוועסטער ביים עפענען די הינטער־טיר פון דער אַמבולאַנס דעם נאָמען און די דאַטן פון דעם סאָלדאַט, און די הויפּט־דאָקטוירים גיבן אַ שנעלן בליק און אונטערזוך דעם פאַרווונדעטן און באַשטימען ווו מען זאָל אים אָפּפירן, דאָס הייסט אין וועלכער שפּיטאָל־אָפּטיילונג.

אַלץ ווערט געטון פּרעציז, און גלייך נעמען די יוגענטלעכע פון גדנ״ע דאָס טראָגבעטל מיטן סאָלדאַט און פירן אים אָפּ ווו די דאָקטוירים הייסן זיי. אין קאָרידאָר שטייען שוין אַ מחנה דאָקטוירים און קראַנקען־שוועסטער צו דער גרייטקייט אויף צו באַדינען דעם פאַרווונדעטן סאָלדאַט.

אַלע קוקן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם צו דער אַמבולאַנס וואָס פירט מיט זיך דאָס טייערסטע, דעם גרעסטן אוצר וואָס דאָס איז מענטשלעך לעבן. דאָ פילט מען באַשיינפּערלעך דעם תלמודישן זאָג, אַז דער וואָס ראַטעוועט אַ מענטשלעך לעבן, איז ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט. יעדער ייִד, יעדער סאָלדאַט, יעדער מענטש איז דאָך אונדז טייער און הייליק, און צוקוקנדיק אָט דאָס הערלעך הומאַניטאַר בילד, ווערט מען פאַרכאַפּט דערפון.

אויב מען זעט אַ שווער־פאַרווונדעטן חייל, רייסט זיך אַרויס אַ קאָלעקטיווער קרעכץ און אַן ״אוי״ פון דעםברייטן נעבנשטייענדיקן און געשפּאַנטן עולם, און ווען מען מערקט אַז ס'איז ניט געפערלעך, אָטעמט מען לייכטער אָפּ.

אייניקע סאָלדאַטן טראָגט מען אַראָפּ, און אייניקע גייען אַליין, נאָר מען האַלט־זיי אונטער. איין סאָלדאַט גייט אַראָפּ, און בלייבט שטיין, קוקט זיך אַרום, און זוכט אַרום זיך. ער דרייט זיך איבער צו דער אַמבולאַנס, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס וויכ־טיקס איבערגעלאָזט. ווען אַ יוגנטלעכער פון גדנ"ע טראָגט פון דאָרטן אַרויס די ביקס זיינע. יענער וויל זי בעמען, אָבער דער יוגענטלעכער הייסט אים זיין רואיק, און זאָגט אים צו, אָפּצוהיטן דאָס געווער. דאָן צעשמייכלט זיך יענער אַ גליקלעכער, און דער דאָזיקער שמייכל טראָגט זיך אַריבער צום גאַנצן באַאַבאַכטנדיקן עולם.

מיר זענען דורכגענומען פון דעם גאַנצן בילד. עס זענען איבעריק אַלע ווערטער און אַלע קאָמענטאַרן.

נעבן מיר זיצט די פרוי רחל ינאית בן־צבי, די פרוי פון פאַרשטאָרבענעם נשיא יצחק בן צבי ז"ל, און קוקט זיך צו אויפמערקזאַם צום גאַנצן בילד. זי איז שוין אין שפּיטאָל עטלעכע שעה, ווו זי האָט געבראַכט הונדערט פון אירע ביכער "אנו עולים" און די ענגלישע איבערזעצונג פון דעם זעלבן אונטערן נאָמען "קומענדיק אַהיים", און געטיילט זיי די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, צוזאַמען מיט איר שמייכל און דער־מוטיקונגס־ווערטער. און מיר האָבן טאַקע געטראָפן אַ גאַנצע סאַלע מיט סאָלדאַטן ליגנדיק און אַריינקוקנדיק אין איר בוך מעמואַרן. אגב, איז דאָס בוך זייער אינטע־רעסאַנט און געשריבן אויף אַ צוציענדיקן אופן און שיינעם העברעיש, און וויקלט־אויף די פּיאָנערישע פרשה פון דער צווייטער עליה.

זי שענקט אונדז איר בוך מיט אַ ספּעציעלער ווידמונג, און הייסט אונדז בלייבן אין לאַנד. מיט גרויס באַגייסטערונג גיט זי מיר איבער איבער דער מסירת־נפש פון די סאָלדאַטן, אָבער זי באַמערקט אונדז, אַז אויסער דעם קעמפערישן פראָנט איז פאַראַן דער ציווילער הינטערפראָנט אין וועלכן דאָס גאַנצע פאָלק איז איינגעשלאָסן. אין וועלכן ישוב געשעט דאָס? די שונאים קעמפן קעגן אונדזערע פראָנט־סאָלדאַטן, אָבער זיי ווייסן ניט אַז מיר פאַרמאָגן אויך די ציווילע סאָלדאַטן, וואָס בילדן איין געשלאָסענעם און געאייניקטן פראָנט מיט זיי. דעריבער הייסט זי מיר שרייבן, אַז עס זאָלן קומען וואָס מער יידן פון דער וועלט, ווייל צוזאַמען מיט די תפילות וואָס זי איז מתפלל פאַרן נצחון אויפן פראָנט, איז די מתפלל פאַר אַ פאַרגרעסערטער עליה, ווייל עליה מיינט שוין אַן און פאַר זיך אַ האַלבער נצחון.

פרוי בן־צבי וויקלט פאַר אונדז דערביי אויף אַ פרשה פון זכרונות פון איר אָנקום אין לאַנד, און ווי יידן האָבן דאָן זיך פאַרטיידיקט, און ווי קינדער פון יונגן עלטער האָבן געגראָבן טראַנשייען.

זי רעדט וועגן דער הגנה אין ירושלים, ווו זי איז געווען פון די ערשטע מיט־גלידער, וועגן איר אַרבעט אין דער אַגריקולטור־שולע וואָס זי האָט אָנגעפירט, און וועגן וועלכער זי שרייבט זכרונות.

בכלל האַלט זי ערשט אינמיטן אירע מעמואַרן, זאָגט זי אונדז, און זאָלן אונ־דזערע קינדער וויסן ווי מיר האָבן געקעמפט און וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין יענע פּיאָנערישע יאָרן אין דער מדינה.

אויך איצט דאַרף מען האָבן יידן אויף די פאַרשיידענע אַרבעטס־פּלעצער אין

לאַנד, און זי בעט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל שרייבן צו יידן אויף דער וועלט זיי זאָלן זיך קומען אייַנגלידערן אין דער מדינה.

אַ רירנדיקע סצענע איז געווען ווען די ווירדיקע זקנה, וואָס איז צעשמייכלט און פול מיט ענערגיע, און איז אין שפּיטאָל אַ באַקאַנטע סימפּאַטישע פיגור, האָט זיך אַרומגענומען און פאָטאָגראַפירט מיט דער ערשטער און עלטסטער קראַנקענשוועס־טער פון שפּיטאָל, די אַזוי דאָ־הי באַקאַנטע "שוועסטער זעלמאַ".

די דאָזיקע שוועסטער איז געווען די גרינדערין און די אָנפירערין פון דער קראַנקענשוועסטער־שולע פון "שערי־צדק", און איז עס די פיגור און דער סימבאָל פון דער געשיכטע און פון דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן באַרימטן הייל־־אַנשטאַלט.

זי רעדט וועגן דער אַרבעט פון דעם קרן "בן־צבי", אויפן נאָמען פון איר פאַר־שטאָרבענעם מאַן, און די אַרבעט און דעם קאָנטאַקט וואָס זי האַלט־אָן מיט אַריבער 800 שולעס אין דער מדינה.

איך דערמאָן איר דערביי אַז איך האָב ביי מיר דאָס בוך פון יצחק בן־צבי "נדחי ישראל" אין שפּאַנישער איבערזעצונג, וואָס איז אַרויס אין אַרגענטינע, און וואָס איז אגב אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם באַקאַנטן יידיש־שפּאַנישן פאַרלאַג "קאַנ־דעלאַבראַ" פון דעם ד"ר מבשן, ווו עס איז אויך דערשינען אונדזער בוך אויף שפּאַניש "דער גייסט פון ישראל". רחל ינאית בן־צבי איז שטאַרק צופרידן פון דעם דאָזיקן פאַקט, און זי צעשמייכלט זיך גאָר ליבלעך.

זי טיילט ביכער אָן מידקייט, אַז מען מוז איר בעטן זיך אַביסל צוצוזעצן און אָפּרוען, אָבער זי איז אַלעמאָל באַגייסטערטער פון די סאָלדאַטן און פון די זכרונות פון דעם אַמאָל וואָס זענען אויך פאַרבונדן מיט די יידישע קאַמפן פון דעם ישוב פאַר זיין כבוד און פאַרטיידיקונג.

אויך איצט האָט זי געוואָלט זיין מיט די יידישע סאָלדאַטן, זיי מוטיקן, זיי שטאַרקן, און זיין מיט זיי אין דער דאָזיקער שווערער און גורלדיקער שעה.

איך זיץ און הער זי אויפמערקזאַם אויס, אירע פאַרכאַפּנדיקע שילדערונגען פון דעם אַמאָל, און איך באַאָבאַכטע דעם איצטיקן מאָמענט פון אַרייַנפירן יידישע קעמפער וואָס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אויף די קאַמפס־פראָנטן, און עס ווערט אונדז קלאָר דער אומבויגזאַמער גייסט פון אונדזער אומה, פון די פאַרשיידענע דורות, וואָס גיבן איבער אָט דעם העלדישן גייסט און צעבליען אים אין די נייע דורות.

אַ שטאָלץ כאַפּט אייך אַרום צו געהערן צום יידישן ישוב פון ישראל, וועמעס קאַמפּס־פראָנט און ציווילער פראָנט בילדן אַזאַ מוסטערהאַפטע אייניקייט, און וואָס צאַפּלען און פלאַטערן איבער דעם גורל און איבער דער גאַנצקייט פון דער מדינה און פון אונדזער פאָלק.

כל הכבוד להם!

אין אַן "אולפן" פאַר נייע עולים

שוין לאַנג האָבן מיר געוואָלט בייזיין אַ לעקציע אין אַן "אולפן" פאַר נייע עולים. מיר האָבן דאָך געהערט אַ סך אין חוץ־לארץ איבער די אולפנים. אַ נייער עולה, געוויינטלעך, מאַכט פריער דורך עטלעכע מאָנאַטן אַן "אולפן", ווו ער דער־לערנט די העברעישע שפּראַך, בכדי צו קענען איינגלידערן זיך אין דעם ישראלדיקן לעבן, ווייל אָן דער שפּראַך איז ער פאַרלוירן אויף אַלע לעבנס־שטחים, ווי פאַר־בינדונג, אַרבעט, זיך צונויפרעדן, א.א.וו.

ווי וויכטיק עס איז אַ שפּראַך, זעט מען ערשט ווען מען קומט אויף אַ ניי אָרט, ווו מען רעדט אויף אַ ניי לשון.

אין אונדזער שפּראַך־אַקאַדעמיע פלעג הענגען אַ שילד וואָס האָט געלויטעט: "אַ מענטש וואָס רעדט איין שפּראַך איז ווערט פאַר איינעם, דער וואָס רעדט צוויי שפּראַכן — איז ווערט פאַר צוויי".

און דאָס קומט בולט צום אויסדרוק ווען מען איז אונטערוועגנס, און איבער־הויפּט ווען מען קומט אַריין און ווער שמועסט, מען באַזעצט זיך אין אַ פרעמד־שפּראַכיק לאַנד.

דער וואָס קען דאָס לשון — איז שוין האַלב פאַרזיכערט מיטן דערפאָלג פון זיין איינגלידערונג און צונויפלעבונג מיטן לאַנד. דעריבער איז די שפּראַכן־פראַגע די ערשטע פאַרן קומען און איבערהויפּט ביים אָנקומען אין דער מדינה.

און דעריבער שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע דאָס דורכזעצן די שפּראַכן־באַריערע, און דער אינסטרומענט דערפון איז דער "אולפן".

יידן זענען בטבע פּאָליגלאָטן, און יעדער ייד קען אַזוי מיר ניט־דיר־ניט עטלעכע שפּראַכן. ווייל געבוירן געוואָרן איז ער אין אַ לאַנד ווו מען רעדט די און די שפּראַך, עמיגרירט האָט ער אין אַן אַנדער־שפּראַכיק לאַנד, געלערנט האָט ער פרעמד־שפּראַכן, זיין מוטער רעדט אַן אַנדער לשון און דער פאָטער ווידער אַ צווייטע שפּראַך: בקיצור, רעדט אַזאַ ייד עטלעכע שפּראַכן פּאַראַמאַל. איז אונדז געווען זייער אינטערעסאַנט און מיר זענען געווען ביז גאָר נייגעריק בייצוזיין אַ קלאַס פאַר נייע דערוואַקסענע עולים, און זיך איינהערן און צוזען ווי אַזאַ קלאַס גייט צו.

זענען מיר אין אונדזער פּריסטער יוגנט געווען לערער פאַר העברעיש פאַר דערוואַקסענע, און מיר האָבן געוואָלט זען ווי דער לשון ווערט דערוואָרבן אין דער מדינה.

האָבן מיר זיך טאַקע צוגעזעצט אין אַזאַ קלאַס פאַר דערוואַקסענע, פאַר עולים פון רוסלאַנד און אַמעריקע, די מערהייט אַקאַדעמיקער, וואָס קענען עטלעכע שפּראַכן, אויסער העברעיש, און וואָס פאַנגען ערשט אָן צו באַקענען זיך מיט דער שפּראַך. און עס איז אונדז געקומען אויפן זינען דאָס וואָס איז געשען מיט רבי עקיבא,

וואָס האָט אָנגעהויבן צו לערנען אלף־בית, צוזאַמען מיט זיין קינד אין דער זעלבער שולע.

דאָ קומען טאַקע די מענער און די פרויען צוזאַמען, און הייבן אָן לערנען די שפּראַך, ווי עס טוען די קינדער. אַקאַדעמיקער, אינטעליגענטן, זעצן זיך אַוועק אויף דער שול־באַנק און לערנען־איין און כאַפּן־אויף מיט נייגער און אינטערעס די נייע שפּראַך, און אַנטדעקן אַ נייע וועלט, ווי אַ קינד אַ נייעם שפּילצייג.

עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט ווי די "מורה" וויקלט־אויס די קלאַס, ווי זי באַנוצט זיך בלויז מיט העברעיש, באַהעלפט זיך מיט זשעסטיקולאַציעס, אַלץ די תּלמידים זאָלן טראַכטן און ענטפערן בלויז אויף עברית.

ווי זי לערנט זיי בויגן די ווערבן, די צאָלן, די זאַכווערטער, ווי זי באַקענט זיי מיט דעם נייעם וואָקאַבולאַר, ווי די תּלמידים מאַטערן זיך צו ענטפערן. ווי זי שטעלט זיי פראַגעס, מאַכט זיי לייענען און דערציילן דאָס געלייענטע, לייענען העברעישע שפּריכווערטער וואָס הענגען אויף די ווענט, און ביסלעכווייז הויבט אָן צו אַריינדרינגען אין זייער געהער, אין זייער מוח און אויף זייער צונג דער שיינער קלינגעוודיקער ניואַנסעדיקער העברעיש.

איז דאָך די שפּראַך דער אינסטרומענט וואָס פאַרייניקט און צעמענטירט דעם ישוב און אונדזער פאָלק. האָט דאָך לשון קודש אויפגעהאַלטן די עסענצן פון אונדזער אומה, פון דעם אַלטערטום ביז איצט.

אינטערעסאַנט, אַז דער היינטיקער העברעיש איז דער זעלבער ווי דער אַמאָליקער. אפילו די נייע טערמינאָלאָגיע איז אַ וואָרצלדיקע אין די תּנ"כישע און תּלמודישע טערמינען, און קיין נייע שפּראַך־וואָרצלען, אויסער די אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער, זענען ניטאָ.

דעריבער האָט די שפּראַך ווידער אויפגעלעבט און פאַרבינדט ניט נאָר יידן פון היינט, נאָר אַלע דורות פון דער פאַרגאַנגענהייט ביזן איצטיקן מאָמענט.

און אַ גאַנץ פאָלק, נייע עולים, ווערן אַריינגעוואָרפן אין דעם שפּראַכן־שמעלץ־טאָפּ, און ווערן אויסגעשמידט אין איין גאַנצן ישוב.

אַ חוץ וואָס די דערוואַקסענע באַנייען זיך און דערפרישן זיך אין גייסט, זיי האָבן זיכער דאָס געפיל ווי זיי וואָלטן יונגער געוואָרן, ווי זיי זעצן זיך ווידער אויף דער שול־באַנק און עס קומט אונדז אויפן זינען יענע סלאָגאַנס פון אונדזער העברעישער יוגנט־באַוועגונג: "עברית, עברית דבר אלי — כי עם ישראל עודנו חי", ד.ה. העברעיש זאָלסטו צו מיר רעדן, ווייל דאָס יידיש פאָלק לעבט נאָך".

יאָ, ווייל צוזאַמען מיט דער אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך, לעבט־אויף אונדזער פאָלק, אונדזער אַלט־נייע קולטור, און שטראָמט אַריין אין די קוואַלן פון דער יידישער אייביקייט.

און עס קומט אונדז אויפן זינען דאָס וואָס דער חומש דערציילט ווי דער אויבער־שטער האָט ביים בבל־טורעם צעמישט אַלע שפּראַכן, געמאַכט ממש אַ שפּראַכן־בבל. און יעצט קומען יידן מארבע פּינות העולם, און מאַכן צוריק פון זייער שפּראַכן־געווירבל איין שפּראַך, איין פאָלקס־לשון.

ווי פלעגן די העברעיסטן זאָגן: ״דבר עברית — והבראת״, רעד העברעיש און וועסט געזונט ווערן. (אויף העברעיש איז דאָס אַ געלונגענער וואָרט־שפּיל.)

און ווירקלעך קומט אַ צעזייט און צעשפּרייט פֿאָלק, פֿון אַלע קאָנטינענטן און וועלט גייסטיק געזונט אויף אַ געזונטן יידישן נאַציאָנאַלן באָדן, ווו פֿאָלק, לאַנד און שפּראַך זענען איין גאַנצקייט און בילדן אַ געזונטע באַזע פֿאַר אַ ווייטערדיק שיין און פּראַכטפֿול יידיש לעבן.

דער גאנצער וועזענטלעכער אונטערשייד צווישן מענטשן מיט די אַנדערע באַשעפֿענישן ליגט דאַך טאַקע אין דעם דיבור, אין דעם לשון. טייטשט דאַך טאַקע דער תרגום אויף ״נפש חיה״, אויפֿן מענטשן ״נפש ממללא״, אַ רעדנדיקער נפש. און דאָ, אין דער מדינה איז דער ייד אַ נפש ממללא עברית, אַ מענטש וואָס רעדט זיין שפּראַך און לעבט אין זיין קולטור, און דאָס איז עס אייגנטלעך דער קען־צייכן פֿון דעם ישוב און פֿון דער מדינה.

די גרויסע פרייד

— ווען פרייט זיך אַן אָרעמאַן ? — זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל — ווען ער געפינט דאָס וואָס ער פאַרלירט. אַזאַ געפיל האָט איר ביים אַריינברענגען אין אייער נייער ישראלדיקער וווינונג דעם אַרגענטינער באַגאַזש, מיט וועלכן איר האָט זיך געשיידט מיט לאַנגע וואָכן צוריק, און וואָס איז געפאָרן אַ וועלט און זיך אויסגעשיפט וואָכן־לאַנג ביזן אָנקומען קיין ישראל, און איז זיך נאָכדעם געשטאַנען אויף ג־טס באַראַט, אונטערן פרייען הימל אויפן חיפהער פּאָרט.

איר האָט דאָס געפיל אַז אויך אייער באַגאַזש האָט דורכגעמאַכט די „חבלי־קליטה", די טלטולי־הדרך, און ערשט איצט דאַרף זיך דער באַגאַזש אַריינפּאַסן און צופּאַסן צו די היגע באַדינגונגען.

מיט אַ פרייד און עמאָציע, און גליקצייטיק מיט אַ ציטער אין האַרצן, פאָרן מיר אָפּנעמען און „אויסלייזן" דעם באַגאַזש, דאָס גאַנצע האָב און גוטס, פון חיפה און עס אַריבערפירן קיין ירושלים, עיר הקודש.

די גאַנצע צייט זאָרגט מען און מען טראַכט, ווי וועט דער זעלבער אָנקומען, אין וועלכן צושטאַנד, צי וועט דער באַגאַזש אָנקומען „שלם בגופו, שלם בתורתו, שלם בממונו", ווי עס שטייט טאַקע ביים אומקערן זיך פון יעקב אבינו פון ארם־נהרים קיין ארץ כנען.

און אַלע דריי באַגריפן נעמען זיך צונויף און צוזאַמען אין אייער באַגאַזש. טאַקע שלם בגופו, צי וועלן די זאַכן אָנקומען גאַנץ און ניט באַשעדיקט, ניט צע־בראָכן, ניט אויסגעווייקט און אָפּגעקלאַפּט, שלם בממונו, דאָ ליגט אייער גאַנץ פאַרמעגן פון יאָרן, און שלם בתורתו, צי וועלן אַלע הונדערטער ספרים וואָס מען האָט איינגעשאַפט במשך פון יאָרן, און וואָס האָבן אייך באַגלייט אַזאַ לאַנגע צייט, און פון וועלכע עס איז ווירקלעך שווער געווען זיך צו שיידן אויף אַ לענגערע צייט, ווי פון גוטע חברים, וועלן זיי כאָטש אָנקומען גוט, טרוקן, ניט צעריסן, אַזוי, אַז מען איז געפאָרן באַגעגענען צוריק די אַלע חפצים, אָביעקטן און חברים־ספרים מיט גרויס דערוואַרטעניש און האַרץ־קלאַפּעניש, מיט עמאָציע, דערוואַרטונג און באַהאַלטענע פרייד און מיט אַ תפילה אין האַרצן אַז אַלץ זאָל כאָטש אָנקומען בסדר, ווי געהעריק.

דערווייל קוקן מיר זיך צו צו דער אַרבעט פון דעם רוישיקן חיפהער פּאָרט, און פילן דאָ דעם פּולס פון דעם „ושבו בנים לגבולם", פון דעם עליה־שטראָם פון יידן פון אַרבע פינות העולם. דאָס זעען מיר אַרויס פון די אַלע גרויסע קאַסטנס, אין די הונדערטער און טויזנטער, וואָס שטייען איבער די פּאָרט־ברעגעס אין מאַגאַ־זינען און אויף וועמען עס לייענען זיך אַראָפּ אויפשריפטן פון יידן פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס האָבן עולה־געווען אין דער יידישער מדינה.

מיר דערליידיקן די פּאַרמאַליטעטן און מיר קוקן זיך צו מיט נייגער ווי די הייב־מאַשינען הייבן אויף די שווערע גרויסע קאַסטנס, און דערביי הויבט זיך דאָס האַרץ פּאַר זאָרג, עס זאָל עפּעס ניט צעבראָכן ווערן, אָבער דער וואָס זיצט ביי דער מאַשין באַרואיקט מיך און מאַכט צונישט מיינע זאָרגן.

איך קוק זיך צו דערביי ווי היימישע יידן, וואָס וואַרפן זיך איבער מיט יידישע שפּריך־ווערטלעך און פאַלקס־וויצן, קאָמאַנדעווען ביים פּאָרט, ווי דער מנהל־עבודה גיט שטרענגע אָנווייזונגען, און ווי דער ביורא־פּאַרוואַלטער חכמהעט זיך אַזוי פאַלקסטימלעך, און עס ווערט אייך אַזוי וואַרעם אויפן געמיט. "אייער" פּאָרט, טראַכט איר, "אייער" מנהל־עבודה, "אייערע" באַאַמטע, "אייער" מאַשין־הויבער, "אייער" לאַסט־פירער, און "אייערע" טרעגער. מאָדנע, אַ ספּעציעלע הנאה, וואָס נאָר אַ גלות־ייד קען עס פילן, פילט איר טאַקע דערביי ביים אָנבליק פון יידישער אַרבעט און אַרבעטער.

מיר פּאָרן טאַקע מיט דעם אָנפירער פון דעם לאַסט־אויטאָ און מיט צוויי יידישע טרעגער, און מיר פאַרפעלן ניט קיין מינע און קיין שום וואָרט זייערס.

ערגעץ אין דער ליטעראַטור האָבן מיר געלייענט וועגן וואַרשעווער "טרעגער". אויך דאָס זענען פּוילישע יידן און דער אָנפירער פון דעם לאַסט־וואָגן איז פון אונגאַרן־רומעניע.

ער זאָגט מיר אַז יעדעס מאָל, כאָטש ער איז ניט קיין פרומער, כאַפּט ער זיך אַראָפּ, ביי אַ פּערזענלעכער געשעעניש אָדער דאַנק, צום כותל־המערבי, און ער לאָדט אַזוי אַרום אויס זיינע איינגעבוירענע יידישע געפילן, כאָטש אין דער פּראַקטיק איז ער ניט קיין פרומער ייד, אָבער יעדער ייד טראַכט און פילט זיין יידישקייט לויט זיין שטייגער, לויט זיין גראַד חינוך וואָס ער האָט באַקומען און לויט דער אינטענסיווקייט פון זיין יידישן געפיל.

מיר קומען אָן, נאָך עטלעכע שעה פאָרן איבער די כבישים פון חיפה, תל־אביב און ירושלים, נאָכן געניסן פון דעם שיינעם טאָג און פון דער פּרעכטיקער וווּנדער־שיינער לאַנדשאַפט, פון בערגיקייט, טאָלן, פּרדסים און גרינע לאַנדשאַפטן, שפּעט נאָכמיטאָג, און עס הויבט זיך אָן די גרויסע אינטענסיווע "לאַנדונג" פון אַרגענטינער באַגאַזש אויפן ישראלדיקן ירושלימער באָדן, און דאָס אַרויפטראָגן עס אויפן באַשטימטן שטאָק.

מען ברעכט־אויף די גרויסע קאַסטנס, און עס דערשיינען פאַר אייך, נאָך עטלעכע חדשים צעשיידונג אייערע אַזוי נאָענטע און היימישע פּעקלעך, מיט די אַזוי איינגעלעבטע חפצים, קליידער, מעבל־שטיק און ספרים, אַלבומען, בילדער, און איר הייבט אָן צו פילן די עמאָציע און די פרייד פון אַלטע־באַקאַנטע וואָס באַגעגענען זיך, נאָך אַ לאַנגער צעשיידונגס־עפּאָכע.

די פרייד וואַקסט מיט יעדן פּעקל וואָס מען פּאַקט־אויף און וואָס מען טראָגט אַרויף און אַריין אין דער נייער וווינונג, און ווי עס ווייזט־אויס ווערן אויך די טרעגער פריילעכער, ווייל זיי צעוואַרעמען זיך און עס הויבט זיך אָן צו שיטן "פּערל" פון זייערע יידיש־מיילער, און די שענסטע "דימענטן" פון עכט־פאַלקישע באַווירצטע

און באַפּעפּערטע ווערטלעך שטראָמט־אַרויס פון זיי ווי פון אַ פאַרשלאָסענעם און ביז איצט פאַרבאַרגענעם קוואַל.

איך מוז זאָגן אַז מיר האָבן אַ ספּעציעלע הנאה פון אפילו אַזעלכע ווערטער. אַט־למשל, קומען זיך צונויף פריייטיק צו נאַכטס אַ סך ייִנגלעך פון דער געגנט, וואָס מען רופט דאָ "פּוסטאַקעס", אָדער אויף עברית "ריקים ופוחזים", פּוסטע און ליידיקע, הער איך אַמאָל, אַ פריייטיק־צו־נאַכטס, ווען איך קום פון דאַווענען און לאָז זיך צום אַרויפגאַנג צו מיר אין דעם מרכז־קליטה, ווי איינער פון זיי, פון דער חברה וואָס "פאַרברענגט" גאַר שבתדיק מיטן שפּילן פאַרבאַרגענערהייט מיט געלט־שפּילן, ווי איינער פון זיי גייט אָוועק און זעגנט זיך מיט זיינע שפּיל־קאַמעראַדן: "שבת־שלום", רבותי, ותבלו בנעימים"... איך קוועל גאַר אָן און טראַכט זיך וועגן יענעם זאָג אַז אפילו "ריקים שבך מלאי־מצוות כרימון", ווי יענער מדרש אויף שיר השירים, אויפן וואָרט "רקתך", דיין שלייף, פונעם וואָרט "ריק", ליידיק, אַז אפילו דיינע ליידיקגייער זענען פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים.

ווייל אַזאַ לשון, האָב איך אמת אַמאָל געהערט, פון אַ דירעקטאָר פון אַ העברעישער מיטל־שולע אין אַרגענטינע, בין איך געווען גאָר באַגייסטערט פון זיין פיינעם העברעישן סטיל, און דאָ הער איך עס אַזוי ספּאָנטאַן פון די "ריקים", פון די היגע "פּוסטאַקעס"...

הכלל, אומקערנדיק זיך צו אונדזערע טרעגער און זייערע "פּערלדיקע" באַ־פליגלטע ווערטלעך, ווי זיי הויבן עס און טראָגן אַריין די שווערע קאַסטנס, און ווי זיי וואַרפן זיך איבער מיט די לייכטע פּעקלעך. די פרייד איז אין לשער. מיר האָבן דעם איינדרוק ווי מיר פירן אַריבער און פלאַנצן איבער אונדזער אַרגענטינער פאַר־מעגן, די אַרגענטינער חפצים, די דאָרטיקע קולטור אויפן אַלט־נייעם ישראל־דיקן באָדן.

אוודאי איז עס נאָך אַלץ איצט אָנגעוואָרפן, אָנגעלייגט, ניט איינגעאָרדנט, ניט אויסגעסדרט, נאָר אָנגעהויפט, פונקט ווי דער עולה זעלבסט, וואָס קומט אין לאַנד אַריין, און מוז זיך ערשט איינאָרדענען, צוגעוווינען, אויססדרן זיך, איינקלימאַטיזירן און איבערגעפלאַנצט ווערן. אַזוי אויך דער באַגאַזש, וועט דאַרפן דורכמאַכן אָט דעם זעלביקן פּראָצעס, ביז ער וועט זיך אויך אויסשמעלצן אין דעם ישראלדיקן יידישן שמעלץ־טאָפּ און זיך אַריינפּאַסן און איינבירגערן אין היגן יידישן לעבן.

שבת אין דער יידישער מדינה

וואָס־וואָס, נאָר שבת פילט זיך אין ישראל. צי איז מען אַ פרומער אָדער ניט, דער טאָג איז ביז גאָר קענטיק. ערשטנס, איז דאָס דער אָפיציעלער רו־טאָג, ווען די אויטאָבוסן גייען ניט, און ווען נאָך אַ גאַנצער פולער זעקס־טאָגיקער אַרבעטס־וואָך, גיט דאָס אַ געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט מענטשן און מיט דער אייגענער גייסטיקער וועלט.

איבערהויפּט פילט דאָס דער נייער עולה, וואָס האָט געהאַט אין זיין ווין־לאַנד אַ שבת און אַ זונטיק, אַ מין "שבת שני של גלויות", ווי אייגער האָט זיך אַמאָל זייער טרעפלעך און שפּאַסיק אויסגעדריקט, און ווען ער האָט די געלעגנהייט נאָך אַ וואָך פון האַרעווען און אַרבעטן, סיי דעם זונטיק ווי די אַנדערע אַרבעטס־טעג, פון גאַנץ פרי אָן ביז שפּעט אין אָוונט איז דער שבת טאַקע פאַר אים דער אמתער יום־המנוחה וקדושה.

אַלץ ווערט דאָ אָפּגעשטעלט דורך דעם שבת.

שוין דעם דאָנערשטיק קען מען דאָס אַרויספילן אין די שפּייז־קראָמען און אין די היימען וואָס גרייטן זיך אויף שבת. און שוין דער ערב־שבת זאָגט אָן דאָס אָנקומען פון דעם מאָרגנדיקן יום־המנוחה.

און איר קענט דאָס אַרויספילן פון אַלע פּראָזאַישסטע מאָמענטן. למשל, גייט דורך אַלע פרייטיק אַ פאַרקויפער פון קוכן, און רעקלאַמירט דורך אַ הויך־רעדער, אַז ער האָט "עוגות טריות, רבותי, לכבוד השבת", פרישן קוכן לכבוד שבת.

פאַראַן אין די שטעטלעך אויך בעקערייען ווו די באַלעבאָסטעס שטעלן אַריין זייער טשאָלנט און זייער קוגל אויף שבת.

אין דער באַוועגונג אין גאַס, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך רוישיק און טומלדיק, אינטענסיוו און האַוועדיק, ליגט איצט אויסגעגאָסן אַ שבתדיקע רו. ווו ניט ווו שניידט זיך און גליטשט זיך דורך ערגעץ אַן אויטאָ, ווי אַ פאַרלאָרענער, אָבער אַזוי איז די גאַס שבתדיק און שלווהדיק.

אגב דערציילט מיר אַ פריינד, אַז דער וואָס באַשטעלט אַן אויטאָ, פרעגט מען אים צי איז ער אַ שומר־שבת, און אויב יאָ, מאַכט מען אים אַ הנחה פון 5 פּראָצענט, היות, ער פאָרט ניט שבת, ווייל זיי זאָגן אַז די מערסטע וועג־אַקצידענטן קומען גאָר פאַר שבת... אַזוי, אַז אויך פון דעם דאַזיקן שטאַנדפּונקט לוינט זי דשווין צו זיין אַ שומר־שבת...

אין די שילן פילט זיך דאָך אוודאי דער שבת און איבערהויפּט פילט מען דאָס ביי דעם כאָראַלן געזאַנג פון "ידיד נפש", פון דעם "לכה דודי", און פון דעם "אדון עולם" ביים סוף פון דער תפילה.

דער "שבת שלום", קלינגט אָפּ און הילכט־אָפּ אין שיל און אויף דער גאַס, און מען נעמט טאַקע מיט אין שטוב אַריין אַט די שבת־שלומדיקייט.

אין די היימען ווערן געשמאַק געזונגען דורך דער גאַנצער משפּחה פרייטיק צו נאַכטס די פאַרשיידענע זמירות, און עס טראָגט זיך פון צענדליקער שטיבער דאָס משפחהדיקע געזאַנג פון אונדזערע תפילהדיקע פּערל.

שיין ביז גאָר איז דער געשטראַם אין שיל אַריין פון דער גאַנצער משפחה, פון מענער, פרויען און קינדער. און שיין איז אויך זייער נאָך דעם עסן־שפּאַציר אויף דער גאַס, ווו מען פאַרברענגט און מען שמועסט זיך דורך גאָר געמיטלעך און שבתדיק.

דער ישראלי איז בטבע להוט נאָך אַ שפּאַציר אין לאַנד, צו קענען און באַקענען זיך מיט די פאַרשיידענע היסטאָרישע און מערקווירדיקע ערטער און לאַנדשאַפטן וואָס זענען דאָ גאָר לרוב, און שבת, היות ער פאָרט ניט, נוצט מען דאָס אויס אויף "קירצערע" שפּאַצירן. דאָס הייסט, צו זען זיך מיט נאָענטע משפּחה, גיין אָדער איינלאַדן אַ משפּחה אויף קידוש, צי אויף דער שבתדיקער סעודה, צי נאָכן עסן, אָדער גאָר פאַרנאַכט.

און פאַראַן אַזעלכע וואָס נוצן אויס אַלע ווײַלן, צו איינעם גייט מען אויף קידוש, אין שטוב עסט מען די סעודה, אַ צווייטן לאַדט מען איין אויף נאָכן עסן, און צו אַ דריטן גייט מען אויף פאַרנאַכט.

מוצאי־שבת, טראָגט נאָך אויך דעם חותם פון שבת. אַז איר פאָרט דורך די שטילע ירושלימער גאַסן, וואָס הייבן זיך אָן אָנצופילן מיט מענטשן נאָכן ליכט־צינדן, קענט איר זען אַ ים מיט שטריימלעך און קאַפּאָטעס וואָס קומען פון אַ שיל, אָדער גייען צום רבין.

אָבער אויך האָבן די ישראלים ליב ניט נאָר די קורצע גאַנג־שפּאַצירן, נאָר אויך ווייטערע ווען זיי ווילן באַזוכן עמעצן פון אַ צווייטער געגנט, אַ משפּחה און אַ פריינד, און היות זיי פאָרן ניט אום שבת, מאַכט מען זיך אַזאַ שעהדיקן שפּאַציר איבער דער שטאָט, פון איין געגנט צו דער אַנדערער, אָדער מען שניידט דורך דעם באַרג, בכדי צו באַזוכן אַ פריינד.

דאָן זעט דער כביש, דער שאָסיי און דער באַרג אויך אויס שבתדיק צוליב דער קליינער אויטאָ־באַוועגונג, און צוליב דער גרויסער צאָל שפּאַצירנדיקע פוסגייער.

אין שיל איז ביז גאָר פריילעך, אַלע שבת איז דאָ עפּעס אַ נייעס, דאָ איז געקומען אַ נייער עולה. דאָ דאַוונט אַ נייער בעל־תפילה אָדער זאָגט די הפטורה אַ נייער בעל־מפטיר. דאָ האַלט אַ גאַסט אַ תורה־וואָרט, אָדער אַ צווייטער גיט אַ מעלדונג אָדער מאַכט אַן אַפּיל. דאָ בענטשט אַן אורח, אַ בעל־מנגן, ראש־חודש, אָדער עס ווערט גאָר געפּראַוועט אַן אויפרוף אָדער בר־מצווה.

די שיל איז אין שטענדיקן "גאַנג". ווי האָט איינער אַ שרייבער, וואָס האָט געשריבן איבער פּרשת־השבוע געשריבן אין זיין הקדמה: "יידן זאָגן: — וואָס פאַראַ סדרה 'גייט' היינט", ווייל ביי יידן גייט די צייט, די סדרה. אויך די שיל "גייט", האָט אַלעמאָל אַ נייעם צוציונגס־מאָטיוו, און איז עס דער שבתדיקער צענטער און אויסדרוק פון דער יידישער גייסטיקייט אין דער מדינה.

שבת שפּרייט זיך און שטעמפּלט אָפּ דאָ דעם יידן אין זיין קליידונג, אין זיינע מאכלים, אין זיין גייסטיקער אויפמערקזאַמקייט, אין זיין משפּחהדיקער צונויפלעבונג, אין זיינע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעענישן, אין זיינע גייסטיקע אינטערעסן, און איז עס פאַלגלעך דער צוויבערדיקער באַראָמעטער פון יידישער אָריגינעלער אויסלעבונג, ווי דער אינספּירירנדיקער קוואַל פאַר דער גאַנצער נאָכקומענדיקער אַרבעטס־וואָך.

ריכטיק: אין דער מדינה פילט מען מער ווי ערגעץ אַנדערש דעם "ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך", די פולע קיילעכדיקע אַרבעטס־וואָך, אָבער דערפאַר פילט מען אויך אין זיין גאַנצן פאַרנעם דעם "ויום השביעי שבת לה' אלקיך", די קאָנצענטרירונג און די אויסשטראַלונג פון דעם שבת־קודש, און דאָס אָננעמען זיך מיט גייסטיקן ברען־שטאָף פאַר דער גאַנצער וואָך.

שבת איז פאַלגלעך אין דער יידישער מדינה דאָס יום־טובדיק קלייד פון דער זעלבער, איר גייסטיקע פאַרפּוצונג און אויסצוואָגונג און דער חותם פון איר ספּירי־טועלער ממשלה.

סוכות אונטערן צייכן פון מלחמה

אפשר דעם שענסטן סוכות וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונדזער לעבן, אָבער אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד די מלחמה, וואָס האָט צעניִשט געמאַכט די פרייד און אויס־געראַנעט די שמחה. אַ גאַנצן חודש איז געווען אין אַוונט די "האפלה", די אויסלעשונג פון דער שטאָט־ליכט און פון די ליכט אין די הייזער. מען האָט באַדאַרפט זיך היטן עס זאָל ניט אַרויסשפּאַרן קיין ליכט פון די זעלבע.

די מלחמה־שטימונג האָט זיך נאַטירלעך געפילט אין גאַס, אין שטוב, אין שיל, אומעטום ממש.

מענטשן האָבן זיך געריסן מיט עפּעס באַהילפיק צו זיין. און אין אַט־אַזאַ שטימונג האָט זיך אונטערגערוקט דער סוכות, און די סוכות האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די הויפן און אויף די גאַסן־טראָטואַרן. צוליב דעם וואָס די מענער זענען אַוועק אויפן פראָנט, האָט מען דאָס מאָל געזען אַ סך קינדער אַלס די סוכות־"אינזשעניערן", און דאָס האָט אָנגעפילט מיט אַ טרויעריקער און זאָרגפולער שטימונג, וואָס האָט געדריקט און געפרעסט דאָס געמיט. אויפרירנדיק איז געווען די רעדע וואָס די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן פון דעם הויפט־מיליטערישן ראַבינער, וואָס האָט אָנגעוויזן אַז דאָס יאָר וועלן צום ערשטן מאָל פּראַווען סוכות מיט ארבע מינים פון ישראל די יידישע סאָלדאַטן אויפן סיני.

דאָרטן ווו מען האָט מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק אָנגעזאָגט וועגן די ארבע מינים, און אין אָנדענק פון יענע היסטאָרישע וואַנדערנדיקע מדבר־סוכות, פּראַווען מיר דאָך דעם יום־טוב, וועלן טאָקע ווידער אין דעם זעלבן מדבר פייערן אונדזערע חילים אָט יענעם אַלטן יום־טוב, וואָס ציט פון דאָרטן זיין מקור.

אין אונדזער מרכז־קליטה איז די סוכה אַ פּרעכטיקע, אַ געמויערטע און אַ גרויסע, פּראַכטפול פּאַרפּוצט און פּאַרהאָנגען, סיי דער סכך ווי די ווענט, און אַ רייע קאָלירטע לעמפּלעך אין אַ מגן־דוד פאָרעם.

די ערשטע סוכה־נאַכט וועט בלייבן אומפאַרגעסלעך. די ליכט איז אַ טונקעלע, צוליב די אויסלעשונג־פאַרזיכט מיטלען, אָבער עס זיצן באַנאַנד עטלעכע משפחות און פּראַווען דעם יום־טוב. איין פרוי פון רוסלאַנד, מאַכט אַ געררירטע אַ "שהחיינו", וואָס זי האָט זוכה־געווען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן צו זיצן אין אַ סוכה, און דאָס דווקא אין ישראל. עס הייבט זיך אָן דער קידוש, און איינער נאָכן אַנדערן מאַכן קידוש אַ טוץ יידן, עלטערע און יינגערע. די שטימונג איז אַ פייערלעכע. מען זינגט זמירות, מען פּאַרבענטשט און מען בענטשט מזומן מיט אַ מנין.

אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס עס איז מלחמה, ווייל די איבערלעבונג איז אַן אויסטער־ליש־פייערלעכע און שיינע.

אין שיל אינדערפרי דאַוונט מען גאַנץ געשמאַק און מען גייט מיט די נענועים.

דער גבאי דאַוונט סוכות אין זיינע מיליטערישע קליידער, און ביז גאָר פייערלעך איז עס דער פרימאָרגן פון הושענא רבא ווען ער טוט אָן דעם ווייסן קיטל איבערן מיליטערישן אוניפאָרם און גייט מיט די הושענות. למען האמת, האָבן מיר קיינמאָל אַזוינס ניט געזען. ס'איז טאַקע מלחמה, אָבער יידן זענען יידן. אין מדבר, ווו עס קומען פאָר די שלאַכטן, פּראַווען יידישע סאָלדאַטן סוכות מיט די ארבע מינים, און אויפן הינטערפראָנט גייט דער גבאי מיט די הושענות אָנגעטאָן דאָס ווייסע קיטל איבערן מיליטערישן מונדיר.

יעדן פרימאָרגן, פאַרן דאַוונען, ווען מיר גייען בענטשן אתרוג אין דער סוכה, שלאָפט דאָרטן נאָך דער יונגער אַמעריקאַנער חסיד, און וועקט זיך טאַקע איבער מיט אונדזער אַריינקומען.

יידישקייט שפּרייט זיך איבעראַל און איבער אַלץ. ניט געקוקט אויפן קריגס־מצב, אויף אַזוי ווייט למשל, אַז ווען מען הערט שבת דעם אַלאַרם, אַריינצוגיין אין דעם "מקלט", אין דעם שעלטער, טראָגט אייליק מיין שכנדל פון אַכט יאָר שפּילצייג און עטלעכע ספרי־קודש, זיך צו אונטערהאַלטן דאָרטן בעת דעם סיגנאַל...

ערשט אין אַזאַ דעצידירנדיקן מאָמענט קענט איר דערקענען ספּאָנטאַן דעם לעבנס־אינטערעס פון אַ מענטשן. אין אונדזער בלאָק, צום ביישפּיל, זיצט אַ רוסי־שער אַקטיאָר, איז, ביים סיגנאַל כאַפּט ער גלייך אין שעלטער אַריין זיין גרויסן ויאָלאָנטשעלאָ צו ראַטעווען, און דאָס יינגעלע זיין שפּילצייג און די ספרים.

דער קלימאַקס פון דעם שיינעם סוכות, אונטערן צייכן פון מלחמה, צום באַדויערן, איז געווען שמחת־תורה, ווען מען האָט טראָץ, אָדער אפשר צוליב, דעם קריג גע־פייערט מיט שירה און שמחה, מיט אַ פייערדיק געזאַנג און ריקודים, וואָס האָט דעם גאַנצן עולם אַרויסגעריסן מיט די ספרי־תורה פון שיל אינמיטן דער גאַס, און דאָרטן אויסגעזונגען מיט התלהבות אונדזער יידישע אָנגעהעריקייט צו דער תורה, צו אונדזער קולטור און שטאַם, וואָס קיין שום שונא וועט ניט קענען אונטערדריקן.

און ווי פייערלעך און רירנדיק איז געווען דער מאָמענט ווען דער פרומער רוסי־שער עולה האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: — און איצט, וועט איר הערן אַ ניגון, וואָס מען זינגט שמחת תורה ביי אונדז אין מאָסקווע, אין קיעוו, אין לעניג־גראַד: — "לשנה הבאה, בירושלים!...

און דער עולם האָט זיך פּשוט איינגערינגלט אין אַן עקסטאַטישן געזאַנג, און קינד און קייט, מענער און קינדער, מיט די ספרי־תורה און די פענדעלעך, עפּעלעך און ליכטעלעך, און די פרויען אין זייער עזרת־נשים, האָבן אין אַ קאַראַהאָד אַ היפּשע ווײַלע זיך אַזוי פייערדיק אויסגעטאַנצט אין דעם "לשנה הבאה בירושלים", אַז מען האָט אויסגעלאָדן אַלע אָנגעהויפטע געפילן פון אַמאָל, נאָך פון גלות און איצטער אין דער מדינה, אַלע דריקנדיקע מלחמה־זאָרגן און דאגות וואָס פרעסן אויפן געמיט, און אַרויסגעטאַנצט די אייביקע יידישע האָפענונג פון "הפורש סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים", די הייסע תפילה און האַרץ־בקשה, אַז דער אויבערשטער זאָל שוין אויסשפּרייטן די געגאַרטע שלום־סוכה איבער זיין פאָלק ישראל און איבער זיין לאַנד, אמן ואמן!

אויף אַ בר־מצווה פייערונג ביים כותל

יעדע עדה יידן האָט זיך אירע מנהגים. יעדער מקום האָט זיך זיין פירונג. איז דעריבער ביז גאָר אינטערעסאַנט באַאָבאַכטן און בייזיין יידישלעכע פייערונגען פון די פאַרשיידענע עדות אין ישראל.

דאָס מאָל זענען מיר בייגעווען און זיך באַטייליקט אויף אַ בר־מצווה־פייערונג ביים כותל המערבי.

די בר־מצווה איז געווען פון דער תימנער עדה יידן פון דעם דרומדיקן מושב „פדויים", וואָס זענען געקומען פון דאָרטן ספּעציעל אין אַן אויטאָבוס פון דעם רעגיאָנאַלן ראַט, צו פייערן דאָס בר־מצווה־ווערן פון זייערס אַ קינד.

עס זענען געקומען מענער, פרויען און קינדער, זקנים, מיטליעריקע און יוגענט־לעכע פון ביידע געשלעכטער, מיט זייער רב, זייער שוחט, און זייערע חשובים.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז געווען די גאַנצע קאַראַוואַנע וואָס איז ביים כותל־טויער אַראָפּגעשטיגן, און מיט זיך מיטגעבראַכט מכל־טוב, פלעשער ווייגען, בראָנפן, געטראַנקען, און די גאַנצע סעודה.

מען איז גלייך צוגעגאַנגען צו אַ שלחן ביים כותל, און עס האָט זיך אָנגע־פאַנגען די אָריגינעלע בר־מצווה־פייערונג. דער בר־מצווה־בחור, אַ הויכער שלאַנקער, ביז גאָר סימפּאַטישער תימנער שוואַרצהויטיקער און חנוודיקער בחור, אָנגעטאָן אין בגדי־יום־טוב, מיט אַ ספּעציעלן שניפּס און סעקל, ווי אויף אַ יומטובדיקער פּאַרטי ביי אונדז אין די גלות־לענדער, ווערט מכובד מיטן ברענגען די ספרדישע ספר־תורה פון דעם ארון־קודש ביים כותל, באַגלייט פון אַלע קינדער פון דער עדה.

עס איז נאָכמיטאָג און גראָד איז דער ווינטערדיקער טאָג געווען אַ שיינער, און דער גאַנצער כותל איז איינגעטונקען אין אַ בלענדנדיקער פּראַכטפולער זון, וואָס וואַרפט אירע שיינען אויפן היסטאָרישן אויסגעטרערטן מויער. עס איז גאָר געמיטלעך, און די טויבן שוועבן זיך און פּאַזירן אין די שטיינער־נישן פון דער מערבדיקער היסטאָרישער וואַנט.

דער בר־מצווה־בחור לייענט זיין פרשה פון דער וואָך, אויפן תימנישן כאַראַק־טעריסטישן אַקצענט, ער מאַכט פרום די ברכות־התורה און ווערט באַשיט דורך אַ האָגל פון צוקערקעס פון די פרויען וואָס שטייען אויבן און דערנעבן אין דער פרויען־אָפּטיילונג, בעת אַנדערע ברענגען אַרויס די גלעקלדיקע כאַראַקטעריסטישע געשרייען פון די אָריענטאַלישע פרויען, אַלס צייכן פון פרייד.

דער רב האַלט אַ צוגעפּאַסטע דרשה און אויך דער בר־מצווה רעדט פייערלעך און שיין. ער דריקט צווישן אַנדערעס אויס דעם געדאַנק, אַז דער אויבערשטער האָט אונדז אויסגעצייכנט מיט דער מצווה פון תפילין לייגן, אַזוי ווי מען צייכנט אויס די סאָלדאַטן און גענעראַלן, מיט בענדער אויפן אָרעם און מיט מעדאַלן אויפן האַרצן

אַזוי אויך לייגן יידן תפילין אויפן אָרעם, נעבן האַרצן און אויפן קאָפּ, ווייל די שונאים האָבן אויסגעטראַכט אַז יידן האָבן פּחד אין האַרצן, טויגן ניט צו האַנט־אַרבעט און האָבן ניט קיין קאָפּ צו פירן אַ מדינה, לייגן מיר טאַקע תפילין אויף דער האַנט, צו ווייזן אַז מיר זענען אַרבעטס־פעיק, נעבן האַרצן, אַז מיר זענען ניט קיין פּחדנים און אויפן קאָפּ, צו באַווייזן אַז מיר האָבן גוטע געדאַנקען. און מיר האָבן טאַקע באַוויזן אין דער יידישער מדינה, די קאָמבינאַציע פון אַרבעט, געפיל און שכל, און מיר קענען דערמיט דינען אַלס ביישפּיל אויף דער וועלט.

נאָכן אָוועקטראָגן ווידער פייערלעך די ספר־תורה, אין דער שיל פון כותל, דאַוונט מען מנחה בציבור, און מען גייט אַריבער אַנטקעגן דעם כותל, ווו עס זעצט זיך אויס די גאַנצע עדה יידן, צו פּראַוון די סעודת־מצווה.

למען האמת, מאַכט די תימנער עדה אַ ביז גאָר סימפּאַטישן איינדרוק. דאָס זענען אַרבעטס־מענטשן, יגיע־כפּימניקעס, וואָס דערנערן זיך מיט זייער אַרבעט, פירן זיך לויט דער תורה, זענען שומרי־מצוות און ערלעכע יידן. די געמיטלעכקייט און גוטסקייט ליגט טאַקע אויסגעגאָסן אויף זייערע געזיכטער.

מען לייגט די גרויסע "פּיטאַס", די כאַראַקטעריסטישע טייג־ברויטן, פלאַכע, רונדיקע, ווייכע, געשמאַקע, די געטראַנקען, געבעקס, פישוואַרג און וווּרשטוואַרג, און עס ווערן געהאַלטן דברי־תורה ביים טיש.

מיר ברעגגען די באַגריסונג פון דעם רעליגיע־מיניסטעריום און מיר פילן זיך, למען האמת, זייער גוט און דערהויבן פון דער סימפּאַטישער עדה.

נאָכן בענטשן קאָלעקטיוו, לאָזט זיך די תימנער עדה ווידער גיין צו זייער אויטאָ־בוס, און נעמען מיך אויך מיט ביזן צענטער פון שטאָט, צו מיין ביוראָ.

מיר געזעגענען זיך מיט די דאָזיקע טייערע יידן, און מיר זעען ווי יענער תימנער צוויבער־טעפּיך פון דער עליה פון יענעם אַלטן ישוב, האָט דאָ הי געשלאָגן טיפע וואָרצלען און שטייערן־מיט צו דעם קיבוץ גלויותדיקן מאָזאיק מיט אַ יידישלעכן חנוודיקן שטריך אין דער מדינה.

אין דער נייער דירה

נאָך עטלעכע חדשים אין דעם מרכז־קליטה, פאַרט מען און מען ציט זיך איבער מיט אַ ספּעציעלן געפּיל אין דער אייגענער נייער וווינונג וואָס די סוכנות האָט צוגע־טיילט. דאָס איבערציען זיך איז אַן און פאַר זיך אַ גרויסע איבערלעבונג. ערשטנס, דוכט זיך אונדז, אַז עס איז אַ "צווייטע עליה", צוליב די געזעגענונגען און ווינטשע־וואַניעס פון די נייע שכנים פון דעם מרכז־קליטה, מיט וועמען מען האָט געשלאָסן דאָרטן נייע באַקאַנטשאַפטן און ביז גאָר פריינדלעכע.

מיט אַ דערוואַרטונג און פילנדיק דעם היסטאָרישן פאַר אונדז מאָמענט פון אַריינציען זיך אין דער נייער וווינונג אין אונדזער לאַנד, וואָס דאָס איז אַ שריט פאָרויס אין דער איינגלידערונג אין דער מדינה, פאַרלאָזן מיר דעם מרכז־קליטה, די ערשטע עמיגראַנטן־סטאַנציע פון דעם נייעם לאַנד.

מיר פאָרן זיך באַזעצן אין "נוה־יעקב", אַ נייע שכונה וואָס בויט זיך ראַשיק און גרויס אין אַ סטראַטעגישן פונקט פון ירושלים.

דאָס איז אַ ישוב אין די סאַמע בערג, אויף אַ הויכן פונקט, אַרומגערינגלט מיט בערג, מיט זייער אַ גוטער לופט, און וואָס וועט, ווי די געניטע ווייסער אין ישראל זאָגן, זיין די צוקונפט־געגנט פון ירושלים.

עס זענען דאָ געבויט גאַנצע אַכט טויזנט וווינונגען, און עס וועלן זיך דאָ באַ־זעצן אַרום דרייסיק־פינף און דרייסיק טויזנט איינוווינער. דער נאָמען אַליין איז ביז גאָר סימפּאַטיש און יידישלעך: "נוה־יעקב", יעקבס ווינשאָפט. אוןווירקלעך וועלן דאָ וווינען און וווינען שוין יעקבס קינדער מארבע פינות העולם. ממש אַ קיבוץ־גלויות: רוסישע יידן, גרוזינישע, מאַראָקאַנער, שפּאַניאָלן, אַרגענטינער, אורוגווייער, א.א.וו.

און עס האָבן זיך שוין געבילדעט שילן לויט די פאַרשיידענע יידן, און מען דערקענט זיי טאָקע לויט זייערע טראַכטן און לשונות.

און אחוץ די גלות־געקומענע יידן, וווינען דאָ "זוגות צעירים", יונגע ערשט־התונה־געהאַטע ישראלדיקע פּאָרלעך, צבראַס, אַזוי אַרום, אַז דאָס פּלאַץ וועט ווירק־לעך זיין אַ שמעלץ־טאָפּ פון דעם נייעם ישראלדיקן דור וואָס וועט דאָ הי אי"ה אַרויסקומען.

מיר האָבן געזאָגט אַז דאָס איז אַ סטראַטעגישער פּונקט, ווייל נוה־יעקב האָט פריער, דאָס הייסט, פאַר דעם זעקס־טאָגיקן קריג, געהערט צו די אַראַבער, כאָטש למען האמת, פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה, איז דאָס געווען אַ יידישע געגנט, וואָס די אַראַבער האָבן צעשטערט און פאַרנומען, און נאָך די מלחמת־ששת הימים איז דאָס ווידער איבערגעגאַנגען אין יידישע הענט.

אויף אָנצוקומען קיין נוה־יעקב דאַרף מען אַדורכפאָרן דורך אַ גרויסן אַראַבישן

דאַרף פון אַריבער צוויי קילאָמעטער, אַזוי אַרום אַז דאָס פּלאַץ איז אַ רינג אַרום דעם אַראַבישן דאָרף און אַ העכטע יידישע זידלונג, וואָס ווערט צוגעהאָפטן צו גרויס־ירושלים. די פּאַנאָראַמע איז אַ ביז גאָר פּרעכטיקע, די לופט אַ מתיהדיקע, און דער בוי־אימפּעט אַ מעכטיקער. און איצט, ביים אַריינקומען אין דער דאָזיקער וווינונג, האָט מען ערשט דאָס געפיל אַז מען מאַכט „עליה", ווייל פריער, אין דעם מרכז־קליטה איז דאָס געווען אַ טראַנזיט, אַ דערווייליקער איבערגאַנגס־פּלאַץ.

און אַז מען פירט אַריין די זאַכן, און עס ווערט אין שטוב דער אמתער גרויסער מיש־מאַש, פילט מען אַז מען גייט זיך טאַקע איינאָרדענען, און יעדן טאָג, ביים אויסרדרן אַלעמאָל אַן אַנדער זאַך, האָט מען אַ ספּעציעלע הנאה, די נאַטירלעכע סאַטיספאַקציע פון אויסשטעלן, אויפשטעלן, אויסרדרן, פילט מען אַז מען שטעלט־איין אַ נייע היים אין יידישן לאַנד, און דאָס איז שוין עפּעס ספּעציעלעס און אויסערגעוויינטלעכס.

מען הויבט זיך אָן אַרומקוקן אויפן פּלאַץ, אויף די וווינונגען און אויף די נייע איינוווינער. עטלעכע זענען באַקאַנטע פון דעם מרכז־קליטה, וואָס מען האָט אויך צוגעטיילט קיין נוה־יעקב, און מען צעגריסט זיך ווי מיט אַלטע באַקאַנטע, און מען הייבט אויך אָן שליסן נייע קאָנטאַקטן.

אָט באַט זיך אָן אַ ייד פון ראָווגע, אַ נייער עולה, צוצוהעלפן. אָט קומט צו אַ מאַראָקאַנער ייד, וואָס האָט די לעצטע יאָרן געוווינט אין שפּאַניע, און שטעלט זיך פאָר, און מעלדעט וועגן פּראָיעקט אויפצושטעלן אַ שיל פאַר שפּאַניש־רעדנדיקע, און שלאָגט אונדז פאָר זיך אַנצושליסן און מיטהעלפן.

אָט באַגריסט אונדז אַ היגע צברא, אַ לערערן פון דעם קינדערגאָרטן פון נוה יעקב, און אָט קומט מיט גרויס פרייד אַ ייד פון אַרגענטינע, ביים דערוויסן זיך אַז אויך מיר זענען דאָ צווישן די נייע שכנים.

מען זעט שוין אַ סך קינדער גיין אין קינדערגאָרטן, און אַנדערע פאָרן אין שולע.

מען פילט דאָ דעם דופק פון דער עליה, ווייל יעדער טאָג קומט אַ לאַסט־וואָגן און שטעלט אַראָפּ די עליה־קאַסטנס, און עס איז גאָר אַן אינטערעסאַנטער און נייגעריקער ספּעקטאַקל, דאָס צוקוקן זיך ווי מען הייבט אָן די קאַסטנס אויפצוקלאַפּן, צו עפענען און אַרויסטראָגן פון זיי די חפצים אין שטוב אַריין.

פאַר די קינדער איז דאָס גאָר אַ שמחה און אַן עסק. ווען אַזאַ קאַסטן ווערט אויסגעליידיקט, קריכן אַריין די קליינוואַרג, און דאָס איז אַן אידעאַל אָרט צו שפּילן זיך.

דער אויטאָבוס, וואָס פלעג פריער גיין ליידיקלעך, איז איצט יעדעס מאָל איבערגעפּולט, און אין דעם דערקענט מען אַז דאָס פּלאַץ באַפעלקערט זיך שנעל־שנעל.

עס הויבט אָן די אָרטשאַפט צו באַקומען לעבן און געפילדער, און די בנינים וואַקסן־אויס ראַשיק.

עס פילט זיך אַז עס קומט־אויף אַ מאַיעסטעטישע יידישע געגנט, אַ נווה־יעקב, אַן אָרט פון יעקבס געצעלטן, וואָל גלידערט זיך איין, אַזוי ביי און ראַשיק, אין דער אַלטער און אייביקער שטאָט ירושלים, און אַ נייער פּונקט צייכנט זיך־אָן אין די קאָנטיורן פון דער ישראל־מאַפּע.

דער ערשטער שניי אין ישראל

ישראל איז דאָס לאַנד, וווּ מען קען אַמבעסטן זען און געניסן פון דער שיינקייט פון דער נאַטור, פון דער פּרעכטיקייט פון דעם זיך טוישנדיקן פּייסאַזש, פון דער הערלעכקייט פון דער לאַנד־טאָפּאָגראַפיע.

אַזוי קען מען אויך זען דעם גרויסן אונטערשיד פון זומער און ווינטער, סיי אין דער נאַטור, און סיי אין דעם גאַנג פון מענטשן, וואָס קומען דאַ אַהער פון אַלע עקן וועלט, און עס איז ממש אַ לעבעדיקער קאַלעדייסקאָפּ, ווי אַ פילם וואָס דרייט זיך פאַר אײַערע אויגן, ווי עס גייען פאַר אײַך און לויפן פאַרביי טיפּן מענטשן אין אַלע סאָרטן טראַכטן, לבושים, מאָדעס, לויט די אָרטשאַפטן פון וואַנען זיי קומען. אַזוי אַז אין אינטערעסאַנטקייט און אין נאַטור־שיינקייט איז ישראל ממש אַ מאַגנאַט.

אויב זומער איז די פּאַנאָראַמע אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע, איז ווינטער די דאָזיקע אינטערעסאַנטקייט אַ פיל גרעסערע.

איר טרעפט דאַ אין דעם לבוש דעם צונויפגוס פון דער מערב־אייראָפּעישער און דער מזרח־אייראָפּעישער מאָדע. די פאַרשיידענע מאַנטלען און איבערדעקן, די פוטערנע היט פון די גרוזינישע יידן, די לעדערנע פאַרשיידענע מאַנטלען, די וואָלענע, סינטעטישע, די פאַרשיידענע קאָפּ־היטלען און אָרומוויקלונגען, שאַלן, טיכלעך, פוטערס, א.א.וו. שאַפן אַ בונטפאַרביק ווינטערדיק בילד.

די אָפּטע קאַלטע רעגנס און די פאַרשידענע שירעמס, די שניידיקע ווינטיקע קעלטן זענען עס דער נאַטור־דופק וואָס שטעמפּלט אָפּ דעם חותם אויפן היגן לעבן.

דאַ קומען צום אויסדרוק אַמבולטסטן די נאַטור־סטיכיעס, און עס גלוסט זיך מיטן ״נעים זמירות ישראל״ אויסזינגען דעם ״ברכי נפשי״, איבער דער מאַיעסטעט און הידור פון דעם וועלט־באַשאַף.

אַ נאַטירלעכע דערראייגעניש איז געווען דער ערשטער שניי וואָס איז אויסגעפאַלן אין ירושלים. די ראַדיאָ האָט שוין מיט אייניקע טעג צוריק געהאַט געמאָלדן וועגן דער מעגלעכקייט פון שניי־פאַלונג און דער עולם האָט ממש ״געצאַפּט״ די שפּייז־קראָמען פון אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, אין פאַל מען וועט אייניקע טעג ניט קענען אַרויס קויפן, און דאָס הויז זאָל ניט בלייבן אָן די נויטיקע שפּייז־עלעמענטן פון באַזישן און טעגלעכן געברויך.

אָבער אַנשטאָט שניי איז גאָר אַריבער אַ שטאַרקע קעלט־כוואַליע, אַזוי אַז דער עולם האָט ביסלעכווייז פאַרגעסן אָן דער פאַרויסזאָגונג און נאָרמאַל זיך אײַנגעשאַפט די דאָזיקע פּראָדוקטן.

און וואָס פאַר אַן אומגעריכטער סיורפּריז איז עס געווען דער ערשטער שניי וואָס איז געקומען געדיכט און מיט אַ זאַווערוכע, און וואָס האָט אַרויסגערופן דעם קינדערשן נייגער פון גרויס און קליין ביים דערבליקן אַ פאַנטאַסטיש בילד, וואָס

איז ערגעץ פאַרנורעט אין דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, אין דעם פילם און אין דער ראָמאַנטיק, וואָס טראָץ די פּראַזאַישע זאָרגן, די טעגלעכע האָוועניש און שמייעניש, ליגט ערגעץ טיף אין דער מענטשלעכער נשמה פאַרטייעט און פאַרבאַהאַלטן יענע ראָמאַנטישע לעכצונג נאָך נאַטור־שיינקייט און פּראַכט.

איז מען טאַקע געשטאַנען צוגעקאַוועט צום פענצטער־שויב און געמערקט ווי דער שניי־געווירבל האָט אָנגעהויבן באַדעקן ביסלעכווייז די ברוינע ערד, די דעכער פון די נידעריקע הייזער, דעם גלאַטן שאָסיי, די בערג־אָפּהאַנגען, די פּראַנטן פון די בלאָקן הייזער, די ערדענע נאָך ניט געפלאַסטערטע שטעגן, און אַלעמאָל איז די שניי־ווייסקייט געוואָרן געדיכטער, און די טריט פון די מענטשן וואָס האָבן ערשט איצט אָנגעהויבן צו לויפן אין דער שפּייז־קראָם, בכדי וואָס שנעלער זיך באַזאָרגן מיט שפּייזן, האָבן זיך געשניטן און געלאָזט דעם פוס־טראָט אין דער ווייסער בלענדנדיקער שניי־נאַסקייט. מיר זענען געווען צוגעשמידט צו דער קאַלטער און נאַסער שויב, אויף וועלכער עס זענען געפלויגן די ווייסע שניייעלעך, זיך אַלעמאָל צוגעקלעפּט און באַלד צעגאַנגען און אויסגערונען, און מיט אַ קינדערשער הנאה און באַוווּנדערונג זיך צוגעקוקט צו אָט דעם אויסטערלישן ספּעקטאַקל וואָס האָט אויפגעוועקט פרי־קינדישע רעמיניסצענצן פון אייער לעבן.

מיר האָבן זיך ניט געגונג געקענט אָנזעטיקן און איינזאַפּן מיטן בליק די דאָזיקע נאַטור־דערשיינונג. ווען מיר האָבן זיך ענדלעך אָפּגעריסן, איז די נאָז און דאָס געזיכט געווען אייז־קאַלט, און אויף דער נשמה האָט זיך געגאָסן עפּעס אַזאַ מין אינערלעכע וואַרעמקייט און הנאה, פון האָבן געהאַט דעם זכות צו זען דעם ערשטן שניי אין לאַנד, ווי אָט דאָס וואָלט געווען דער שטריך וואָס האָט געפעלט צו דעם אַלגעמיינעם פּאָרטרעט פון איינדרוקן וואָס צייכענען זיך פאַרן נייעם עולה פון דער יידישער מדינה, אַזאַ בילד וואָס נעמט אַרום אַלע מעגלעכע ניואַנסן, אינהאַלטלעכע, גייסטיקע, פּאָליטישע, געמיטלעכע, סענטימענטאַלע, בענקענדיקע, טרוימערישע, רעאַלע, און פאַרוואָס ניט דאָס זאָגן: ווו די נאַטור־לאַנדשאַפט איז עס די פּרעכטיקע ראַם פון אָט דעם אַלט־נייעם ישראלדיקן בילד, אין וועלכן אויך איר ראַמט אַריין אייער לעבן.

אויף אַ קיבוץ גלויות־פאַרזאַמלונג

דאָס לאַנד איז איצט זיכער אַריינגעטון אין גרויסע פּאָליטישע פּראָבלעמען. דער אויסערלעכער מלחמה־פראָנט שטייט אויף דער וואָך, און די גאַנצע יידישע אומה וואַרט־אָפּ מיט גרויס שפּאַנונג אויפן אויסגאַנג און אויף דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן.

אָבער אַחוץ דעם איז אויך דער אינערלעכער פראָנט טעטיק, און אונדז רייצט נאָך אַלץ דער נייגער און דער אינטערעס פאַר אָט דעם אינעווייניקסטן פאָלקס־פראָנט מיט אַלע זיינע פאַרשיידענע דערשיינונגען און מיט דעם אומגעשטילטן אינ־טערעס פון אַן עולה חדש פאַר אַלע דערשיינונגען און פענאָמענען וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דעם היגן יידישן לעבן זענען מיר געוועזן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די נייע איינוואוינער פון אונדזער נייער שכונה "נוה־יעקב" אין ירושלים, צו באַהאַנדלען לויפנדיקע ענינים פון דער איינוואוינערשאַפט, אויף וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט בערך אַ דריי צענדליק אַנוועזנדיקע, צווישן זיי נייע עולים און יונגע ישראלדיקע פאַרלעך.

בלויז דאָס בילד פון די באַטייליקטע שטעלט מיט זיך פאָר אמבולטסטן דאָס רעאַלע בילד פון אמתן קיבוץ־גלויות. עס זענען געזעסן יידן פון גרוזיע, פון רוס־לאַנד, פון פערסיע, פון בוכאַרע, פון מאַראָקע, פון שפּאַניע, פון אַמעריקע, פון אורוגוויי, פון פראַנקרייך, פון אַרגענטינע, א.א.וו. און אַזוי אויך זייערע שפּראַכן לויט די אויסגערעכנטע רעספּעקטיווע לענדער.

עס עפנט די פאַרזאַמלונג אַ יונגערמאַן, געקומען קינדווייז פון אונגאַרן, זיך שוין דאָ אין לאַנד דערצויגן, דורכגעמאַכט די מיטל־שול און אוניווערסיטעט־בילדונג און איז איצט פּראָפעסאָר פון הומאַניסטישע וויסנשאַפטן אין אַ מיטל־שול.

עס נעמט נאָכדעם אַ וואָרט אַ יונגע היציקע צברא, און נאָך דעם פאָלגט דאָס געמעסיקטע וואָרט פון אַן אַרגענטינער עולה.

אַלץ ווערט געפירט אויף העברעיש, ביז עס בעט אַ וואָרט אַ גרוזינישער עולה, וואָס רעדט רוסיש, און ווערט איבערגעזעצט דורך אַ יונגער פרוי אויף העברעיש.

די באַהאַנדלטע ענינים דרייען זיך אַרום טעגלעכע נויטן פון דער געגנט, ווי באַהייצונג, היגיענע, אויפפּאַסונג, א.א.וו.

די צבראַס רעדן אין אַן אויטאָריטאַטיוון טאָן, היציק, טערמינאַנט. דיר אַרגענ־טינער עולה טראָגט אַריין אַ געמעסיקטן טאָן און מאַכט אויפמערקזאַם אַז אַלע יידן, עולים און אַלטגעזעסענע, זענען אַלע אַן אינטעגראַלער חלק פון דעם גרויסן שמעלץ־טאָפּ וואָס די מדינה שטעלט מיט זיך פאָר, און האָבן די זעלבע פליכטן און רעכטן, ווייל סוף־סוף, זענען אויך די צבראַס די קינדער פון יענע געקומענע יידן פון אַלע פיר ערד־קאַנטן, און אַלע זענען דאָ אַהער געקומען מיט דעם זעלבן באַגער איינצו־

גלידערן זיך אין לאַנד און אויסבילדן דעם נייעם דור אין דער יידישער מדינה, צו וועלכער מען האָט געשטרעבט און געבענקט און מאַכן דורך דעם קליטה־פּראָצעס און די קליטה־ווייען, אַזוי אַז מען דאַרף דאָס נעמען אין אַכט און האָבן פאַרשטענ־דעניש מיט די נייע עולים.

די צבראָס, וואָס זענען אויסערלעך שאַרפע, זענען אָפּנים אינעווייניק "ווייכע", ווייל זיי לאָזן זיך "איינגעמען", און עס דערמאָנט זיך אַז דערפאַר הייסן זיי טאַקע "צבראָס" וואָס אויף העברעיש באַטייט דאָס "קאַקטוסן", וואָס אויסערלעך זענען זיי שטעכנדיקע, אָבער אינעווייניק זענען זיי זיס.

און עס בילדען זיך לסוף קאָמיסיעס פון אייגוווינער, אין באַשטאַנד פון נייע עולים און פון די צבראָס, און די פאַרזאַמלונג שליסט זיך אין אַן אַטמאָספערע פון פאַרשטענדעניש און גוטער שכנותשאַפט, און עס הייבט זיך אָן צו וועבן אַ פריינד־שאַפט צווישן די פאַרשיידענע אָנגעהעריקע פון ארבע פינות העולם, עדות, לשונות, פירונגען, און דאָס איז, דוכט זיך, דער גרעסטער נס פון דער היינטצייטיקער ישראל־דיקער ווירקלעכקייט, וואָס קנעט אויס אין דעם דאָזיקן קיבוץ־גלויותדיקן שמעלץ־טאָפּ אַ נייע ישראלדיקע ווירקלעכקייט, וואָס וועט זיכער זיין די עסענץ פון די אַלע אָנגעהויפטע און אָקומולירטע עקספּעריענצן אין די פאַרשיידענע תקופות און לענדע־רייען, און וועלן אויסקריסטאַליזירן די קינפטיקע פאָלקס־אייניקייט.

אין דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים

אַ ייִד וואָס קומט קיין ישראל און איבערהויפּט קיין ירושלים, זוכט נאַטירלעך די גייסטיקייט פון דער יידישער מדינה און דעם "כי מציון תצא תורה". אַזוי, אַז זיינע טריט פירן אים גלייך צו דער העברעישער אוניווערסיטעט.

איז די דאָזיקע אוניווערסיטעט טאַקע אַ קרית־אוניברסיטה — אַ גאַנצע אוני־ווערסיטעט־שטאָט, אַ פּלאַץ פון הויכער קולטור, ווו טויזנטער און טויזנטער סטו־דענטן, פּראָפעסאָרן, טרעפן זיך, בילדן זיך, זאַפּן זיך אָן מיט יידישער און אַלוועלט־לעכער קולטור, און ווו נייַ און אַלט הויזן צוזאַמען און בילדן אַ געלונגענעם צונויפגוס.

אַזוי אין אויסערלעכע פאָרמען, איז דאָך דער הר־הצופים, אויף וועלכן עס הייבט זיך אָן די אורשפּרינגלעכע אוניווערסיטעט, מיטן שיינעם היסטאָרישן אַמפי־טעאַטער, ווו עס איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער אַקט פון דער גרונטשטיין־לייגונג, מיטן אָנטייל פון לאָרד באַלפור, ווייצמאַן און אַנדערע פיגורן פון אונדזער רענעסאַנס־געשיכטע אין 1925, און וועלכעס בילד איז אַזוי פיל באַקאַנט און פאַר־שפּרייט אויף דער יידישער וועלט, איינע פון די שענסטע פלעצער פון ירושלים, דער נאָמען פון "הר־הצופים" — אויסקוקער־באַרג, איז ווי צוגעמאָסטן, ווייל פון דעם באַרג הצופים זעט איר פאַר אייך אַ פּרעכטיקע לאַנדשאַפט פון דער שטאָט ירושלים וואָס ליגט אויסגעשפּרייט און אויסגעגאָסן אויף די בערגיקע אַרומען, און וועמעס ספּעקטאַקל איז ממש כישופדיק.

בלויז די לאַנדשאַפט אַליין באַרייכערט אייערע חושים און אייער גייסטיקייט. אָבער די אוניווערסיטעט־בנינים, אַזעלכע עלעגאַנטע, גערוימע, שיינע, האָבן זיך אויסגעשפּרייט צוליבן וווּקס פון די יאָרן און פון די באַדערפענישן און זיך טיילווייז אַריבערגעטראָגן אויף "גבעת־רם", אויף דעם הויכקייט־היגל, ווו כשמו כן הוא, און וואָס געפינט זיך אויף אַ צווייטן פּערטל פון דער אייביקער שטאָט.

דער דאָזיקער הויכקייט־היגל שפּרייט זיך מיט זיינע פאַרשיידענע בנינים און פאַקולטעטן, מיטן גרויסן קאַמפּוס און דער ריזיקער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, און איז עס אַן עקספּאַנענט פון אַרכיטעקטאָנישער שיינקייט און אימפּאָנירט מיט דעם פאָרנעם און מיטן קאָמפאָרט.

גרויסע לערן־זאַלן, קאָנפערענצן־זאַלן, סאַלאָנען, גערטנער, פּאַוויליאָנען, פּלאַ־נעטאַריום, סטודענטן־צענטער און נאָך און נאָך, הייבן זיך ווי אַ קולטור־פעסטונג פון דער מדינה און פאַרשפּרייט תורה און וויסנשאַפט אין יידישן לאַנד און אויף דער גאַנצער יידישער וועלט.

בכלל, מוז מען דאָ באַמערקן, וואַרפן זיך אין די אויגן, דווקא אין דער קליינער מדינה, די גרויסע, באַקוועמע און אימפּאָזאַנטע לערן־הייזער פון אַלע סאָרטן ביל־

דונגען און לימודים. צי איז דאָס אַ גימנאַזיע, צי אַ ישיבה, צי אַ הויך־שול, צי אַן אוניווערסיטעט. די לערן־בנינים פאַרכאַפּן און הויבן זיך אַרויס מיט זייער געבוי און פּאַרנעם.

אָבער די דאָזיקע אימפּאָזאַנטקייט איז ניט נאָר אין בנין, נאָר דער בנין איז עס דער אויסערלעכער קען־צייכן און סימבאָל פון דעם אינערלעכן פאַרנעם און גרויס־אַרטיקייט.

טויזנטער סטודענטן פון אַלע וועלט־טיילן, פון אַלע שפּראַכן, שטראָמען דאָ אהערצו זיך לערנען און בילדן, און זענען עס די מאָרגנדיקע וויסנשאַפטלעכע קאַדרען אויף אַלע דיסציפּלינען פון אונדזער גייסטיקן פאַרמעג.

איז ממש אַ פאַרכאַפּנדיק ספּעקטאַקל דאָס צוזען ווי עס שטראָמען אַריין און אַרויס צו די פאַרשיידענע לערן־בנינים מאַסן סטודענטן פון אַלע קאַנטן און פון אַלע עלטערס, און ווי עס שוויבלט אוןווימלט מיט תלמידים. דער לערן־פּלאַן איז ברייט־אַרומנעמענדיק, און איבעראַל מערקט זיך דער יידישער כאַראַקטער פון דער אוני־ווערסיטעט, פון דעם כשרן עס־זאַל, פון די פּלאַקאַטן פון דעם הלל־צענטער וועגן אַקטן מיט יידישקייט־אינהאַלט, ביז די לימודים פון מקרא, תלמוד, א.א.וו.

אַזוי מוזן די סטודענטן פון הומאַניסטיק דורכמאַכן אַ מכינה אין תלמוד, און דאָ קומען זיך צונויף די לימודים פון פאַרשיידענע שפּראַכן און פאַרשיידענע קול־טורן, אָפּגעטונקען דורכן יידישקייט־פּאַרב.

און וועמען טרעפט איר דאָ ניט? — באַקאַנטע פון אַמאָל, פון ניט לאַנג, פון איצט. געוועזענע תלמידים, קאָלעגן, פריינד און באַקאַנטע, און אַז איר קומט אַריין אין אוניווערסיטעט דוכט זיך אייך טאַקע אויס אַז די גאַנצע וועלט לערנט און איז אַריינגעטון אין העכערע גייסטיקע אינטערעסן.

די פאַרשיידענע טעמאַטיק ווערט דאָ באַרירט, די פאַרשיידענע היסטאָרישע עפּאָכעס ווערן דאָ אַנאַליזירט, און די אַלטע און נייע ליטעראַטורן ווערן דאָ־הי צעגלידערט, געפאָרשט, געגנישטערט, געלערנט.

איר פילט־אַרויס דעם וויסן־דורשט פון די זין פון עם־הספר, וואָס באַהויכן זיך דאָ און באַפאַנצערן זיך מיט די ווערטן פון יידישער און מענטשלעכער קולטור, און פון שטרעבנדער יוגנט, וואָס שאַפט זיך איר צוקונפט און פלאַסטערט אויס איר מאָרגן אויף די שליאכן פון תורה און וויסנשאַפט.

אַזוי אויך קענט איר דאָס זען פון דעם פאַרלאַג־וועזן פון דער אוניווערסיטעט, און בלויז אַ בליק אויף די הילעס פון געדרוקטע לעצטע ביכער פון דער אוניווער־סיטעט, איז גענוג צו זען אַז דאָ הויזן ווערק איבער תלמוד און תנ"ך, איבער פילאָ־זאָפיע און געשיכטע, איבער לאָגיק און קבלה, איבער ליטעראַטור און דעמאָגראַפיע, און איבער אַלע מעגלעכע געביטן פון יידישן און מענטשלעכן שאַפן במשך פון דורות און איבער לענדער און קאָנטינענטן.

בקיצור: די אוניווערסיטעט אין ירושלים הויבט זיך אַרויס טאַקע אויפן "הר־הצופים" און אויפן "גבעת־רם", ניט נאָר מיט טאָפּאָגראַפישער הויכקייט און מיט געאָגראַפישער שיינקייט, נאָר מיטן גלאַנץ און רייץ פון דעם אָנגעהויפטן קולטור־באַגאַזש פון דער וועלט און פון אונדזער אומה.

אויף אַ באַזוך אין חבל־יבנה

גאַנץ ארץ־ישראל איז אַ קייט פון היסטאָרישע רעמיניסצענצן, און יעדעס אָרט דערמאָנט אייך אין אַ פּלאַץ פון תנ״ך, צי פון דער משנה, צי פון דער גמרא, צי פון מדרש, צי פון דער געשיכטע, אָדער אַן עפּיזאָד פון דער נייער תקופה פון קאַמף און געראַנגל.

אָבער פאַראַן פּלעצער, וואָס ביים בלויזן נאָמען גיט איר אַ ציטער־אויף, ווי אויפגעטרייסלט דורך דער היסטאָרישקייט און באַדייט פון אָט דעם נאָמען.

אָט איז אונדז אויסגעקומען אַרויסצושיקן ביוראָ־בריוו צו אַזאַ אָרט ווי סדום. — זאָגט־אַליין, ווי זאָל מען זיך ניט פילן עפּעס ווי אויסערגעוויינטלעך. — אַ קלייני־קייט: סדום, אַ נאָמען, אַ סימבאָל, אַ מאָסשטאָב פון ניט־גוטע מידות, דאָס זאַלץ פון סדום, לוטס פרוי, און נאָך און נאָך גערדאַנקען און רעיונות וואָס עס שווימען־אויף אונדזערס אַ ייד, ביים בלויזן אויפטויכן פון אָט דעם אַזוי חומשדיקן נאָמען.

אָדער מיר שיקן אַ בריוו קיין רפידים, און גלייך שווימט־אויף דער דאָזיקער נאָמען פון חומש־אַרויס. און אַזוי נאָך און נאָך.

דעסטגלייכן, ווען מיר פאָרן זיך באַקענען און באַזוכן אַ פּלאַץ, און מיר קוקן ניט נאָר אויפן דאָזיקן היינטיקן מקום, נאָר מיר בליקן אַריין העט־ווייט ווייטער אין דער פאַרגאַנגענהייט און וואָס דער נאָמען און דאָס פּלאַץ באַדייט אין דער לענג פון אונדזער געשיכטע.

אַזוי זענען מיר מיט אַ ספּעציעלן נייגער און אויפציטער געפאָרן באַזוכן די געגנט, דעם ראַיאָן יבנה, וואָס מען רופט־דאָ חבל־יבנה.

עפּעס אַ קלייניקייט? ״תן לי יבנה וחכמיה״, רבן גמליאל פון יבנה, א.א.וו.

פאָרן מיר טאַקע אין אַ שיינעם טאָג, נאָך די טעג פון קעלטן, שנייען און רעגן, נאָך די וואָכן פון זאַווערוכעס, ווינטן און געווירבלען, און מיר פאָרן אַרויס דורך די שיינע וועגן, און ביי די זייטן זעען מיר די זיך גאָלדענדיקע ציטרוס־ביימער, באַלאָדן שווער מיט זייערע געשמאַקע פּרוכטן, דער אויסגעוואַשענער פונעם רעגן גרינס פון די פעלדער, די צעאַקערטע ערטערווייז ערד, און מיר פאָרן צו דעם היס־טאָרישן יבנה.

אויפן וועג זענען מיר אַ ים מיט יידישע סאָלדאַטן. דער פאָרט אַהער אַהין, צוריק און צו אונדזער ריכטונג. עס דוכט זיך אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז איין גרויסער פראָנט און אַלע איינוווינער זענען סאָלדאַטן, און עס איז זיכער קיין גוזמא ניט.

דאָס פילט מען אויף טריט און שריט, ווו מען גייט און פון וועמען מען רעדט איז אָדער מאָביליזירט, אָדער ערשט באַפרייט געוואָרן, אָדער ער דאַרף די טעג מאָביליזירט ווערן, אָדער חס ושלום ערגערס.

די מאָביליזאַציע בעמט־אַרום דאָס גאַנצע לאַנד ממש. און דאָס פילט מען

איבעראַל, צי אין די אַרבעטס־פּלעצער, צי אין די לערן־הייזער, צי אויף די אוני־ווערסיטעטן, וכד׳.

פאָרן מיר אַריין צו דער מועצה חבל־יבנה, ד.ה. צו דעם אָנפירנדיקן ראַט פון דעם ראַיאָן, און מיר כאַפּן אַ ברייטן שמועס מיטן פאָרזיצער, וואָס גיט אונדז אַ בפרטימדיקן בילד פון די ישובים וואָס בילדן דעם ראַיאָן, פון די דערגרייכונגען, פון די טעטיקייטן און די פּראָבלעמען, פון דעם גייסטיקן און מענטשן־פּאַרמעג פון דער געגנט, וואָס איז פול מיט אָרטשאַפטן פון פארשיידענע עדות, פון אשכנזישע, ספרדישע, טוניסאַיער, טריפּאָליטאַנער, תימנים, א.א.וו., מיט זייערע שילן, רבנים, שוחטים, ישיבות, לערן־הייזער און אַזוי ווייטער.

מיר פאָרן צו צו אַ דערנעבנדיקן ישוב און מיר באַזוכן דעם לאָקאַלן רב, אַ תימנער ביז גאָר סימפּאַטישער יונגערמאַן, כאַפּן מיט אים אויך אַ לענגערן שמועס, אַ גאַסטפריינדלעכן כיבוד און וואַרפן אַ בליק אויף זיין שיינעם ספרים־אַלמער.

מיר פאָרן פון דאָרטן צו דער היסטאָרישער שטאָט יבנה, און פאַרפאָרן אין דעם ראַבינאַט, ווו מיר טרעפן־אָן די ביידע רבנים, דעם ספרדישן שטאָט־רב און דעם אשכנזישן רב פון דער היימישער עדה, וואָס פּראָצענטועל זענען זיי דאָ־הי אַ גרויסע מינדערהייט, קוים אַ ניין־צען פּראָצענט פון דער שטאָט פון צוועלף טויזנט איינוווינער, כן ירבו. אויף אונדזער פראַגע וויפל שילן עס זענען דאָ אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן שטעטל, גיט מען אונדז איבער אַז גאַנצע דריי און דרייסיק. ניט שלעכט — טראַכטן מיר...

מיר גייען אַריבער, באַגלייט דורך די היגע רבנים, באַזוכן דעם כולל־יבנה, ווו מיר טרעפן אַ רייע "אברכים", יונגעלייט, וואָס לערנען אַ בלאַט גמרא, און זיי פירן־אונדז אַריין צו דעם קעגנאיבערדיקן קבר פון רבן גמליאל פון יבנה, דעם גרויסן נשיא פון סנהדרין, וואָס די גמרא דערציילט וועגן אים אַזוי פיל. מיר טרעפן דאָרט־אָן מער ווי אַ מנין זקנים, ביי דעם אַריינגאַנג־האָל, זיצן ביי אַ טיש און זאָגן תהילים. אַנדערע זיצן ביי די איינגאַנגס־טרעפּ און טוען דאָס זעלביקע. מיר גייען אַריין אין דעם אוהל אויפן קבר, און זאָגן דערביי אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, און מיר גייען עפּעס אַרויס באַרוישטע, פון האָבן באַזוכט דעם קבר פון דער גרויסער תלמודישער פיגור, ווי עס איז געווען רבן גמליאל, דער נשיא פון יבנה.

מיר כאַפּן אַ ברייטן שמועס מיט די יונגעלייט וועגן כולל און זיין צוקונפט און מיר באַזוכן דעם לערער־סעמינאַר פון גבעת־וואַשינגטאָן ווו יוגענטלעכע פון גאַנצן לאַנד, בילדן זיך אויס אַלס לערער פון די רעליגיעזע שולן פון ממלכתי־דתי, ד.ה. פון דער מזרחי־טענדענץ. אַ פאַרנעמיקער עלעגאַנטער בנין פון דער לעצטער אַרכי־טעקטאַנישער מאָדע.

מיר פאָרן אָפּ צו דער באַרימטער ישיבה כרם ביבנה, ווו עס לערנען ביי די צוויי הונדערט און זעכציק יוגענטלעכע, וואָס האָבן שוין פאַרענדיקט אַ ישיבה־גימנאַזיע, און עטלעכע צוואַנציק יונגעלייט וואָס זיצן אין כולל. די דאָזיקע ישיבה שמ׳ט איבער דעם לאַנד, און איז אויך באַקאַנט מיט איר מסירת־נפש פאַרן לאַנד. אירע תלמידים מאַכן דורך דעם דינסט אין דער אַרמיי, קאָלעקטיוו, פעריאָדיש, בכדי אויפצוהאַלטן דעם ישיבה־גייסט.

די בנינים זענען ממש אַ פּראַכט. די שיל, איז אַ זעעוודיקייט מיט איר געבוי, ליכטיקייט, קאָנפאָרט, "עיר קאָנדישן", אַזוי אויך די אַנדערע געביידעס. מיר גייען אַריין אין דעם גרויסן ישיבה־זאַל ווו מיר טרעפן אַריבער הונדערט יוגענטלעכע מיט זייערע ראשי־ישיבה און דאַוונען מנחה. אויף דער מזרח־וואַנט זענען אויפגעהאַנגען אַ טוץ פּלאַקאַטן מיט גרויס געדרוקטע נעמען פון די אַקאַרשטיק געפאַלענע תלמידים אויף דעם פראָנט.

דער מנהל פון דער ישיבה דערציילט אונדז איבער דעם ערנסט און איבערן צוגאַנג פון די ישיבה־אָנפירער, אין דעם זין אַז די זעלביקע זאַל אַנטשפּרעכן דעם "זה א־לי ואנוהו" אין דעם הידור־מצווה, אין דעם אויסערלעכן גלאַנץ וואָס זאָל משלים־זיין דעם אינערלעכן פלאַקער. און דער ראש־הישיבה רעדט אונדז פון דעם אינערלעכן גלאַנץ פון כרם־ביבנה. צענדליקער ישיבה־בחורים זענען מאָביליזירט, אָבער די ישיבה שיקט זיי פּאַטאַקאָפּיעס פון אַלע שיעורים, מיט שאלות און די תלמידים לערנען אויפן פראָנט און שיקן איבער די תשובות אויף די שאלות. אַזוי אַרום אַז אויפן סיני און אויף דעם גולן, שפּינען ווייטער די קעמפער פון ישראל דעם גאָלדענעם פאָדעם פון יבנה.

מיר זענען שטאַרק באַאיינדרוקט פון דעם באַזוך אין דער גאַנצער שיינער, גרינער און עלעגאַנטער געגנט, מיט די פּרעכטיקע ישיבות. לערן־מוסדות, געביידעס, הייזער, מיט דער שיינקייט פון דעם פּייסאַזש, און איבערהויפּט ביים זען ווי יענער היסטאָרישער יבנה־גייסט האָט דאָ ממשיכים, און ווי יענער "תן לי יבנה וחכמיה", איז ניט געבליבן אין די געשיכטע־בלעטער פון אונדזער אומה, נאָר האָט זיך באַקליידעט אין לעבעדיקער רעאַליטעט, און זיך צעבליט מיט דעם שענסטן הידור פון תורה און ידישן גייסט, און וועמעס תלמידים זענען די נאָכגייער פון יענע תלמודישע ישיבה־לייט וואָס האָבן זיך געאָפּפערט אויפן מזבח פון תורה און פון דעם הייליקן לאַנד, אַזוי אַז די גאָלדענע טראַדיציע פון יענער פּאַרצייטיקער יבנה באַקומט איצט פליגלען און הויבט זיך אויף זייער הויך אויף די שטאַפּלען פון תורה און וויסן, דורך דעם נייעם געבענטשטן ישראלדיקן יונגן דור.

אין אַ סאָלדאַטן־לאַגער

מיר האָבן אַזוי פיל געלייענט און געהערט וועגן די ייִדישע סאָלדאַטן, וועגן זייערע העלדישקייטן. מיר טרעפן זיי אָן אויף אַלע וועגן און שטעגן אין לאַנד, אַזש עס דאַכט זיך אייך אַז גאַנץ ישראל איז איין פראָנט אָדער איז אויפן פראָנט, און ס׳איז דאָך ווירקלעך אַזוי: וועגן וועמען פון די ישראלים איר רעדט, איז דער איז אַוועק צום מיליטער־דינסט, אָדער איז צוריקגעקומען. אָבער וואָס אונדז האָט געלאָקט איז טאַקע צו זען די סאָלדאַטן צוזאַמען, דעם מענטשן־מאַטעריאַל, דעם "מי ומי ההולכים", און מיר האָבן עס טאַקע געהאַט עטלעכע טעג צו זען, מיטמאַכן און באַאָבאַכטן פון דער נאָענט.

מיר זענען געווען אויף אַן איינאיבונגס־לאַגער, און מיר האָבן אָנגעהויבן מיט נייגער צו באַטראַכטן אַלץ און אַלעמען.

ווי ס׳פלעג זינגען יענץ פאָלקס־לידל: "זיצט זיך דער קרעמער אין קרעמל" און ער חלומט ווי עס וועט אויסזען די יידישע מדינה.

און מיר זיצן זיך אין סאַמע סאָלדאַטן־לאַגער און חלומען ניט, נאָר מאַכן־מיט די ישראלדיקע ווירקלעכקייט און האָבן די זעלטענע געלעגנהייט מיטצולעבן און אָבסערווירן אַ מיליטערישן לאַגער.

ערשטנס זענען דאָ צונויפגענומען צוזאַמען יונגע בחורים און מיטליאָריקע מענטשן, געקומענע פון אַלע פינות העולם, ממש אַ קיבוץ גלויות. איך הייב זיך אָן צו באַקענען מיט די לאַגער־חברים און דערוויס זיך זייערע אָפּשטאַם־לענדער.

יידן פון גרוזיע, פון רוסלאַנד, פון מאַראָקע, אַרגענטינע, שפּאַניע, פראַנקרייך, רומעניע, דייטשלאַנד, און נאַטירלעך צבראַס.

ס׳רוב זענען עס נייע עולים ווי אויך אַזעלכע וואָס האָבן שוין אַ היפּשן סטאַזש אין דער ישראלדיקער אַרמיי און קומען שוין דאָ צום פינף־און־צוואַנציקסטן מאָל.

די שפּראַכן זענען לויט די אָפּשטאַם־לענדער, אָבער כמעט אַלע באַמיען זיך, בעסער צו ערגער, צו רעדן אויף עברית. און אייניקע, הגם ניט לאַנג געקומענע, טוען עס ווירקלעך אויף אַ זייער געלונגענעם אופן. פאַראַן דאָ אַ גרויסע צאָל פראָ־פעסיאָנאַלן, אינזשעניערן למשל. איינער איז אַ רוסישער עולה, אַ טעלעוויזיע־אינ־זשעניער, דער צווייטער אַ מעכאַניק־אינזשעניער, איינער, אַ צברא איז אַ מאַטע־מאַטיק־פּראָפעסאָר אין דער ירושלימער אוניווערסיטעט, איינער אַ דירעקטאָר פון אַ ציוניסטישן אַרכיוו, דער צווייטער, אַ דירעקטאָר פון איינע פון די אָנגעזעענסטע ליקערן־אונטערנעמונגען אין לאַנד, איינער אַ ראש־ישיבה. אגב, פאַראַן אַ גרויסע צאָל פרומע יונגעלייט און די שיל איז פול.

ביים אָנקומען הער איך אַ באַבערדלטן יונגערמאַן פרעגן אין קיך צי דאָס ברויט איז פון שמיטה, אַז ניט, עסט ער ניט.

עס אינטערעסירט אונדז צו זען די אויפפירונג פון די קאָמאַנדירן, און מיר ווערן געפּלעפט פון דער פּשטות און דאָס פעלן פון אָנגעצויגנקייט און פון דער מינדסטער פּאָזע פון די לעצטע. זיי זענען ביז גאָר צוגעלאָזענע און סימפּאַטישע און זיי סימולירן ניט זייער שטאָלץ און צופרידנקייט וואָס זיי האָבן פאַר זיך אַזעלכע אויסגעצייכנטע אינטעלעקטועלע אונטעראָרדנטע אין זייער רעגימענט.

עס איז מיליטערישער רעזשים אָבער דאָך פילט מען זיך צווישן יידן. ביים עסן כאַפּט מען אַריין אַ בענטשן אין מזומן. מען לופטערט אין אַ צווישנמינוט קולטור־פראַגן.

איך ווער גאָר דערשטוינט, ווען אַ באַבערדלטער יונגערמאַן, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד מיט אַ דריי־פיר יאָר צוריק פרעגט אונדז דעם נאָמען. ווען מיר זאָגן אים דעם פאַמיליען־נאָמען ״הערבסט״, פרעגט ער מיך צי איך בין אפשר הרב מרדכי הערבסט, ווייל ער לייענט איצט זיין בוך...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן: שוין כדאי געווען צו קומען אַהערצו...

עס פאַרבינדט זיך אַ באַקאַנטשאַפט צווישן ברידער־יידן וואָס זענען געקומען פון אַלע וועלט־טיילן, האָבן זיך איינגעגלידערט אינעם לאַנד, און זענען אַלע אַצינד פאַרייניקט מיט דעם זעלביקן ישראלדיקן מונדיר.

מיט פלייס, ערנסט, אחריות און שטאָלץ, איבן זיי זיך דאָ איין, און עס ווינטשט נאָר צוזאַמען מיטן לאַגער־קאָמאַנדאַנט צו זאָגן, דאָס וואָס ער האָט זיך אויסגעדריקט ביים געזעגענען זיך מיט די איינאיבונגס־סאָלדאַטן: ״מען זאָל דאָס קיינמאָל ניט באַדאַרפן״.

"פורים משולש" אין ירושלים

אַלץ איז אַן איבערלעבונג אין ישראל, איבערהויפּט צום ערשטן מאָל. אונדז איז אויסגעקומען שוין צו זיין אַלע ימים טובים אין ישראל, אויסער פּורים. און דאָס יאָר האָט זיך גאָר געמאַכט אַ דרייפאַכיקער פּורים אין ירושלים, ווי מען רופט עס דאָ: "פּורים משולש". איז דאָך אוודאי גוט און פיין. דער אמת, אַז עס מעג שוין זיין אַביסל פרייד אין ישראל. מיר זענען אָנגעקומען אַהערצו פאַר דער מלחמה, דורכגעמאַכט די גאַנצע מלחמה-צייט אין לאַנד, און די לעצטע שפּאַנונגען, ווי אויך די פּאַרטיי-צעגערנישן און "קאָאַליציע-פאַרהאַנדלונגען" (וואָס פאַר דעם פּשוטן מענטשן פון דער גאַס זענען זיי אויך אויס אַ שטיקל "פּורים משולש"...), אַזוי, אַז למען האמת, גאַרט מען שוין נאָך אַ ביסל פרייד און לוסט, ווי מען איז עס אַמאָל געווען געוווינט צו זען און פילן אין דער מדינה.

אַזוי אַז מיט גרויס בייגער האָבן מיר געוואַרט אויפן פּורים אין ירושלים. גאַנצע דריי טעג פּורים! (ווייל שושן-פּורים איז הײ־יאָר אויסגעפאַלן שבת). האָט מען דעריבער דאָנערשטיק ביינאַכט און פרייטיק אינדערפרי געלייענט די מגילה, פרייטיק מקיים געווען "מתנות לאביונים", שבת געלייענט "ויבא עמלק" און געזאָגט "על הניסים" און זונטיק מקיים-געווען דאָס "שלח מנות" און די פּורים-סעודה.

עס זאָגט זיך דאָך אין אונדזערע ספרים, אַז אַלע ימים טובים וועלן אַמאָל צונישט ווערן אויסער פּורים. איז אדרבא, זאָל טאַקע זיין פּורימדיקע פרייד, וואָס זאָל זיין משולש, זיך פאַרפילפאַכיקן און צעוואַקסן.

און ניט נאָר די דריי טעג פּורים, נאָר עטלעכע טעג פריער האָט מען געפילט דעם אָנקומענדיקן יום-טוב, די געשעפטן זענען געווען באַהאַנגען מיט פּורים-קאָסטיומען און מאַסקעס. די קינדער זענען שוין געגאַנגען אין זייערע פאַרשטעלטע קליידער עטלעכע טעג פריער, און די שולעס האָבן טאַקע געמאַכט די פייערונגען ערב-ערב פּורים.

אויף די גאַסן און אין די אויטאָבוסן האָט איר געקענט אָנטרעפן אַלערליי קינדער, פאַרשטעלט יעדער איינער לויט זיין גוסט. מיר האָבן געטראַכט דערביי, אַז די פאַרשטעלונג איז אויסער אַ קאָמישע דערשיינונג, אויך אַן אינערלעכער דראַנג צו עפּעס. אָט האָט זיך אַ קינד פאַרשטעלט פאַר אַ קאָו-בוי, ווי אויף דער גאַנצער וועלט. מסתמא פלאַנטערן זיך ביי אים אין קעפּל קאָו-בוי-פאַרשטעלונגען און דמיונות. אַ צווייט ייִנגעלע האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ חסיד, מיט אַ שטריימל, אַ קאַפּאָטקעלע, לאַנגע פּיאות, גאַרטל, זיך צוגעפאַרבט אַ בערדל אויף זיין ווייס פּנימל, אַזוי ווי אַן אמתער חסיד! אַ צווייטער איז געווען אָנגעטון אין אַ מונדיר פון לופטפלאָט, אַ דריטער אַלס פאַראַשוטיסט, אַ פערטער אַלס סאָלדאָט, אַ מיידעלע אַלס

קראַנקענשוועסטער, אַ צווייטע אַלס טענצערן, אַ דריטע אַלס אסתר המלכה, אַ פערטע אַלס באַבע, א.א.וו. א.א.וו.

אַ דריט יינגעלע איז געווען אַנגעטון אין אַ קאַפּעליוש מיט ברילן און אַ אויסערסט גראַטעסקע לאַנגע נאָז און וואָנצעס, און אַנדערע אין סתם קאָמישע מאַסקעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן פרייד און אויפהייטערונג.

אויף די גאַסן, איז ווו ניט ווו געווען אַ גאַנצע מאַסקעס־דעפילאַדע, פון קינדער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אויף אַ פורים־יום־טוב.

אין שיל, ביים לייענען די מגילה, זענען געזעסן פאַרשטעלטע יינגעלעך און מיידעלעך, מיט די גראַגערס און פּיסטוילן, אַריינגעקוקט אין די שיינע ספּעציעל־געדרוקטע מגילהלעך סיי צונויפגעוויקלטע, לויטן מוסטער פון דער מגילה, און סיי אילוסטרירטע בראָשורלעך.

שיין געווען ווי די קליינוואַרג פאָלגט־נאָך, מיט די אויגן און מיט די פינגערלעך די קריאת־המגילה און "שלאָגט" און "שיסט" מיט די פּיסטוילן, ביים דערמאָנען דעם רשע, אַנגעטון אין די סאָלדאַטסקע מונדירלעך, אַזש איר טראַכט דערביי, אַז דאָס זענען אונדזערע צוקונפטיקע לאַנד־פאַרטיידיקער, זאָלן געזונט זיין!

ווו עס מערקט זיך שטאַרק דער פורים איז אין דער ראַדיאָ, און איבערהויפּט אין דער טעלעוויזיע. די לעצטע איז פול מיט זיינע פורימדיקע ספּעקטאַקלען. דאָנערשטיק, ביינאַכט נאָך דער מגילה, טראַנסמיטירט די טעלעוויזיע דאָס מגילה־לייענען פון דער בוכאַרער שיל "בית מנחם" פון ירושלים, און איר זעט, הערט און באַקענט זיך מיט דער דאָזיקער עדה, און מיטן לייענען און נוסח זייערן פון דער מגילה.

די דריי טעג זענען פול מיט קינדער־ספּעקטאַקלען, און מוצאי־שבת, אין דער טראַדיציאָנעלער פּראָגראַם "שבוע טוב" (אַ גוטע וואָך) זעט איר און האָט הנאה פון דער אמתער פורימדיקער פייערונג, מיט פורים־שפּילער, און אָרקעסטער, און פון דער לאַכעדיקער פּאַראָדיע איבער אחשורוש און המן, ווען ער הייסט אים פירן מרדכין איבער דער שטאָט און אויסרופן "אַז אַזוי טוט דער קעניג צו דעם וואָס ער וויל טייער־האַלטן".

אין דעם זאַאָלאָגישן גאָרטן, זאָגט מען אונדז, איז ביז גאָר פריילעך, ווייל דאָרט איז אַ דעפילאַדע פון מאַסקעס, און ביז גאָר יידישלעך פריילעך און פורימדיק איז אין מאה שערים. אגב, דערקענט מען דאָרטן, אין מאה שערים, דעם פורים נאָך דעם ערשטן טאָג פורים. זעט מען שוין גיין די יידן מיט שטריימלעך און קאַפּאָטעס. די געשעפטן פון המן־טאַשן, זיסוואַרג, געבעקסן זענען פול און רוישיק, און ס'איז "ליהודים".

די ראַדיאָ גיט דערווייל איבער, און אויך די צייטונגען, איבער דער שפּאַנונג אויף דער סירישער גרענעץ, און וועגן מעגלעכע מיליטערישע צוגרייטונגען און קאָנצענטרירונגען אויף דער זעלבער.

און אין האַרצן רייסט זיך אַ געבעט און אַ תפילה, עס זאָל שוין מער קיין קריג ניט זיין, נאָר אַנשטאָט דעם זאָל טאַקע זיין "ליהודים היתה אורה ושמחה, וששון ויקר, כן תהיה לנו". שוין די עכטע צייט!

אין אַ מוזעאום פון תשמישי קדושה

פאַר פסח האָבן מיר באַזוכט דעם מוזעאום פון תשמישי־קדושה אין "היכל שלמה", וווּ עס ווערן אויסגעשטעלט פאַר אַלע ימים טובים די עקספּאָנאַטן פון די תשמישי־קודש אין שייכות מיט דער פייערונג.

איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע גייסטיקע איבער־לעבונג, וואָס האָט זיך געלייגט אויפן געמיט.

דער "היכל שלמה" איז טאַקע, ווי זיין נאָמען לויטעט, אַ היכל, אַ פּראַכט פון אַ בנין, אַ שיינקייט אין אַרכיטעקטאָנישן זין, אין זיין עסטעטיק, און ווירקט איבער־הויפּט סיי אויסערלעך ווי מיט דער אינערלעכער גייסטיקער חשיבות און אינהאַלט.

דאָ געפינען זיך דער צענטראַלער ראַבינאַט פון דער מדינה, מיט די רבנים הראשיים, דער מוזעאום, די שיינע שיל מיט די וויטראַזשן, די צענטראַלע פון שילן־פאַרבאַנד פון ישראל און דער שיינער קאָנפערענצן־זאַל, וווּ עס קומען פאַר די פייערלעכע קאָנווענצן, תנ"ך־קאָנקורסן, א.א.וו., דער שיינער זיצונגס־זאַל, וווּ מען גיט אויך שיעורים, די רעליגיעזע ביבליאָטעק, א.א.וו.

דער בנין מיט די מאַרמאָרנע ווענט, מיט די שיינע האַלן און דורכגענג, מיט דער רחבות און באַקוועמלעכקייט אימפּאָנירט. איר האָט טאַקע דאָס געפיל אַז איר געפינט זיך אין דעם היכל פון יידישן רעליגיעזן גייסט פון דער מדינה.

זענען מיר אַוועק אויפן פערטן שטאָק, אין דעם מוזעאום פון יידישער רעלי־גיעזער קונסט, בשייכות מיט דער פסח־אויסשטעלונג, און אונדזערע אויגן האָבן זיך גאַרניט געקענט אָנזעטיקן מיט די פאַרשיידענע פּרעכטיקע עקספּאָנאַטן פון יאָר־הונדערטער און פון פאַרשיידענע יידישע קיבוצים.

קודם־כל האָבן מיר געזען די פסח־עקספּאָנאַטן, די פאַרשיידענע געדרוקטע, געמאָ־לענע הגדות פון פאַרשיידענע לענדער און תקופות ווי אויך די מיט האַנט־געשרי־בענע הגדות פון פאַר דעם דרוק.

טעקסטן געדרוקט און געשריבן אין אָריענט און אין אייראָפּע.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו די פאַרשיידענע זילבערנע בעכער, מצה־טעלער פון דייטשלאַנד, איטאַליע, פון זילבער, שיינער פאַרצעליין, אין די ווונדערבאַרע קאָלירן און מאָדעלן, און געלייענט מיט גרויס נייגער די אויפשריפטן, וואָס קלערן אויף זייער אָפּשטאַם און זייער דאַטום.

מיר האָבן געזען וויפל אַרבעט, וויפל קונסט, וויפל פּיעטעט, יידן האָבן אין די פאַרשיידענע תפוצות און עפּאָכעס אַריינגעוועבט, אַריינגעלייגט אין די תשמישי־קורש, וואָס זענען געווען זייער גייסטיקער אינהאַלט און לעבנס־באַגלייטונג, זייער גאַנצע גייסטיקע וועלט, אַרום וועמען עס האָט זיך געדרייט דאָס יידיש לעבן סיי פון דעם יחיד ווי פון דעם כלל.

די עקספּאָנאַטן זענען זייער עלעגאַנט און שיין אויסגעלייגט און אויסגעשטעלט אין די פאַרשיידענע גלעזערנע שאַנקען, העל באַלויכטן מיט די ספּעציעלע ליכטער, און איר אָטעמט מיט דער אַטמאָספער פון אייער פאָלק אין די פאַרשיידענע גלות־לענדער, און זייער צוגעבונדנקייט צו אונדזערע גייסטיקע ווערטן.

מיר קוקן זיך איין אין די שיין גאָלדענע געשטיקטע גרויסע פּרוכתן פון דעם ארון־קודש. וויפל מייטערשאַפט ליגט דאָרטן. מיר דערמאָנען זיך טאַקע אַז אַזוי האָבן די יידן אין מדבר געאַרבעט, געוועבט און געבראַכט די טייערסטע מאַטעריאַלן פאַרן הייליקן משכן. מיר באַטראַכטן די ספרי־תורהס, די מענטעלעך, די ספרדישע זילבערנע תורה־שיידן, די פאַרשיידענע בעכערס, חנוכה־מנורהס, אייניקע שטייענ־דיקע און גאָר גרויסע, אַזעלכע פאַרנעמפולע, די טירן פון ארון קודש, וואָס זענען אַהערצו געבראַכט געוואָרן פון פאַרשניטענע קהילות פון אייראָפּע, די בשמים־ביקס־לעך, די מוהלים־מעסערס, די ידן, די פורים־מגילות, די מצה־טעלער.

עס ליגן פאַר אונדז אַלע עלעמענטן פון אונדזערע ימים־טובים, אַלע עקספּאָ־נאַטן פון שבת־יום־טובדיקייט פון יידישן פאָלק, אַלע אינסטרומענטן פון דער שיינער קאָלירפולער און רייכער יידישער טראַדיציע, וואָס האָט גישפּילט און שפּילט נאָך היינט־צו־טאָג אַזאַ וועזנטלעכע ראָל אין אונדזער פאָלק און אין יידישן לעבן בכל תפוצות־ישראל.

איר שטייט פאַרגאַפט פאַר אָט דער יידישער טראַדיציע־פּראַכט, פאַר אָט די אויסאַרבעטונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט יידישע הענט פון גאַנצע דורות, פון אונדזערע אבות־אבותינו, פון מאַמעשע הענט, פון סופרים, פון גאָלד־שמידן, פון קינסטלער, און איר פילט עפּעס אַ גייסטיקע דערהויבונג און אַן אינער־לעכע עמאָציע וואָס נעמט אייך אַרום.

איר פילט זיך ממש אין דעם לאַבירינט פון דורות און תקופות, פון לענדער און מקומות, ווו דער יידישער זשעני, ווו די קינדער פון אונדזער אומה, זענען אַדורך און אויסגעלעבט זייער יידיש לעבן, און זיך געהאַלטן שטאַרק און פעסט אַן דעם יידישן שטאַם.

לסוף, נאָך אונדזער באַטראַכטנדיקן שפּאַציר, נאָכן איינזאַפּן אין בליק, אין געמיט, אין געדאַנק, דאָס געזעענע און געלייענטע, נאָכן האָבן אַן אמתן גייסטיקן עונג און עסטעטישן פאַרגעניגן, זענען מיר אחרון אחרון חביב, אַריין אין אַ ספּע־ציעלן זאַל, וואָס איז געווידמעט די אַרבעט פון אַ קינסטלער, וואָס שטעלט פאַר פאַרשיידענע רעליעף־עקספּאָנאַטן פון דער יידישער געשיכטע, פון אַלטערטום, פון אונדזער פאָטער אברהם ביז דער היינטיקער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים. יעדעס בילד אין רעליעף איז אַ לעבעדיק שטיק געשיכטע. איר זעט דעם באַדן, די טאָפּאָגראַפיע ווו די געשעעניש האָט זיך אויסגעוויקלט, איר האָט עס פאַר אייערע אויגן ווי דאָס וואָלט פאַר אייך פאַרגעקומען, אין פּרעכטיקע אימפּאָזאַנטע לאַנדשאַפטן. אָט למשל זעט איר יציאת־מצרים, די שלאַכט פון יהודה המכבי, דעם באַזוך פון דער מלכה שבא ביי שלמה המלך, דאָס באַגלייטן דעם רמב״ם צו קבר־ישראל, דאָס אָנקומען פון יהודה הלוי קיין אַלעקסאַנדריע, דעם ערשטן באַזוך פון ווייצמאַן אין ישראל, די גרינדונג פון דער העברעישער אוניווערסיטעט. דאָס זענען

ווונדערבאַרע מאַקעטן פון גאַנצע תקופות פון יידישער געשיכטע, ווי למשל קריעת־ים סוף, מעמד הר סיני, א.א.וו., איר זעט פאַר אייך אין מיניאַטור, לעבעדיק, די גאַנצע סביבה און די גאַנצע געשעעניש, ווי איר וואָלט געווען אַ מיטצייטלער און מיטלעבער פון דעם דאָזיקן געשיכטע־עפּאָס.

דאָס איז בפירוש הויכע היסטאָרישע קונסט, און נאָכן טראַדיציע־שפּאַציר נעמט איר מיט אין אייער זכרון און געמיט די אָנגעהויפּטע שיכטן פון יידישער געשיכטע און דעם אַראָמאַט פון יידישער טראַדיציע, און איר גייט אַרויס עפּעס אַ באַרייכער־טער און יידיש־באַלאַדענער, ווי איר וואָלט באַרייזט מיט איינמאָל גאַנצע לענדער און תקופות פון דעם געבורט און אויספורעמונג פון אייער אומה ביז דער היינט־צייטיקער ווירקלעכקייט, וועמעס געשיכטע־וועגן און שליאָכן האָבן זיך אַדורכגע־דרייט אינמיטן און צווישן יידישער טראַדיציאָנעלקייט און גייסטיקע אינטערעסן.

אַ ווונדערבאַרע אויסשטעלונג, וואָס איז בפירוש כדאי צו זען, צו געניסן פון איר און זיך באַלערנען און באַלאַדן!

אויף אַ קאָלעקטיווער בר־מצווה פייערונג אין תלמים

מיט אַ גרויסן נייגער און ספּעציעלן אינטערעס זענען מיר געפאָרן צום מושב תלמים, אויפן וועג קיין באר־שבע, אויף דער איינלאַדונג פון דער ראַיאָן־שולע אויפן נאָמען פון הרב קוק ז״ל, צו דער קאָלעקטיווער פייערונג פון צוואָנציק בר־מצווה בחורים פון דער סביבה.

דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר באַטייליקן זיך אויף אַזאַ קאָלעקטיווער שמחה. איז עס פאַרשטענדלעך געווען פאַר אונדז אַ דערוואַרטונג און נייגער.

דאָס זענען ישובים פון ספּרדישע יידן, טוניסער, תימנער, מאַראָקאַנער, קור־דיסטאַנער א.א. און אַזוי ווי ניט יעדער איינער פון די עלטערן קען איינאָרדענען אַזאַ בר־מצווה־פייערונג וואָס איז היינט־צו־טאָג פאַרבונדן מיט אַ סך הוצאות, און היות ווי דער דאָזיקער קאָלעקטיווער פּרווו, וואָס ווערט שוין דאָרט געמאַכט צום דריטן מאָל, האָט זיך איינגעגעבן און געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג, האָט די דאָזיקע שולע, מיט דער מיטאַרבעט און פינאַנציעלער אונטערשטיצונג פון ראַט פון דער געגנט לכיש און פון חוף אשקלון ווי אויך פון דעם משרד־הדתות, דאָס רעליגיע־מיניסטעריום, אין וועמעס פאַרשטייערשאַפט מיר האָבן זיך באַטייליקט, אָרגאַניזירט אַזאַ פייערונג מיט דער באַטייליקונג פון הונדערטער מענער, פרויען און קינדער אין דעם זאַל פון דעם בית־העם פון תלמים.

שוין די רייזע אויפן כביש וואָס פירט צווישן צעאַקערטע פעלדער, גרינע לאַנקעס, פּרעכטיקע בערג, טוישנדיקע פּייסאַזשן, פון ירושלים, אויפן וועג קיין באר־שבע, איז שוין כדאי געווען די גאַנצע נסיעה. ווי אַ פאַנטאַסטיש שיינער פילם אַנט־פּלעקן זיך פאַר אייך די באַחנטע ישובים און אייער אויג זאַפּט־איין דעם הידור פון דער ישראלדיקער געבענטשטער לאַנדשאַפט.

היות ווי אונדזער אויטאָ האָט אונדז געבראַכט פרי, פאַר דער אָנגעגעבענער שעה, מאַכן מיר אַן אומקרייז אין מושב, און קוקן זיך צו צו די שיינע שטיבלעך, די בליענדיקע געגנט, און מיר גייען נאָכדעם אַריין אין זאַל פון דער פייערונג.

עס הויבן זיך אָן צונויפצופאָרן אין די אויטאָבוסן די געסט פון די אַרומיקע ישובים, אויסגעפוצטע קינדער און עלטערן, און באַלד ווערט דער גרויסער שיין־דעקאָרירטער זאַל, וואָס איז געגרייט מיט אַ סעודה כיד המלך, שיינע ווייס־געדעקטע טישן מיט בלומען, פול באַזעצט, און אַ הייטערע שטימונג פילט־אָן דעם יום־טוב־דיקן זאַל.

עס זעצן זיך אויס אויף דער בינע די רבנים פון דער געגנט, די צוואָנציק בר־מצווה־בחורים, דער דירעקטאָר פון דער שולע און די מחנכים, און עס הייבט זיך אָן די פייערונג.

אויפן צענטראַלן טיש שטייט אַ ריזיקער טאָרט מיטן אויפשריפט ״פאַר די בר־מצווהס — מזל־טוב!״. עס הייבן זיך אָן די דרשות און באַגריסונגען. יעדער באַ־

גריסער גיט איבער אַ מתנה איינעם פון די בר־מצווה־בחורים, אַ פּאָר תפילין, אַ טלית־זעקל מיטן טליתל און אַ שיינעם סידור.

אין די דרשות ווערן געוואָרפן לאַזונגען פון אָפּהיטן מצוות און גיין אין די וועגן פון אונדזער תורה און טראַדיציע. דער עולם זיצט אַ פאַרפּלאָנטער, די בר־מצווה־בחורים, אויסגעפּוצטע און צעשטראַלטע, הערן די אָנווייזונגען און ווונטשן, און עס איז פייערלעך די שטימונג אין זאַל.

עס טרעט־אויף אַ כאָר פון צוועלף ייִדעלעך וואָס זינגען רעליגיעזע שירים. און עס קומט אַ שיינע צערעמאָניע, ווען די צוואַנציק בר־מצווה־בחורימלעך טוען־אָן דעם געשאָנקענעם טלית און תפילין, און ווערן אויפגערופן אַזוי צו זייער דרשה. יעדער איינער גייט צום מיקראָפאָן, מיט טלית און תפילין, מיט קענטיקער עמאָציע און אימתא דצבורא, און האַלט זיין דרשה, ווער פליסיקער, ווער שטאַמלדיקער. עס הערן זיך דערביי אַפּלויזן און אויסגעשרייען איר זאַל, און די באַקאַנטע אַריענ־טאַלישע גלעקלדיקע אויסרופן פון די פרויען, וואָס דערמאָנען די אינדיאַנער אין די פילמען, בעת זיי פאַלן־איבער ישובֿים.

די בר־מצווה־בחורים דאַנקען די עלטערן און די לערער פאַר דעם יידישן חינוך, און ווי געוויינטלעך זאָגן זיי צו שטענדיק אָפּצוהיטן די יידישע מצוות, לייגן תמיד תפילין א.א.וו.

צום סוף רעדט דער שול־דירעקטאָר, וואָס דאַנקט אַלעמען פאַר דער הילף און באַטייליקונג ווי פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן און שיינעם יום־טוב, וואָס איז דאָ אַ גרויסע געשעעניש, און וואָס צילט בעיקר איינצופלאַנצן אין די קינדער און אין די עלטערן פיעטעט צו אונדזערע גייסטיקע ווערטן און צו אונדזער טראַדיציע.

פאַר אונדז, איז דאָס אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג. אין אונדזער אַמט אַלס הויפּט־רב פון דעם גרויסן פּאַסאַ־טעמפּל אין אַרגענטינע, האָבן מיר געדאַרפט האַלטן הונדערטער דרשות פאַר בר־מצווה, אויף יידיש און שפּאַניש, און אַמאָל אויף עברית אָבער האַלטן אַזאַ דרשה פאַר צוואַנציק בר־מצווה־בחורים מיטאַמאָל, אין אַ דרומדיקן ישראלדיקן ישוב פון אחינו בני־ישראל פון די ספרדישע עדות, אין אַזאַ אויסער־געוויינטלעכן קלימאַט, קומט אונדז אויס צום ערשטן מאָל, און מיר דאַנקען דעם אויבערשטן אין האַרצן פאַרן דאָזיקן שיינעם זכות.

צופרידענע און איבערגעלאַדענע פון די איינדרוקן און שיינער דעראייגעניש, לאָזן מיר זיך אין דער שפּעטער נאַכט צוריקפאָרן קיין ירושלים, טראַכטנדיק אַז ישראל איז פאַרט און דאַך דאָס אָרט ווו תורה און יידישקייט בליט און וועט זיך איינאָרבן און איינפלאַנצן לדורות.

אויף אַ שמחה של מצווה

וועגן דעם צי אַ בר־מצווה־שמחה איז מחוייב אַ סעודת־מצווה צי ניט, זאָגן טאַקע די פּוסקים, אַז אויב דער בר־מצווה־בחור האַלט אַ תורה־דרשה אין דעם טאָג פון בר־מצווה־ווערן, דאַן איז די סעודה אַ סעודת־מצוה.

דאָס קומט אונדז אויפן זינען ביים באַטייליקן זיך אויף גאָר אַ געהויבענער שמחה של מצוה, מיט געהויבענע געסט, מיט אַ געהויבענער אויסנאַמלעכער בר־מצווה־דרשה, אין אַ געהויבן פּלאַץ. אַזוי אַז אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט אמתער שמחה של מצווה.

מיר האָבן זיך באַטייליקט אין אַן אָוונט, אין דער וואָך פאַר פּסח, אין ירושלים, אויף אַן אייגנאַרטיקער בר־מצווה־סעודה.

דער בר־מצווה־בחור איז אַן אייניקל פון דעם דירעקטאָר פון דעם איזור ירושלים והדרום פון דעם רעליגיע־מיניסטעריום, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען רב אין אַמע־ריקע, אין דעטראָיט, און שוין ביי די אַכצן יאָר אַז ער איז דאָ אין ישראל, האָט אַמטירט פריער אַלס סעקרעטאַר אין דער הרבנות הראשית און לעצטע יאָרן אַלס דירעקטאָר פון דער אויבנדערמאָנטער אָפּטיילונג פון משרד־הדתות. זיין פרוי איז אינספּעקטאָרן פון ענגליש פון די שולן אין ירושלים. דער פאָטער פון בר־מצווה איז אַ לעקטאָר פון פילאָסאָפיע און מחשבת־ישראל אין די אוניווערסיטעטן בר־אילן און תל־אביב, און דער בר־מצווה בחור אַליין לערנט אין אַ היגער באַקאַנטער ישיבה. אַזוי אַרום, אַז דאָס איז סיי זכות עצמו, זכות אבות, זכות בנים ובני־בנים, און אַ דרייפאַכיקער פאָדעם וואָס "לא מהרה ינתק", וואָס האַלט זיך שטאַרק און פעסט.

אויסער דעם שטאַמט דער זיידע פון אַ רביישער דינאַסטיע, אַזוי אַרום אַז עס איז געווען צו דערוואַרטן אַ זייער געקליבענער און געהויבענער עולם פון באַטיי־ליקטע אויף דער שמחה.

זענען זיך טאַקע צונויפגעקומען אין אַ שיינעם אָרטאָדאָקסישן ירושלימער סאַלאָן דאָס שענסטע פון ירושלים, און איבערהויפּט האָט זיך דאָ אָנגעזען דער גרויסער אַמעריקאַנער שיכט פון רבנים, פּראָפעסאָרן, געסט און איצטיקע עולים און תושבים אין דער מדינה, און עס האָט געאָטעמט מיט חשיבות. עס האָבן זיך אַרויסגעזען היגע רבנים, אָנפירער פון משרד־הדתות, אינטעלעקטואַלן און אַנדערע.

נאָכן וואַשן זיך, און זיך זעצן ביי די שיין געגרייטע טישן מיט דער סעודת־מצווה, און נאָכן איבערכאַפּן עפּעס, האָט דער בר־מצווה־בחור געהאַלטן אַן אויס־נעמלעכע דרשה, מיט געדאַנק און איבערצייגונג, ציטירט פון די מקורות, געבראַכט די ראיות פון דער גמרא, דעם רמב"ם און די פּוסקים, און בעיקר האָט עס אימפּאָ־נירט מיט דער קלאָרקייט, טיפקייט און שיינקייט פון דעם אינהאַלט. מען האָט געזען, אַז דאָס בחורל פאַרשטייט דאָס געלייענטע, לויטן אויסדרוק, אַקצענטירונג, טאָן און איבערצייגונג.

ער האָט געדרשנט אויף דער טעמע, צי איינער וואָס האָט חלילה ניט קיין האַנט און קען דעריבער ניט לייגן דעם תפילה של יד, איז אויך באַפרייט צו לייגן דעם של ראש, די קאָפּ־תפילה, און האָט אויסגעפירט, נאָך אַ שלל פון ראיות, אַז איין תפילה איז ניט מעכב, האַלט ניט אָפּ די צווייטע. זיין רעדע איז געווען אַ יוצאת מן הכלל. שוין געהערט אַ סך בר־מצווה־דרשות פון פאַרשיידענע סאָרטן, איינ־האַלטן, קאַליבערס, אָבער די איז געווען באמת אַן אויסנעמלעכע.

נאָכדעם האָט מען מכבד־געווען מיט אַ וואָרט, דאָס הייסט, בעסער געזאָגט, האָט מכבד געווען דעם עולם מיט זיין שיין וואָרט, דער געוועזענער רב־הראשי פון ישראל, הרב איסר יהודה אונטערמאַן, וואָס האָט געצויגן דעם פאָדעם פון דעם בר־מצווהס דרשה, באַטאָנענדיק אַז פאַראַן טאַקע שיכטן, וואָס ווילן פאַנאַנדערטיילן צווישן די תפילין של יד און של ראש. פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן פון יידישקייט בלויז של־ראש, אין געדאַנק, אָבער צום "יד", צו דער מעשה קומט עס ניט. און אין איצטיקן מאָמענט, ווען עס פאַרנורעט זיך אַמאָל אַ געפיל פון יאוש אין האַרצן, אין אַנבליק פון דער שווערער סיטואַציע, אין וועלכער ישראל גייט אַדורך, קומט מען דאָך און אָבעראַמאָל צו דער מסקנא, אַז די איינציקע רעטונג און די איינציקע לייזונג צו אַלע אונדזערע פּראָבלעמען קען נאָר זיין דאָס פאַרייניקן דעם של־ראש מיטן של־יד, ד.ה. פּראַקטיצירן אינטעגראַלע יידישקייט, און נאָר יהדות השלמה קען אונדז אָנווייזן און אויסטרעטן אונדזער וועג.

הרב אונטערמאַן האָט באַטאָנט אַז די דרשה פון דעם בר־מצווה־בחור איז ניט קיין געוויינטלעכע, און ער ווינטשט אים טאַקע צו גיין אויף אָט־דעם אויסגעטראָ־טענעם שלמותדיקן יהדות־וועג, און זיין פון די וואָס פורעמען־אויס די צוקונפט פון אונדזער אומה.

מיט אַ ווונטש פון אַ כשרן און פריילעכן יום־טוב, און טאַקע מיר זאָלן פּסח זוכה־זיין צו דער גאולה שלמה, האָט ער פאַרענדיקט זיין שיין און אינהאַלטס־רייך וואָרט.

אַ בחור האָט זיך דאַן אָוועקגעשטעלט מיט אַן אַקאָרדעאָן און מיט געפיל און מיט קלאַנגען־שיינקייט אויסגעשפּילט באַקאַנטע חסידישע שירים און געזאַנגען וואָס דער עולם האָט מיטגעקנאַקט מיט די פינגער, און ווו ניט ווו מיטגעזונגען, און מיט אַ געהויבן געפיל פון האָבן זיך באַטייליקט אויף אַ ביז גאָר פייערלעכער ירושלימער יידישלעכער שיינער שמחה, פון הויכן שניט און קאַליבער, פון קולטורעלער חשיבות און איידעלער סביבה, איז מען צופרידענע, מיט אַ גרויסן גייסטיקן עונג, אהיים־געפאָרן.

פסח אין דער מדינה

מיט יאָרן צוריק, איז אונדז אויסגעקומען צו מאַכן דעם ערשטן באַזוך אין דער יידישער מדינה פאַר פסח, און דער דאָזיקער יום־טוב איז אייגנטלעך געווען אונדזער ערשטע גרויסע איבערלעבונג אין ישראל.

אַבער דאָס מאָל איז אונדז שוין אויסגעקומען צו זיין פסח אין ישראל, אַלס ישראל־תושב און אין ירושלים.

היי־יאָר צייכנט זיך אויס דער קאַלענדאַר מיט זיינע אייגנטימלעכקייטן: אַט האָבן מיר דאָ, אין ירושלים, געהאַט אַ פורים משולש, גאַנצע דריי טעג, און היי־יאָר, איז נאָך אַ סך יאָרן אויסגעפאַלן ערב־פסח שבת. איז טאַקע דערשינען אַ סך בראָשורן פון דער רבנות הראשית, פון רעליגיעזע פאַרלאַגן, פון ראַבינאַטן אין די פאַרשיידענע שטעט, בראָשורן, גרעסערע און קלענערע וואָס קלערן־אויף ווי זיך נוהג צו זיין אין אַזאַ פאַל, איבערהויפּט דעם שבת פאַר פסח.

האָבן די שבת־הגדול־דרשות פון די רבנים הראשיים זיך געדרייט אַרום אָט דער טעמע, ווי אויך פאַרשיידענע פאַרטראַגן אין שטעט פון לאַנד.

דער פסח האָט זיך געלאָזט דערקענען אויך אין גאַס. די פאַרשיידענע געשעפטן פון תשמישי־קודש און פון סוווענירן האָבן מיט אַ ברייטער האַנט אויסגעשטעלט די בונטפאַרביקע קערת־טעלער, מצה־טישטעכלעך, כוסות, הגדות אין פאַרשיידענע בונטפאַרביקע צייכענונגען. די נאָכפראַגע פון די פסחדיקע פראָדוקטן איז געווען אַ גרויסע, און די מערק זענען איבערגעפולט געווען מיט קונים. מען האָט אָך ורק געזען מענער און פרויען מיט גרויסע פולע קוישן אַריינברענגען דעם פסח אין שטוב אַריין.

ביז גאָר צופרידן זענען די נייע עולות, די פרויען, ווייל דער פסח איז דאָ־הי מיט אַ טאָג וויניקער, און דאָס צוגרייטן קומט אָן אַ סך לייכטער ווי אין די תפוצות. מען קריגט דאָ אַלץ צו דער האַנט, פון ציין־פּאַסטע פאַר פסח, ביז טואַלעט־זייף, ביז שאָכטלעך חרוסת און אַזוי ווייטער.

אַזוי אויך, אַז די פרויען זענען דאָ־הי געקומען צו זייער „עמאַנציפּאַציע". לויטן מדרש, זענען יידן אַרויס פון מצרים אין זכות פון די רעכטפאַרטיקע פרויען, און געוואָרן פון שקלאַפן פרייע מענטשן, אָבער די פרויען זעלבסט האָבן „געשקלאָפט" פאַר פסח צוצוגרייטן דעם דאָזיקן ליבן יום־טוב. דאָ, אין ישראל, האָבן זיי אויך געקראָגן אַ טייל פרייהייט...

היי־יאָר איז דער פסח דאָ־הי געווען ביז גאָר אַקטועל אין דעם סיפור־מצרים. די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד, די מלחמה־שפּאַנונג, האָט ממש אַקטואַליזירט די הגדה של פסח, אַז „בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו", אַז אין יעדן דור שטייען אויף שונאים, בלוטיקע פיינט, וואָס ווילן און זוכן אונדז צו פאַרניכטן, „והקדוש

ברוך־הוא מצילנו מידם", אָבער דער אויבערשטער ראַטעוועט אונדז אַרויס פון זייערע הענט.

האָט מען דאָס טאַקע געפּילט אין די משפּחה־סדרים, וואָס זענען דאָ־הי אַ פּייערלעכע געשעעניש, און אין די קאָלעקטיווע סדרים, פון די פאַרשיידענע עדות און פון די פאַרשיידענע מיליטערישע לאַגערן.

למשל, ביי אונדז אין געגנט, האָבן די גרוזינער און די בוכאַרער אָרגאַניזירט אַ קאָלעקטיוון סדר, און דער מיליטערישער לאַגער האָט אָרגאַניזירט אַ פּראַכטפולן אימפּאָזאַנטן סדר, אויף וועלכן עס זענען אויך אַנוועזנד געווען תושבים פון דער געגנט מיט זייערע משפּחות, און האָבן געהאַט אַן אויסנעמלעכע איבערלעבונג.

מיין רוסישער שכן האָט דעם אַנדערן טאָג ניט געקענט קומען צו זיך פון גרויס באַגייסטערונג, און האָט אונדז בלויז און ווידעראַמאָל דערציילט מיט אויסערגע־וויינטלעכער אַנטציקונג וועגן אָט־דעם מיליטערישן סדר, ווו אַ פּאָר טויזנט מאַן, לויט זיין דערציילונג, מענער, פרויען, גענעראַלן, פעלד־ראַבינער, סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס, האָבן אין אַ שיינעם דעקאָרירטן הויף, און אויסגעזעצט ביי צענדליקער טישן אָפּגעריכט פייערלעך דעם סדר. ווען מען גיט אים טויזנט פונט, כאָטש ער דאַרף זיי בויטיק האָבן, נעמט ער זיי ניט, אַבי צו קענען זיין ביי דעם דאָזיקן סדר... אַ שאָד, וואָס מען האָט אים ניט געלאָזט יום־טוב פאָטאָגראַפירן, כדי צו שיקן דאָס בילד קיין רוסלאַנד.

אויך אונדז איז אויסגעקומען צו האַלטן אַ שבת פאַר פסח און אין פסח גופא דרשות אין אונדזער שיל, און דאָס מאָל האָבן מיר געפּילט אַז מיר רעדן וועגן אַן אַקטועלן פּסח, אין אַנבליק פון די תושבים, פון דעם גרויסן יציאת־מצרים, דעם קבוץ־גלויות ביי אונדז אין שכונה, און אין אַנבליק פון דער הערשנדיקער לאַגע אין לאַנד.

חול־המועד פילט זיך דאָ אוודאי, אַ סך געשעפטן זענען געשלאָסן, אַנדערע אַרבעטן האַלבע טעג, דעסטגלייכן אין די ביוראָען, ווייל דאָס איז די צייט וואָס מענטשן נעמען זיך וואַקאַציעס, מען שפּאַצירט, מען באַזוכט דאָס לאַנד, א.א.וו. איבער די גאַסן פון ירושלים גייען אַ סך יידישע יידן אָנגעטון יום־טובדיק, אין זייערע קאַפּאָטעס און שטריימלעך. די קיאָסקן פאַרקויפן ניט קיין חמץ, נאָר אַנשטאָט דעם פּסחדיקע געבעקס.

דער וועטער אין ירושלים איז צוריק געוואָרן ווינטערדיק אָדער ווינטיק, אָבער דער חול־המועד, דער פּסח לאָזט זיך פילן אויף טריט און שריט.

פאַרט אַ יידישע מדינה און פּסח איז דאָך דער גרונטשטיין פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע און דער מייל־שטיין פון אונדזער טראַדיציע, און אַרום יציאת־מצרים דרייט זיך דאָך אונדזער גאַנצער טראַדיציאָנעלער בנין.

איז בלויז פאַראַן איין פרומער ווונטש אין הארצן: אַז אויך איצט זאָל אונדז הקב"ה מציל־זיין פון אונדזערע שונאים, און זאָל שוין דער דאָזיקער פּסח ברענגען די אמתע און ריכטיקע גאולה שלמה פאַר אונדזער פאָלק און לאַנד.

"והיה מחנך קדוש"

האָט אונדז שוין די תורה מיט רעכט אָנגעזאָגט "והיה מחנך קדוש", דיין מחנה זאָל זיין הייליק. איבערהויפּט איז דער מענטש מסוגל צו פאַרלירן זיינע גוטע זיטן און קולטור־צוימען אין אַ מלחמה. דעריבער איז דער דאָזיקער שטרענגער אָנזאָג חל דווקא ווען די צייטן זענען ניט כתיקונם, און ווען דער מענטש שטייט פאַר פּילפּאַכיקע נסיונות, און ווען ער זעט דעם טויט פאַר די אויגן, וואָס דאָס איז ניט געוויינטלעך און גייט אַרויס פון די ראַמען פון דעם טאָג־טעגלעכן באַרמאַלן אויס־לעבן זיך.

אַ סך, ממש אַ גאַנצע ליטעראַטור, איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן איבער די יידישע קעמפער אין די פאַרשיידענע מלחמות, און וואָס עס איז פריש, אַקטועל איז נאַטירלעך די מלחמת־יום־הכפורים.

מען שרייבט וועגן דער אָפּפערווויליקייט פון די יידישע סאָלדאַטן, וועגן זייער גבורה, זייער אויסדויער, זייער פּאַטריאָטיזם, א.ד.ג.

אָבער וואָס אונדז אינטערעסירט איצט, און מיר האָבן די געלעגנהייט אַדורכ־צוקוקן איז איבערהויפּט דער דערהויבענער רעליגיעזער מאָמענט פון די יידישע סאָלדאַטן, אויפן סמך פון אָפּהאַנדלונגען, באַשרייבונגען, בריוו־אויסטויש, בראָ־שורן, א.א.וו.

און מיר בלייבן נתפעל פון דעם דערהויבענעם גייסט וואָס האָט באַזעלט דעם יידישן סאָלדאַט, און דאָ באַגרענעצן מיר זיך צו דעם תורה־סאָלדאַט.

ווייזט־אויס אַז דאָס וואָס אַ מענטש נעמט אַריין אין זיך אַ גאַנץ לעבן קומט צום אויסדרוק אין פאַרשיידענע טראַנסצענדענטאַלע מאָמענטן פון זיין דאַ־זיין. או, דאָ זעט מען די השפעה, די אויספורעמונג פון זייער גייסט, און דער איינפלוס און אָפּקלאַנג וואָס דאָס האָט געהאַט אויף דעם תורה־טרייען סאָלדאַט אין די געפער־לעכסטע קריג־מאָמענטן.

איין גענעראַל האָלט, למשל, אין איין לויבן די רעליגיעזע סאָלדאַטן. — גיב זיי, זאָגט ער, בלויז אַן איבעריקע האַלבע שעה איבערפרי צום דאַווענען, וועלן זיי דיר אַרבעטן אָן אויפהער און מיט ביישפּילפולער איבערגעגעבנקייט און מוסטערהאַפטער אָרדענונג אַ גאַנצן טאָג.

און איר בלייבט פאַרבליפט ווי אין די מאָמענטן פון טויט און לעבן ליגט זיי אינזינען יידישקייט.

אַט־למשל שילדערט איין סאָלדאַט, ווי ער האָט זיך געלאָזט קעמפן איינער אַליין אין זיין טאַנק קעגן אומצאָליקע טאַנקען פון דעם שונא. "איך האָב אָוועקגע־ליגט די גמרא פון איין זייט נעבן מיר און פון דער אַנדערער זייט דעם "משנה

ברורה", און מיט אַזעלכע "מעכטיקע" אַליאירטע האָב איך זיך געלאָזט אין קאַמף און ב"ה אַרויס אומבאַשעדיקט..."

אַ צווייטער סאָלדאַט באַקומט אַ טאָג־צוויי חופש, אורלויב, איז דער "ערשטער" וויזיט, אַנשטאָט די עלטערן אָדער דער כלה, שטאָט ער אַפּ זיין ישיבה, ווייל ער לעכצט שוין ווידער אַריינצוכאַפּן אַ שיעור תורה ותפילה נאָך טעג ווען ער האָט גאַרניט געהאַט די געלעגנהייט דאָס צו טאָן אויפן פראָנט, היות ער איז געווען פאַרטון אין קאַמפּן.

אינטערעסאַנט, און דאָס וועט זיכער פאַראייביקט ווערן מיט די שענסטע פאַרבן אין דער געשיכטע פון דער אַקאַרשטיקער מלחמה: די פרומע סאָלדאַטן שיקן פון פראָנט שאלות פון יידישקייט זייערע ראש־ישיבות, ווי זיך נוהג צו זיין. למשל, צי מעגן זיי עסן און טרינקען שבת פון די מאכלים און געטראַנקען וואָס יידישע סאָל־דאַטן האָבן געמוזט ברענגען שבת אויפן לאַסט־וואָגן, צי מעגן זיי גיסן וואַסער פון דעם וואַסער־טאַנק וואָס איז אין זייער קריגס־טאַנק, היות עס גיסט זיך אויס אויפן רשות־הרבים, א.א.וו.

און די ראשי־ישיבות פוילן זיך ניט און ענטפערן זיי, ברענגענדיק ראשונים און אחרונים, און פסקענען זיי דעם דין.

איר בלייבט ממש פאַרבליפט און אַ הייליקער ציטער און שטאָלץ כאַפּט אייך אַרום, הערנדיק מיט וואָס יידישע סאָלדאַטן, וואָס שטייען ביים ראַנד, רחמנא ליצלן, פון אומקום, פאַרנעמען זיך. און וואָס וועט איר זאָגן טאָקע צו די ישיבות גופא וואָס האָבן אַרויסגעגעבן בראָשורן מיט פאַטאָקאָפּירטע שיעורים, בכדי די סאָלדאַטן, די ישיבה־בחורים אויף די פאַרשיידענע פראָנטן, זאָלן ניט פאַרלירן זייער שיעור, און זאָלן דאָרטן, אין גולן, אין סיני, אָדער ווו ערגעץ אַנדערש פאַרזעצן זייער תורה־לימוד. איך האָב די דאָזיקע בראָשורן געזען, און געהערט פון ראשי־ישיבות ווי זיי האָבן אויפן פראָנט פאַרענטפערט שווערע סוגיות, און געלייענט עטלעכע אַזעלכע ענטפערס, און הלמאי לייקענען: עס האָט מיך אָנגעהויבן שטיקן אַ טרערן־קנויל אין האַלדז...

און ווען איר לייענט ווי די ניט־פרומע סאָלדאַטן האָבן מקנא געווען די יעניקע, וואָס האָבן אַן אינהאַלט, אַ בטחון, אַ שלווה, אַן אמונה, און ווי אַ סך פון זיי האָבן זיך געבעטן זיי זאָלן דאַווענען אויך פאַר זיי, פאַרן אַרויסגיין אין קאַמף, ווי אַנדערע האָבן געבעטן אויסלערנען געוויסע תפילות. און ווען איר לייענט פון יענעם השומר־הצעיר־סאָלדאַט, וועמען מען האָט נעבעך אָפּגעריסן אַ האַנט, ווענדעט זיך צו דער געזעלשאַפט פון פרומע יונגעלייט, מען זאָל קומען פון הייַנט־אָן לייגן אים תפילין אויף דער צווייטער האַנט, אַ זאַך וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געטון און ניט געוווּסט דערפון פריער אין זיין קיבוץ.

און נאָך און נאָך אַזעלכע סימנים פון גייסטיקער אויפוואַכונג און אויפטרייסלונג, פון הרהורי־תשובה און פון התפעלות פאַר די נסים ונפלאות, און ווען איר לייענט וועגן אָט דער דערהויבנקייט פון די פרומע סאָלדאַטן, ווי זיי גייען אין קאַמף מיט געווער און מיט תורה־לימוד, פאַרשטייט איר ערשט זייער טיף און געטרי דעם זין פון "והיה מחנך קדוש", פון דער הייליקייט פון דער יידישער מחנה, וואָס איז אַ

דירעקטער פּועל־יוצא פון דער הייליקייט פון יידישן תורה־גאַנג, וואָס שטעמפּלט־אָפּ די וואָס ווייקן זיך אין יידישן קוואַל מיט די טוגעגטן פון די קדושים וטהורים, וואָס ניט נאָר ווערן זיי ניט פאַרווישט און צערונגען אין שווערע מאָמענטן פון פּיין און נסיונות, ווען דער מענטש איז עלול צו פאַרלירן זיין גייסטיקן און מאָראַלישן גלייכ־געוויכט, נאָר אדרבא וואָס שווימען ערשט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך און שניידן זיך איין אין די אייביקייט־געדעכעניש פון אונדזער אומה.

יום־העצמאות 1974

בעת אונדזער ערשטן באַזוך אין לאַנד, מיט יאָרן צוריק, איז אונדז אויסגעקומען צו זיין, צווישן די פאַרשיידענע גרויסע איבערלעבונגען, אויפן דעמאָלטדיקן מיליטערישן פּאַראַד פון יום־העצמאות, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען לענג־אויס דעם ים־ברעג פון חיפה, און מיר האָבן זיך דאַן אויך באַקענט מיטן ערשטן "כאַמסין" אין לאַנד.

דאַן איז דאָס לאַנד געווען אין אַ פריידיקער שטימונג. מיר האָבן זיך נאָכדעם אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע לאָקאַלע פייערונגען און עס האָט זיך געפילט אַ שמחה צוליב דעם "ראשית צמיחת גאולתנו".

דאָס מאָל איז אונדז אויסגעקומען זיין אין לאַנד, דאָס צווייטע מאָל, יום־העצמאות, ליידער, צום באַדויערן, אין ניט אַזאַ פריידפולער שטימונג, נאָר נאָך דער מלחמת יום־הכיפורים, און אין דעצידירנדיקע מאָמענטן פאַר דער מדינה, נאָך אַ קייט פון אומאיבערגעריסענע געשעענישן, וואָס לייגן זיך און פרעסן דאָס געמיט, און האַלטן באַזאָרגט און געשפּאַנט די מדינה און די גאַנצע יידישע אומה.

מיר האָבן מיט עמאָציע זיך צוגעקוקט צו דער "יום־הזכרון"־פייערונג, ביים כותל מערבי, ווו דער מדינה־פּרעזידענט האָט אָנגעצונדן דאָס פייער פון דעם פאַקל, וואָס אַ יונגע אלמנה, וועמעס מאַן איז אומגעקומען אין דער לעצטער מלחמה האָט אים דערלאַנגט און געלייענט דעם יזכור נאָך די געפאַלענע אין די באַפרייונגס־מלחמות פון ישראל.

מיר האָבן נאָכדעם געהערט דאָס וואָרט פון דעם שעף פון גענעראַל־שטאָב, וואָס האָט זיך געווענדעט צו די פאַריתומטע משפחות וועמעס קינדער עס זענען געפאַלן אין לעצטן קריג, און זיך ביי זיי געבעטן ווייטער צו דערמוטיקן די ישראלדיקע אַרמיי אין די דאָזיקע גורלדיקע מאָמענטן פאַר דער מדינה, ווייל ערשט איצט דאַרפן זיי דאָס מער ווי קיינמאָל ביט.

מיר האָבן געהערט דאָס וויברירנדיקע וואָרט פון דעם מיליטערישן הויפּט־רב, און זיך צוגעהערט צו דעם ספּעציעלן "א־ל מלא רחמים", וואָס דער מיליטערישער הויפּט־חזן האָט אָפּגעריכטעט מיט אַזוי פיל געפיל.

דער אַקט איז געווען ביז גאָר איינדרוקספול, און אין אַלע שטיבער, ווו עס האָט געברענט אַ נשמה־ליכט, האָט מען פון די טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן געזען און געהערט קלאָר און דייטלעך אָט־די צערעמאָניע ביים כותל־המערבי, און ווי באַדייטונגספול האָבן געקלונגען די ווערטער פון מדינה־פּרעזידענט, אַז דאָס יידישע פאָלק פאַרייניקט זיך מיט דעם אָנדענק פון זיינע געפאַלענע זין אין דער באַפרייונגס־מלחמה פאַרן לאַנד ביי דער געהייליקטער וואַנט, ביים כותל. און ווירקלעך, איז דאָך די וואַנט דער סימבאָל פון יידישן שטרעבן און יידישן ציען קיין ישראל,

פאַר וועלכער די יונגע לעבנס האָבן זיך געאָפּפערט, אונטערצוטראָגן אונדזער אומה דעם געשאַנק פון אַ מדינה, פון אַן אייגן ווינקל אויף דער ערד, נאָכן לאַנגן מאַר־טירער־וועג וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט נאָך יאָרהונדערטער גלות און פּיין.

און ביז גאָר האַרצרייסנדיק איז שפּעטער געווען דער טעלעוויזיע־פּראָגראַם, וואָס האָט געוויזן אינטערוויוען מיט די עלטערן, ברידער, אלמנות פון געפאַלענע סאָלדאַטן אין די לעצטע יאָרן, ווו זיי האָבן געוויזן דעם לעבנס־וועג זייערן, געוויזן בילדער פון פאַרשיידענע תקופות, און געשילדערט זייער העראָישן טויט.

דאָס איז געווען אויפטרייסלנדיק.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן מיר בייגעוווינט אויף דער הויפּט־גאַס פון ירושלים, רחוב יפו, דעם אויפמאַרש פון מיליטער און דעם יזכור־אַקט אויף אַ ספּעציעלער בימה, אין אָנדענק פון די געפאַלענע אין מלחמת־השחרור, ווידער געהערט דעם יזכור און די האַרצרייסנדיקע "מלא", און עלף אַזייגער אינדערפרי, האָט פּלוצעם אַ שנייד־געטאָן אין דער לופטן אַ מעכטיקער סירענע־פייף אין אָנדענק פון די גע־פאַלענע, און מיטאַמאָל איז פאַראַליזירט געוואָרן די גאַנצע באַוועגונג פון אויטאָבוסן, אויטאָס, און אַלע מענטשן זענען געבליבן שטיין אין שטילשווייגעניש, אַזש אַ פּיפּס האָט זיך פאַר אַ ווייל ניט געלאָזט הערן אויף דער רוישיקער גאַס.

מיר האָבן זיך דערביי דערמאָנט דעם מדרש פון מתן־תורה, ווען אַלץ איז שטיל געבליבן אין דער נאַטור, ווען אפילו אַ פויגל האָט ניט געזונגען, און גאָרניט האָט ניט גערוישט. אַזוי האָט אונדז אויסגעוויזן די פּלוצימדיקע פאַרגליווערטע שווייגעניש.

מיר האָבן זיך לעצטנס אַריינגעלייענט אין דער יום־כיפור־מלחמה־ליטעראַטור, איבער דער גבורה און גייסטיקער הויכקייט פון אונדזערע חיילים, און מיר זעען טאַקע לעצטנס אַליין־צו אַט דעם ניוואָ אין לאַנד, אַט די שיינקייט פון דער מדינה, דעם שוווּנג פון מענטשן וואָס זענען געקומען פון ארבע פינות העולם דאָ אויסצוזוכן און געפינען אַ מקום מנוחה און גייסטיקן צענטער, און ווי שיין וואָלט טאַקע די מדינה אויסגעזען, ווען מען לאָזט זי צורו, און עס וואָלט געהערשט שלום, ווי פּרעכ־טיק וואָלט זי אויפגעבליט און זיך צעוואַקסן, ווען זי וואָלט געקענט אינוועסטירן אירע אָנשטרענגונגען אין אויפבוי, אַנשטאָט זיי צו פאַרווענדן פאַר קריג און פאַר פערמאַנענטער פאַרטיידיקונג!

און ווען מען וואָלט געוואָלט סינטעטיזירן די מיינונגען, שטימונגען און געפילן פון אַלע יידן אין דער מדינה, וואָלט זיך באַקומען איין מעכטיקער ווונטש: שישראל ישכון לבטח, ישראל זאָל רוען אין זיכערקייט און עס זאָל הערשן שלום אין לאַנד! אמן ואמן!!!

אין געראַנגל פאַרן קיום

אַז ספק פילט מען אַרויס אין די היינטיקע טעג דעם מעכטיקן געראַנגל וואָס ישראל פירט פאַר איר קיום און המשך. און דאָס איז געקומען אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין די טעג פון פאַר און אין יום־העצמאות.

אַט־למשל ווען מען האָט זיך צוגעקוקט צו דער טעלעוויזיע־פּראָגראַם ווי דער נשיא־המדינה איז געקומען טרייסטן די "פאַרווונדעטע שטאָט" ("עיר פצועה") קרית־שמונה נאָכן גרויסן אומגליק, נאָך דער אומדערוואַרטעטער שחיטה דורך די אַראַבישע טעראָריסטן, ווי ער האָט זיי געטרייסט, ווי ער האָט זיי מיטגעפילט, און ווי ער האָט זיי איבערגעגעבן אַז אויך ער פאַרשטייט זייי אַמנאָענטסטן און אַז אויך ער האָט ביים פאַרלירן זיין ברודער, דורך דעם וואַנזיניקן מערדערישן יאַפּאַנטשיק, וואָס האָט געשאָסן אויף אומבאַשיצטע מענטשן אין דעם לודער עראָפּאָרט, מיט צוויי יאָר צוריק, און ווי ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן פּראָצעס פון שטימונגען און געפילן, פון צער, יאוש, פאַרצווייפלונג און דורשט נאָך נקמה, און ווי ער האָט ביס־לעכווייז אָנגעפאַנגען פאַרצוזעצן זיין וועג, פאַרשטייט אַז אונדזער אומה איז אַריינ־געטון לעצטנס אין דעם טעגלעכן און מעכטיקן געראַנגל פאַרן קיום און פאַרן אויס־דויער פון אונדזער פאָלק און מדינה.

צוריק מיט פיר יאָר, בעת דעם אָפּשוואַכונגס־קריג האָט מיר מיין פאַמיליאַר, וואָס האָט מיך באַגינען געפירט צום עראָפּאָרט, פאַרן אָפּפאָרן צוריק קיין אַרגענטינע, מיר געזאָגט: זעסט, מרדכי, אַזוי ווי אונדזער פאָלק ראַנגלט זיך איצט, האָט עס זיך נאָך קיינמאָל ניט געראַנגלט. עס האָט נאָך ניט געטראָפן אַז די גאַנצע מדינה, קינד און קייט, אויפן פראָנט און אויפן הינטערגרונט, זאָל אַזוי קעמפן, אַלע באַנאַנד, סיי פון דער ציווילער ווי פון דער מיליטערישער פּאָזיציע, ווי עס איז איצט. אפילו אין די פאַרשיידענע העראָישע געשיכטלעכע תקופות פון קאַמף האָבן ספּעציעלע, באַזונדערע גרופּעס, גרעסערע אָדער קלענערע, ווי די חשמונאים, בר־כוכבא א.א. געקעמפט ווי די לייבן. נאָר אַז די גאַנצע, ממש די גאַנצע מדינה זאָל קעמפן פאַר איר קיום, דאָס געשעט דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער טויזנטיאָריקער היסטאָריע.

דאָס האָט טאַקע אונטערגעשטראָכן דער הרב הראשי אין זיין דרשה אין "היכל שלמה" ביי דער פייערלעכער יום־העצמאות־תפילה און אַזוי שרייבן און זאָגן אַלע, אַז דאָס מאָל איז געווען דער שטאַרקסטער קאַמף אין דער געשיכטע פון די מלחמות־ישראל, און אַז דער נס פון רעטונג איז איצט גרעסער ווי ווען עס איז געווען אַמאָל.

מיר האָבן געזען טאַקע אין יום־הזכרון און אין יום־העצמאות, די ימים טובים, די סאָלדאַטן־מאַרשן, וואָס זענען איצט איינגעטונקען אין ווייטיק און אין צער נאָך די גרויסע פאַרלוסטן פון די טייערע זין און טעכטער פון ישראל, וואָס האָבן

אָוועקגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַר דער ישועה און רעטונג פון אונדזער לאַנד, און פאַרן קיום פון אונדזער אומה.

אָבער, האָט דער הרב הראשי, ווי אויך די פרעמיער־מיניסטאָרשע געזאָגט אין אַן אינטערוויו אין איר הויז, פאַר דער היגער טעלעוויזיע, געהייסן דערמאָנען דאָס פאָלק אַז עס איז דאָך יום־העצמאות, און אַז אַדאַנק דעם אויבערשטן האָבן מיר נאָך אַזוי פיל יאָרטויזנטער פון פיין און גלות דאָך אַן אייגענע יידישע מדינה.

אָבער וואָס עס איז מערקווירדיק, און דאָס כאַראַקטעריזירט אפשר אַמבעסטן אונדזער שטאַם, איז אַז דווקא אין די דאָזיקע גורלדיקע טעג, הערן זיך תשובה־שטימען און ווענדונגען אינעם פאָלק, צווישן יונג און אַלט.

אפשר, פירט זיך די מדינה ניט ווי זי דאַרף, אפשר איז זי ניט גענוג יידישלעך, גענוג גוט און פרום, אפשר ווערן באַגאַנגען אַנדערע פעלערן. עס הערט זיך דער יידישער דורותדיקער "נחפשה דרכינו ונחקורה", לאָמיר רעווידירן אונדזער גאַנג, לאָמיר פאַרבעסערן אונדזער טוּאונג, לאָמיר שטאַרקן אונדזער יהדות, לאָמיר קאָנסאָלידירן אונדזער יידישקייט, א.א.וו.

דאָס אַליין איז שוין דער בעסטער עדות פון די קרישטאָל־ריינע קוואַלן וואָס אונדזער אומה האָט זיך שטענדיק אין זיי געוויקט און איז במילא אַדורכגעווייקט געוואָרן, אַזש ניט אָפּצומעקן די שפּורן, נייערט אין יעדער גורלדיקער געלעגנהייט, שווימען־אַרויף אָט די שטריכן פון טויזנטיעריקער טראַדיציע און פאָלקס־דערציונג און פירן צוריק דעם פאָלק אין די וועגן פון אונדזערע טוגענטן, און צו די קוואַלן פון אונדזערע אורשפרונגען.

אַזוי ווי מיר האָבן אַמאָל געפילט אַז מיר שטייען אין קאַמף פאַר דער עטאַבלירונג פון דער מדינה, אַזוי פילט מען איצט אַז מען ראַנגלט זיך פאַר איר קיום. ווי זאָגט דער תהילים ביים "לדוד מזמור", וואָס מיר זאָגן ראש־השנה און אַלע וואָך: "מי יעלה בהר ה׳ ומי יקום במקום קדשו" (ווער וועט אַרויפגיין אויף ג׳ס באַרג, און ווער וועט בלייבן שטיין אויף זיין הייליקן פלאַץ). האָט דאָך דער גוטער ייד געטייטשט: אַרויפגיין קען אַמאָל ווער ס׳איז ניט איז. אָבער דער עיקר איז דער "מי יקום", ווער וועט בלייבן דאָרט, וועט באַשטיין. אַדער ווי דער געניאַלער גענעראַל האָט איינגעטייטשט: ס׳איז ניט אַזוי דער עיקר געווינען די שלאַכט, וואָס קען אַמאָל זיין אַ צופאַל, אין מיליטערישן זין, נאָר הויפּטזעכלעך איז ווי האַלט מען דערנאָך אויף די פּאָזיציע און די דעראָבערטע ערטער?

ווער עס לעבט איצט אין ישראל, פילט ממש, אַז מען קעמפט, נאָכן האָבן, מיט ג׳ס הילף באַטראָטן די הייליקע ישראלדיקע ערד, דעם "הר־ה׳", נאָכן איינשטעלן אַזאַ שיינע און פּרעכטיקע יידישע מדינה, דאַרף מען איצט קעמפן אויפצוהאַלטן זי, דאַרף מען באַשטיין איר קיום און המשך, דאַרף טאַקע דעריבער זיין דער: "ה׳ עוז לעמו יתן", ג׳ זאָל געבן זיין פאָלק שטאַרקייט און אויסדויער, און "ה׳ יברך את עמו בשלום", און דער אויבערשטער זאָל עס פאָלגלעך בענטשן מיט אַן אַנטגילטיקן שלום!

צוזעענדיק דעם וועלט־פֿאַרמעסט פון תנ״ך

טראָפּנס פרייד האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין די ניט גאָר־פריידיקע יום־העצמאות־פייערונגען, ביים צוזען דעם היי־יאָריקן וועלט־פֿאַרמעסט פון תנ״ך, וואָס האָט ווידעראָמאָל באַוויזן די גייסטיקע העגעמאָניע פון אונדזער פאָלק אַלס ״עם הספר״.

דער דאָזיקער תנ״ך־קאָנקורס האָט צונויפגעבראַכט אַכט און צוואַנציק פאַר־שטייער פון ארבע כנפות הארץ, און האָט באַוויזן אַז אונדזער פאָלק איז טאַקע צעמענטירט, טראָץ זיינע פאַרשיידענע עדות און תפוצות, דורך זיינע גייסטיקע ווערטן, וואָס האַלטן־אויף זיין קיום און עקסיסטענץ און דעם נס פון יידישער תורה, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן אין פאַרשיידענע לענדער און תקופות, און וואָס איז דער גרונטשטיין פון אונדזער פאָלק.

און ניט שענער און ניט בעסער האָט די יידישע מדינה געקענט פייערן איר אומאָפּהענגיקייט־טאָג, נאָר דורך דעם תנ״ך־פּאַראַד, און די דעפילאַדע פון יידישער יוגנט פון גאָר דער וועלט, ווייל ווי זאָגן אונדזערע ספרים: ״אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה״, פרייהייט, עצמאות און אומאָפּהענגיקייט, איז טאַקע דורך לערנען און לעבן לויט אונדזערע פאַרשריפטן לויטן תנ״ך, וואָס איז דער מיילשטיין פון דער גייסטיקער און עטישער אויספורעמונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

האָבן מיר זיך צוגעהערט צו די באַלערנדיקע און זייער טרעפלעכע ווערטער פון די רעדנער און באַגריסער, וואָס האָבן אַרויסגעהויבן דעם פאַקט, אַז דער דאָזי־קער קאָנקורס וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען בעתן צענטן אוניווערסאַר פון דער מדינה, איז היינט נויטיקער ווי ווען עס איז, כדי צו שטאַרקן דעם גייסט און דעם ווילן פון דעם פאָלק, וואָס האָט אין די שווערסטע צייטן פון זיין לאַנגער עקסיסטענץ געפונען אין אים טרייסט, האָפענונג און כוח פאַרצוזעצן זיין לעבנס־וועג.

האָבן מיר מיט עמאָציע אויסגעהערט דעם מיליטערישן און שול־כאָר, וואָס האָט אַזוי באַהאַרצט, סיי דער כאָר ווי די סאָלאָס, אויסגעזונגען דעם ״לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו, כי עץ חיים כל המחזיקים בו ותומכיה מאושר״, און ״דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום״ און פאַרענדיקט מיטן ״השיבנו ה׳ אלקיך ונשובה — חדש ימינו כקדם״. ווי סימבאָליש און סימפּטאָמאַטיש האָבן די דאָזיקע ווערטער געקלונגען און וואָס פאַראַ גרויסן און וויכטיקן באַדייט האָבן זיי פאַר אונדזער צעשטורעמטער צייט, ווען נאָר תורה און יידישער גייסט קען ראַטעווען און פאַר־פעסטיקן די פונדאַמענטן פון אונדזער פאָלק ווי פון דער גאַנצער מענטשהייט.

און ווי פּאַסיק זענען געווען די רופן און די אָפּשאַצונגען, אַז דער תנ״ך איז דער קנין פון גאַנצן פאָלק, און אַז דאָ, אין ישראל, און קיין ישראל קען דער תנ״ך ווערן די בריק וואָס וועט צוריקקערן אַלע פאַרטריבענע און דערוויטערטע צו זייער מוטער־ערד, און אַז די יוגנט דאַרף זיך דורך אים אומקערן צו די וואָרצלען און

אורשפּרונגען פון אונדזער אומה, ווייל ווי האָט זיך אויסגעדריקט ר׳ סעדיה גאון: אַז אונדזער אומה איז ניט קיין אומה, נאָר דורך דער תורה.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט און צוגעהערט מיט שפּאַנונג און ממש עלעקטריזירט צו די פאַרשיידענע פראַגן און תשובות פון די באַטייליקטע אין דעם ״חידון־התנ״ך״, אין זייערע פאַרשיידענע שפּראַכן און אויסשפּראַכן, און זיי זענען אונדז אויסגעקומען ווי אַ בוקעט יוגנט־בלומען פון דעם גאָרטן פון אונדזער פאָלק, וואָס וואַקסן אַזוי דופּטיק בכל תפוצות ישראל און צעבליען זיך אין די פאַרשיידענע תורה־גערטנער איבער דער וועלט.

אַ שיינע יוגנט, קיין עין־הרע, צו מאַכן ממש אַ ברכה אויף זיי. דאָס זענען זיי עס די ״חתנים״ און ״כלות״ (חתן־התנ״ך און כלת־התנ״ך) אין די פאַרשיידענע ישובים, וואָס איבן־זיך איין אין דעם תורה־פאַרמעסט און שווימען אין דעם ים פון אונדזערע גייסטיקע ווערטן.

האָבן מיר געהערט ווי געשיקט און ווי געלערנט די קינדער זענען אין אונדזערע תנ״ך־קוואַלן, ממש דער ״וכל בניך למודי־ה׳״, און מיר האָבן אַנגעקוואָלן און געווען דורכגענומען פון שטאָלץ און עמאָציע פון דעם דאָזיקן פּרעכטיקן בילד, וואָס האָט געגלעט דאָס האַרץ און די נשמה אין די דאָזיקע טריבע טעג, און זיך געלייגט ווי אַ באַלזאַם אויפן באַזאָרגטן געמיט.

און פיין האָט זיך דער בילדונגס־מיניסטער אויסגעדריקט צום סוף אַז דער תנ״ך איז געווען די באַוועגלעכע יידישע מלוכה, און האָט טאַקע דערפירט צו דער געאָגראַפישער מדינה, ווייל זי האָט עס געשמידט דעם בונד, דעם קשר און דעם גשר, די בריק, צווישן יידן אויף דער וועלט און צווישן ציון וירושלים.

איז טאַקע איצט פאָרגעקומען אין ירושלים, די אייביקע און הייליקע הויפּט־שטאָט דער יערלעכער מעמד פון תנ״ך, און ווי סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט איז געווען דאָס וואָס ביים אָנפאַנג האָט מען געבעטן אויפשטיין אין אָנדענק פון די געפאַלענע אין דער לעצטער מלחמה, און צום סוף האָט מען מיט קראַפט און וויבראַציע געזונגען דעם ״התקוה״, דעם הימן פון יידישער האָפענונג, ווייל, מיט אַזאַ יוגנט, איז ״עוד לא אבדה תקותנו״, איז נאָך ניט פאַרלוירן אונדזער פאָלקס־האָפענונג, נאָר אדרבא, איז גאַראַנטירט און פאַרזיכערט אונדזער קיום לעולם ועד!

אויף אַ ברית־מילה אין ירושלים

למען האמת איז אונדז אויסגעקומען צו זיין דאָס ערשטע מאָל אין ישראל אויף אַ ברית, אַ יידישלעכן ברית אין דער רעזידענציעלער געגנט בית־וגן אין ירושלים. שוין געהאַט עטלעכע געלעגנהייטן בייצווויין אַ ברית־מילה־פּייערונג, אָבער צוליב געוויסע אומשטענדן איז דאָס ניט מעגלעך געווען, אַזוי אַז מיר זענען געגאַנגען מיט אַ באַזונדערן אינטערעס. איבעריק צו זאָגן אַז צו אַ ברית איז אַ גרויסע מצווה צו גיין, דאָס איז דאָך די ערשטע מצווה וואָס מיר האָבן באַקומען אין דער תורה, און דאָס איז דאָך די באַזע פון אונדזער קיום.

און נאָכמער ווערט וויכטיק אין דער דאָזיקער ספּעציעלער לאַגע וואָס מיר לעבן דורך, איז דאָך די געבורט פון יעדן יידן, בפרט פון יידישלעכע יידן אַ גרויס געווינס פאַר אונדזער פאָלק און לאַנד, אַזוי אַז עס זאָלן זיך מערן בריתן ביי יידן!

און געהאַט אַ געוואַלטיקע הנאה פון דער שמחה. ערשטנס איז דער עולם געווען אַ ביז גאַר געקליבענער, משמנא וסלתא, פון דעם בעסטן און שענסטן, און די שמחה איז פאַרגעקומען אין דער שיינער שיל אין בית־וגן.

יידן מיט בערד און שטריימלעך, חסידישע רביים, ראשי־ישיבות, און דעסט־גלייכן. דער בעל־שמחה, אַ יונגערמאַן מיט אַ הדרת־פּנים, אַ ראש־ישיבה, איז גע־שטאַנען אין טלית און תפילין און איז אַליין געווען דער סנדק. צוקאַפּנס זענען געשטאַנען די פיר ברידערלעך און שוועסטערלעך פון דעם רך־הנימול און אָפּגע־וואַרט דאָס נייע ברודערל.

דער זיידע איז געווען יום־טובדיק אָנגעטון אין זיין קאַפּאָטע און שטריימל, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די ברית־מילה. דער מוהל איז דער באַקאַנטסטער אין דער שטאָט און עס האָט אָנגעפאַנגען דער ברית. אַ חסידישער רבי איז מכובד געוואָרן מיט ברכות, אַ צווייטער מיט עמידה ביי די ברכות. מיר האָבן זוכה־געווען מיט עמידה נעבן דעם סנדיק, און מיר האָבן געהאַט אַן אויסערסט וווּנדערבאַרן גוטן געפיל בייצווויין די יידישונג פון נאָך אַ יידן אין אַזאַ טייערער און עכט־יידישער געהויבענער געגנט. שוין דער אָנבליק פון דעם געהויבענעם עולם האָט אימפּאָנירט, די שיל מיט דעם ספרים־אַלמער, נעט, שיין, עלעגאַנט. מיר הערן טאַקע אַרויס ווען מיר גייען דורך איר דאָס קול־התפילה און דאָס קול־תורה פון די שעורים וואָס ווערן דאָרט געגעבן, און וואָס רייסט זיך אַרויס דורך טיר און פענצטער, און באַהויכן מיט יראה און קדושה דאָס פּלאַץ.

מיר טרעפן־אָן אַ סך באַקאַנטע, פון אַמאָל און נייע, אויך געסט פון אונדזערע לענדער, וואָס זענען פאַרוואַנדטע פון די בעלי־שמחה. אויך די מוטער איז אַ לערערין אין אַ רעליגיעזער מיטל־שול פון מיידלעך, אַזוי אַרום אַז אַלע געלאַדענע זענען יעדער איינער אַן און פאַר זיך אַן אָנגעזעענע פיגור אין היגן תורהדיקן לעבן און

אין די חינוך־קרייזן ווי אין די חסידישע שיכטן פון דער הייליקער שטאָט. אויך פון בני־ברק זענען געקומען קרובים און עס איז סתם אַ געהויבענער צונויפטרעף.

און אַט האָבן זיך דערביי אָנגעהויבן צו וועבן מחשבות איבער דעם ברית פון אַ יידן. ווי האָט אַ גדול געזאָגט, אַז אַ ייד ווערט געבוירן, איז די ערשטע זאַך פאַר־גיסט ער גלייך זיין אייגן בלוט איבער יידישקייט, איבער מקיים זיין די ערשטע יידישע מצווה.

און אַז יידן זענען דאָך די שותפים פון דעם אויבערשטן אין זייער אייגענער פיזישער און גייסטיקער פאַרפּולקאָמונג. און שוין ביים געבוירן ווערן, וואַרפן זיי זיך אונטער אונטער דעם גוף־צייכן וואָס שיידט אונדז אונטער פון די איבעריקע פעלקער און פאַנגען אָן זייער ערשטן יידישן אַקט, וואָס זיי וועלן פאַרזעצן אַ גאַנץ לעבן.

און די ערשטע ברכה וואָס מען גיט טאַקע דעם בייעם יידן, איז דאָך אַז "כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה, לחופה ולמעשים טובים", אַזוי ווי ער איז אַריין אין ברית, אַזוי זאָל ער אויך גיין צו תורה, צו חופה און צו מעשים טובים", ד.ה. אַז ברית און תורה, און חופה און מעשים טובים זענען ענג צונויפגעבונדן צווישן זיך. דאָס הייסט, אַז אַזוי ווי דאָס ניי קינד ווערט זיך גיט קעגן ברית, אַזוי זאָל ער זיך ניט ווערן קעגן תורה און מעשים טובים. דאָס הייסט, אַז ער זאָל זיך אויך דערפאַר זיין גרייט מסר־נפש זיין אַלס ייד.

ווערן טאַקע אין דער תורה דערמאָנט די דריי בריתן, צווישן אויבערשטן און זיין פאָלק. דער ברית בין הבתרים, אין וועלכן מען זאָגט יידן צו זייער אייגענעם לאַנד, דעם ברית־מילה, און דער ברית פון מעמד הר־סיני, פון תורה. אַזוי ווי ער איז עס מקיים דעם ערשטן ברית, דעם ערשטן פאַקט, אַזוי זאָל ער מקיים זיין די אַנדערע פאַקטן, לגבי דעם לאַנד און די תורה, וואָס פירט שוין במילא צו חופה, צו אַ יידישן פאַמיליען־לעבן, צום פאַרזעצן אונדזער יידישלעכן שטאַם, אונדזער פאָלקס־קיום און המשך, און צו מעשים טובים, וואָס דאָס איז די קווינטעסענץ פון יידישקייט און פון אַ יידנס לעבן אויף דער וועלט.

אין ארץ־ישראל זענען מיר טאַקע דעם קיום פון די דריי אויבנדערמאָנטע בריתן. דעם ברית בין הבתרים, דעם צוזאָג פון דעם אויבערשטן צו אברהמען צו געבן זיינע קינדער דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, איז דאָך איצט מער ווי שטענדיק אַקטועל אין דעם לעצטן טיטאַנישן געראַנגל פאַר דער מדינה. דער ברית פון מעמד הר־סיני איז דאָך דאַ־הי ביז גאָר אַקטועל. ישראל איז ב"ה דער גייסטיקער צענטער און דער תורה־מקום פון דער יידישער וועלט. און מיר האָבן עס געהאַט איצט די געלעגנהייט און דעם זכות בייצווזיין דעם ערשטן ברית, דעם ברית־מילה פון אַ ניי געבוירענעם ייד, אין די דאָזיקע גורלדיקע טעג פאַר אונדזער אומה, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אין זיין מיוחסדיקער און יידישלעכער משפחה־קייט. האָבן מיר טאַקע נאָכגעזאָגט פרום דעם ווונטש און די ברכה, אַז כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה, לחופה ולמעשים טובים, און "זה הקטן גדול יהיה" אמן!.

אַ באַזוך אין דערציונגס־אַנשטאַלטן

אַלס לאַנגיאָריקער מחנך און אין אונדזער ספּעציעלער אויפגאַבע אינעם ישראל־דיקן רעליגיע־מיניסטעריום, קומט אונדז לעצטנס אויס צו באַזוכן און זיך צו באַקענען מיט פאַרשיידענע דערציונגס־אַנשטאַלטן אין לאַנד, פון פאַרשיידענע טיפּן און כאַראַקטערן, הן אָנפאַנג־שולע, ווי מיטל־שולע, אַגריקולטור־מוסדות, א.א.וו.

אַט האָבן מיר לעצטנס באַזוכט אַ דאָרפישע ראַיאָן אָנפאַנג־שולע, וווּ עס באַזוכן קרוב צו דריי הונדערט קינדער פון די אַרומיקע ישובים, איבערהויפּט ספרדישע קינדער, פון תימנער יידן, בוכאַרער, מאַראָקאַנער, ווי אויך אַ טייל אשכנזישע קינדער פון אַן אַרגענטינער קיבוץ.

מיר ווערן באַאיינדרוקט בכלל פון דעם פאַרנעם פון די בנינים, איבער דער גערוימקייט פון די קלאַס־צימערן, איבער דער פּראַקטיקער לאַנדשאַפט, און די שולע געפינט זיך ממש ווי אין אַן אָאַזיס פוןביימער און גרינס, מחיהדיקער לופט, און וואָס דאָס מיינט פאַר דער דערציונג פון אַ געזונטן נייעם דור איז איבעריק צו באַטאָנען.

עס וואָרפט זיך אין די אויגן די אָרגאַניזירטקייט פון דער שול, די פּראָגראַמאַטישקייט און ציל־באַוווּסטקייט און די נטיה פון די דערציער צו מקנה־זיין די תלמידים אַ וואָס גרעסערע דאָזע יהדות, זיטן, טראַדיציע, וכדומה.

ביז גאָר באַאיינדרוקט זענען מיר פון דעם באַזוך פון אַ גאַנצן דערציונגס־דאָרף, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַן אַמעריקאַנער באַוווּסטן ציוניסטישן פירער, וואָס האָט מיטגעווירקט פאַר דער אויסקעמפונג פון דער יידישער מדינה, אַ רעפאָרם־ראַביי, פון די הייסטע קעמפער פאַרן ציוניזם, וועמענס ראָל איז אַ היסטאָרישע.

דער דערציונגס־דאָרף איז ממש אַ גאַנצע מלוכה. איר ווערט מיד פון אַרומשפּאַצירן און איר באַווייזט ניט אַרומצונעמען דאָס גאַנצע בילד.

עס לערנען דאָ העכער פיר הונדערט קינדער. דאָס איז אַ מיטל־שול, וואָס האָט צוויי ריכטונגען, אַן אַגריקולטורעלע און אַ טעכנאָלאָגישע ריכטונג, און עס לערנען דאָ קינדער פון לאַנד און פון אַ רייע לענדער אין די תפוצות, ווי פראַנצויזישע, אַרגענטינער, מאַראָקאַנער, רוסישע א.א.וו. אַ טייל זענען געשיקט דורך דער עלית הנוער, און דער דאָרף ווערט געשטיצט פון דער ליבעראַלער ציוניסטישער אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע.

דער כאַראַקטער איז אַ קאָנסערוואַטיוו־רעפאָרמיסטישער, און איר ווערט פאַרכאַפּט פון דער גראַנדיאָזיטעט פון דעם ווערק, פון די רייכע בנינים, פון די גערוימע נייע לופטיקע קלאַסן, פון די שיינע אינטערנאַטן, לאַבאָראַטאָריעס, אַקטן־זאַלן, מאָדערנער אַרכיטעקטאָנישער שול, פון די הינערשטייגן און אינקובאַטאָרס, איינגעריכטעט לויט די מאָדערנסטע טעכנישע פאָרשריפטן, פון די קי־שטאַלן מיט די 200

קי און קעלבלעך, פון די פּאַרזייטע שטחים, פון די גרין־באַבלומטע פּאַרקן, שווים־באַסיינען, שפּיל־פּלעצער, אויפנאַם־ביוראָען, גאַסט־הייזער, א.א.וו.

אַלץ אָפּגעשטעמפּלט מיט דעם גרעסטן קאָמפּאַרט, מיט דער העכסטער עסטע־טיק, מיט דער בעסטער אַרכיטעקטאַניק, מיט צוגאַנג און מיט פּאַרטראַכטונג, אַז עס דוכט זיך אייך אַז דאָס איז ניט קיין קליינע מדינה נאָר אַ ריזן־לאַנד, אין אַנבליק פון די דאָזיקע גיגאַנטישע דערציערישע אַנשטאַלטן, ווו עס ווערט דערצויגן די נייע, אויפקומענדיקע יוגנט פון דער מדינה, און ווו עס ווערן אויסגעשמאַלצן אין דעם אייגענעם שמעלץ־טאָפּ די קינדער פון די פאַרשיידענע יידישע תפוצות, וואָס קומען זיך דאָ אויספורעמען אַלס די מאָרגענדיקע פּאַנענטרעגער פון דעם ישראל־לאַנד.

מיר באַזוכן אויך נאָך אַזאַ מין אַגריקולטור־אַנשטאַלט, שוין מיט אַן אָרטאָ־דאָקסישן כאַראַקטער, און אַלץ די גרויסע וויזיע, דער פּאַרנעם, דער רחבות אין דער־ציונגס־צוגאַנג, די אויסנעמלעכקייט פון די לערן־באַדינגונגען און די שיינע יוגנט וואָס בילדעט זיך, דערציט זיך און שמידט־זיך־אויס אין זיינע צוקונפט־אויפגאַבעס אין די דאָזיקע דערציונגס־קוזשניעס.

אין איין ווינקל טרעפן מיר־אָן אַ מאָנומענט פון די געפאַלענע זין און טעכטער, תלמידים און אַבסאָלווענטן פון דעם מוסד, וואָס זענען געפאַלן פאַר דער פּאַרטיידי־קונג פון דעם לאַנד, אין די פאַרשיידענע מלחמות זינט דער באַפרייונגס־מלחמה ביז דעם יום־כיפור קריג און מיר זעען פאַר זיך אַ יוגנט וואָס ווערט דערצויגן פאַרן פאַלק און פאַרן לאַנד, אַזש צום בענטשן זיך מיט איר.

מיר רעדן מיט די אָנפירער, מיט לערער, מדריכים און מיט תלמידים און מיר גייען־אַרויס מיטן דערהויבענעם געפיל, אַז דאָ קומט־אויף דער מאָרגן פון אונדזער אומה, און דאָ ווערן פאַרלייגט די באַזעס פאַרן יידישן קיום און המשך אין די שיינע פייסאַזש־ראַמען פון אונדזער ניי־אויפגעשטעלטער יידישער מדינה.

די יידישלעכקייט פון דער מדינה

אַ סך מאָל ווען מיר זענען שטאַרק באַגייסטערט פון דער יידישלעכקייט פון דער מדינה, זאָגן אונדז די באַקאַנטע און די היימישע: — וואָסזשע איז דאָס פאַראַ ווונדער? — ס'איז דאָך פאַרט אַ יידישע מדינה? — וואָסזשע וואָלסטו געוואָלט זאָל זיין, ניט אַזוי? און מיר ענטפערן זיי שטענדיק: ריכטיק, אָבער אויב ס'איז ניט קיין ווונדער, אָבער שיין איז דאָך דאָס גאָר!

פאַראַן נס און פאַראַן טבע. נס איז אַן איינמאָליקע דערשיינונג, וואָס רופט די אויפמערקזאַמקייט און וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון דעם נאָכאַנאַנדיקן און דאָס שטענדיקע. און וואָס איז טבע, נאַטור? דאָס איז אַ שטענדיקער פליסנדיקער נס, וואָס צוליב די קאָנסטאַנץ, דער נאָכאַנאַנדקייט, איז דאָס געוואָרן אַ טבע, אַז מען פילט שוין ניט דעם נס, און מען נעמט דאָס אַן נאַטירלעך.

זענען מיר טאַקע צופרידן, וואָס די יידישלעכקייט איז געוואָרן טבע, ניט נס, ניט צו ווונדערן זיך, און אין דעם באַשטייט דווקא דער גרעסטער נס...

אַט למשל, פראַזאַישע זאַכן: אַט גאַנץ פרי, אַז איר שטייט־אויף און איר שטעלט אַן די ראַדיאָ צו הערן נייעס, עפנט זיך די טראַנסמיסיע מיטן מה טובו, ווי דער פרימאַרגן־געבעט, און איר ווערט באַגאָסן מיט אַזאַ וואַרעמקייט. אָדער אין די ראַדיאָ־כוואַליעס פון צה"ל הייבט זיך עס אָן מיט ברכת־השחר, מיטן "המחזיר נפשות לפגרים מתים".

אָדער אַז איר עפנט די טעלעוויזיע, און עס צעגיסן זיך די לידער פון ל"ג בעומר, און די דערקלערונגען פון תורה און פסוקים. אָדער די פּראָגראַמען פון מוצאי שבאַ, וואָס רופן זיך "שבוע טוב", אַ גוטע וואָך, און עפענען זיך מיט דער אילוס־טראַציע פון אַ בשמים־ביקל, הבדלה ליכט און ווייַן, און יעדן מוצאי־שבת אַן אַנדערע פּראָגראַם, צי איז דאָס געווידמעט ספרדישע פּאָעזיע, צי איז עס געווידמעט ל"ג בעומר, צי שבועות, צי פסח, צי עס זיצט אַ רב, און פּאַרטייטשט די תפילות, צי אַ קעמפער דערציילט זיינע דערפאַרונגען, אַלץ אַזוי יידישלעך, אַזוי אונדזערס, אַזוי אייגן. צי שבת, ווען עס טראָגן זיך צו אייער געהער צו די תפילותדיקע טענער פון גרוזינישן נוסח, פון קינדער וואָס דאַווענען הויך אויפן קול נאָכמיטאָג, צי חסידישע געזאַנגען, און עס ווערט אייך אַזוי גוט, אַזוי באַלזאַמירט אייער יידישער געמיט און נשמה... צי איר גייט אין שיל אַריין, און עס גייען יידן אַנגעטון אויף דער גאַס מיט טליתים. ס'איז טאַקע ניט קיין ווונדער, אָבער ס'איז פּאַרט שיין.

אָדער אַט רעדט מען אַז יידיש גייט אונטער אויף דער וועלט, ווייל דאָס פאָלק פון יידיש־רעדער פאַרשווינדט, ווייל יידיש איז געווען דער אויסדרוק, איז געווען געבונדן מיט יידישקייט, מיט לעבנסשטייגער און אינהאַלט, און ניט סתם אַ שפּראַך־פראַגע. איז גייט איר אין גאולה, צי אין מאה שערים, ווו יידישקייט בליט, מיט

אַמאַליקער זאַפטיקייט, און איר דערבליקט יידישע קינדער, מיט די שיינע ווייסע געזיכטער, לאַקענדיקע פּאהלעך, ממש אַנגעטון ווי „מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס״ אין יידישן טעאַטער, פּונקט ווי די „שלמהלעך און משהלעך״ פון ביאַליקס „גרינע ביימע־לעך״, און ווען איר הערט ווי פיין, ווי זאַפטיק, ווי יידישלעך, ווי איידל, זיי רעדן צווישן זיך יידיש, אַזש אַ גלוסטונג כאַפּט אייך אַרום אויסצוקושן זיי. דאָ פילט איר גאָר אַז יידיש בליט, איז אינטעגרירט אָרגאַניש, בילדעט אַ טייל פון זייער יידיש־לעכקייט, פון זייער מהות.

אָדער וואָס וועט איר זאָגן דערצו: עס פאַרט אין אונדזער אויטאָבוס אַ מעוברת־דיקע פרוי, אין די גאָר הויכע חדשים, און ווירקלעך טראָגט זי אַ גרויסן טראָג־קויש מיט אירע זאַכן און גייט אַריין אין ביקור חולים, ווו עס אינטערבירן זיך אַלע געוווינערנס, און אונטערן אָרעם דערבליק איך, צוזאַמען מיטן קויש אין דער צווייטער האַנט, צוויי ספרים. איינעס זע איך ניט וואָס דאָס איז, אָבער דעם צווייטן בוך־רוקן דערזע איך, און בלייב מיט אַן אָפן מויל: דאָס איז רבי סעדיה גאונס ספר „האמונות והדעות״.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן: עס איז טאַקע ניט קיין ווונדער, אָבער אַז אַ ווייבל זאָל אַריין געלעגן ווערן מיט אַ קויש און מיט רבינו סעדיה גאונס ספר, זאָגט איר אַליין...

אָדער תלמידים פון דער ירושלימער אוניווערסיטעט רעדן וועגן דער און דער אויפגאַבע פון דער פּסיקתא, פּאַטאַקאַפּירן די און די בלעטער פון דער גמרא, לערנען די און די אַלטע אויפלאַגע פון דער „צאינה וראינה״. טאַקע אַלץ באַטירלעך. וואָס ווונדערן מיר זיך? — אָבער דאָך איז עס אַזוי גוט אויפן האַרצן...

און אַזוי טריט און שריט, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פאַקטן. און עס רייסט זיך אינעווייניק אַ תפילה אַרויס:

רבונו של עולם: גיב שלום אין לאַנד, ווייל ס׳איז דאָך אַזוי יידישלעך און שיין. און זאָל זיין פרידן, וועט דאָס איבעריקע, מיט ג־ס הילף אויך זיין גוט און ווויל!

אַ באַזוך אין "כוללים"

אַ באַזונדערע אינסטיטוציע, וואָס איז שטאַרק פאַרשפרייט אין ישראל, זענען די פאַרשיידענע "כוללים", ד.ה. אַזעלכע לערן־הייזער פאַר יונגעלייט, וואָס זיצן און לערנען אַ גאַנצן טאָג און וויקן זיך אין ש"ס ופוסקים.

אין אַ "כולל" ווערן אָנגענומען אַזעלכע וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ ישיבה; פיל פון זיי האָבן שוין אפילו היתר־הוראה, זענען שוין רבנים. די מערהייט פאַר־הייראַטע אָדער וואָס האַלטן ביים חתונה־האָבן, אָדער וואָס האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון ממשיך־צו־זיין און לערנען ווייטער.

דאָס איז דער דופק פון דעם אַלץ שטייגענדיקערן ריטם פון לימוד־התורה אין דער מדינה, און פון דעם גרויסן תורה־צענטער וואָס ישראל איז געוואָרן, ווו תורה איז טאַקע אַ גאַנץ גאַנגבאַרע סחורה.

עדות דערפון איז די גרויסע פראָדוקציע פון תורה־ספרים, וואָס ווערן געדרוקט און ווערן "פאַרצוקערט" דורך די קונים־קאָנסומענטן, און אַז איר קומט אַריין אין אַ ספרים־בוכהאַנדלונג ווערט אייך טאַקע ליכטיק אויף דער נשמה פון דעם גרויסן, שיינעם אויסוואַל וואָס האַלט זיך אין איין באַנייען מיט פרישע חיבורים, אַזוי אַז איר ווייסט ניט וואָס פריער איינצוהאַנדלען.

דאָך דער "עם־הספר" און דאָך די אומה פון תורה!

אַלטע אויפלאַגעס ווערן איבערגעדרוקט און דערשיינען שפּאָגל־נייע אויפן ביכער־מאַרק און נייע פאַרש־אַרבעטן, לעקסיקאָנען, קאָמענטאַרן, מאָנאָגראַפיעס, א.א.וו. באַרייכערן דעם גייסט און דעם ספרים־אָלמער.

איז דעריבער די אינסטיטוציע פון "כולל" געוואָרן ביז גאָר נאַטירלעך און האָט זיך אָרגאַניש איינגעבירגערט אין דער היגער תורה־מחנה און הויבט־אָן צו פאַרנעמען אַ קענטיקן פּלאַץ.

אַ כולל'ניק באַקומט אַ קליינעם געהאַלט אין דעם אַנשטאַלט. מערסטע טייל זענען עס זייערע פרויען לערערנס און שטייערן מיט צו דער משפחה־אויסהאַלטונג, און דער עיקר: ער זיצט און לערנט און שטייגט און וואַקסט אין תורה־מדרגות.

זענען מיר טאַקע געווען, אין פאַרשטייערשאַפט פון משרד־הדתות, דאָס רעלי־גיע־מיניסטעריום, וואָס שטיצט אַזעלכע כוללים, און מיר האָבן באַזוכט, בייגעווען שיעורים, געשמועסט מיט די ראשי־הכולל און דער עיקר מיט די יונגעלייט, און זענען אַרויס מיט אַ גוט אָבער זייער גוט געמיט פון דאָרטן.

אין איין כולל פון חב"ד האָבן מיר דאָרטן אָנגעטראָפן אויף צבראַס, אויף אַמע־ריקאַנער יונגעלייט, א.א.וו. און דער משגיח, אַ האַריציקער אַלטיטשקער, וואָס איז אינגאַנצן פינף יאָר אין לאַנד, אַן אַלטער חב"דניק פון רוסלאַנד, וואָס האָט דורכ־געמאַכט אַלע וואַנדערונגען און אַלע פּיינען פון דער מלחמה, און וואָס געפינט זיך

איצט אין לאַנד, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה, זין, טאָכטער און אייניקלעך, און בענטשט יעדע רגע פאַר דער פרייהייט וואָס ער געניסט אין דער מדינה, און פאַרן זכות צו קענען זיך ווידמענען תורה.

רירנדיק איז ווי ער גיט אונדז איבער אַז אויך דאָרטן, אין רוסלאַנד, האָט ער און אַלע זיינע קינדער, דורך אַלע מיטלען, וועגן און אומוועגן מקיים־געווען יידישקייט און איצט ב״ה שניידט ער מיט נחת די פּרוכט פון זיין קרבנותדיקייט און מסירת־נפש. ער ווינטשט נאָר עס זאָל זיין שלום אין לאַנד.

דערביי פליען־דורך יעדע ווילע, מיט אַ מעכטיקן געזשום, אונדזערע פליער, און דער אַלטיטשקער זאָגט מיר: אָט פליען זיי, אונדזערע קינדער, פאַר אונדז און האַלטן־וואַך אויף אונדזער לאַנד...

איך עפן מיין פּאָרטפעל צו מאַכן אַ פּאָר פאַרצייכענונגען, ווען ער דערזעט פּלוצים מיינס אַ בוך אויף יידיש, און דערפרייט זיך אין לשער מיט אַ ספר אויף ״אונדזער״ לשון. ער בעט מיר צו פאַרקויפן עס, און אַזוי ווי איך וויל ביי אים ניט נעמען קיין געלט, ״צאָלט״ ער מיר אָפּ מיט אַ חזנישן פּלאַט פון זיינס אַ זון, וואָס פלעג דאַווענען אין אונטערגרונט־שילן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

איך שמועס מיט די כוללניקעס, און איך הער זייער לערנען, זייער ״שפּאַרן זיך״ אין אַ סוגיה, זייער ערנסטן צוגאַנג צו תורה און צו יידישקייט.

זיי גיבן מיר אויך איבער, אַז אויסער זייערע לימודים האַלטן זיי שיעורים פאַר בעלי־בתים, אין די שילן און שולעס פון דער סביבה, פאַרשפּרייטן תורה און יידישקייט צווישן ניי־געקומענע עולים און זעען ברכה והצלחה אין זייער טעטיקייט.

אַלע יונגעלייט, אינטעליגענטע, חריפותדיקע, מאַכן אַ זייער אָנגענעמען איינדרוק, און עס ווערט אונדז קלאָר, אַז דאָ גייט־אויף אַ באמתער תורה־טרייער דור, טריי צו אונדזער יידישקייט, צו אונדזערע גייסטיקע קוואַלן, אין וועלכע זיי ווייקן זיך, טריי צו דער מדינה, און זענען עס דער געגאַרטער און אויסגעטרוימטער טיפּ ייד אין אַ ישראלדיקער אויפלאַגע, איז גוט צו וויסן און צו פילן, אַז ניט בלויז טייערע יידישע קעמפער, סאָלדאַטן פאַר אונדזער קיום, פאַר אונדזער פאָלק און מדינה פאַרמאָגן מיר, נאָר אויך קעמפער פון יידישקייט, תורה־פּראַכט, וואָס באַפעסטיקן אונדזער אומה מיט דער אומצעשטערבאַרער מויער פון גייסט און אורשפּרינגלעכער קולטור.

די וואַך פון בוך אין ישראל

מילא, אַז דער ישוב פון ישראל האַלט אין איין לייענען צייטונגען ממש מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער גיריקייט, קען מען זאָגן און מיינען און טייטשן אַז דאָס איז צוליב דער הערשנדיקער שפּאַנונג, דערוואַרטונג, פּאָליטישע אויסוויקלונגען, מיליטערישע צוזאַמענשטויסן א.א.וו.

אָבער אַז דאָס פאָלק, אין איין און דער זעלביקער צייט שלינגט ביכער און ספרים מיט דער זעלבער גיריקייט און מיט אַן אומגעוויינטלעכן דראַנג, דאָס איז שוין צוליב דער שטענדיקער ספרים־שפּאַנונג וואָס יויערט אין אונדזער פאָלק.

די פעלקער זאָגן אַז ״בעת עס דונערן די קאַנאָנען — שווייגן די מוזעס״, אָבער ביי אונדז איז דאָס ניט געווען קיינמאָל און איז דאָס איצט אויך ניט.

אדרבא, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען געלערנט אין די געטאָס, האָט מען געשאַפן ישיבות אין די דורכגאַנג־לענדער, אין שאַנכיי א.א. און אַרויס־געגעבן ספרים.

דאָ אין לאַנד, הערט מען גאָר טענות פון די מאָביליזירטע סטודענטן צו די אוניווערסיטעטן, אַז מען האָט פאַר זיי געבנוג ניט געזאָרגט מיט די לעקציעס, זיי צוצושיקן צו זיי אין די מיליטערישע פּאָזיציעס.

מיר האָבן אַלע געזען די פּאַטאַקאָפּירטע שיעורים, וואָס די פאַרשיידענע ישיבות האָבן צוגעשיקט זייערע תלמידים אין די פראָנטן, אין גולן, אין סיני, און זיי האָבן דאָרטן פאַרגעזעצט זייערע שיעורים רעגולער, זיך מפלפל־געווען, געענטפערט אויף שאלות א.א.וו.

מיר האָבן אַליין געלייענט די בריוו צו די ישיבות און נשתומם־געוואָרן פון זייערע העכערע גייסטיקע אינטערעסן בעת אַזעלכע גורלדיקע מאָמענטן.

אָט זעען מיר אין דער טעלעוויזיע ווי די מאַניפעסטאַנטן פאַרן רעגירונגס־הויז פון די גולן־ישובים, וואָס מאַניפעסטירן בעת קיסינגערס באַזוכן אין ירושלים, קעגן דאָס צוריקטרעטן פון די גולן־ישובים, ווי צווישן איין מאַניפעסטאַציע און דער צווייטער, לערנען זיי דערווייל אויפן פרייען פּלאַץ תלמוד־שיעורים א.א.וו.

און ערשט די היינטיקע וואָך האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם ישוב זיך אַ וואַרף טון ממש צו צעכאַפּן די ספרים און ביכער, ביים דערעפענען די וואָך פון בוך (״שבוע הספר״) איבערן לאַנד, און אין די עפנטלעכע פּלעצער זענען אויסגעשטעלט געוואָרן די קיאָסקן פון אַלע פאַרלאַגן, מיט הנחות פון 25 ביז 40 פּראָצענט אין די פרייזן פון די ספרים און די ביכער, און ווי ממש מענטשן איילן איינצושאַפן ״מציאות״ פאַר זייערע ביבליאָטעקן.

ערשטנס, איז דאָס אַ וווּנדערבאַרער געניוספולער ספּעקטאַקל, צו דערבליקן די גרויסע צאָל שיינע נייע ספרים פון אַלע סאָרטן, ספרי־קודש, ענציקלאָפּעדיעס, ביכער

פון אַלע קעגנשטאַנדן, צו לייענען די פאַרשיידענע קאַטאַלאָגן, די ביכער אויף די פאַרשיידענע שפּראַכן, צו באַאָבאַכטן די קויפער, אַלטע, יונגע, קינדער אינדערמיט.

יעדער איינער באַמיט זיך איינצוקויפן וואָס מער "מציאות", ווייל עס לוינט זיך די אינוועסטיציע, לויט ווי זיי זאָגן, און די הנחה באַגינסטיקט אויפן גאַנצן יאָר.

אונדזער אומה איז טאַקע אַן איינציקאַרטיקע, און דאָס קען מען טאַקע מערקן און זיך איבערצייגן אין די דאָזיקע גורלדיקע טעג.

איר קענט טרעפן יידן, אַלטע און יונגע אין די אויטאָבוסן, און פאָרן און זאָגן "תהילים" — אַנדערע פאָרן און קוקן אַריין אין אַ קליין גמראלע — אַ צווייטער אין אַ חומשל, אַ דריטער אין אַ שלחן־ערוך, אַ פערטער אין אַ וויסנשאַפטלעך בוך.

און טראָץ אַלע באַדינגונגען, שטימונגען, טראָץ אַלע פּאָליטישע קאָניונקטורן און מלחמה־געשפּענסטער, בלייבט אַלץ דאָס פאָלק טריי זיין מהות, זיין אייגנאַרט, זיין גייסט און זיין וועזנטלעכקייט. — דאָס פאָלק און זיין תורה, דאָס פאָלק און זיין ספר, זענען אומצעשיידבאַר אין די פאַרשיידענע סיטואַציעס און זענען געאייניקט אויף אייביק.

איז דאָך אמת יענער זאָג אַז מיר גייען אויף דער פאַרמעטענער בריק, בעת אַנדערע פעלקער גייען אויף אייזערנע, און אַז אונדזער בריק וועט אונדז אַזוי דערמעגלעכן דורכצוגיין אַלע וואַסערן, אַלע שטורעמס און אַלע מבולס און אונדז אַריינברינגלעך און דערפירן צו דער אייביקייט.

אויף אַ שבועות־פייערונג אין קרית־גת

פאַראַן וואָס נתפעל צו ווערן אין ישראל, און טעמעס זענען דאָך פאַראַן צו שאַרן מיט לאַפּעטעס ממש. יעדער ישוב, יעדער באַזוך, יעדער יום־טוב, יעדע געשעעניש און פייערונג איז אַ טעמע אַן און פאַר זיך.

איז אונדז אויסגעקומען למשל בייצוזיין דרך־אגב אין דער שטאָט קרית־גת, צום ערשטן מאָל, ווי מיר האָבן געדאַרפט באַזוכן דעם דאָרטיקן כולל, און דערווייל זענען מיר אָנגעקומען פּונקט צו אַ פאַרבנרייכער שבועות־פייערונג און פון קינדער פון די גני־ילדים, פון די קינדערגערטנער פון שטאָט.

קרית־גת איז אַ שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ פיר און צוואַנציק טויזנט איינוווינער, און מאַכט גאָר אַ פיינעם איינדרוק מיט איר שיינקייט, גערוימקייט און ביקייט. דער גאַנצער געבוי פון דער שטאָט איז אַלט אַן אַכצן יאָר, און די שיל ווו די פייערונג איז פאָרגעקומען איז גאָר אַ שפּאָגל־נייע, אַ וואונדערשיינע און רחבות־דיקע וואָס אימפּאָנירט מיט איר אַרכיטעקטאָניק, נייקייט און באַקוועמלעכקייט.

סיי אויסערלעך ווי אינערלעך איז דער בנין ביז גאָר אימפּאָזאַנט, און ווי איבערראַשט זענען מיר געוואָרן צו טרעפן דאָרט ביים אַריינקומען עטלעכע הונדערט קינדערלעך פון פערצן קינדערגערטנער פון שטאָט, מיט זייערע לערערנס און דערציערנס, אינמיטן דער פייערונג.

ווי די קאָאָרדינאַטאָרן פון די קינדערגערטנער פון קרית־גת גיט אונדז איבער, האָט מען שוין דעם פרימאָרגן דורכגעמאַכט אַזעלכע דריי פייערונגען אין דעם שול־בנין, דאָס הייסט צו דריי טורנעס, פאַר אַלע קינדערגערטנער, וואָס צוזאַמען קענען זיי ניט אַריינגיין דאָרטן. פריער זענען געווען קינדער פון די גני־ילדים פון דער שול־נעץ פון "ממלכתי־דתי" (שטאַטלעכע פרומע) פון מזרחי־ריכטונג, און די צווייטע און דריטע פון "ממלכתי", פון דער אַלגעמיין־שטאַטלעכער שול.

איך קוק זיך אַרום אויף די באַטייליקטע אויפן יום־טוב, די קליינוואַרג, איינס ליכטיקער און שענער פון דעם אַנדערן, קיין עין הרע, ווי זיי זיצן זיך אַזוי פיין און שטיל אין דער גרויסער שיל, און פאָלגן נאָך מיט אויפמערקזאַמקייט און איבערעס די גאַנצע אויסגעוויקלטע פּראָגראַם. עס שפּילט דער פּיאַנאָ, מען זינגט, דער מיקראָפאָן צעטראָגט אין דער לופטן די שיינע לידער, ווי עס איז נהוג ביי קליינוואַרג אויף דער גאַנצער וועלט.

אָבער וואָס אונדז באַאיינדרוקט איז דער מאָמענט, ווען עס קומט אַריין אַ יונגער רב, גייט אַרויף אויפן שטיינערנעם מיט בלומען־באַפּוצטן בעלעמער, און רעדט פאַר די קינדער אויף זייער לשון, און מיט גאַנץ פיינעם פּעדאַגאָגישן צוגאַנג, ווי מען דאַרף זיך ווענדן צו אַט־אַזאַ מין "פּובליקום".

— קינדערלעך, איר האָט אַלע געפייערט דעם יום־טוב פסח, ווען די יידן זענען

אַרויס פון מצרים. און אַזוי ווי די מאַמע, אַז זי ברענגט אַ כלי, קען זי ניט גלייך אַנגיסן און אַריינטון אין איר עסנוואַרג, נאָר דאַרף זי פריער גוט אויסרייניקן און אויסשווענקען, און ערשט דערנאָך לייגט זי דאָרט אַריין עסן, אַזוי זענען די יידן געווען ביים אַרויסגיין פון מצרים. זיי האָבן זיך געדאַרפט פריער רייניקן גאַנצע זיבן וואָכן, און ערשט דערנאָך האָט מען זיי געגעבן דעם טייערסטן אוצר, וואָס דאָס איז די הייליקע תורה.

איך וועל דעריבער איצט צוגיין צום ארון קודש, און ביים עפענען דעם זעלבן, זאָלט איר זיך אַלע אויפשטעלן אַלס צייכן פון כבוד און טייערהאַלטונג.

און דער יונגער רב גייט צו צום ארון-קודש, נעמט אַרויס די ספר-תורה. דער גאַנצער ״עולם״ גיט זיך ספּאָנטאַן אַ שטעל-אויף. דער רב ברענגט די ספר-תורה אויפן בעלעמער, זינגט-אויס מיט אַ שיינעם קול דעם ״שמע ישראל״, און הייסט די קינדער איבערזינגען מיט אים, און ווינטשט לסוף די קינדער לערנען גוט, זיין גוטע תלמידים און אויסוואַקסן תלמידי-חכמים.

ווידעראַמאָל קערט ער אום, ביים אויפשטעלן זיך פון די הונדערטער קינדער, די ספר-תורה אין ארון-קודש, מען זעצט נאָך קירצלעך פאָר די פּראָגראַם, און אין גרויסער אָרדענונג, גייען זיך פאַנאַנדער די פאַרשיידענע קינדערגערטנער מיט זייערע לערערנס און באַגלייטערנס.

מיר פאַרלאָזן אויך דעם זאַל, אומצוקערן זיך קיין ירושלים, און מיר דערבליקן די פאַרשיידענע קינדערגערטנער, זיצן אויפן מחיהדיקן גראָז פון דעם ברייטן פאַרק אַרום דער שיל, ווער עס ״רייט״ אויף די שפּילצייג, און נאָכדעם זע איך ווי די קינדער שטעלן זיך אויס אין די רייען. עס הייבט אָן דאָס ציילן, מען זאָל חלילה ניט איבערלאָזן און פאַרגעסן אָן אוצר, אַ קינד, און שיין און עלעגאַנט, מיט פאַסיקע לידער, שפּרייזן זיי אַוועק, יעדע גרופּע צו איר רעספּעקטיוון קינדערגאָרטן.

דער יונגער רב האָט מיר איבערגעגעבן בעת אונדזער שמועס, אַז דאָס האָט מען ערשט דריי-פיר יאָר איינגעפירט צו רעאַליזירן אַזאַ קאָלעקטיווע מתן-תורה-פייערונג אין דער גרויסער שיל. דאָס ערשטע יאָר האָבן אַ סך קינדערגערטנער ניט געוואָלט קומען, געהאַט אַ פאַרדאַכט, ווער ווייסט וואָס מען גייט דאָרט טון... דאָס צווייטע יאָר זענען שוין אַלע געקומען, און איצט פאָדערן שוין אַלע באַגלייך דורכ-צופירן אַט-אַזאַ מין פייערונג, וואָס איז שוין געוואָרן אָן אינטעגראַלע פּראָגראַם פון דער שול-טעטיקייט, און וואָס לאָזט איבער אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע באַ-טייליקטע.

איך באַגלייט אַרויס, מיט מיינע בליקן, די שיינע נחתדיקע מחנה, נאָכן ״מקבל-זיין די תורה״, און טראַכט זיך אַז זיי זענען עס טאַקע די מאָרגנדיקע טרעגער פון אונדזערע גייסטיקע ווערטן און פון אונדזער תורהדיקער טראַדיציע, וואָס האָט אַזעלכע טיפע וואָרצלען געשלאָגן אין אונדזער פאָלק, וואָס האָט לויטן מדרש, געגעבן אַלס גאַראַנטיע, נישט קיין אַנדערע ווי די קינדער. ווייל די קינדער זענען עס די צוקונפט, און בלויז אַלס צוקונפט קענען זיי בילדן די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק.

אימפּראָוויזירטע שילן אין נייע ישובים

אז עס קומט־אויף אַ נייער ישוב, ווו עס איז ניט אויף דער וועלט, ווערט געזאָרגט וועגן די גייסטיקע נויטן פון דעם זעלבן. געדענקען מיר דאָך יענעם טייטש אַז "את יהודה שלח לפניו להורות", אַז יעקב האָט געשיקט פאָרויס יהודה, פאַרן אַראָפּנידערן קיין מצרים, אויסצוטרעטן דעם וועג. זאָגן דאָך טאַקע די חכמים, אַז ער האָט אים געשיקט איינצושטעלן אַ תלמוד־תורה פאַר די קינדער, ד.ה. זאָרגן פאַרן גייסט און פאַר דער דערציונג פון דעם אויפקומענדיקן דור.

אַזוי אַז עס קומט־אויף אַ יידישער ישוב, בפרט אין דעם יידישן לאַנד, זענען טאַקע די ערשטע זאָרגן, צוגלייך מיט דער דירה, אויך די גייסטיקע הצטרכותן, ווי אַ שיל, אַ שולע, כשרע פּראָדוקטן, אַן עירוב, אַ מקווה, א.א.וו.

האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו זען דאָס אין אונדזער נייער שכונה אין ירושלים.

אַט־למשל האָט מען אין מקלט, ד.ה. אין דעם שעלטער פון אונדזער בנין, איינגעשטעלט אַזאַ אימפּראָוויזירטע שיל פון ספרדישע יידן, מאַראָקאַנער, קורדן, פּערסער, א.א.וו. איז ערשטנס דער מקלט דערהויבן געוואָרן, און דער בנין איז אויפגעריכט געוואָרן. די יידן האָבן איינגעשטעלט העלע פאַספאַרעסענטן־ליכט, אויסגעשפּרייט אַ טעפּיך, — גוט אויסגערייניקט דעם מקלט, און אַלץ איז אַזוי פיין און ווויל, אַז עס איז פון די שענסטע מקלטים אין דער געגנט.

אַט־למשל, איז אפילו אונדזער אייגענער שטענדער דערהויבן געוואָרן, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עמוד און אונדזערס אַ שראַנק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ארון־קודש אַזש ניט צו דערקענען. זיי זענען פּשוט נתעלה געוואָרן, און אונדז פאַרשאַפט גרויס הנאה. אַ שפּאַניאָלישער ייד האָט געבראַכט אַ ספר־תורה פון זיין גאָטזעליקן פאָטער, מיט אַ גאָלדן רייך אויסגעשטיקן פּרוכת איבערן ארון־קודש, און אַן אויסגעוועבט מענטעלע פון דער ספר־תורה, לכבוד דעם פאָטער, ווי אויך אַ יד, אַ זילבערן, וואָס דער פאָטער האָט געווידמעט זיין פרוי נומער איינס, ווייל יענער האָט, אַלס פריערדיקער ספרדישער ייד, געהאַט צוויי פרויען. דערציילט מיר דער ייד, אַז דער פאָטער האָט געהייראָט מיט יענער פרוי, און ניט געהאַט מיט איר קיין קינדער, האָט ער געווידמעט די תשמישי־קדושה זיין פרוי נומער איינס, זאָל בלייבן נאָך איר אַן אָנדענק, היות די פרוי נומער צוויי איז באַשאַנקען געוואָרן מיט לעבעדיקע אָנדענקען, מיט אירע קינדער.

זיץ איך און הער זיך איין די ספרדישע תּפילות, כאָראַלע געזאַנגען און איינצל־תפילות, וואָס פילן־אָן דעם מקלט, ווו עס דאַווענען אַ פערציק יידן כן ירבו, קינדער וואָס זינגען־מיט מיט זייערע קלינגעוודיקע שטימעלעך, און עס קומט מיר אויס רעאַל און לעבעדיק דער פסוק פון "נעים זמירות ישראל", דעם "ממעמקים

קראַתיך", פון די טיפעניש טו איך דיך רופן, אה, ג‑", און עס נעמט מיך אַרום אַ וואַרעמקייט, זיצנדיק אין אַ שעלטער, אין אַ מקלט פון ישראל, וואָס איז טאַקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיל, אין אַ גייסטיקן מקלט, אין וועלכן יידן האָבן זיך טאַקע פון אייביק־אָן געשיצט קעגן אַלע דרויסנדיקע געפאַרן און דאָרטן געשעפּט כוח און מוט פאַרצוזעצן זייער יידישן קיום.

אַבער אייגנטלעך איז דאָס נאָר געווען אַ פּסוק, ווייל שפּעטער האָט מען געבויט די שילן "בגובהה של עיר", אויף דעם העכסטן פּלאַץ פון דער יידישער שטאָט, אַזוי ווי מען טוט דאָס היינט אין ישראל.

קומט אונדז טאַקע אויס צו גיין דאַוונען אין אַ צווייטער אימפּראָוויזירטער שיל, וואָס שטייט שוין ניט אין אַ שעלטער, נאָר טאַקע אויף אַ באַרג, אויף דעם העכסטן שטאָט־טייל פון אונדזער געגנט, צו וועלכער מיר גייען גאַנצע צוויי קילאָ־מעטער, און צוצוקומען צו איר, דאַרפן מיר אַדורכגיין אַ פּלויט, און קלעטערן אויף אַ היפּשן שטיינערדיקן באָדן.

דאָ דאַווענען די וועטעראַנען פון דעם ישוב, געוועזענע קעמפער פון "לח"י", וואַרעמע יידן, וואָס האָבן זיך דווקא באַזעצט אין דער אַראַבישער געגנט, נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג, כדי צו האָבן באַזיץ פון דעם יידישן באָדן, און זענען וואַרעמע יידן און פייערדיקע ישראל־פּאַטריאָטן.

איינער פון זיי פירט די מתפללים יעדעס מאָל אויף שפּאַצירן אין דער בערגי־קער געגנט, מיטן תנ"ך אין דער האַנט, און ווייזט זיי־אָן ווו מיר געפינען זיך, און מיר זאָלן וויסן ווו מיר טרעטן, דאָרטן ווו שאול המלך, שמואל הנביא און דוד המלך האָבן געטראָטן, און רופט אָן יעדעס פּלאַץ, יעדן באַרג לויטן תנ"כישן נאָמען און דרינגט אַריין אין די אייננוויינער דעם היסטאָרישן באַוווסטזיין פון זייער געגנט.

און מיר האָבן זייער אַ גרויסע הנאה פון אָט דער שיל, פון די וואַרעמע יידישע פּאַטריאָטן, פון די תפילות, פון דער אַטמאָספערע, און אַזוי טיילן מיר איין אונדזערע תפילות אין דער נייער געגנט, צווישן דער שיל אין דעם מקלט פון בנין, און צווישן יענער אויף דער הויכקייט פון דעם שטייניקן באַרג, צווישן דעם "ממעמקים קראתיך ה'" און צווישן דעם "גבהה של עיר", און סיי דאָ, אין דער טיפעניש, ווי דאָרטן, אויף דער הויכקייט, פילן מיר די דערהויבנקייט פון דעם מקום קדוש, פון יידישע תפילות, פון דער צוגעבונדנקייט און פון דעם צונאָגלען פון יידן פון אַרבע פּינות העולם, אשכנזים, ספרדים, תימנער, אַמעריקאַנער, קורדן, מאַראָקאַנער, פּערסן, גרוז־זינער, אַרגענטינער, אורוגווייער, א.א.וו., וואָס טוליען זיך צו די דורותדיקע זאַפטן פון אונדזער אומה אין דעם שויס פון אונדזער אויסגעבענקטער מדינה.

אין דער בערגיקער "בית־שמש"

אַ װוּנדערבאַרער געפיל, אַ ספּעציעלע עסטעטישע הנאה און געמיט־געגוס פילט מען, װען מען פאָרט אַרויס פון ירושלים און מען פאָרט דורך דעם הידורדיקן פּרוזדור, דעם ירושלימדיקן קאָרידאָר, באַקרוינט מיט גרינסן, מיט היגלען, מיט פּרעכ־טיקע בערג, מיט נאַטור־פּראַכט, און מען פאָרט אַזוי, צווישן די שלענגלדיקע בערגיקע כבישים,ביימערדיקע הויכקייטן אין די זייטן, שטיינערדיקע אָפּהאַנגען, און דער בליק ווערט געפאַנגען דורך די זיך טווישנדיקע היגלען און טאָלן, באַלאַדענע ביימער און צעאַקערטע ערד, און מען פאָרט אַריין אין דער סטאַנציע וואָס הייסט הר־טוב, ווו עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך אַ הערלעכער פּייסאַזש, טאַקע ממש אַ הר־טוב.

דאָן נעמט איר דעם אויטאָבוס ביזן שטעטל אָדער שטאָט "בית־שמש", וכשמו כן הוא — עס דוכט זיך אייך טאַקע אַז דאָ איז דער זונס הויז, ווייל די גאַנצע געגנט איז פאַרגאָסן מיט בלענדנדיקער זון, אַזוי די ברוקירטע וועגן און אומוועגן, און אַזוי די אונטערליגנדיקע בערג און ישובים, די צעמענטן־פאַבריק און די שטיבעלעך וואָס ליגן צעוואָרפן איבער, צווישן און אונטן אויף די בערג, און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך אַ וווּנדערבאַרער פּייסאַזש, פון וועלכן איר שטייט פאַרגאַפט און פאַרבליפט.

דער ישוב איז סך־הכל אַלט עטלעכע צוואַנציק יאָר, און זיין יוגנט שטעמפּלט זיך אָפּ אויף די נייע שיינע אימפּאָזאַנטע בנינים־בלאָקן וואָס הייבן זיך אויף מאַיעס־טעטיש איבער דעם הויכן באָדן, און קוקן אַראָפּ צו די אַראָפּנידערנדיקע בערגיקע פלאַכן און אָפּהאַנגען.

עס וווינען דאָ בערך אַ פופצן טויזנט איינוווינער, כן ירבו, און עס זענען פאַראַן אַ זעקס און צוואַנציק שילן.

אויך דער חינוך איז היפּש צעוואַקסן. עס פונקציאָנירן דריי שטאָטלעכע אָנ־פאַנג־שולן, דריי שטאָטלעך־רעליגיעזע (ממלכתי דתי) שולן, איין שול פון החינוך העצמאי (אגודת־ישראל), איין שטאָטלעכע מיטל־שולע און איין רעליגיעזע מיטל־שולע.

אַ סך מחנכים קומען פון ירושלים, היות ווי מען קען אַהינצו צוקומען בערך אין אַ האַלבער שעה אָדער פערציק מינוט פאָרן.

מיר טרעפן דאָ־אָן אַ סך ספרדישע יידן, און אין כולל וואָס מיר באַזוכן, טרעפן מיר, אויסער דעם אַמעריקאַנער אשכנזישן ראש־הכולל, אַלע ספרדישע יונגעלייט וואָס לערנען דאָרטן.

בכלל מערקט זיך אין לאַנד דער גרויסער פּראָצענט ספרדישע יידן, איבערהויפּט אין די דרומדיקע ישובים, וואָס פאַרנעמען דאָ־הי אַ פּלאַץ אַלס כלי־קודש, רבנים, שוחטים, מדריכים, מחנכים, ישיבה־לייט, כולל־יונגעלייט, אַזוי אַז די געשיכטע דרייט

זיך איבער און קומט צוריק. גאַנץ מעגלעך, אויב עס וועט אַנגיין אַט־דער פּראָצעס, וועט ישׂראל ווידעראַמאָל באַקומען אַ ספרדישע מערהייט, ווי עס איז אַמאָל געווען, ווען ספרדישע יידן האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דעם רעליגיעזן, קולטורעלן, פינאַנציעלן און סוחרישן געביט.

מיר שמועסן מיט די יונגעלייט, בעסער געזאָגט זיי קומען־צו און ווייזן־אַרויס אינטערעס אין אַקטועלע פראַגן פון די רעליגיעזע נויטן פון די ישובים, און דריקן־אויס זייער גרייטקייט צו פאַרנעמען רבנים־שטעלעס אין די ישובים, רבנים־אַמטן אין די שולן, זיין גייסטיקע מדריכים אין די יוגנט־קרייזן, א.א.וו.

און מיר דריקן אויס אונדזער צופרידנקייט דערמיט, און גיבן זיי דערוויל איבער, אַז מען קוקט מיט די פּאָזיטיווע בליקן צו די כוללים, אין וועלכע מען זעט מיט רעכט אַ קערן פון דער צוקונפטיקער גייסטיקער פירערשאַפט פון ישׂראל, און פיליכט פון דער גאַרער יידישער וועלט.

מיר געזעגענען זיך מיט די תורה־יונגעלייט, און מיר זאָפּן־ווידער־איין אין דער גאַנצער פּאַנאָראַמישער ברייט, וואָס אונדזער בליק קען נאָר אויפכאַפּן, אין דער בערגיקער טיפקייט, און אין דער היגלדיקער שיינקייט, דעם הידור פון דעם באַצויבערנדיקן פייסאַזש און מיר פאַרשטייען ערשט די טרעפלעכקייט פון די נעמען "בית־שמש", זונען־הויז, און הר־טוב, באַרג־גוטסקייט, וואָסביידע זענען עס די כאַראַקטעריסטיק פון אָט דעם שיינעם פונקט פון דעם ירושלימדיקן פּרוזדור.

אויף אַ חתונה אין מאה שערים

יעדע שמחה איז ניט נאָר אַ פּריוואַטע איבערלעבונג פאַר די בעלי־שמחה, נאָר אויך אַ דערפאַייגעניש פאַר די איינגעלאַדענע און באַקאַנטע.

יעדע שמחה האָט איר אייגנאַרט, שטעקט־אָן מיט איר פרייד, און לעבט־מיט מיט די פּראָטאַגאָניסטן פון דער פייערונג, און עס איז אַ קוואַל פון עמאָציעס און איינדרוקן.

איבערהויפּט אַ חתונה, און אַ חתונה אין ירושלים.

מיר האָבן שוין באַשריבן אַזעלכע אין לאַנד, אָבער אַ חתונה אין ירושלים, און נאָך דערצו אין דער געגנט פון מאה שערים, זענען מיר דאָס ערשטע מאָל בייגעווען.

דאָס איז דווקא געווען די חתונה פון אַן אַרגענטינער בחור, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ פרומער משפּחה. זיין עלטער־זיידע — אַ רב, זיין זיידע — אַ שוחט און זיין פאָטער — אויך דאָס זעלביקע אין אַרגענטינע, פון די באַקאַנטסטע און צעצווייגסטע משפּחות דאָרטן. דער בחור, איז מיט אַ צען יאָר צוריק, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער צעצווייגטער פאַמיליע, עולה־געווען קיין ישראל, איז אַריין לערנען אין היגע ישיבות, ווו ער לערנט לעצטנס אין אַ ישיבה אין מאה שערים, און גרייט זיך צו לערנען אין אַ רבנים־אינסטיטוט און פאַרן אין אונדזערע מקומות צו זיין דאָרטן אַ מנהיג רוחני.

חתונה־געהאַט האָט ער מיט אַ ספרדישער טאָכטער, פון אַ משפּחה פון וותיקים אין לאַנד, אַזוי אַרום אַז אונדז איז אויסגעקומען בייצווזיין ניט נאָר אַ חתונה אין ירושלים, אין מאה שערים, נאָר דערצו אַ "געמישטע" חתונה, פון אַן אשכנזישן בחור מיט אַ ספרדיש מיידל, און די דאָזיקע "געמישטקייט" האָט אָפּגעשטעמפּלט די גאַנצע חתונה.

עס איז זיך צונויפגעקומען אַ גאַר גרויסער עולם, צווישן, זיי אַרגענטינער חסידישע יידן, ספרדישע חכמים, און אַ גרויסע יוגנט, ישיבה־לייט, חברים פון דעם חתן, און מיר האָבן געזען צווישן די דאָזיקע יוגענטלעכע אַ היפּשע טייל מיט ספרים פון ר' נחמן בראַצלאַווער, אַפנים אַז דאָס זענען בראַצלאַווער חסידים.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַ זייער גרויסן זאַל, געטיילט אין צוויי זאַלן, איינע פאַר מענער און איינע פאַר פרויען און דערנעבן, פאַר דער חופּה, אַ זייער רחבותדיקער הויף, ווו עס קענען אַריין הונדערטער געסט, און נאָך מיט זייערע אויטאָס דערצו.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען די מחותנים און געלאַדענע. מען באַגעגנט זיך מיט אַלטע באַקאַנטע און נייע, מען צעשמועסט זיך, ווי עס פירט זיך ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, מען טרינקט אַ "לחיים" און מען בייסט־צו. און מיר באַמערקן ווי די רבנים זעצן זיך אַוועק ביים טיש און שרייבן און שטעלן־אויס די כתובה.

דאָ קומט אַריין אַן עלטערער ספרדישער מאַראָקאַנער רב, אָנגעטון אין זיין

כאַראַקטעריסטישער קליידונג, אַ שוואַרצע אַבאַיע מיט אַ שוואַרצער פּעסקע אויפֿן קאָפּ. און עס גייט פֿאַרביי אַ לאַנגע צייט נאָך דער אָפּגעשטימטער צייט פֿון דער חופּה, כאָטש דער זאַל איז שוין פֿול. דאָס האָט מען, אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון דעם ספרדישן צד געמוזט איבערשרייבן אַ נייע כתובה, און אַריינשרייבן אַ גרויסע סומע פֿאַר דער פֿרוי, ווי זיי פֿירן זיך.

מען פֿירט דעם חתן צו באַדעקנס און נאָכדעם אין הויף אַריין אונטער דער חופּה.

עס ווערט אַ געדרענג אין הויף, די כלה דרייט אַרום דעם חתן און עס הייבט זיך אָן די חופּה וקידושין.

מען איז מכבד די פֿאַרשיידענע רבנים מיט די ברכות און עס איז אַ געמיש פֿון אויסשפּראַך און ניגונים. אַ ספרדישער רב זינגט און ציקלט־אויס די ברכה אויף זיין אָריענטאַלישן שטייגער, אַן אשכנזישער רב — אויפֿן היימישן אופֿן און אַזוי קומט שוין פֿאַר, ביי דער חופּה, דער מיזוג, די אויסשמעלצונג פֿון ביידע צדדים, פֿון דעם חתנס און דער כלהס צד.

מען גייט צוריק אין זאַל און מען באַזעצט די טישן, ווו מען דערלאַנגט אַ זייער געשמאַקע סעודה.

עס פֿאַנגט זיך אָן אַ "דעפּילאַדע" פֿון נויטבאַדערפֿטיקע יידן, אָדער פֿאַרשטייער פֿון נויטבאַדערפֿטיקע מוסדות. יעדער איינער דערלאַנגט אַן אָפּגעדרוקט צעטל אָדער בעט סתם אַ צדקה, און דער עולם, כטוב־הלב ביין, לאָזט זיך ניט בעטן מקיים צו זיין די מצווה פֿון צדקה.

דאָ, ווילן מיר שוין אָביעקטיוו באַמערקן, אַז אין דעם פּרט, זענען די רעליגיעזע יידן פֿון דער מדינה, ווי מען קען דאָס טעגלעך און פּערמאַנענט זען אויף דער גאַס, מקיים די דאָזיקע מצווה פּינקטלעך, היות עס איז פֿאַרט אַ טייל פֿון זייער איינגעזאַפּ־טער יידישער אויפֿפֿאַסונג און שטייגער־לעבן, וואָס נעמט־אַריין די מצוות שבין אָדם לחברו אין דעם גאַנצן תרי"ג־קאָמפּלעקס וואָס אַ ייד דאַרף מקיים־זיין.

און עס הייבט זיך־אָן די שמחה. אַ חסידישער אייגנאַרטיקער אָרקעסטער מיט פּויקן און צימבלען, ביי וועלכע עס זיצט אַ ייִנגל מיט פּיאות און מיט אַ קאַפּאָטע און צימבלט און פּויקט מיט טאַקט און געפֿיל. און אַ דיקער באַבערדלטער חסיד זינגט מיט אַ באַסאָווער שטימע פֿאַרשיידענע באַקאַנטע תורה־לידער און ניגונים, אַלע מאָל שטאַרקער, גיכער, ריטמישער, לענגער, און דער עולם ווערט אַריינגעצויגן אין התלהבותדיקע טענץ, אַקראָבאַטישע שטיק, קאַראַהאָדן, הענט־פּלעסקעריי, מויל־גלעקלדיקייט ביי די ספרדישע פֿרויען, און עס וויקלט זיך אויס אַן אמתע ענטוזיאַס־טישע פֿריילעכע, "משמח חתן וכלה"־דיקע שמחה, מיט אַלע "פּיטשעווקעס", ווי באַקאַנט און באַוווסט אויף עכטע חסידישע חתונות.

פֿאַרשטייט זיך אַז אַזאַ שמחה ענדיקט זיך מיט "שבע ברכות", און מען פֿאָרט־אַרויס פֿון דער נאַכטיקער פֿרומער מאה־שערים־גאַס, און מען פֿאָרט דורך די אַלט־שטאָט און מען לאָזט־זיך שפּעט אַהיים, מיטנעמענדיק אין דעם געמיט די פֿריידיקע איינ־דרוקן פֿון דער ערשטער בייגעוווינער חתונה אין ירושלים, און נאָך־ווו? — אין מאה שערים!

באַזוכנדיק פאַרשידענע מושבים אין לאַנד

עס קומט אונדז אויס צו באַזוכן, אין פאַרשטייערשאַפט פון אונדזער מיניסטע־ריום, פאַרשיידענע ישובים פון לאַנד, מושבים, און מיר קוקן זיך צו מיט נייגער צו די דאַזיקע אָרטשאַפטן, וואָ יעדע פאַמיליע האָט זיך איר הויז און איר חלק פעלד, און מיר געניסן פון דער שלוהדיקייט און אידילישער אומגעבונג פון די דאַזיקע מקומות.

ערשטנס, איז דאָך אַ תענוג פאַרן אויג און פאַרן געמיט די צעגרינטע לאַנד־שאַפטן, די צעאַקערטע פעלדער, די גרינעביימער־שורות, די שטייענדיקע תבואה.

צווייטנס, גייט איר דורך אין די שטילע רואיקע און געלאַסענע גאַסן פון דעם מושב, אויף וועלכן עס ליגט אויסגעגאָסן די געמיטלעכקייט פון אַ שטילער לאַנד־שאַפט, איר שפּאַצירט זיך דורך די איינצעלנע שטיבלעך, יעדעס שטיבל פאַר אַ באַזונדערער משפחה, מיט גערטנער פאַרנט און אַרומגערינגלט מיט אַ ים פון גראָז און בלומען, און איר דערבליקט צווישן זיי שפּילנדיקע רעדנדיקע קינדער, פּאַשנ־דיקע פערד, אָנפּאַרנדיקע טראַקטאָרן, אַרבעטער, און איר לעבט זיך אַריין אין אַ ספּעציפישער אומגעבונג, ווייט פון דער שטאָטישער ראַשיקייט און געטומל, נאָר עס דוכט זיך אַז איר פאַלט אַריין אין אַ גן־עדן התחתון, און עס גלעט זיך אויס אייער געמיט אויף אַ ווייל פון אַלע זאָרגן אין דער שויס פון דער פּרעכטיקער נאַטור־לאַנדשאַפט.

איר גייט אַריין אין אַזאַ שטוב און איר באַגעגנט היימישע פריינדלעכקייט. איר כאַפּט אַ שמועס מיט די באַוווינער פון די מושבים, איר פאַרטרינקט אַ קאַלט געטראַנק, איר פאַרזוכט פון די צוגעשטעלטע פּירות, און איר דרינגט אַריין אין דער פון לאַנג באַקאַנטער, באַשריבענער ישראלדיקער מאַפּע, אין דער מאַפּע פון מושבים, פון פעלד, פון ערד־אַרבעט, איבער וועלכער איר האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט, אַנגעלייענט און אָנגעטראַכט אין דער ראָמאַנטישער צייט פון ציוניסטישן אידעאַליזם.

אייניקע וווינען אין די עלטערע דירות, פון די וותיקים, און איר דערמאָנט זיך אַז אַזוי האָט אויסגעזען אַ פּראָווינץ־שטוב, ווען איר פלעגט אין אַרגענטינע באַזוכן אַן אָרטשאַפט, ווען איר פלעגט אויפטרעטן אין אַ פּראָווינץ־שטאָט אויף אַן אַקט.

און די נייע עולים וווינען אין נייע דירות, און ווען איר קומט אַריין אין אַזאַ איינער, איבערהויפּט ביי אַן עולה פון אונדזערע לענדער, מיינט איר אַז איר קומט אַריין אין צענטער פון בוענאָס איירעס, ווייל עס שלאָגט אייך גלייך אין די אויגן די מאָדערנע שטאָטישע איינריכטונגען, ווי איר זענט עס געוווינט געוועז צו זען טאָקע דאָרטן אין אייער וווין־שטאָט אין לאַטיין־אַמעריקע, און עס דוכט זיך אַז דער עולה האָט אַריינגעבראַכט און אַריבערגעפירט אַ שטיק "דאָרטן" און זי איינ־געפלאַנצט אין דער ישראלדיקערווירקלעכקייט־פּאַנאָראַמע.

מיר זוכן טאַקע אויף אונדזערע באַזוכן, צווישן די פאַרשיידענע עדות, וואָס אונדז קומט אויס אָנצוטרעפן, צווישן מאַראָקאַנער יידן, תימנער, צברעס, שפּאַניאָלן, מזרח־אייראָפּעישע, עולים פון אונדזערע קאַנטן, מיט וועלכע מיר באַגעגענען זיך מיט קעגנזייטיקער פרייד און היימישקייט. מיר מאַכן מיט זיי אַ שמועס אויף שפּאַניש, און דאָס אַליין דערנענטערט שוין און הייטערט־אויף, ווייל אין פיל פאַלן קענען זיי נאָך ניט זיך אויסדריקן אויף עברית, און אפילו יאָ, גיט דאָס ביי זיי אַ שלאָג מיט אַרגענטינישקייט. פאַרט געקומען פון דאָרטן, און שפּראַך איז דאָך אַ פאַרבינדונגס־מיטל, און איז עס אַ וועג צו דערנענטערן און פאַרטרויען.

אייניקע זענען גאָר צופרידן. אַנדערע האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך איינצולעבן דאַ־הי. עס איז דאָך פאַרט אַנדערש. וויפל מען זאָל פריער זיך פסיכיש ניט צוגרייטן, מיינט די עליה אַן איבערבוי און אַן איבערברוך, און יעדער איינער דאַרף דורכמאַכן אויף זיין אופן די ״חבלי־קליטה״, די אַקלימאַטיזירונג און דעם איינגלידערונגס־פּראָצעס. ווען עס גייט שנעלער, ווען — לאַנגזאַמער, ווען שווערער, ווען לייכטער, אָבער יעדער איינער דאַרף דאָס סוף־כל־סוף דורכמאַכן. ניט יעדער עולה איז גלייך. ניט יעדן איינעם האָבן געשטויסן די זעלביקע צילן און מאָטיוון צו זיין עליה. ווען עס האָט געצויגן צוליב משפּחה, צוליב אידעאַל, צוליב יידישקייט, צוליב עקאָנאָמישע מאָטיוון, פּאָליטישער לאַגע, משפּחה־צילן, קינדער־דערציונג א.א.וו. אַזוי אַרום אַז אויך די צופּאַסונג איז פאַרשיידן, לויט די צילן און אימפּעראַטיוון פון עליה.

און עס דאַרף דעריבער נאָך דויערן אַ צייט, ביז מען וועט זיך איינוואָרצלען אין דעם היגן באָדן, און ביסלעכווייז זיך אויסוואָרצלען פון דעם לאַטיין־אַמעריקאַנער באָדן, ביז עס וועט פאַרקומען די מזיגה פון דעם קיבוץ־גלויות.

אָבער יעדנפאַלס, טרעפט איר אָן אומעטום היימישע מענטשן, איר צעשמועסט זיך מיט זיי, דערפרייט זיך מיט זיי, טיילט זיך מיט זכרונות און איינדרוקן, און איר האָט הנאה וואָס זיי זענען עס אויך אַ טייל פון די דאָזיקע זוניק צעגרינטע שיינע מושבים, וואָס קוקן אַראָפּ אַזוי באַחנט, מיט קאָלאָניסטישער גראַציע, אין אַן יידי־שער אויפלאַגע, מיט עפּעס דעם אַמאָליקן מאָזעסווילער טעם, נאָר אויף די פעלדער פון ישראל, און איר זאָפּט איין, צוזאַמען מיטן הידור פון דער נאַטור־לאַנדשאַפט, דעם מענטשן־קאַליידאָסקאָפּ, וואָס זענען געקומען מארבע פינות העולם, בתוכם פון אונדזערע לאַטיין־אַמעריקאַנער קאַנטן, און וואָס שאַפן די דעמאָגראַפישע מאַפּע פון דער יידישער מדינה.

אויפן שוק אין "מחנה יהודה"

אַ סך לייענער װעלן זיכער שמייכלען בלויז פון דעם טיטל פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל: װייל, װען האָבן מיר אין אונדזער לעבן באַשריבן אַ יאַריד, אָדער װי מען רופט דאָס דאָ: אַ שוק? אמת, מיר האָבן שוין געשריבן איבער אַ סך טעמעס, איבער חינוך, איבער ימים טובים, איבער יידישקייט, איבער געזעלשאַפט, קולטור, רבנות, א.א.וו. אָבער מיר האָבן קיינמאָל ניט געשריבן איבער אַ מאַרק און איבער אַ יאַריד.

אָבער דאָ, אין ישראל, איז דאָס פאַר אונדז אַליין זייער און ביז גאַר אינטערעסאַנט. װייל, זאָגט איר אַליין, װוּ האָבן מיר ערגעץ אַנדערש געזען און געהערט פון אַזאַ מאַרק מיט אַ חומשדיקן נאָמען װי מחנה־יהודה, װאָס דערמאָנט גלייך אין "דגל מחנה יהודה" פון דער פרשה, פון דעם צאַלרייכסטן און חשובסטן שבט, פון װעמען עס איז טאַקע געבליבן דער נאָמען יוד, ייד, אויף אַלע שפּראַכן.

צװייטנס, ניט נאָר דער נאָמען יהודה, ייד, נאָר טאַקע די אַלע הונדערטער און הונדערטער יידן װאָס קומען דאָ, פון זיי אַליין קען מען האָבן אַ פולקאָמען קאַליידעסקאָפּ פון די פאַרשיידענע יידישע עדות, פון די פאַרשיידענע טראַכטן און יידישע צורות, װאָס איר טרעפט דאָ אָן אין דעם דאָזיקן שוק, אין דעם האַרץ פון ירושלים.

דאָס גאַנצע לעבן איז דאָך אַ יאַריד, װי האָט שלום עליכם אָנגערופן זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך: "פונעם יאַריד". און אין דער יידישער געשיכטע פאַרנעמט דער יאַריד אַ פּראָמינענטן אָרט. אַט למשל האָט מען איינגעפירט צו לייענען אין דער תורה מאָנטיק און דאָנערשטיק, צוליב די יאַרידים װאָס פלעגן פאָרקומען אין די דאָזיקע טעג פון דער װאָך. למשל, פלעגט דער װעד־ארבע הארצות זיך צונויפקומען אין די טעג פון יאַרידים און פעסטשטעלן זיינע תקנות פאַר די ישובים פון פאַרצייטיקן מזרח אייראָפּעישן יידנטום.

איז דעריבער זענען מיר געגאַנגען זען און צוזען דעם דאָזיקן באַרימטן און באַקאַנטן שוק "מחנה יהודה" װאָס ציט זיך עטלעכע הונדערט מעטער, אין דער לענג און אין דער ברייט און איז פאַרפּלייצט מיט אַ שפע פון פּראָדוקטן פון אַלע סאָרטן, מיט די אַלע מינים אויסאַרבעטונגען פון דער מדינה, און מיר װייסן ניט װאָס פריער צו קוקן, צי די געשעפטן מיט די גוטע זאַכן, צי די דורכגייער, װייל ביידע זענען אינטערעסאַנט. די פרוכטן, די גרינװאַרג, די "פּרי־האדמה", האָבן מיר שוין ביי אונדזער ערשטן באַזוך אין ישראל געהאַט אָנגעװויזן, אַז זיי זענען ביז גאַר געראָטענע און אַזעלכע גרויסע, אַז עס װערט אונדז קלאָר װי די תורה שילדערט ביי דער פרשה פון די מרגלים, אַז צװיי מענטשן האָבן געדאַרפט טראָגן אַ שטאַנג מיט די װיינטרויב־הענגלעך.

אַזעלכע גרויסע פּאָמידאָרן, ראש־חודש רעטעלעך, צאַפּלדיק־פרישע קוקורוזעס,

גרויסע פּערישקעס, אָנגעשוואָלענע זאַפּטיקע טרויבן, גאַנצע זעק מיט טייטלען, וואָס רייסן זיך פון די זאַק־נאָלן, זעק מיט ניס, מיט געווירצן, פליישן און לעבעדיקע פיש, וואָס עפּענען ריטמיש זייערע פּיסקעלעך, פליישוואַרג, מילכוואַרג, שפּילצייג, אָנטועכץ, שיכוואַרג, זיסוואַרג, גאַלאַנטעריי, געבעקסן, מיט איין וואָרט: דאָס איז דער בעסטער עקספּאָנענט פון ארץ זבת חלב ודבש, פון דער גערעטעניש, פון דער שפע, פון דער פּראָדוקציע, פון דער אויסאַרבעטונג פון דער מדינה אויף אַלע געביטן פון מענטש־לעכן געברויך.

אונדזער שוק איז ווי אַ קעסל, פּערמאַנענט גייט דאָרט־אָן דער רויש, די פאַר־שיידענע שפּראַכן און קולות וואַרפן זיך איבער. מענטשן קומען און גייען, מיט פולע קוישן, שווערע, באַלאָדענע, און באַזאָרגן זייערע היימען און זייערע נאָענטע מיט די אַלע נויטיקע עלעמענטן, און איר טרעפט זיי נאָכדעם אין די אויטאָבוסן מיט די איבערגעלאָדענע קוישן, פילמאָל פאַרנעמען זיי די דורכגעגנג, אַז איר מוזט איבער־היפּן און אַריבערשפּרינגען די קוישן דורכצוגיין. און איבערהויפּט זעט זיך דאָס ענדע וואָך, ערב שבת.

די דורכגעגנג אין דעם מאַרק זענען פול און ענג פון מענטש־געדראַנג. אָט־כאַפּן מיר אַ בליק אויף די געשטעלן פול מיט די פּראָדוקטן, אָט אויף די פאַרקויפער, אין די פאַרשיידענע טראַכטן, אָט אויף די קויפער, אשכנזים, ספרדים, מאַראָקאַנער, טוניסער, איראַקער, תימנער, בוכאַרער, פּערסער, שפּאַניאָלן, פראַנצויזן, אַמעריקאַנער, רוסן, גרוזינער, און נאָך און נאָך, ד.ה. דער גאַנצער מענטשן־געקנויל, די פאַר־שיידענע עדות, די אַלטגעזעסענע און די נייע עולים, די ישראלדיקע יידן און די גלות־יידן, דער פולער קיבוץ־גלויות, וואָס גייט דאָ דורך אין די מענטשן־כוואַליעס און אין דעם מאַרק־ים אין דעם שוק פון מחנה יהודה, אין ירושלים.

ניט זעלטן דורכצוגיין דעם שוק, און דערבליקן אין מיטן טומל און האָוועניש, אַ מנין יידן וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען מנחה בציבור, און ביים אַהיים־פאָרן פון דעם שוק זען ווי די באַקוישלטע יידן שטעלן זיך אַוועק, נאָכן אָפּשטייגן פונעם אויטאָבוס, פאַר דעם איינגאַנג פון זייער רעספּעקטיווער שיל, מחדש־צו־זיין די לבנה...

אַזוי איז עס, טייערע לייענער: ישראל איז רייך מיט וויווענצן, מיט איינדרוקן, מיט איבערלעבונגען. אַלץ איז פאַר אייך אינטערעסאַנט, אַלץ איז פאַר אייך נייגע־ריק, יידיש, ספּעציפיש, רופעריש, צוציענד, און דאָס וואָס וואָלט אייך קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו באַשרייבן און סתם צו באַלויכטן, איז פאַר אייך דאָ אַ דאַנקבאַרע טעמע, וואָס באַרייכערט אייער וויסן און באַקענונג מיטן לאַנד, מיטן ישוב, מיטן היגן לעבן אין די פאַרשיידענע אַספּעקטן און ניואַנסן, און אַלץ איז דאָ אַן אינטע־גראַלע און לעבעדיקע טייל פון אַן אויפגעוואַכטן יידישן שטייגער־לעבן אין דער באַנייטער יידישער מדינה.

מיט פּאַטריאָטישע יידן

אין דער מדינה איז ניט זעלטן צו טרעפן יידן פּאַטריאָטן, מיטן אַמאָליקן אייפער און ראָמאַנטישן ברען, יידן וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון דער מדינה און פון ערב דער מדינה, און וואָס די זעלביקע ווי די זכרונות זייערע פון פּאַרגאַנ־גענע טעג פון קאַמף און געראַנגל, האָט אויף זיי אָפּגעשטעמפּלט דעם חותם פון יענער צייט, און אויך זייערע קינדער טראָגן אין זיך דעם איבערגעפלאַנצטן קערן פון פּאַטריאָטיזם פאַר דער מדינה.

אַז די רעוויזיאָניסטן אָדער די היינטיקע חרותניקעס, צווישן זיי קעמפער געווע־זענע פון אצ״ל און פון לח״י זענען הייסע פאַרברענטע ישראל־פּאַטריאָטן, איז דאָך זייער באַקאַנט פון לאַנג, אָפּגעזען צי מען איז מיט זיי מסכים צי ניט אין זייערע שיטות און צוגאַנג. אַז אין זייערע רייען, ווי אין אַלע עקסטרעמע פּאַרטייען, פון רעכטס ביז לינקס, האָבן זיך גרופּירט אינטעליגענטע עלעמענטן, פלאַם־פייערדיקע, אינהאַלטלעכע, שטרעבנדיקע, איז אויך ידוע בכל תפוצות ישראל.

אַז די דאָזיקע קעמפערישע ציוניסטן האָבן אַ נטיה צו יידישער טראַדיציע, איז אויך באַוווסט.

איז אונדז אויסגעקומען צו דאַווענען אין אַ ירושלימער שיל, וואָס געפינט זיך אייגענטלעך אין אַן אַראַבישער געגנט, ווו עס וווינען טויזנטער אַראַבער, דווקא פון די רייכערע שיכטן, מיט פּרעכטיקע וווינונגען און ווילעס, און ווו די דאָזיקע גרופּע חרותניקעס, געוועזענע קעמפער פון לח״י און אצ״ל, זענען גלייך נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג, אַריבער און זיך איינגעבירגערט צווישן דער אַראַבישער געדיכטער באַפעלקערונג פון שועפט, און בילדן אַ ביז גאָר קליינע מינדערהייט פון עטלעכע משפחות צווישן טויזנטער אַראַבער, און האָבן זיך באַזעצט דאָרט מיט זייערע משפחות און באַטראַכטן דאָס ווי אַ גרויסן פּאַטריאָטישן אַקט מצדם, און וואָס איז אייגנטלעך צו באַוווּנדערן און זיי אויסצוצייכענען מיט אַ מעדאַל פאַר זייער גייסטיקער גבורה און האַרץ־בראַווקייט.

און זיי האָבן עס איינגעשטעלט זייער שיל אין אַ געביידע, וואָס יידן האָבן טאַקע אָפּגענומען פון די אַראַבער אין דער מלחמת ששת הימים, און דער דאָזיקער בנין ווו די שיל געפינט זיך איצט, איז ניט מער און ניט ווייניקער געווען ווי אַן אַראַבישע אָפּיצירן־שול, און האָבן אויפן דאַך פון ד׳ער געביידע אויפגעשטעלט אַ ריזיקע עלעקטרישע מנורה וואָס זיי באַלויכטן ביינאַכט, און מען דאַרף אַרויפקלעטערן אַ באַרג פול מיט שטיינער, פון וואַנען מען זעט די אַרומיקע אַראַבישע אומגעגנט און די נאָענט צעוואָרפענע אַראַבישע ישובים אויף די בערג און דאָרטן אָרגאַניזירט אַ גאַנץ פיינע שיל, מיט אַן אויסשטאַטונג, מיט ספרי־תורה, סידורים, חומשים, ספרים א.א.וו.

אָבער דער עיקר איז קענטיק אינעווייניק דער וואַרעמער פּאַטריאָטישער גייסט פון די מתפּללים, אין זייער רוב צבראַס, און די צוגעקומענע עולים פון די פּאַר־שיידענע לענדער. איינער למשל, היינט אַ יוריסט, אַ געוועזענער לח״י־מאַן, ווען ער גייט מיט דער תורה, נאָכן ״ויהי בנסוע הארון״, און ער טרעט מיט געמאָסטענע טריט מיט דער תורה אין דעם רעכטן אָרעם ביי דער באַגלייטונג פון דער מאַרש־מעלאָדיע, און עס דוכט זיך אייך אַז דאָס גייט ער ווי אַ קאָמאַנדיר אָדער סאָלדאַט צו אַ קאַמף.

אַ צווייטער, אַ געוועזענער קאָמאַנדיר, רעציטירט־אויס מיט אַזאַ אַקצענטירונג, פול מיט דעקלאַמאַטאָרישקייט דעם ״מי שברך״ פאַר דער צה״ל־אַרמיי, און מאַכט אַ ״מי שברך״ פאַר ישראל השלמה מיט אַזאַ אייפער, אַז איר בלייבט מיטן געפיל פון אַמאָליקע ציוניסטישע ראָמאַנטישע צייטן, ווי דער מענטש בליקט נאָך אַריין אין זיין קעמפערישער פאַרגאַנגענהייט פאַר דער מדינה. און ווען דער רב רעדט, געפינט ער שטענדיק אַ פאַרבינדונג פון די פסוקים פון חומש און בכלל פון דעם תנ״ך, אַנוווּנקען א ווןרמזים אויף דער איצטיקער פּאָליטישער לאַגע פון דעם לאַנד.

לעצטנס איז אונדז אויסגעקומען בייזיין טאָקע אַ קידוש אין דעם הויז פון דעם דאָזיקן יונגערמאַן, היות ער מאַכט חתונה אַ טאָכטער. זענען מיר געגאַנגען טאָקע צו אים אין אַן אַראַבישער געביידע, ווו ער וווינט אַליין, מיט זיין משפחה, צווישן די פילע אַראַבער. זיין טאָכטער וועט וווינען אין מרום־הגולן. האָט ער געגרייט אַ רייכן קידוש, איינגעלאָדן די גאַנצע שיל, און דערביי אַלס טאָסט געהאַלטן אַן איינ־טייטש פון דער פּרשה און דער הפטורה פון דער וואָך, וועגן סיחון מלך אמור, און אויסגעפירט אַז סיחון זענען די זעלבע אותיות פון ״כוסיין״, און אַז אויב ער וועט זיך טשעפּן מיט ישראל, וועט ער פאַרענדיקן פונקט ווי סיחון...

מען האָט דערביי געזונגען לידער, שירים, זמירות, און ווי געפּלעפּט זענען מיר געבליבן ווי ביים סוף האָט זיך די גרופּע געוועזענע קעמפער אויפגעשטעלט, און געזונגען מיט פּאַטאָס ״שתי גדות לירדן, זו שלנו זו גם כן״, פונקט ווי די ביתרים פלעגן אַמאָל עס זינגען. געזונגען האָבן זיי מיט אַזויפיל הנאה, איבערגעגעבנקייט, נאָסטאַלגיע, און מיר זענען געשטאַנען און באַוווּנדערט דעם הערויזם פון דער דאָזי־קער גרופּע, וואָס זיצט אינמיטן פון אַ ים אַראַבער, און פראַנק און פריי, הויך און מוטיק, זינגט זי גאָר ״שתי גדות לירדן, זו שלנו זו גם כן״ (ד.ה.: צוויי ברעגעס האָט דער ירדן, און דאָס איז אויך אונדזערס).

גיי און שאַץ אָפּ יידישע נשמות, און איבערהויפּט אַזעלכע וואָס זענען אויסגעע־האַמעוועט געוואָרן אין דעם פייער און קאַמף, פון אידעאַל און פון מסירת־נפש פאַר דער מדינה, וואָס דאָס בילדעט זייער לעבנס־אינהאַלט און לעבנס־אויפפאַסונג.

איז אין צייטן, ווען אַלץ איז געוואָרן אַזוי טאַטירלעך, אַזוי פּראָזאַיש, טרעפט איר זיך אָן מיט אַמאָליקן ניט געענדערטן פּאַטריאָטיזם פון ישראל־בירגער, וואָס שטעקן־אָן מיט זייער ניט פאַרלאָשענעם און ניט געטווישטן מסירת־נפש פאַר דער יידישער אויסגעקעמפטער און אין גראַנגל זיך געפינענדיקער מדינה.

נייע באַשעפטיקונגען אין ישראל

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די עליה און די קליטה אין ישראל מיינט אַן איבער־ברוך אין דעם געוויינטלעכן לעבן פון דעם עולה, און אַן איבערבוי אין פאַרשיידענע וויטאַלע געביטן.

איינער אַזאַ געביט איז בלי ספק די באַשעפטיקונג. איז דאָך ניט נויטיק מאַריך צו זיין און דערקלערן אַז די באַשעפטיקונג פון אַ מענטשן כאַראַקטעריזירט, שטעמפּלט־אָפּ, באַווירקט, פורעמט־אויס, שאַפט געוווינהייטן און מידות א.א.וו.

אָפטמאָל ווערט דער מענטש כאַראַקטעריזירט און באַצייכנט לויט זיין פאַך און באַשעפטיקונג. אפילו פאַמיליען־נעמען האָבן זיך דערפון געשאַפן, שוין אָפּגערעדט פון סאָציאַלע שטאַנדן. געשיכטע־שרייבער ווילן האָבן אַז די היסטאָריע פון דער מענטשהייט ווערט געפורעמט און געריכטעט לויט די מאַטעריעלע גורמים פון אַ נאַציע. אויך דעם מענטשנס לעבן ווערט דאָך אין אַ געוויסער מאָס, און אַמאָל די גרעסטע מאָס, געפורעמט און געריכטעט לויט זייער מאַטעריעלע מעגלעכקייטן.

ביי יידן האָט זיך תמיד טאַקע געפירט, אַז מען פלעג זיך באַפעסטיקן עקאָנאָ־מיש, האָט מען זיך דאַן גענומען צו דער גייסטיקער אַנטוויקלונג. דאָס איז הויפּט־זעכלעך אַנווענדבאַר אויף די נייע יידישע עמיגראַנטן אין די פאַרשיידענע אָרט־שאַפטן פון זייערע תפוצות, ווו דער מאַטעריעלער דראַנג איז געווען אַ פאַרקאָנדיציע פון דעם גייסטיקן אויפבלי און צעמענטירונג.

קומט דאָס אַלץ אויפן זינען ביים באַטראַכטן דעם איבערבוי אין באַשעפטיקונגען פון פאַרשיידענע עולים, איבערהויפּט פון אַזעלכע וואָס מיר זענען באַקאַנט פון אונ־דזערע באַטרעפנדיקע אָרטשאַפטן, ערב דער עליה, און מיר זענען דעריבער עדות אויף אַן אינטערעסאַנטער איבערגרופּירונג פון פאַכן, פון באַשעפטיקונגען פון די זעלבע. אַט־למשל, קענען מיר אַן אינזשעניער פון אַרגענטינער פּראָווינץ, וואָס איז דאָ מלא שמחה, ווייל ער איז באַשעפטיקט אין דער ירושלימער מוניציפּאַליטעט, אין דער עלעקטרישער באַלייכטונג פון דער שטאָט, אַזוי אַז אַ גרויסע טייל פון דעם ״אור חדש על ציון תאיר״ ליגט אין זיינע הענט...

און איר טרעפט אים אין די פאַרשיידענע געגנטן פון דער נייער און אַלטער שטאָט, ווו מען דאַרף איינשטעלן באַלייכטונג אין די גאַסן, איבערהויפּט אין די נייע זיך בויענדיקע ישובים, און אין אַזעלכע טיילן ווו מען דאַרף פאַרריכטן מחמת אויסלעשונג, און איר ווערט געשמייכלט וואָס אויך אַן אונדזעריקער באַטייליקט זיך אין דער באַלייכטונג פון דער הייליקער און אייביקער הויפּט־שטאָט פון ישראל.

די גאַמע פון באַשעפטיקונגען איז ביז גאָר אַן אינטערעסאַנטע, אין פאַרגלייך דערמיט וואָס דער עולה האָט געטון אין זיין רעספּעקטיוון וווינלאַנד פאַר דער עליה. אַט־למשל, טרעפן מיר אַ געוועזענעם באַאַמטן פון דער עליה־אָפּטיילונג אַלס באַאַמטן

אין אונדזער באַנק. און מיר שמייכלען אין געדאַנק. אַמאָל פלעגן אונדזערע באַגעג־נישן זיין אויף דער קאַנווע פון סוכנות־אינטערעסן, און היינט דריקט זיך דאָס אויס אויף דער קאַנווע פון באַנק־קאָנטאָס, טשעקן און חשבונות.

אַ צווייטע פרוי איז געווען אַמאָל אַ יידישע לערערקע אונטער אונדזער דירעק־ציע. היינט איז זי אַ צושטעלערן פון ברילן־גלעזער און שיידלעך די פאַרשיידענע אַפטיקעס פון ירושלים. איר בליק האָט זיך אָפּגים דאָ־הי גאַר אויסגעברייטערט...

אַ צווייטער גאַר גוט־באַקאַנטער יונגערמאַן איז ביי אונדז געווען אַ יוועליר, אַ צירונג־הענדלער. דאָ פאַרנעמט ער זיך מיט לעבנס־פאַרזיכערונג פון איין זייט און רעפּרעזענטאַנץ פון רייניקונגס־אַרטיקלען פון דער צווייטער, ד.ה. אַז פון איין זייט שטייערט ער מיט צו דער ריינקייט פון שטאָט און מצד שני — פאַרזיכערט ער דאָס לעבן פון די איינוווינער...

אַ צווייטער ספרדישער ייד איז אַלע יאָרן געווען אין אונדזערע לענדער אַ רב, אַ גייסטיקער מנהיג. דאָ האָט ער געעפנט, מיט דער הילף פון דער סוכנות, אַ שפּייז־קראַם, און אַנשטאָט גייסטיקע שפּייז ליפערט ער מזון, קאָנקרעטע שפּייז זיינע קונים, און דאָ מעגט איר זיכער זיין אַז זיינע קאָנסומענטן זענען פאַרזיכערטער ווי די גייסטיקע קאָנסומענטן פון זיין אָרטשאַפט אין אונדזערע מקומות, יעדנפאַלס מיט מער הצלחה און דויערהאַפטיקייט. נישטאָ וואָס צו קלערן...

אַ צווייטער יונגערמאַן איז אין אַרגענטינע געווען אַ לערער אין לערער־סעמינאַר און דאָ איז ער געוואָרן אַ באַקאַנטער כירורג. דאָרט האָט ער געזוכט געזונט צו מאַכן דעם יידישן גייסט, דאָ דעם יידישן גוף.

אַ צווייטער געוועזענער אַלע יאָרן לערער אין די ספרדישע שולעס איז דאָ געוואָרן אַ מיטגליד פון דער טעלעפאָן־צענטראַלע פון אַ גרויסער יידישער וועלט־אינסטיטוציע. דאָ ווערט זיין קול זיכער דערהערט און האָט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג...

פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס זענען געבליבן ביי זייערע רעספּעקטיווע פאַכן, נאָר געשטיגן אָדער אַראָפּגענידערט אין ראַנג.

איינער איז געווען אַ פּאַרטיי־פירער, איז ער דאָ געוואָרן דער פירער פון דער וועלט־ביוראָ פון זיין פּאַרטיי. אַ צווייטער איז געווען אַ שול־דירעקטאָר, איז ער געוואָרן אַן אָנפירער פון אַ דערציונגס־דעפּאַרטאַמענט. אַ דריטער איז דאָרט געווען אַ לערער פון אַ מיטל־שול, איז ער געוואָרן דאָ אַ מחנך אין אַן עולים־אולפּן, א.א.וו.

און מיר קענען נאָך און נאָך אויסרעכענונגען מאַכן, און מיר קוקן זיך צו מיט נייגער און אינטערעס, ווי עס גרופּירן זיך איבער, ווי מענטשן טוישן זיך אין זייערע באַשעפטיקונגען, און דאָס אַליין איז איינע פון די קען־צייכנס פון דער עליה אין דער מדינה, פון דער קליטה און אַריינפּאַסונג צו די נייע אומשטענדן. אָפטמאָל איז דאָס דער בעסטער באַראָמעטער און דער דופק פון זייער קליטה אין לאַנד.

דער דראַנג צו לערנען אין דער מדינה

אין אַ פֿאַריקן קאַפּיטל האָבן מיר געשריבן וועגן די נייע באַשעפֿטיקונגען פֿון די עולים און דאָס איבערגרופּירן פֿון מענטשן אין פֿאַכן און שטאַנדן.

וואָס עס מערקט זיך אויך אין דער מדינה איז דער גרויסער דראַנג צום לערנען פֿון יונג און אַלט.

היות ווי אין די פֿאַרשיידענע פֿאַסטנס באַקומט מען דעם געהאַלט לויט אַ צאָל פּונקטן וואָס איז זיך סומך אויף אַ פֿאָרמעל באַקומענער בילדונג, לויט יאָרן און סטאַזש, לויט באַקומענע טיטלען און סערטיפֿיקאַטן, זוכט יעדער אַנגעשטעלטער צו דערווערבן אַ וואָס גרעסערע אַזעלכע פּונקטן דורך לערנען און באַקומען אַ קורס, אַ דיפּלאָם, אַ לערן־גראַד, א.א.וו.

און דאָס אַלץ פּלוס דער נאַטירלעכער דראַנג פֿון מענטשן צו באַנייען און פֿאַר־פֿולקאָמענען זיך, נאָך מער ווען מען איז אַן עולה, וואָס מען באַנייט זיך געוויסערלעך אויף אַלע לעבנס־געביטן, אַזוי באַנייט מען זיך אויך אין שטודיום, אין לערנען, און דאָס איז אויך בהסכם מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון דעם עם־הספר, וואָס סוף־סוף איז דער ספר און דאָס בוך זיין גייסטיקער פֿאַרמעג און זיין גייסטיקער פֿאַרגעניגן. אויסער דעם, וואָס דאָס העלפֿט זיך צו דערהויבן איבער דער גרויעלעכקייט פֿון דעם מצב, איבער דעם אינטענסיוון לעבנס־ריטם, און דאָס באַנייט, פֿרישט־אָפּ און גיט אַן אינהאַלט. דעריבער קענט איר טרעפֿן אַלעמען לערנען און שטודירן, זיך בילדן און באַזוכן די פֿאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן.

דאָס גייט וועגן אַן עולה וואָס גייט גלייך אַריין אין אולפּן אָדער העברעישע קורסן צו דערווערבן דעם לשון, דעם ערשטן קאָמוניקאַציע־מיטל אין דער מדינה, ביז אַזעלכע וואָס האָבן שוין דאָס לשון אין מויל, און לערנען יעדער איינער אויף אַן אַנדער געביט, לויט זיין נייגונג, אָדער לויט זיינע באַדערפֿעניש.

לערער, למשל, מאַכן דורך פּערמאַנענטע פֿאַרפֿולקאָמונגס־קורסן, באַאַמטע — דעסגלייכן. דער באַאַמטער וואָס וויל שטייגן אין גראַד — מוז דורכשניטלעך דורכ־מאַכן אַ קורס. לערער מאַכן אויך דורך פֿאַרפֿולקאָמונגס־קורסן אין פֿאַרשיידענע קעגנשטאַנדן, אין וועלכע זיי זענען שוואַך, און דאַרפֿן דאָ אונטעררייכטן, אָדער צוליב דער מעטאָדיק און טערמינאָלאָגיע פֿון דעם לאַנד.

טרעפֿן מיר־אָן אַ סך אַ סך באַקאַנטע וואָס לערנען. איינע אַ באַקאַנטע לערערן מאַכט דורך — אַן אָבסערוואַציע־ציקל אין אַ שולע. אין איר לאַנד איז זי געווען אַ מיטלשול־לערערן. דאָ איבט זי זיך איין אין דער מעטאָדאָלאָגיע צו פֿירן אַ גראַד אין אַן אָנפֿאַנג־שול, און לערנט צוגלייך אין אוניווערסיטעט אַלס אַ קינפֿטיקע מיטל־שול־לערערן.

אַ צווייטע לערנט חשבון, אַ קורס פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט און האַנט־אַרבעט.

אין איר לאַנד איז זי געווען אַ לערערן פון אַ רעליגיעזער מיטל־שול פאַר מיידלעך.

אַ דריטער יונגערמאַן מאַכט דורך אַ קורס פון לעבנס־פאַרזיכערונג און חשבון־פירונג. אין אונדזערע לענדער איז ער געווען אַ סוחר.

אַ פערטער איז אַן אַנפירער פון יוגנט־סעמינאַרן. לערנט ער אין אוניווערסיטעט סאָציאָלאָגיע. ער מאַכט דורך דעם מאַסטער־קורס, און דאָס וועט אים געבן עטלעכע פונקטן מער אין זיין אַרבעטס־סטאַזש און במילא אַ שטייגערונג אין זיין חודשלעכן געהאַלט.

מיר טרעפן אַ געוועזענעם יוגנט־פירער פון אונדזער לאַנד, וואָס איז שוין לאַנג געווען אַן אַנפירער פון אַ באַקאַנטן קיבוץ, און איצט ווידמעט ער זיין צייט דורכ־צומאַכן זיין שטודיום אין דער געשיכטע־פאַקולטעט פון דער העברעישער אוניווער־סיטעט. אויך אַ געוועזענער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אונדזערע לענדער ווי אויך אַ געוועזענער גענעראַל פון צה״ל האָט איצט פאַרענדיקט דערפאָלגרייך זיין ערשטן אוניווערסיטעט־גראַד.

אַ צווייטע באַקאַנטע לערערן, געוועזענע סעמינאַר־דירעקטאָרן לערנט איצט אין אוניווערסיטעט ווי אויך אַ געוועזענער דירעקטאָר פון אַ הויך־שול ווידמעט טאָג און נאַכט צו זיין אוניווערסיטאַרישער אויסבילדונג און פאַרפולקאָמונג, און וועט צוריקפאָרן קיין לאַטיין־אַמעריקע בכדי בעסער צו דינען דעם יידישן חינוך אויף די דאָזיקע אָרטשאַפטן. אָפּגערעדט פון די טויזנטער בחורים וואָס לערנען אין די ישיבות, אין די כוללים, אין די פאַרשיידענע סעמינאַרן און אין די חינוך־אַנ־שטאַלטן און ספּעציאַליזירונגס־קורסן איבערן גאַנצן לאַנד.

בקיצור: אַלע לערנען, דאָס גאַנצע לאַנד איז ניט נאָר אַן אַרבעטס־לאַגער, ווו אַלע אַרבעטן און זוכן אַרבעט, ניט נאָר אַ מיליטערישער פראָנט, ווו אַלע קעמפן און פאַרטיידיקן, סיי מיליטער סיי ציווילע, נאָר די גאַנצע מדינה איז איין גרויס בית־ספר, איין גרויס לערן־הויז, ווו גרויס און קליין לערנט און בילדעט זיך, שעפּט וויסן און פאַרפולקאָמונג, און די אַלע אויבנדערמאָנטע שטריכן, פון אַרבעט, קאַמף און לימוד, צייכענען־אָן ווי געהעריק און אויף אַ בולטן אופן דעם פּאָרטרעט פון דער יידישער מדינה.

פאַרנדיק פון תל־אביב קיין ירושלים

ביים ערשטן באַזוך אונדזערן אין לאַנד, צוריק מיט יאָרן, האָבן מיר דאָן באַ־שריבן אַ רייזע אויף אַן אויטאָבוס אין חיפה, און אויסגעפירט, אַז אַ שרייבער קען געפינען אַ וועלט מיט טעמעס אין אַן אויטאָבוס, אַזוי אַז זיי זאָלן אים קלעקן אויף אַ סך באַשרייבונגען. און ווירקלעך, איז אונדז לעצטנס אויסגעקומען צו פאָרן אין אַ "שרות", אין אַן אויטאָ־באַדינונג פאַר פּאַסאַזשירן, און מיר האָבן אומגעריכט דאָס באַשטעטיקט.

עס גייט אַרויף אַ ייד, אַ היימישלעכער און באַלד צעפרעגט ער זיך, ווי אַ שטייגער טוריסטן אָדער איינגעזעסענע, ווען זיי זעען אַ צווייטן יידן, פונואַנען מיר זענען. דערוויל דערציילט ער אונדז אַז ער איז פון אַנטווערפּן, און איז געקומען די וואָך אויף אַ חתונה קיין ישראל, און פאָרט צומאָרגנס צוריק. דער ייד גיט אונדז איבער אַז די קהילה פון אַנטווערפּן איז היינט די יידישסטע קהילה פון דער גאָרער וועלט, און איר האָט דעם איינדרוק, אַז איר קומט אַריין קיין מאה שערים פון בעלגיע. יידן זענען דאָרט ניט נאָר דימענטן־הענדלער, נאָר אויך אויפהיטער פון די גייסטיקע דימענטן פון אונדזער אומה.

דער ייד ציט מיך אַריין אין שמועס און הייבט מיך אָן צו אינטערעסירן. עס ווייזט זיך אַרויס אַז ער שטאַמט פון אַ רביישער גזע, און די יידישקייט ליגט אים, הגם אויף אַ מאָדערנעם לבוש און אויסזען, אויף זיין געזיכט, אויף די קנייטשן פון זיין שטערן, אויף זיין אופן רעדן, און איר זעט באַלד פאַר אייך אַ טיפּ פון אַמאָליקן חסידישן פּוילן, פון וואַנען ער איז אַוועק נאָך דער קריג קיין בעלגיען און זיך איינ־געגלידערט אין דער יידישלעכער קהילה פון אַנטווערפּן.

ווען ער פרעגט אונדז פונוואַנען מיר זענען, און מיר זאָגן אים אַז פון אַרגענ־טינע, גיבן זיך ספּאָנטאַן אַ דריי איבער צו מיר מיט פאַרוווּנדערונג און פרייד עטלעכע פּאַסאַזשירן. איין פרוי, איז די טאָכטער פון אַ געוועזענעם קהילה־ און מזרחי־עסקן פון בוענאָס איירעס, וואָס איז פאַראיאָרן נפטר געוואָרן, און זי איז איצט די קאָנסול פון דער מדינה ניקאַראַגואַ. זי רעדט גאַנץ געשמאַק עברית, יידיש, שפּאַניש און ענגליש.

און נעבן מיר גיט זיך אַ קער אַ טונקעלער יונגערמאַנטשיק, וואָס זאָגט מיר אַז ער איז פון טשילע. ער איז אַ יאָרנלאַנגער מאַטראָס, אויסגעפאָרן שוין די וועלט. זיין מוטער איז אַ יידישע און זיין פאָטער אַ ניט־ייד. ער גיט מיר אַ קווערשניט פון דער מענטאַליטעט פון די טשילענער און פון דעם איצטיקן רעזשים. פאָרנט פאַר אים זיצט זיין פרוי, אַ כינעזישע דאַמע. זיי האָבן זיך באַקענט אין לאָנדאָן און האָבן דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ יאָר צוריק. איצט באַזוכן זיי צום ערשטן מאָל ישראל, און האָבן חשק צו קומען איבעראַיאָר אויף צו אַרבעטן און לעבן אין אַ קיבוץ. זיי

האָבן אגב שוין באַזוכט אַ רייע קיבוצים און עס געפעלט זיי זייער דאָס לעבן דאָרטן.

דער בעלגישער ייד פרעגט זיך נאָך וועגן וואָס דער טונקעלער יונגערמאַן רעדט און ווער ער איז, און איבערהויפט ציט אים זיין אויפמערקזאַמקייט זיין כינעזישע פרוי, מיט אַלע געזיכט־שטריכן פון אַ כינעזערן, און ווען איך דערקלער אים זיין אַפּשטאַם, לאָזט ער זיך אַריין אין הלכה־פּלאָנטער פון ווער איז אַ ייד, צי עס לוינט אַז זיי זאָלן קומען קיין ישראל, און עס אַנטוויקלט זיך אַ שמועס צווישן אַלעמען בכלל וועגן יידן וואָס זיצן אין גלות, און די וואָס קומען צו פאָרן.

עס ווערן געלופטערט אייביקע יידישע פראַגן, אין די אַלע פיר שפּראַכן. ווער עס רעדט אויף יידיש, ווער העברעיש, ווער שפּאַניש און ווער ענגליש, און דער פאַרנדיקער אויטאָ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן סימפּאָזיום וועגן יידישע ענינים, וועגן עליה, וועגן ישראל, וועגן גלות, וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אויף דער וועלט, און אַזוי קייקלט זיך דער "סימפּאָזיום" ביז מען דערזעט די פּרעכ־טיקע בערגיקע געגנט, וואָס איז די הקדמה פון ירושלים, פון דעם "עיר שחברה יחדיו" און עס גייט דאָן אַוועק אַ שמועס וועגן דער שיינקייט, הייליקייט און אייביקייט פון דער יידישער הויפּט־שטאָט. יעדער איינער קומט און שטייגט אַראָפּ אין זיין סטאַנציע, און מען צעגריסט זיך פריינדלעך ווי מען וואָלט געווען אַלטע באַקאַנטע, און מען ווינטשט זיך נאָכאַמאָל זיך צונויפצוטרעפן ביי פריידיקע געלעגנ־הייטן. ווער עס פאָרט אָפּ קיין ירושלים, ווער עס וועט מאָרגן צוריקפאָרן קיין בעלגיע, ווער עס וועט זיך אומקערן קיין תל־אביב, ווען קיין לאָנדאָן און טשילע, און אין בערך אַ שעהדיקער רייזע פון תל־אביב, די גרויסשטאָט פון דער מדינה, ביז ירושלים, די הייליקע און אייביקע הויפּטשטאָט פון גאַנד, האָבן זיך צונויפגע־טראָפן ממש אַ קיבוץ־גלויות פון יידן און אין דעם פאַר־אויטאָ, אין דעם שמועס און כעין־"סימפּאָזיום" ממש פאַרווירקלעכט דעם מיזוג־גלויות, דעם צונויפטרעף פון פאַרשיידענע קולטורן און שפּראַכן, אָבער אַלע מיט אַ וואַכעדיק יידיש האַרץ און מיט ליבשאַפט און זאָרג פאַר מדינת־ישראל.

וועגן יידיש אין דער מדינה

אונדז איז נאָענט, באַטירלעך, דער יידישער לשון, ניט צוליב יידישיזם, ניט צוליב דעם וואָס מיר שרייבן און שאַפן אין יידיש, און האָבן דורכגעפירט אַן אינטענסיווע חינוך־ און קולטור־טעטיקייט אין דער דאָזיקער שפּראַך, נאָר בעיקר ווייל יידיש איז עס איינע פון די קען־צייכנס און פון די קולטור־ווערטן וואָס אונדזער אומה האָט געשאַפן אין די לעצטע יאָרהונדערטער.

גרויס איז דאָך דער אָנזען פון דעם לשון אין דעם יידישן אויסלעבן און קולטור־געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, פונוואַנען מיר שטאַמען. איז דאָך יידיש דורכגעפלאָכטן אויך מיט גרויסע שאַפונגען פון יידישלעכן אינהאַלט. איז דאָך יידיש געווען די שפּראַך פון חדר, פון ישיבה, פון דער לעבעדיקער ליטעראַטור און פון מיליאָנען יידן, וואָס האָבן זיך אין איר אויסגערעדט, אויסגעלעבט און געצויגן דעם גאָלדענעם פאָדעם פון יידישקייט. אַזוי, אַז אפילו, לויט די סקעפּטיקער, לויט די רעאַליסטן, לויט די סטאַטיסטיקער, א.א.וו. וועט חלילה אַמאָל יידיש אונטערגיין, וועט דאָך זי בלייבן אַ קענטיקער און וויכטיקער פאָלקס־קנין, פונקט, למשל, ווי אַראַמעיש, וואָס כאָטש אונדזער פאָלק רעדט שוין ניט אָט־דעם לשון, איז עס דאָך געבליבן אַ קולטור־קנין, צוליב דער גמרא, דעם תרגום, די כתובה, קדיש, תפילות, א.א.וו.

אַזוי, אַז ווי מען זאָל ניט קוקן אויף יידיש, צי אַלס פאַרגאַנגענהייט, צי אַלס קעגנוואַרט אָדער צוקונפט, אָדער אַלעס פאַראַמאָל, איז זי דאָך ניט אָוועקצומאַכן, ווייל יידיש לעבן קען מען ניט אָפּמעקן און יידיש שאַפן גיסט זיך אַריין אין דעם בעכער פון יידישער אייביקייט וואָס באַווירקט דורות, צי איז דאָס אין אַ לעבעדיקער פאָרעם, צי אין אַ קולטור־שטודיום, צי איז דאָס אַ טייל געשיכטע פון אונדזער אומה.

פאָלגן מיר דעריבער נאָך דעם יידיש־שאַפן אין דער מדינה. עס דערשיינען דאָ־הי ביכער אין פּראָזע און אין פּאָעזיע. עס דערשיינט אַ טעגלעכע צייטונג, און אַ וועכענטלעכע, און אַ רייע זשורנאַלן, ליטעראַרישע, ציוניסטישע, א.א.א.

יידיש־קרייזן פירן זייער אָפּט דורך אָקטן און ליטעראַטור־אימפּרעזעס, פייערן דאָס דערשיינען פון אַ בוך, מערקן אָפּ אַ דאַטע, פירן דורך קולטור־אָוונטן און סימפּאָזיומס, און אַ גרויסע צאָל יידן, איבערהויפּט די נייע עולים וואָס זייער רעדשפּראַך איז שטענדיק געווען יידיש, לייענען און לעבן זיך אויס געגרן אין דער פאַר זיי אַזוי נאָענטער און פאַרשטענדלעכער שפּראַך.

מען קען דאָך פאַרט ניט אָוועקוואַרפן אַ לעבנס־שפּראַך־באַגלייטערן, איבערהויפּט ווען מען האָט ניט זיך איינגעשאַפן אַ צווייטע, אַ נייערע.

האָבן מיר במשך אונדזער זיין אין ישראל טאַקע מיט אינטערעס באַזוכט די רעדאַקציעס פון די צייטונגען, פון פאַרלאַגן און פון זשורנאַלן, און געזען אויפן אָרט

ווי עס גייט צו מיט דער יידיש־שעפערישקייט, געשמועסט מיט די אָנפירער פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען און זיך באַקאַנט מיט דער לאַגע.

אָבער וואָס אונדז האָט מער פאַראינטערעסירט און גערירט איז ממש די פיעטעט־פולע באַציונג פון יידישן לייענער. מיר האָבן שוין געמיינט אַז עס איז שוין לאַנג פאַרביי אָט יענער אַמאָליקער אינטערעס, אָט יענע צוגעבונדנקייט צום דעם שאַפן.

אָט אין אַ רעדאַקציע פון אַ צייטונג, האָבן מיר אָנגעטראָפן פונקט אָן עלטערע דאַמע, וואָס איז שוין לאַנג אין לאַנד, און וואָס רעדט און לייענט שוין העברעיש פליסיק. איז זי געקומען מיט איידלקייט צוריקגעבן אַ שלעכט־געדרוקטע צייטונג, און אויסבייטן אויף אַ גוטער, בכדי ניט צו פאַרלירן אַ נומער פון דער זעלבער.

און אָט איז אַריינגעקומען אַ וותיק און גענומען פאַראַמאָל און געקויפט אַ גאַנצן פּאַק מיט פאַרשיידענע ביכער, זיך אַזש צעשמייכלט פון הנאה, וואָס ער האָט, און וועט ערשט האָבן ביים לייענען די פּאָר אים נייע ווערק און דאָס פאַרגעניגן צו שענקען זיי אויך זיינע בני־בית.

אין אַ צווייטן פאַרלאַג האָבן מיר אָנגעטראָפן עטלעכע אַריינגעלייענטע לייענער אין ביכער און זשורנאַלן.

מיר געדענקען נאָך היינט מיט וויפל דאַנקבאַרקייט פלעגן די נייע עולים אונדז אויסהערן אויף יידיש די רעדעס און זיך מחיה־געווען ווען מיר האָבן גערעדט ניט אויף עברית (ווייל זיי האָבן פּשוט ניט פאַרשטאַנען) נאָר אין זייער לשון.

און מיר האָבן שוין געשריבן וועגן דער יידיש־קאַטעדרע אויף דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, וווּ עס זיצן אַלט און יונג און לערנען און פאָרשן דעם אורשפּרונג פון דער אַלטער יידיש־ליטעראַטור און פון דער נייער, און ווי צבראַס פּאַלגן נאָך מיט מערקווירדיקער אויפמערקזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט די לעק־ציעס פון די פאַרשיידענע לעקטאָרן, צווישן זיי אויך פון יונגערן דור.

און מיר שטרייכן ווידער אונטער: וועלכע עס זאָל ניט זיין די באַציונג און דער באַגריף פון יידיש אַלס לשון, צו זיין ראַל, געשיכטע און צוקונפט, איז עס בפירוש אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס אין דער יידישער מדינה, ווו עס גיסן זיך אַריין אַלע שטראָמען פון יידישער דורותדיקער שעפערישקייט אין די פאַרשיידענע גיואַנסן, פאַרנעמט אויך יידיש אַ גאַנץ ניכרדיקן פּלאַץ, און וועט פאַרבלייבן ווי אַ גאָר אַנגעזעענער קאָמפּאָנענט און קנין פון אונדזער פאָלק און קולטור.

אַקטיווע יידישקייט

פאַראַן פּאַסיווע יידישקייט. פאַראַן אַזעלכע וואָס ווערט פּריוואַט אָדער קאָלעקטיוו אויסגעוויקלט אין די דלת אמות. און פאַראַן אַקטיווע יידישקייט, וואָס באַווירקט און שטעקט אָן, וואָס באַאיינפלוסט און דאגהט פאַר כלל ישראל. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז אַ ספּעציעלע מדרגה. שוין אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דערציילט אונדז דער חומש וועגן נחן, וואָס איז געווען אַ צדיק פאַר זיך, און עס דערציילט אונדז אין ספר בראשית, אַ פּרשה נאָכדעם, וועגן אברהמען און שרהן וואָס זענען געווען צדיקים וואָס האָבן געוועקט גלויבן ביי אַנדערע. אברהם מגייר אנשים און שרה מגיירת נשים. אברהם האָט געטון חסד מיט מענטשן און האָט זיי באַקערט צום גלויבן אין איין און אייניציקן ג׳ און שרה דעסטגלייכן מיט די פרויען.

אויך משה רבינו האָט שפּעטער מציל געווען אַ יידן, מציל געווען פרויען־פּאַסטוכער פון אַנדערע, און אַזוי האָט זיך אַקטיווער גלויבן געשפּרייט און געוואָרן אַ טייל פון יידישער אויפפאַסונג.

דאָס אַלץ קומט אונדז אויפן זינען ביים באַטראַכטן די אַקטיווע יידישקייט פון די פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּירונגען, איבערהויפּט די חסידישע גרופּעס, פון דער מדינה, וואָס ניט באַר זאָרגן זיי פאַר דער יידישקייט פון זייערע שטעט און שכונות, נאָר אויך פאַר דער אַרומיקער סביבה, און ווילן מזכה־זיין נאָענטע און ווייטע מיט איינשפּריצונגען פון אמונה און יהדות.

אַט־למשל האָבן מיר באַזוכט עטלעכע חסידישע ישובים. דערציילט מען מיר אַז זיי פירן דורך אַ מזוזה־אַקציע, וואָס באַשטייט פון איבערקוקן די מזוזה׳ס און איבערבייטן די פּסולע אויף כשרע. דערביי נעמט מיר אַרויס אַ יונגערמאַן אַ שטויס פּסולע מזוזות און ווייזט מיר ווי פעלערהאַפט זיי זענען.

אַט קום איך אַריין אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פון דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, און אַ יונגערמאַן מיט אַ רויטער באָרד זיצט ביי אַ טישל אין דעם האָל, אויפן טישל ליגן אַ פּאָר תפילין, און ער פרעגט יעדן אַריינגייער צי האָט ער שוין היינט געלייגט תפילין. דאָס איז אַ יונגער ליובאַוויטשער חסיד, וועמעס ״מיסיע״ איז צו בעטן און איינרעדן יידן צו לייגן תפילין אויף זייער קאָפּ.

איך פרעג אים ווי גייט עס אים אין דער דאָזיקער ״אַקציע״, און ער גיט מיר אַ געניוועם ראַפּאָרט וועגן זיין טעטיקייט...

אַט קומט שוין עטלעכע טעג אַן אויטאָ מיט אַ הויכרעדער אין מיין שכונה. אויפן אויטאָ פּלאַקאַטן מיט יידישע אויפשריפטן וועגן ״כי מציון תצא תורה״, וועגן תפילין, מזוזות, וכדומה ״לאָזונגען״.

דער הויכרעדער הייבט אָן צו רעדן, און איינלאַדן יידן זאָלן ברענגען די מזוזות איבערצוקוקן און בייטן די פּסולע אויף כשרע, פאַרקויפן אויך ציצית און קלערט־

אויף די מצוה פון לייגן תפילין. אַרום דעם אָריגינעלן "יידישן" אויטאָ זאַמלען זיך גרויס און קליין, און די יונגעלייט מעלדן אַז די קינדער זאָלן קומען די און די שעה אין דעם "מועדון", אין דעם קלוב וואָס זיי עפענען פאַר דעם קליינוואַרג פון דער געגנט.

דער אויטאָ פאָרט נאָך אַ היפּשע ווײַלע אַגיטאַציע און יידישקייט-פּראָפּאַגאַנדע אַוועק, און לאָזט איבער אין דער לופטן און אין געמיט עפּעס אַ וואַרעמקייט און אַן אהבת-ישראל געפיל, און דאָס געפיל פון "כל ישראל ערבים זה לזה", און אַז מען זאָרגט פאַר דער גייסטיקער איינגלידערונג פון ברידער-יידן פון די ווייטע און "הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג" לענדער, און אַז אַ ברידערלעכע האַנט שטרעקט זיך צו זיי אין דעם יידישן לאַנד.

אויך גיבן זיי אַרויס בראָשורן איבער פאַרשיידענע יידישקייט-טעמעס, און צע־טיילן אין די פאַרשיידענע שולן דעם רבינס קאָמענטאַרן איבער פּרשת-השבוע, איבער צייט-פראַגן און איבער ימים טובים.

אין דער היינטיקער קאָנוולסיווער צייט, ווען יעדער איינער איז פאַרנומען מיט זיינע אייגענע פּראָבלעמען און זאָרגן, מיטן איינגלידערונגס-פּראָצעס אין נייעם לאַנד, וואָס איז ניט קיין שנעלער און לייכטער, איז גוט צו וויסן און צו פילן אַז ברידער יידן זאָרגן פאַר אייך, און אויסער דער פיזישער און מאַטעריעלער קליטה, ווערט אויך באַזאָרגט, פאַר דער גייסטיקער קליטה פון דעם נייעם עולה, וואָס איז ניט מינדערוועריטיקער און וואָס וועט זיכער מיטווירקן צו דער אויספורעמונג פון דעם גייסטיקן פּנים פון דער יידישער מדינה.

אין אַ פּאַרנדיקן אויטאָבוס אין ירושלים

מיר האָבן אַמאָל שוין געשריבן אַז אַ שרייבער קען געפינען אַ קוואַל פון איני־פּאַרמאַציע און פון טעמעס, אין אַ פּאַרנדיקן ישראלדיקן אויטאָבוס. איבערהויפּט איז אַזאַ אויטאָבוס אַ מיזוג גלויות; דאָס יידיש פאָלק "אונטערוועגנס", די פּאַר־שיידנסטע עדות און שיכטן, די פאַרשיידענע סיטואַציעס און אינצידענטן.

ערשטנס, ווי דער אויטאָבוס ווערט געפירט דורך די געניטע שאָפערן, וואָס קענען אויסגעבונדן די ירושלימער בערגיקע טאָפּאָגראַפיע, ווי ער קירעוועט געשיקט דעם אויטאָבוס, ווי ער טרייבט געשווינד און יאָגט זיך, ווי עס פאַלן אַמאָל אין די קאָרידאָרן ביי אַ האַסטיקן אויסבויג עטלעכע פּאַסאַזשירן, ווי מען גיט אַ פלי אין דער לופטן ביים איבערשפּרינגען אַ שטרויכלונג, ווי די פּאַסאַזשירן "דערמאָנען" זיך האַרט פאַר דער סטאַנציע, ביים אָפּפאָרן פון אויטאָבוס, אַז זיי מוזן דאָ אַראָפּ־שטייגן...

ווי מענטשן קנוילן זיך צונויף ביים אויפשטייגן אויף אַזאַ אויטאָבוס. ווי מען כאַפּט אַמאָל אַריין אַ "טרעט" אויפן היגעראויג, און דערביי לאָזן זיך הערן ווילדע משונהדיקע אויסגעשרייען אין אַ פּאָר אייך אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, ווי מען כאַפּט אַמאָל אַריין אַ בוסאַק אין אַ זייט, אַ שטויס אָדער אַ קלאַפּ, און דער אויטאָבוס פאָרט ווייטער...

מען דאַרף דאָ ממש האָבן אַ שלום עליכם אָפּצומאָלן און פאַרטרעטירן דעם פּאַרנדיקן אויטאָבוס מיט די פאַרשיידענע טיפּן און טראַכטן וואָס פאָרן ניט אַליין. אַמאָל פאָרט אַזאַ פּאַסאַזשיר פון דעם שוק, ד.ה. פון דעם מאַרק, מיט פולע באַלאָדענע קוישן מכל טוב. אַמאָל פאָרט אַ קצב מיט אַ זאַק געשחטענע עופות. אַמאָל אַ פרוי מיט די קינדער און זייערע וועגעלעך. אַמאָל אַ יינגעלע מיט זיין ביציקלעט. דער אויטאָבוס נעמט אַריין אַלץ און אַלעמען און קייקלט זיך שנעל און האַסטיק און טאַרמאַזירט נאָך האַסטיקער, אַזש ניט מקנא צו זיין די וואָס שטיין דערביי אין די קאָרידאָרן.

מיר האָבן אַמאָל בייגעוווינט אויף אַן אויטאָבוס פון דער און דער באַקאַנטער און פּאָפּולערער ליניע, און געהאַט גרויס צער דערפון, אַז ווען די יידענע מיט די קוישן, אַן אַלטע אָריענטאַלישע פרוי, איז אַרויף אויפן אויטאָבוס, ד.ה. זיך "דורכ־געשטופּט" דורך די עלענבויגנס און מיט דער הילף פון אַ פּאָר קללות, איז זי אין איר גרויס צעהיצטקייט, אַרויף און געשאָלטן אַז דער אויבערשטער זאָל שטראָפן די גאַנצע ליניע... נאָך גוט, וואָס די קללה איז געגאַנגען אויף אַן אויטאָבוס־ליניע, ניט אויף קיין מענטשן... פאַראַן אין אַזאַ אויטאָבוס הומאָר און קאָמיזם.

פון דער צווייטער זייט גיט מען אָפּ כבוד און אַכטונג אַלטע לייט. אויב אַזאַ איינער אָדער איינע קומט אַרויף, גיט מען זיי גלייך אַ פּלאַץ. דעסטגלייכן פאַר אַ

מעוברתדיקער פרוי און פאַר קינדער. מען קען זיך ווי שטופּן, אָבער זקנים, טראָגעג־דיקע פרויען און קינדער זענען דאָ פּריווילעגירט.

ערשט יענע וואָך האָבן מיר בייגעוווינט אַן אינצידענט אויף אונדזער אויטאָ־בוס. עס קומט אַרויף אויף דעם אויטאָבוס אַ יונגע פרוי, קענטיק אַ צברא, לויט איר אויסדרוק און אויסשפּראַך, און פרעגט אַ גרוזינער עולה פאַר וואָס ער שטויסט זיך ביים אַראָפּשטייגן, פאַרוואָס ער וואַרט ניט אויף טורנע. דער עולה, קען נאָך נעבעך ניט קיין עברית, און ברומט עפּעס אונטער אויף זיין לשון. די פרוי פרעגט אים צי מיינט ער אַז ער געפינט זיך אין רוסלאַנד. דאָ ווערט יענער גאָר צעקאָכט און פאַלט אַריין אין גרימצאָרן און אַ צווייטער גרוזינער זאָגט דער פרוי, אַז דאָס וואָס זיי שטויסן זיך האָבן זיי גראַד צו "פאַרדאַנקען" די צבראס. זיי האָבן ביי זיי איבערגע־נומען די דאַזיקע "תורה", ווייל אין רוסלאַנד רעספּעקטירט מען איינער דעם אַנדערן און מען פירט זיך ביז גאָר "סטאַטעטשנע".

מען שרייט, די אויף עברית, דער אויף גרוזיניש, דער אויף אַ צעבראָכענעם עולה־לשון, ביז דער סוף איז געווען אַז דער גרוזינער האָט מיט כעס זיך אַ הייב געטון פון זיין זיצפּלאַץ און איינגעלאַדן דער פרוי זיך זעצן. די פרוי איז נאָך אַלץ באַליידיקט און זאָגט־זיך אָפּ דערפון. איר כוונה, זאָגט זי, איז ניט דאָס זיצפּלאַץ נאָר דער דרך־ארץ... עס מישן זיך אַריין נאָך מענטשן, מען דיסקוטירט, מען אַמפּערט זיך, ביז... די פרוי וויליקט איין און זעצט זיך. עס לייטערן זיך אויס די געמיטער, פאַרט אַ יידישער אויטאָבוס... עס קומען אַרויף צוריק די שמייכלען אויף די געזיכטער, אַזש מיר צעגייען פון הנאה, און אַזוי ווי מיר געניסן פון דער איינ־געשטעלטער שלווהדיקייט, גיבן מיר פּלוצעם אַ פלי און אַ שפּרונג אויפן זיץ־פּלאַץ פון אַ האַסטיקן מאַנעווער פון דעם אויטאָבוס, און מיר טראַכטן שוין פון בענטשן גומל...

הכלל, און בקיצור, אַן אויטאָבוס אין ישראל איז ווירקלעך ווערט געשילדערט און פאַרשריבן צו ווערן און איז עס אַ דאַנקבאַרע טעמע פאַר אַ שרייבער.

אין דער אימפעריע פון רעליגיעזן ציוניזם

ס'איז אונדז לעצטנס אויסגעקומען בייצוזיין אַ רייע טרעפונגען, מסיבות און שמחות אין די רייען פון מזרחי־הפועל־המזרחי און בני־עקיבא, ד.ה. פון דעם רעליגיעזן ציוניזם, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַזאַ רומפול קאַפּיטל אין דער ציוניסטישער געשיכטע און האָט צו פאַרצייכענען געוואַלטיקע אויפטוען און דערגרייכונגען אין דער יידישער מדינה אויפן געביט פון אויסקעמפן אַ פּאָזיציע פאַרן תורה־יידנטום און תורה־יידישקייט, און פאַר ישוב ארץ־ישראל.

איז דאָך די מזרחי־באַוועגונג אויפגעקומען מיט אַן אייגנאַרטיקן פּראָגראַם פון תורה ועבודה, האָט געשאַפן קיבוצים אין דער מדינה, און האָט אויפגעשטעלט אַ ברייטע חינוך־נעץ, דער אַזוי גערופענער ממלכתי־דתי, שטאַטלעך־רעליגיעזער חינוך, וואָס נעמט אַרום טויזנטער תלמידים אין גאַנצן לאַנד, און האָט אויפגעשטעלט די באַרימטע בני־עקיבא־ישיבות, אין וועלכע מען לערנט תורה און אַלגעמיינעם יידישן וויסן, און ווו עס ווערט אויסגעפורעמט אַ דור "צו ג־ט און צו לייט", האָט אויך אויפגעשטעלט העכערע אינסטיטוטן, די בר־אילן־אוניווערסיטעט, א.א.וו. א.א.וו.

לעצטנס פאַרנעמען אויך אַ גרויסע און וויכטיקע ראָל אין דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון התנחלות און התישבות פּאַטריאָטיש געשטימטע רעליגיעזע יונגעלייט, וואָס האָבן אויפגעריכט צוריק די אידיי און די מעשים פאַרן פּאַטערלאַנד, אין אַ צייט ווען אַ סך זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַפּאַטיע און אומדיפערענץ, איז די דאָזיקע יוגנט אַ פיבערנדיקע מיט דער ראָמאַנטיק און צוגעבונדנקייט צום לאַנד פון די אבות אינעם גייסט פון תורה, אַזוי אַז דאָס ברענגט שטאַלץ דער דאָזיקער באַוועגונג, ווען אין אַ צייט ווען יוגנט איז געוואָרן פּאַרמאַטעריאַליזירט און אויסגעליידיקט פון יידישן אינהאַלט און אידייאישקייט, האָט די דאָזיקע יוגנט באַוויזן דאָס פאַרקערטע.

שוין איבעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע יוגנט איז אינהאַלטרייכער, אידעאַליסטישער, און רופט אַרויס צוטרוי און אמונה אין אונדזער צוקונפט.

איז אונדז אויסגעקומען לעצטנס בייצוזיין אַ גרויסע חתונה פון אַ טאָכטער פון אַן אַנפירנדיקן מיטגליד פון דער צענטראַלע פון בני־עקיבא־ישיבות, ווו עס איז זיך צונויפגעקומען די פירערשאַפט פון דער באַוועגונג פון לאַנד, געוועזענע מיניסטאָרן, כנסת־דעפּוטאַטן, ראשי־ישיבות, רבנים, אידעאָלאָגן פון דער דאָזיקער באַוועגונג, און די גאַנצע חתונה איז געווען אַ מוסטער פון תורה און ציון.

דאָס חופה־קידושין איז געווען אין עכט טראַדיציאָנעלן טאָן, אָבער דערביי האָט דער רב געהאַלטן אַ פייערדיקע ציוניסטישע דרשה, און מען האָט פאַרענדיקט מיט אַ געבעט־געזאַנג פאַר ציון, וואָס האָט געריסן און האָט אונטערגעשטראָכן די אונטערלאַגע, די אידייאישע, פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

עטלעכע טעג פריער איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין דער צענטראַלע פון דער בני־עקיבא־באַוועגונג און צו זען די פאַרשיידענע בראַשורן אין די פאַרשיידענע שפּראַכן וואָס זיי געבן אַרויס פאַר די פאַרשיידענע קאָנטינענטן, ווו זיי האָבן אָפּטיילונגען, צו רעדן מיט די אָנפירער פון דער דאָזיקער יוגנט־באַוועגונג, וואָס נעמט אַרום אין איר פּראָגראַם תורה־דערציונג און ציון־טריישאַפט, חלוציזם און ישיבה־חינוך און וועמעס לאָזונגען צעגייען זיך אין דער יידישער וועלט.

און אין עטלעכע טעג אַרום איז אונדז אויסגעקומען ווידער צו בייזיין אַ מסיבה אין דעם מרכז העולמי של המזרחי־הפועל המזרחי, אין דער צענטראַלע פון דער וועלט־באַוועגונג, וואָס איז גראָד געווען געווידמעט פּראָבלעמען פון לאַטיין־אַמעריקע, און דאָס געזעגענען אַ שליח פון דער דאָזיקער באַוועגונג פאַר די דאָרטיקע לענדער.

די דאָזיקע עטלעכע מאָמענטן און באַגעגענישן אינערהאַלב דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער באַוועגונג, סיי דערוואַקסענע ווי יוגענטלעכע, האָט אָנגעגעבן דעם דופק פון דער זעלבער, און האָט געגעבן דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ גאַנצע פאַר־שפּרייטע נעץ, ממש אַן אימפּעריע פון תורה און ציוניסטישע טריישאַפט, אין אַ מאָדערנער חלוצישער אויפלאַגע, וואָס ניט אַלע רעליגיעזע קרייזן זענען דערמיט איינשטימיק, אָבער טראָץ אַלעם, קען מען ניט אָפּלייקענען דים פאַקט וואָס די דאָזיקע באַוועגונג האָט געקראָגן פליגלען און האָט געשלאָגן וואָרצלען אין דער יידישער מדינה און אויף דער גאַרער יידישער וועלט.

ביים איינהאַנדלען אתרוגים

צום ערשטן מאָל קומט אונדז אויס אין ישראל איינצוהאַנדלען אתרוגים, און דאָס איז באַטירלעך אַ זעלטענע יידישלעכע איבערלעבונג און גלייכצייטיק אַ נייע וויוועגץ, וואָס מען פאָלגט נאָך מיט אַ געוויינטלעכן נייגער און אינטערעס ווי יעט־ווערע נייע דערשיינונג און איבערהויפּט וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ טראַדיציאָנעלער דעראייגעניש.

מיר האָבן, למען האמת, שוין געהאַט געזען בעת אונדזערס אַ פּאַריקן באַזוך אין דער מדינה ווי יידן האַנדלען אין אתרוגים אויף דער גאַס ביי לאַנגע אויס־געשטעלטע טישן. זיי קוקן יעדן אתרוג באַזונדער, באַטראַכטן אים פון אַלע זייטן, צי האָט ער ניט קיין פּגימה, וועגן אים אָפּ, זעען זיין צורה, צי איז ער כשר, לויטן דין, און צי איז ער אויך אַ פּרי־הדר.

אָבער דאָס מאָל זענען מיר אָוועק איינהאַנדלען אַ גרויסע צאָל אתרוגים, געוואָרן אַזוי צו זאָגן „הורטאָוונע״ סוחרים פון דעם דאָזיקן יידישן פּראָדוקט.

אַמאָל פלעג אונדז אויסקומען איינצוקויפן אָדער אויסצוקלייבן אתרוגים פאַר אונדזער שול, אָבער אַלץ צווישן קליינע קוואַנטומס, אָבער דאָס מאָל איז עס געווען אויפן גרויסן כמות.

מיר לאָזן זיך אָוועק קיין מאה שערים, און מיר פאָרן טאַקע אויף דער דאָזיקער גאַס, ביז מיר קומען צו צו אַ ראָג, אויף וועלכן עס הענגט אַ גרויסער פּלאַקאַט וואָס ציייגט־אָן מיט אַ פייל צו דער ריכטונג פון דעם און דעם באַקאַנטן אתרוגים־מאַגאַזין. מיר לאָזן זיך אַהינצו און מיר קומען אַריין אין אַ געוועלבטן מאַגאַזין, אַ לאַנגן, וואָס איז בלויז אָנגעשטעלט מיט הונדערטער קעסטלעך אתרוגים פון אַלע סאָרטן, מיט פּאַק־פּאַפּיר און קלאָטשע, מיט קאַרטאָנען צו שיקן אתרוגים א.א.וו.

דער דאָזיקער סוחר שטאַמט פון אַ יחוסדיקער משפחה. זיין זיידע איז געווען אַ באַרימטער רב אין ירושלים, וועמעס נאָמען איז באַקאַנט אין דער יידישער וועלט. דער ייד איז אַ גאַנץ יאָר אַ תבואה־סוחר, האָט אייגענע פּרדסים פון אתרוגים און ימים נוראים־צייט ווימלט עס דאָ און שווימלט עס מיט קונים פון דעם דאָזיקן פּראָדוקט פאַר אינלאַנד ווי פאַר אויסלאַנד.

מיר פאַנגען־אָן די אַרבעט פון אויסקלייבן. דער אתרוגים־סוחר שטעלט פאַר אונדז אָוועק גאַנצע קעסטלעך מיט אתרוגים פון אַלערליי סאָרטן, גרינע, געלע, גרויסע, קליינע, מיט בליטות און גלאַטע, מיט פּיטומס און אַזעלכע וואָס וואַקסן אָן די פּיטומס. ער לויבט אויס די פאַרשיידענע אתרוגים, און יעדעס מאָל געפינט ער אויס אַז אַזאַ אתרוג איז נאָך ניט געווען, אַזאַ הידור, אַזאַ פּראַכט.

די קויפער לאָזן זיך ניט איינרעדן נאָר באַטראַכטן אַליין די סחורה. וועמען עס געפעלט ניט די שפּרענקעלעך, און דער באַאַמטער וואַשט גלייך אָפּ די אתרוגים,

כדי צו ווייזן אַז דאָס גייט אַראָפּ. אַ צווייטער קויפער באַנוצט זיך מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז, כדי צו זיין זיכער אַז דאָס פּינטעלע וואָס ער האָט געזען אויף אַ שיינעם אתרוג, איז אפשר ניט קיין נקב, קיין לעכל. אַ דריטער וועגט אַ קליינעם אתרוג אויף דע וואָג, כדי צו זען אויב ער האָט די נויטיקע צאָל גראַם, לויטן דין.

אַ פערטער העלפט־צו דעם סוחר אויסצולויבן עפּעס גאָר אַ שיינעם גרויסן אתרוג, וואָס דער דאָזיקער נעמט אַרויס פון אַ ספּעציעלן קעסטל, אין וועלכן, ווי ער זאָגט, האַלט ער די סחורה פון ערשטער קוואַליטעט פאַר זיינע גוטע קונדן...

דער סוחר פירט אונדז אַריין אין אַ צווייטן דערנעבנדיקן מאַגאַזין און ווייזט אונדז דאָרטן אויך אתרוגים, נאָך שענערע.

מען הייבט־אָן די אַרבעט פון אָפּטיילן די אויסגעקליבענע אתרוגים, פון פּאַקן זיי, פון איינוויקלען זיי קודם אין קלאָטשע, נאָכדעם דאָס אַריינלייגן זיי אין די קאַרטאָנענע שאַכטלען, נאָכדעם דאָס אויפשרייבן די אַדרעסן אויף די ספּעציעלע קוויטלעך און דאָס אויפקלעפּן זיי אויף די שאַכטלען, און נאָך אַ צוויי שעה, געזעגנט מען זיך מיט דעם סוחר, מיט די געוויינטלעכע ווונטשן פון אַ גוט יאָר, און מיטן געפיל פון האָבן אַריינגעכאַפּט באַצייטנס די מצווה פון איינקויפן די אתרוגים, פון אויסקלייבן גוטע און שיינע פּרי־הדר, כל־זמן עס איז נאָך פאַראַן אַ גרויסער אויסוואַל, און איידער די דאָזיקע ווערן פאַרכאַפּט און צעטראָגן. מיר פלעגן אַלע יאָר איבערלעבן די עמאָטיווע וויוועניץ פון באַקומען אַן אתרוג אָדער אתרוגים פון ארץ־ישראל, אָבער דאָס מאָל זענען מיר געווען ביי די צושטעלער, ממש ביים מקור פון דעם אתרוגים־פאַרקויף, און פאַר אַן עולה חדש, ווי פאַר יעדן יידן וואָס קומט קיין ישראל, איז דאָס זיכער אַ טיפע און יידישלעכע איבערלעבונג.

ראש־השנה אין דעם נייעם ישוב

פֿאַראַיאָרן איז אונדז אויסגעקומען צו זיין, באַלד נאָך אונדזער עליה, ראש־השנה אין דעם מרכז־קליטה אין ירושלים, און היי־יאָר איז אונדז שוין באַשערט געווען צו זיין אין דעם נייעם ישוב ״נוה־יעקב״ פֿון דער אייביקער שטאָט.

איז דאָס אַליין שוין אַן איבערלעבונג און אַן אינטערעסאַנטע דעראייגעניש אין דער נייער מדינה.

די שיל איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ צריף, אַ באַראַק. אָבער דאָ ווילן מיר מאַכן אַ באַוואָרעניש. אַז מיר זאָגן באַראַק, מיינט מען אַז דאָס איז אַ פּרימיטיווער געבוי, אין אַ קלעגלעכן אָרעמען צושטאַנד. אָבער למען האמת, האָבן מיר דאָס אויך געמיינט, ווען מען האָט דאָס געמאָלדן מיט אַ צייט צוריק פֿאַר ימים נוראים. אָבער ווי אַנגענעם איבעראַשט זענען מיר געוואָרן, ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ פֿאַרנעמפּולן העל באַלויכטענעם שיין געפּאַרבטן נייעם באַקוועמען רחבותדיקן זאַל, איינגעריכטעט מיט נייע שטולן, פֿאַרמאַיקאַ־טישן, און אַ גאַנצע וואַנט מיט ברייטע פֿענצטער וואָס לאָזט דורך סיי לופֿט און סיי ליכט, און פֿון וואַנען מען בליקט אַרויס צו דער פּרעכטיקער בערגיקער לאַנדשאַפֿט, אויף וועלכע עס ליגן צעוואָרפֿן אַ סך אַראַבישע דערפֿער.

פֿאַראַן צוויי אַזעלכע גלייכע זאַלן, איינער פֿאַר די מענער און דער צווייטער פֿאַר אַן עזרת־נשים.

דאָס דאַווענען איז זייער אַנגענעם, מיט כּאַראַלע געזאַנגען. ס'איז שטיל, פֿיין, באַלעבאַטיש, ציכטיק און פֿריינדלעך. סיי די נייע עולים, געקומענע פֿון אומעטום, פֿון רוסלאַנד, אַמעריקע, אַרגענטינע, אורוגווײַ, פּערסיע, מאַראָקע, און סיי די צבֿראַס האַלטן זיך היימיש און פֿריינדלעך, אַזוי, אַז די אַטמאָספֿערע איז ביז גאָר אַ וואַרעמע.

היי־יאָר איז ניט געווען קיין ספּעציעלער בעל־תפֿילה, ווייל דער פֿאַראַיאָריקער, וואָס פֿאַרמאָגט אַ היפּשע טענאָר־שטימע, איז אויסגעכאַפּט געוואָרן קיין אויסלאַנד, אָבער נישקשה: קיין מאַנגל אין בעלי־תפֿילה איז ניטאָ אין ישׂראל, און אויף לאַנגע יאָרן איז אַזאַ מאַנגל ניט פֿאַרויסצוזען, ווייל קינד און קייט, די וואָס קומען נאַטירלעך אין אַ שיל, זענען באַהאַוונט אין נוסח התפֿילה, אַזוי אַז עס זענען באַלד געווען טעלעכע אַזעלכע קאַנדידאַטן.

שחרית האָט געדאַוונט אַ טראַדיציאָנעלער אַדוואָקאַט, אַ חרותניק, מוסף האָט דעם ערשטן טאָג געדאַוונט יעגעמס איידעם, אַ יונגערמאַנטשיק ביז גאָר, אַנגעטון אין אַ העמדל און אין סאַנדאַלן, אַלאַ ישׂראל, אָבער ווי איבעראַשט זענען מיר געוואָרן ווען מיר האָבן געהערט זיין סקאַרבאָוון דורותדיקן ימים נוראימדיקן נוסח מיט אַזאַ

נאַטירלעכקייט, אַזש עס האָט זיך גאַרניט געגלויבט אַזעלכעס, ווי אַן אמתער זקן ורגיל.

בעל־תוקע איז דער גבאי פון שיל, אַ געוועזענער אָפיציר פון ארגון צבאי לאומי, מיט אַ שיינעם שופר און מיט הילכיקע קלאָרע תקיעות, אַזש דער שטן האָט זיך קיין איין מאָל ניט אַריינגעכאַפּט אין זיין שופר.

צום ענדע האָט ער מכבד געווען אַ יונגערמאַן, אַ פּרומער, וואָס האָט געענדיקט דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט פון ירושלים. יענער, אַ הויכער דאַרער יונגערמאַן האָט געבלאָזן. פון זיין לאַנגן טונקעלן געדרייטן שופר, אויך קלאָר, מיט האַרטערע טענער פון דעם גבאין, וואָס האָט אַ ברייטן בלאָנדן שופר, און וועמעס קלאַנגען זענען ווייכערע.

דעם "מי שברך" פאַר די יידישע סאָלדאַטן האָט געלייענט איינדרוקספול און דעקלאַמאַטאָריש, ווי ער וואָלט פאָרגעלייענט אַ פּראָקלאַמע, אַ געוועזענער קאָמאַנ־דאַנט פון דער שטערן־גרופּע, וואָס איז שוין אַ צברא פון כמה דורות און וואָס קען אויסגעבונדן די היגע בערגיקע אומגעגנט, לויט די תנ"כישע מקורות.

איינע פון די גוטע און גרעסטע מעלות איז דאָס וואָס מען ענדיקט דאַווענען פרי. צווישן שחרית און מוסף מאַכט מען אַ פּויזע און מען גיט דעם עולם אַ רייכן קידוש פון געטראַנקען און געבעקסן, אַזוי אַז די מתפללים לענען זיך אונטער דאָס האַרץ נאָכן שחרית און קענען מיט אַ בעסערן געמיט אָפּריכטן דעם מוסף...

בפירוש אַ פיינער איינפיר, וואָס מען וואָלט געדאַרפט איינפירן בכל תפוצות ישראל...

צו "תשליך" איז מען געגאַנגען צום אַנטקעגנאיבערדיקן מיליטערישן קאַמפּאַ־מענט, וווּ עס איז פאַראַן אַ וואַסער־ברונעם, היות דאָרט איז אַמאָל געווען אַ יידישער ישוב, און זיי האָבן געגראָבן אָט־דעם ברונעם, און דערביי גיט דער גבאי איבער אינטערעסאַנטע זכרונות פון דעם אונטערגרונט אין דער צייט פון דעם ענגלישן מאַנדאַט, אַזוי אַז אויסער "תשליך" באַקומט דער עולם אַ לעקציע פון אַ פאַרבנרייך יידיש גבורה־קאַפּיטל פון די לעצטע צייטן, וואָס מען האָט טאַקע אויסגעוויקלט אויף דעם פּלאַץ, און מען גייט אַוועק דערהויבענע פון האָבן געפּראַוועט דעם ערשטן ראש־השנה אין דעם נייעם יידישן ישוב אין ירושלים, וואָס ווערט אַריינגעריגלט אין דער טראַדיציע־קייט פון דער ניי־אויפגעלעבטער מדינה.

דעם ערשטן יום־כיפור נאָך דער יום־כיפור מלחמה

אַ שווער, זייער ערנסט יאָר, האָט ישראל דורכגעמאַכט זינט דעם אויסברוך פון דעם יום־כפור־קריג, וואָס האָט אָפּגעשטעמפּלט דאָס גאַנצע לעבן פון דעם ישוב, וואָס האָט אַ צעטרייסל־געטון די היגע ווירקלעכקייט און וועט פאַרבלייבן אַלס אַ בייער ווענד־פּונקט אין זיין קיום־געראַנגל און המשך־שטרעבונגען.

דאָס לאָזט זיך פילן אַ גאַנץ יאָר. ערשטנס איז די מדינה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָביליזירונגס־לאַגער, אויף אַזוי ווייט אַז אַדער מען קומט פון מיליטער־דינסט אַדער מען גייט אַהינצו.

די מלחמה לאָזט זיך פילן פאַרן ישוב איבערהויפּט צוליב דעם פאַרלוסט פון טויזנטער טייערע יוגענטלעכע, און ערשט לעצטנס קומען פאַר טאָג־טעגלעך אויפן הערצל־באַרג, אויפן מיליטערישן בית־החיים, די לוויות פון די מלחמה־קרבנות, און דאָס לאַנד לעבט ווידער דורך דעם קאָשמאַר פון די מלחמה־טעג.

עס קומט אויס אומגלויבלעך, אָבער די יום־כפור־מלחמה איז בליץ־שנעל, אַזוי אומפאַרהאָפט און אַזוי אומגעריכט אַריין אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע און אין אונדזער געמיט. עס זענען שוין דערשינען אַ צאָל ביכער און עס איז שוין געשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור איבער איר.

און ווי אומגלויבלעך איז עס אויסגעקומען די ספּעציעל־פאַרפאַסטע תפילה פון הרב הראשי פאַר די געפאַלענע, וואָס מען האָט געזאָגט צום ערשטן מאָל צו יזכור היי־יאָריקן יום־כפור. אַזוי, אַז דער הייניטיקער יום־כפור איז טאַקע געשטאַנען און־טערן צייכן פון דעם פאַראַיאָריקן הייליקן טאָג, און מענטשן האָבן אפילו, אומבאַ־ווּסטזיניק, געהאַט אַ דערוואַרטונג אין שיין און אָנבליק פון דעם פאַראַיאָריקן קריג.

מיט אַזאַ געפיל האָבן מיר אָפּגעריכט די היי־יאָריקע תפילות אין אונדזער בייעם ישוב, אין צפון־מזרח־ירושלים.

דאָס יאָר איז די שמירה געווען אַ פאַרשטאַרקטע און דאָס גאַנצע פאָלק איז געשטאַנען וואַכזאַם.

אין נוה־יעקב, דער בייער יידישער ישוב, וואָס וואַקסט ראַשיק־שנעל, ווערט באַפעלקערט דורך עולים פון ארבע פינות העולם און דורך צבראַס, האָט זיך יום־כיפור געלאָזט מערקן אַט־דער וווקס.

ערשטנס, די גרויסע צאָל מתפללים. צווייטנס, די טעגלעכע און שבתדיקע שילן, זענען איבערגעפירט געוואָרן אין נייע גרעסערע און באַקוועמערע באַראַקן, און אומעטום איז געווען געפאַקט מיט יידן.

דריטנס, די פאַרשיידענע עדות אויף זייערע כאַראַקטעריסטישע נוסחאות האָבן פיין און געשמאַק אָפּגעריכט די תפילות, און דער יום־כפור האָט זיך געשפּרייט אויף

דער גאַס, צוליב דער באַוועגונגסלאָזיקייט פון די אויטאָס און צוליב דער גרויסער צאָל יידן וואָס האָבן זיך געלאָזט צו און פון די פאַרשיידענע שילן.

ביי אונדז, אין דער אשכנזישער שיל, האָט זיך זייער פיין געדאַוונט אין דעם נייעם לופטיק־רחוהדיקן און באַקוועמען צריף, ד.ה. דעם שיינעם העל־געפאַרבטן באַראַק. די בעלי־תפילות זענען עס דווקא געווען פון די היימישע מתפללים, היות ווי דער ימים־נוראימדיקער חזן איז היי־יאָר געפאָרן קיין אויסלאַנד דאַווענען, אָבער למען האמת האָבן זיי זיך גוט געספּראַוועט מיט זייער ראָל. דאָ קענען אַלע, ממש אַלע היגע, דעם סקאַרבאַווען נוסח־התפילה, און ווען מען איר שיקט־צו ווערט ער ניט נתפעל און ניט פאַרשעמט. ווער בעסער, ווער ערגער, ווער שענער און ניט, אָבער זיי ריכטן־אָפּ די תפילות ווי אַ זקן ורגיל און איר האָט זיך אויף ווען צו פאַרלאָזן. דאָס איז פאַלגלעך אַ געביט, אויף וועלכן מען פילט ניט קיין שום מאַנגל. בכלל איז דאָ, אין ישראל, ניט פאַראַן קיין פּראָבלעם פון דאַווענען און פון שילן. איר קענט זיך אויסקלייבן לויט אייער גוסט און געשמאַק. פאַראַן ערנסטערע פּראָ־בלעמען...

דער טאָג איז געווען אַן אַנגענעמער. מענטשן האָבן דערמאָנט אַז היי־יאָר איז עס, ברוך השם, בעסער ווי פאַראַיאָרן אין דעם דאָזיקן טאָג, און געווונטשן, אַז הלוואי זאָל טאָקע זיין שלום און עס זאָל זיך אָנהייבן די ריכטיקע פרידן־תקופה אויף ישראל און אויף דער וועלט.

מיר האָבן זיך בפירוש אידענטיפיצירט מיט אָט־דעם ווונטש און מיט אָט־דעם איניקסטן פאַרלאַנג וואָס איז אייגנטלעך היינט־צו־טאָג און אייביק די תפילה פון אונדזער פאָלק במשך זיין גאַנצער טראַגישער געשיכטע.

מען האָט געענדיקט די תפילות מיטן געזאַנג פון "לשנה הבאה בירושלים הבנויה"! מען האָט מחדש־געווען די לבנה און מען איז אַהיימגעגאַנגען און שוין אָנגעפאַנגען צו טראַכטן און אָנהייבן די הכנות צו דער סוכה און צום יום־טוב סוכות הבא עלינו לטובה.

ערב־סוכות אין ישראל

אמת איז, אַז די גרויסע פּראָבלעם ביי אַ יידן, און אין ישראל איבערהויפּט, איז האָבן אַ דירה אויף אַ גאַנץ יאָר און ניט די סוכה אויף אַכט טעג. אָבער אַז עס קומט סוכות, פאַרגעסט מען טאַקע, לויטן דין, די דירה, און די דירת־ארעי, די צייט־ווייליקע וווינונג, ד.ה. די סוכה, פאַרנעמט די גאַנצע זאָרג און אויפמערקזאַמקייט.

מיר האָבן טאַקע באַשריבן, אַז ביים אָנקומען אין לאַנד אַריין, זענען מיר געווען עדות פון אַ קויף־אָפּעראַציע פון אַ בוי־אונטערנעמער, ווען די פרוי, אַ פרומע יידענע, האָט זיך געפּרוווט ביי אים אַראָפּדינגען פון דעם דירה־פּרייז, אָנגעבנדיק דעם אַרגו־מענט, אַז די וווינונג האָט ניט קיין פּאַסיקן פּלאַץ פאַר אַ סוכה... נאָר אין ישראל קען אַזאַ "קאָמערציעלער" אַרגומענט אַרויסגעשטעלט ווערן.

און מיר האָבן אויך אָנגעפאַנגען צו טראַכטן וועגן "אונדזער סוכה". ווידער־אַמאָל, איז קינד און קייט אַריינגעטון אין דעם פּראָבלעם פון: ווי ווערט מען אַן אייגנטימער פון אַ וווינונג אין דער מדינה, און איצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווי ווערט מען דער אייגנטימער פון אַ סוכה אין ישראל. ווי בויט מען זי, מיט וואָס פאַראַ מאַטעריאַלן, ווו שטעלט מען זי, וכדומה.

ווי בויט מען זי? קען מען באַנוצן, כידוע, פאַרשיידענע מאַטעריאַלן, ברעטער, גאַנצע דיקטן האָלץ, שפּענער, לייסטלעך, און דאָ גייט־אָן שטאַרק אין דער מאָדע און אין דער רעקלאַמע, און אין דער באַקוועמלעכקייט, דאָס וואָס מען רופט דאָ "סוכה לנצח", אַן אייביקע סוכה. דאָס הייסט אַזעלכע וואָס נוצט אויף אַלע יאָר. מען שטעלט זי צונויף, און נאָך סוכות צענעמט מען זי און מען באַהאַלט זי אויף איבעראַיאָר, און געלייזט די סוכות־פראַגע. פאַראַן אַזעלכע נצח־סוכות פון פאַר־שיידענע גרייס, לויט דער פּרייז און באַדערפעניש, און מיר שמייכלען דערביי. די סוכה איז ביי אונדז אַ סימבאָל פון פאַרגענגלעכקייט, פון וואַקל, אַ "סוכה הנופלת", און דאָ גאָר האָבן מיר אַ "סוכה לנצח"...

און אַזוי אויך "סכך לנצח", וואָס מען דאַרף ניט האָבן די זאָרג אַלע יאָר צו ברענגען און קלייבן, נאָר אַזעלכע ראַגאָזשעס וואָס דויערן יאָרן־לאַנג, זענען שיין און עלעגאַנט און גרינג און באַקוועם אַרויפצולייגן און צו באַהאַלטן.

די צייטונג ברענגט אפילו אין דער הומאָר־זייט אַ בילד פון אַזאַ סוכה, און שטרייכט־אונטער אַז דאָס איז דער איינציקער אופן ווי אַזוי אויסצומיידן די הערשנ־דיקע בוי־פאַרגליווערונג אין דער מדינה...

בכלל, דאַרף מען זאָגן, פילט זיך דאָ דער ערב־סוכות, אפשר מער ווי די אַנדערע ימים טובים. ערשטנס, דער האַנדל און וואַנדל מיט די אתרוגים, מיט די הדסים, מיט די ערבות, מיט סכך. די מוניציפּאַליטעט טיילט אויך אומזיסט סכך און דאָס אַגרי־קולטור־מיניסטעריום ווענדעט זיך צו די תושבים פון דער מדינה, זיי זאָלן בעטן

סכך ביי די געוויסע באַשטימטע אָרגאַניזמען דערצו, ווייל מען זאָל ניט פאַרדאַרבן די ביימער אין ישראל...

מיר גייען דורך דעם שוק מחנה יהודה און דעם שוק און די גאַסן אין מאה שערים. און דאָ "בליט" דער האַנדל פון די ארבע מינים. מען איז פאַרקאַכט, מען קוקט, מען באַטראַכט די אתרוגים, די לולבים, די הדסים, מען קויפט, מען "צעכאַפּט".

דאָס איז אַ מין גרינער "וואָלסטריט", און נאָכדעם זעט איר און איר טרעפט ייִדן גיין באַוואָפנט מיט די ארבע מינים, איילנדיק אַהיים צו די לעצטע הכנות פון דעם יום־טוב. היינט דאָס בויען די סוכות, צי די היימישע סוכות, צי די "לנצח" איז דאָך אַ גאַנצע איבערלעבונג. די פראַגע פון "ווו" צו שטעלן די סוכה איז ביז גאַר אַקטועל און ערנסט. צי אויף דער טעראַסע, מוז מען זיך רעכענען מיטן גרויסן שטאַרקן בערגיקן ווינט, וואָס דראָט איינצווואַרפן דעם גאַנצן געבוי. אַחוץ דעם איז די טעראַסע ניט קיין פלאַכן און גלייכע, מוז מען אונטערלייגן בעלקנס, שטיינער, זי אויסצוגלייכן. צי אויפן טראָטואַר, איז מען אויסגעשטעלט אויפן חסד פון קינדער שטיפערס, און ענלעכע "קאָנסטרוקציע"־פּראָבלעמען, ביז ענדלעך פאַסט מען דעם ענטגילטיקן באַשלוס און מען פאַנגט־אָן צו בויען די סוכה, און עס ווערן אָרגאַנזשירט די בעסטע "כוחות" פון דער משפחה און פון דעם בנין. ווער עס זעגט, ווער עס שטעלט צונויף די פאַרהאַנגען, ווער עס באַזאָרגט מיט עלעקטרישער באַלויכטונג, ווער עס שטעלט־צונויף די ווענט, ווער עס קויפט־איין געצייג, און ווער עס ברענגט שטיינער אונטערצולייגן, א.א.וו.

הכלל, אַ גאַנץ יאָר גייט־אָן פיבערהאַפט דער געבוי פון די וווינונגען אין דער מדינה און איצט, פאַראַלעל דערמיט, איז ממש פיבערהאַפט דער געבוי פון די פאַר־שיידענע סוכות. טאָקע אַנדערע פּלאַנמייסטער, בוי־טעכניקער, אַרבעטער, אָבער דאָך אַ געבוי.

איז לאָמיר טאָקע בעטן, בזכות דעם, אַז דער אויבערשטער זאָל טאָקע זיין דער "הרחמן", דער באַרעמהערציגער פאָטער, וואָס "יקים לנו את סכות דוד הנופלת"!

סוכות אין דער מדינה

סוכות איז דאָך, כידוע, רייך אין דער סימבאָליק. און איבערהויפּט מערקט זיך דער יום־טוב אין ישראל.

ווי האָט אַ רבי געזאָגט: ימים נוראים טוט מען תשובה מיראה, דערפאַר איז מען מקבל סוכות באהבה.

מיר האָבן שוין באַשריבן דעם גרויסן האַנדל־וואַנדל אין דעם "גרינעם" מאַרק, ד.ה. מיט דעם איינקויף פון די ארבע מינים, און וועגן דער צוגרייטונג און דעם געבוי פון די פאַרשיידענע סוכות.

ס'איז געגוג זיך אַדורכשפּאַצירן אין די פאַרשיידענע גאַסן אין ישראל און באַאָבאַכטן מיט נייגער און אינטערעס די פאַרשיידענע סוכות. סוכות שטאַרקע, מיט ברעטער, מיט נייע דיקטן, סוכות פון שטאַנגען און פאַרהענגען, סוכות פון נעץ־לייסטעלעך, מיט בריזענטן, מיט פאַרשיידענעם סכך, פריש־לעבעדיקער און צעגרינ־טער, אָדער האַגאַזשעס, א.א.וו., סוכות גרויסע, קלענערע, גאָר קליינע. סוכות אויף די טראָטואַרן, אויף די באַלקאָנען, אויף די דעכער, ווי מען דערבליקט ווי אַ פאָלק היט־אויף זיין אַלטע טראַדיציע, ווי ער איז עס מקיים מיט אייגענער אַרבעט די פאַרשריפטן פון דער תורה, און ווי די דאָזיקע טראַדיציע באַקליידעט זיך אין די געוואַנטן פון צאַפּלדיקער ווירקלעכקייט.

סוכות דערקענט מען אויך אין די גאַסן ביים צוזען די פּראָצעסיע פון יידן וואָס טראָגן דעם אתרוג און דעם לולב, און עס איז מערקווירדיק די פאַרשיידענע אתרוג־האַלטערס, הילצערנע, מעטאַלענע, זילבערנע, פון פאַרשיידענע מאָסן און מאָדעלן, ווי אויך די ניילאָן־שיידלען און די פּלאַסטישע פון די לולבים, אַזוי אַז עס איז סתם אַ ספּעקטאַקל דער מענטשן־קאַליידאָסקאָפּ טראָגנדיק די ארבע מינים.

היינט אין די פרומע געגנטן, אין מאה שערים און אומגעגנט, איז דער מענטשן־שטראָם זייער יום־טובדיק און חול־המועדיק אין זייערע טראַכטן. מען שפּאַצירט אין די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, אין די שטריימלען און ספּאָדיקעס, מען שטאָט־אָפּ וויזיטן און באַזוכן אין די פאַרשיידענע היימען און סוכות, און מען פילט ווירקלעך דעם יום־טוב. אַ סך קראָמען זענען געשלאָסן, ווייל מענטשן נוצן־אויס די סוכות־טעג צו נעמען זיך פאַרדינטע וואַקאַציעס און פאָרן באַזוכן היימישע, קרובים און באַקאַנטע, אַזוי אַז סוכות ציט מען זיך ווירקלעך אַרויס פון די דירות און מען לאָזט זיך צו פרעמדע סוכות און וווינונגען.

ביי אונדז, אין אונדזער סוכה, געמאַכט אויפן דאַך פון דער פיר־שטאָקיקער געביידע, אַ גרויסע און גערוימע, האָבן גאַנצע דריי שפחות אָפּגעריכט די סעודות צוזאַמען, מיט געזאַנגען, תפילות, אושפיזין און ברכת־המזון. און עס איז געווען אַ דעפילאַדע פון געסט און באַזוכער.

אַט נעמען מיר־אויף אַ רוסישע גאַנצע עמיגראַנטישע משפחה, וואָס איז צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן אין אַ סוכה, און עס איז קענטיק זייער עמאָציע און איבערלעבונג פון זיצן אין ישראל אין אַ פרייער סוכה, אַן מורא און ציטער פאַר דרויסנדיקע אויגן.

אַט נעמען מיר אויף אַ באַזוכער פון אַ צווייטער שטאָט, וואָס איז עולה־געווען קיין ישראל מיט דער שיף "עקזאָדוס", און מיר מאַכן מיט אים אַ "לחיים".

אַט־נעמען מיר אויף אַרגענטינער משפחות פון פריינד, קרובים און באַקאַנטע, און מיר פאַרברענגען גאָר היימישלעך און פילן זיך ווי ביי "זיך אין דער סוכה"...

און אַט־הערן מיר פון אונדזער סוכה אויפשפּילן עפּעס אַ פריילעכע חתונה־מוזיק. מיר גייען צו דעם דאַך־פאַרענטש און מיר קוקן אַרויס אויף דער גאַס, און מיר בלייבן געפּלעפט און אַנגענעם איבערראַשט: אויף אַן אויטאָ, אַ טענדער, איז אויפגעשטעלט אַ שיינע קליינע סוכה, באַהאַנגען מיט פּלאַקאַטן פון "קומט און זייט־מקיים דאָס בענטשן אתרוג".

עס לויפן זיך צונויף קינד און קייט, און מען הייבט אָן אַרויפגיין אין סוכה־אַריין. מען בענטשט אתרוג און מען לאָזט פּלאַץ פאַר די וואָס שטייען אין אַטשערעד און וואַרטן אויך מקיים צו זיין די מצווה.

די פריילעכע חתונה־מוזיק שפּילט די גאַנצע צייט, און ברענגט צו לויפן אַלץ נייע צוקוקער און אַלץ נייע אתרוג־בענטשער, וואָס גייען אַראָפּ פון דער אויטאָ־סוכה גליקלעכע און צופרידענע פון האָבן מקיים־געווען אַ יידישלעכע מצוה, אויף אַזאַ אייגנאַרטיקן אופן.

הכלל: עס איז דאָך אַ יידישע מדינה, מיט יידישער אייגנאַרטיקייט, מיט אַן אויפגעלעבטער אַלט־נייער טראַדיציע, וואָס שטעמפּלט־אָפּ די געמאַרקן און דאָס לעבן אין דעם יידישן לאַנד.

שמחת־תורה ביי די הקפות

ישראל איז דאָך דער מקום־תורה, דאָס וויגעלע פון דער יידישער אורשפּרינג־לעכער קולטור. איז דאָך מער ווי נאַטירלעך אַז אויך שמחת־תורה זאָל דאָ אָפּגע־מערקט ווערן ווי געהעריק. זענען מיר טאַקע געווען ביז גאָר בייגעריק צו זען ווי עס ווערט דאָ־הי געפייערט אָט־דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער יידישער יום־טוב, וואָס איז דער אויסדרוק פון יידישער אָנגעהעריקייט. איז דאָך די תורה אונדזער פאָן און אונדזער לעבנס־וועגווייזערן, און אין איר כּוח ליגט דאָך דער המשך און דער קיום פון אונדזער אומה.

זענען מיר קודם כל געווען אין אונדזער שיל אין נוה־יעקב, ווו די הקפות זענען אַדורך פריילעכער און ענטוזיאַסטישער ווי מיר האָבן געמיינט.

דער פול־געפּאַקטער צריף מיט יידן, פרויען און קינדער האָט זיך געלאָזט משמח־זיין זייער פיין און התלהבותדיק.

די הקפות זענען געווען אַ קייט פון טענץ און יידישע זמירות און שירים, אַלטע און נייע, אויף טעקסטן פון סידור, מחזור און תנ״ך. און די מתפּללים האָבןווירקלעך אַרויסגעוויזן זייער גרויסע קענטשאַפט פון אָט די געזאַנגען, וואָס זענען אונטער־האַלטן געוואָרן דורך אַלט און יונג און זענען דורך זיי אויסגעטאַנצט געוואָרן מיטן פולסטן ברען. דעסטגלייכן שמחת תורה אינדערפרי, ווו מען האָט אַלעמען אויפגערופן צו דער תורה, און די קינדער האָט מען דאָ אָפּגעגעבן דעם פאַרדינטן פּלאַץ אַלס די מאַרגנדיקע תורה־טרעגער. די לעצטע הקפה בייגאַכט האָט מען אָפּגעגעבן די קינדער, און ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן און אַ נחת, ווי זיי האָבן מיט געשמאַק געזאָגט די פזמונות און געטענצלט גאָר מייסטערשאַפטלעך. אויך די ברכות־התורה איז ביי זיי ביז גאָר היימיש, אַזוי אַז דאָס פּילט אַן מיט פאַרדינטן בטחון אויף ווייטער.

אינטערעסאַנט, אַז ניט בלויז די אַלע מתפּללים זענען דאָ היימיש מיטן נוסח־התפילה, נאָר אויך די יונגע בר־מצווה־בחורימלעך ווערן דאָ אָפּט צוגעשיקט צום עמוד אַדער צו קריאת התורה און פּילן־אויס זייער מיסיע מיט פאַרדינטן דערפּאָלג און מיט גרויס קענטשאַפט און פאַרשטענדעניש.

דער עולם מתפּללים האָט זיך ביז גאָר פיין משמח־געווען סיי אין אָוונט ווי אינדערפרי און איז געווען מלא התפּעלות פאַר דעם טראַדיציאָנעלן לעבן וואָס הייבט פון זיך אַליין אַזוי נאַטירלעך און פיין אויפגיין אין דער נייער ישראלדיקער אַרטשאַפט.

מוצאי־שמחת־תורה האָבן מיר געוואָלט זען די הקפות שניות, די גרויסע פריידיקע פייערונגען וואָס ווערן דורכגעפירט אין די פאַרשיידענע געגנטן ווי אין די פאַרשיידענע שילן, ישיבות און מוסדות, מיט אָרקעסטערס, טענץ, געזאַנג, א.א.וו.

אַנטקעגן אונדזער וווינונג זענען פאָרגעקומען די הקפות שניות פון נוה־יעקב. דער עולם האָט זיך גענומען זאַמלען, עס האָט אויפגעשפּילט אַן אָרקעסטער פאַר־

שיידענע טראַדיציאָנעלע שירים, אַ יינגעלע האָט זייער באַהאַרצט און מיט אַ שיין קלינגעוודיק קול גענומען אויסזינגען די דאָזיקע שירים און דער עולם האָט גענומען און זיך אַריינגעדרייט צום טאַקט אין טענץ.

מיר פאָרן אין צענטער פון ירושלים בכדי אַריינצוכאַפּן וואָס מער. מיר קומען־אָן צום ככר השבת. די באַוועגונג איז אָפּגעשטעלט, און עס איז צונויפגעדרענגט אַן עולם פון טויזנטער יידישע יידן פון דער געגנט פון גאולה און מאה שערים. דער אַקט איז אָרגאַניזירט דורך דער אגודת־ישראל, און מיר נעמען־אויף ווי מיט אַ פילם־אַפּאַראַט אין אונדזער ראיה דעם קאַליידאָסקאָפּ פון דעם פאַרזאַמלטן און פאַרביימאַרשירנדיקן יידישלעכן עולם. יידן מיט שטריימלעך, אַטלעסענע קאַפּאָטעס, ספּאָדיקעס, בערד און פּיאות, קינדער מיט זייערע ״מאָטל דעם חזנס״ טראַכטן, קינדער אין די וויגעלעך, פרויען מיט זייער צניעותדיק עלעגאַנטן לבוש. עס ווערן אויסגע־הערט רעדעס פון די אגודה־מנהיגים, עס ווערן אייגעלאַדן אויף דער בינע געסט פון אויסלאַנד, פון אויסטראַליע, פון בעלגיע, מעקסיקע, אַמעריקע, א.א.וו. און צווישן איין רעדע און די אַנדערע שפּילט אַ גוטער אָרקעסטער געשמאַקע יידישע ניגונים און עס קרייזן זיך וואָס מערער טאַנצענדיקע רעדלעך אינמיטן דעם מענטשן־גע־קנויל אויף דער גאַס.

דער אָוונט איז אַ קיל־אַנגענעמער און עס גלוסט זיך פּשוט ניט אַוועק פון דעם גראַנדיעזן ספּעקטאַקל.

דער ערשטער רעדנער וואָס האָט געעפנט די תורה־דעמאָנסטראַציע טייטשט־איין אַז ״אין שמחה אלא תורה״, אַ שמחה מיינט מען תורה, און אַז מיט אָט־דער שמחה האָפט מען צו פאַרגרעסערן די צאָל תורה־לערנער אין די ישיבות.

מיר פאָרן ווייטער און מיר זעען אויף אַן אַנדער מאַניפעסטאַציע אויף דער בינע אַ גרופּע חסידים וואָס פירן־אויס מייסטערהאַפט חסידישע טענץ, מיט גרויס בריה־שאַפט און קונסט.

מיר לאָזן זיך דורך די געסלעך פון מאה שערים, וווּ מען קען אָנטאַפּן יידישקייט מיט די הענט. אַ סך איינוווינער האַלטן אין צענעמען די שיינע סוכות און אַנדערע שטייען נאָך אין זייער פולער פּראַכט.

מיר לאָזן זיך ווייטער פאָרן ווען מיר טרעפן־אָן אַן העל־אילומינירטע אָריגי־נעלע שיינע נייע געביידע, וואָס וואַרפט־זיך אין די אויגן מיט איר אָריגינעלער אַרכי־טעקטאָניק. מיט ברייטע אילומינירטע פענצטער און דאַך־פליגלען, אויך באַלויכטענע. מיר קומען אַריין און מיר טרעפן־אָן אויף אַ ישיבה פון די חב״דער חסידים, וואָס פּראַווען הקפות שניות. עס שפּילט אַן אָרקעסטער, מען טאַנצט און עס וואַרפט זיך אין די אויגן קינדער וואָס טאַנצן מיט פלעשער וואַסער אויפן קאָפּ און האַלטן־אַן גלייכגעוויכט, די דאָזיקע פלעשער זאָלן ניט אַראָפּפאַלן.

שוין שפּעט אין אָוונט לאָזן מיר זיך אַהיים. פון דאָ און דאָרטן טראָגן זיך אָר־קעסטער־קלאַנגען, וואַרפן זיך באַלויכטענע לעמפּלעך פון גאַסן־פייערונגען, און מיר נעמען מיט אינעם געמיט דעם אַנגענעמען איינדרוק פון אַ פאָלק וואָס פרייט זיך מיט זיין אַלטער און שטענדיק־נייער תורה, פון וועלכער עס שעפּט אמונה און אינספּיראַציע אָנצוגיין מיטן דורותדיקן יידישקייט־שטייגער.

אויף אַ גרויסאַרטיקער בר־מצווה פייערונג

מיר האָבן שוין באַשריבן פּריוואַטע ווי קאָלעקטיווע בר־מצווה־פייערונגען, אָבער דאָס מאָל איז אונדז אויסגעקומען בייצוזיין אין ירושלים אַ גרויסאַרטיקע בר־מצווה־שמחה, וואָס איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער גייסטיקער עליטע פון דער מדינה.

מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צוצוזען די נחתדיקע דערשיינונג פון דריי דורות יידן וואָס גייען אויפן זעלבן שיינעם טראַדיציאָנעלן וועג. דער זיידע, אַ טייערער חסידישער ייד, אַ בוי־אונטערנעמער, אַ "בונה ירושלים", אין דער הייליקער און אייביקער יידישער הויפּטשטאָט, זיין זון, אַ ראש־ישיבה, אַ שיינער פרומער חסידישער יונגערמאַן, און זיין אייניקל, דער בר־מצווה־בחור, אַ תלמיד פון אַ באַקאַנטער ישיבה אין בית־וגן, די רעזידענציעלע ירושלימער פרומע געגנט, ווו די דאָזיקע דריי דורות באַוווינען.

אַלע דריי דורות האָבן געשיינט. שיינע יידן, מיט קאַפּאָטעס, בערד, עלעגאַנט, און דאָס אייניקל, דער בר־מצווה, אַ צעשמייכלטער, האָט אויפגענומען די באַגריסונגען פון די הונדערטער געסט, גענומען די געשאַנקען און געדאַנקט אַזוי געשיקט, אַפּנים אַז ער איז עס באַהאַוונט אין "פּאַבליק־רילייישנס", אין צווישנמענטשלעכע באַציונגען.

און געקומען זענען, ווי געזאָגט, פון דעם שענסטן און בעסטן פון ירושלים. חסידישע רביים, דער ראַדזינער רבי, דער טאַלנער רבי, רבנים, ראשי־ישיבות, כנסת־דעפּוטאַטן, שטאָט־אָנפירער, פּראָפעסאָרן, אין די פאַרשיידענע טראַכטן, מיט שיינע בערד, רבנישע טראַכטן, קאַפּאָטעס, אָט בין איך געבליבן געפלעפט, צו זען אַן אָנפירער פון דעם מיטל־שול־וועזן פון דער ירושלימער מוניציפּאַליטעט, וואָס מיר קענען פון זיין ביוראָ מיט אַ ווייסן העמד און קליינע שפּיץ־קאָפּ־יאַרמולקע, אָנגעטון אין אַ קאַפּאָטע און חסידישן הוט.

עס האָבן זיך אָנגעזען שיינע יידישע קינדערלעך און עס איז געווען ביז גאָר אַ חשיבותדיקער אַמביענט.

ממש אַ פאַרביימאַרשירנדיקער מענטשן־קאַליידאָסקאָפּ פון יידישלעכע יידן, פון דעם געהויבנסטן יחוס. יעדער איינער ממש אַ שושלת־יוחסין, סיי זכות־אבות ווי יחוס עצמו.

דער זאַל עלעגאַנט, די געסט דעסטגלייכן, די סעודה עסטעטיש געגרייט און די אַטמאָספער פון גייסטיקער שיינקייט און חשיבות.

דער בר־מצווה־בחור "אַרבעט" אַנטענסיוו ביים אויפנעמען די באַגריסונגען און מתנות. נאָך אַ גליק וואָס ער האָט אַ געטרייען און ווירקזאַמען "געהילף", זיין יונגערער שיין ברודערל, וואָס פירט־אָפּ אַלעמאָל די געשאַנקען אויף אַ "זיכער" פּלאַץ, בעת דאָס יינגערע שוועסטערל האָט זיך אינזינען אירע "געשעפטן". זו קומט אַלע־

מאָל צו פרעגן, ווען וועט מען שוין צעשניידן און אָנהייבן עסן דעם ספּעציעלן גרויסן בר־מצווה־טאָרט...

דער בר־מצווה־בחור הייבט־אָן האַלטן זיין לומדישע דרשה מיטן טאָן און קנייטש פון אַ ווייסער, און ווי מען פירט זיך, רייסט מען אים איבער און מען באַגריסט אים. דער בחור פאַרמאָגט אַ זיסן געלאַסענעם און געדולדיקן שמייכל, אַ קלוגן בליק און אַ פאַרשטאַנדיקן אויסדרוק, וואָס וועקט צו אים סימפּאַטיע.

מיר כאַפּן דערווייל אַ שמועס מיט די פאַרשיידענע געהויבענע געסט. אויפן ערשטן פּלאַץ, נעמט אונדז אויף מיט גרויס פרייד און אויפמערקזאַמקייט דער ראַדזינער רבי, נאָך וועמעס שוועער, דער רבי ר׳ מרדכי־יוסף אלעזר זצ״ל, דער זון פון דעם בעל־התכלת, ר׳ גרשון העניך זצ״ל, טראָגן מיר אונדזער נאָמען. אויך דער בר־מצווה־בחור הייסט נאָך אים. אויך שמועסן מיר מיטן טאַלנער רבין, וועמעס משפּחה־נאָמען איז טווערסקי, און עס קומט אויף אַ שמועס איבער די טווערסקיס, איבערן טריסקער רבין ר׳ משהלע זצ״ל, וואָס איז געווען אונדזער סנדק.

מיר האָבן זיך גאָרניט געריכט צו האָבן אַזאַ מין פּריוואַטע געלעגנהייט, פאַרבונדן מיט אונדז זעלבסט, דווקא צו טרעפן מיטאַמאָל אויפן בר־מצווה־יום־טוב.

און ווי שיין איז דער מאָמענט, ווען די דריי דורות, דער זיידע, זיינע קינדער און די אייניקלעך הייבן אָן אויפצוזינגען מיט שיינע שטימען און חסידישן געפיל חסידישע מאַרשן, וואָס ווערן אונטערגעהאַלטן פון די בייזיצנדיקע, און דער ניגון הייבט זיך אָן צעגיין איבערן זאַל, הייטערט־אויף די אָנוועזנדיקע געסט וואָס שטעלן זיך־אויף און קייטלען־זיך איין אין אַ חסידישן ריקוד, צוזאַמען מיט די רביים און רבנים.

אויב עס איז פאַראַן שיינקייט אויף אַ בר־מצווה־יום־טוב, איז זיכער דאָ געווען ווי אין מדרש שטייט: ״צען מאָס שיינקייט זענען אַראָפּ אויף דער וועלט, און גאַנצע ניין האָט גענומען ירושלים״. אויך אין דעם זין האָט זיך דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער בר־מצווה־יום־טוב אויסגעצייכנט מיט גאַנצע ניין מאָס יידישער שיינקייט, חן און פּראַכט.

אויף אַן אייגנאַרטיקער ייִדישקייט־פאַרזאַמלונג

נוה־יעקב, אונדזער אָרטשאַפט, איז אַ נייע געגנט אין צפון־מזרח־ירושלים, און פיליכט איז דאָס צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע וואָס דאָ איז אויפגעקומען אַ באַפעלקערטער מענטשלעכער פונקט בכלל. דאָס אָרט ליגט איבער ברייטע בערג־אָפּהאַנגען און פלאַכן, איז געבויט ברחבות־ידים, פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקע קילע בערגיקע לופט, ווי עס וואָלט דאָ געווען ממש אַ דאַטשע־פּלאַץ. אינגאַנצן אַ יאָר אַז עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָ דער באַפעלקערונגס־פּראָצעס, און עס איז ראַשיק אויפגעקומען אַ שיינע שטאָט, וואָס ציילט שוין ביי די צען טויזנט נפשות, און אין דער צוקונפט וועט עס אי״ה ציילן ביי די פערציק טויזנט און וועט זיכער זיין די רעזידענציעלע געגנט פון ירושלים.

אָבער אויסער דער פּרעכטיקער נאַטור־ראָם וואָס איז אַ באַלזאַם פאַרן געמיט און אַן אינספּירירנדיקער באַרואיקנדיקער פאַקטאָר פאַר יעדן איינוווינער, וואָס קען דאָ שעפּן עמערס לופט און נאַטור־פּייסאַזש, זענען מיר עדות פון דער אַנטוויקלונג און בוי פון דער דאָזיקער ווייטער געגנט. און עס אינטערעסירט אונדז אויך ווי וועט דאָ אויסזען דער גייסטיקער קלימאַט פון דער דאָזיקער זיך בויענדיקער שיינער געגנט.

דאָ, דאַרף מען וויסן, איז ממש אַ קיבוץ־גלויות. ייִדן פון גרוזיע, פון בוכאַרע, פון רוסלאַנד, לעטלאַנד, אַרגענטינע, מאַראָקע, אורוגווייַ, פראַנקרייך א.א.וו. באַוווינען די געגנט, אַזוי אַז עס אָטעמט מיט דערוואַרטונג, ווער וועט געבן דעם קאָלאָריט און דעם טאָן אין דעם דאָזיקן נייעם ישראלדיקן ראַיאָן.

און ווי אָנגענעם איבערראַשט ווערן מיר אַלעמאָל, וואָס מיר זעען ווי עס וואַקסט דווקא די טראַדיציאָנעלע באַפעלקערונג, צווישן די ספרדישע ייִדן, גרוזינער, פּערסער, בוכאַרער און איבערהויפּט צווישן די צבראס גופא.

מיר האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן באַקענען מיט אייניקע פון זיי און זיי געטראָפן אויף פאַרשיידענע פלעצער.

דאָס איז אַן אינטעליגענטער געבילדעטער עלעמענט. איינער פון זיי איז אַ קאָמפּיוטער־טעכניקער, איינער — אַ מעדיצין־סטודענט, אַ צווייטער אַן אַדוואָקאַט, אַ דריטער — דער אויפזעער איבער דעם עקזאַמענס־דעפּאַרטאַמענט ביי דער העברעישער אוניווערסיטעט, אַ פּערטער אַן עקאָנאָמיסט וואָס אַרבעט ביי דער ייִדישער אַגענץ, א.א.וו. אַלע יונגעלייט, אשכנזים און ספרדים, צבראס פון אייניקע דורות, אָפּהיטער פון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, קומען לערנען אַ גמרא־שיעור צוויי מאָל אַ וואָך און זאָרגן פאַר די רעליגיעזע נויטן פון דער געגנט.

זענען זיי באַזאָרגט וואָס עס איז נאָך ניטאָ קיין עירוב, קיין מקווה, קיינע סטאַבילע שילן, און לעצטנס האָבן זיי אָנגעהויבן אַן אַקטיוון קאַמף צו סאַנירן די דאָזיקע

סיטואַציע. זיי זענען אַרויס מיט אַ גרויסן אַנאָנס אין די היגע צייטונגען, קעגן דעם פאַקט וואָס אַזאַ גרויסע באַפעלקערונג האָט נאָכניט צו איר פאַרפיגונג די דאָזיקע נויטיקע וויטאַלע הצטרכותן פון אַ יידישן ישוב, האָבן שטאַרק אַטאַקירט דעם רעלי־גיעזן ראַט פון ירושלים פאַרן ניט זאָרגן דערפאַר, און האָבן געמאָלדן אַז זיי וועלן אַרויס אין די טויזנטער אין אַ דעמאָנסטראַציע.

דער רעליגיעזער ראַט האָט זיך געפילט געטראָפן דערפון, איז אַרויס אָפּלייקנ־דיק זייער באַשולדיקונג, און פאַרגאַנגענע טעג איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמע זיצונג וועגן דעם פון די פאָרשטייער פון דעם ישוב און דעם פרעזידענט און וויצע פון דער מועצה דתית, דעם רעליגיעזן ראַט פון שטאָט ירושלים.

איז דאָס געווען, זאָג איך אייך, אַ נחת און פאַרגעניגן צו הערן, מיט וויפל פייער, איבערציינגנדיקע אַרגומענטן און מסירות פאַר יידישקייט, די יונגע צבראַס האָבן עס געפאָדערט די איינריכטונג פון די דאָזיקע רעליגיעזע עלעמענטן, ווי די מענער און אייניקע פרויען האָבן געפאָדערט שילן, אַן עירוב צו קענען טראָגן שבת, איבערהויפּט די פּיצלעך קינדער וואָס גייען ניט, און קענען קומען מיט זיי שבת אין שיל. די פאָרשטייער פון רעליגיעזן ראַט זענען אַזוי באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער פאַרזאַמלונג, אַז זיי האָבן גאָר פאַרגעסן אין זייער אייגענער קריוודע. אויף אונדזער פאָרשלאָג איז גאָר באַשלאָסן געוואָרן אַז אַ געאייניקטע דעלעגאַציע פון ביידע פאַקטאָרן, ד.ה. פון די תושבים פון נוה־יעקב ווי פון דעם רעליגיעזן ראַט, זאָלן צוזאַמען בילדן איין קאַמף־פראָנט אויסצוקעמפן ווי אַמשנעלסטן דאָס איינ־שטעלן די דאָזיקע דינסטן, און אויב נויטיק וועט דער רעליגיעזער ראַט זיך גאָר שטעלן בראש פון אַ מאַניפעסטאַציע פאַר יידישקייט אין נוה־יעקב...

— נו, וואָס זאָגט איר אויף אונדזערע טייערע יידן? — פאַרט יידן. און גיי שאַץ אָפּ אַ יידישע נשמה. אַזוי, אַז עס איז צו האָפן אַז נוה־יעקב, דער נייער אויפקומענ־דיקער שיינער פונקט אין ירושלים, וועט אויך ווערן אַ פונקט פון יידישקייט אויף דער ישראלדיקער מאַפּע.

הימל און ערד און דעוואַלואַציע

אונדז איז שוין אויסגעקומען דורכצומאַכן דעוואַלואַציעס אָבער ניט קיין אַזעלכע דראַסטישע ווי עס איז געווען לעצטנס אין ישראל, ווען דער פונט איז געפאַלן אויף זעקס פאַר אַ דאָלאַר, און מיר זענען געווען עדות פון דעם אַפּקלאַנג, פון דער אויפ־טרייסלונג פון דער גאַנצער מדינה.

די פילאָלאָגן זאָגן אַז לחם און מלחמה זענען פון איין שורש. ווייל פאַר ברויט מוז מען קעמפן איבעראַל און נאָכאַנאַנד, און די מאַטעריאַליסטן באַהויפּטן אפילו אַז די מלחמות זענען צוליב ברויט אויף דער וועלט.

און ווער עס איז איצט אין ישראל, אין דער אָנגעצויגענער פּאָליטישער לאַגע נאָך דעם יום־כיפּור־קריג און אין דער געשפּאַנטער עקאָנאָמישער סיטואַציע, פילט טאַקע אַז לחם און מלחמה זענען גאָר נאָענטע מחותנים, ניט נאָר אין דעם דיקדוק־שורש נאָר טאַקע אין דער גרויער ווירקלעכקייט פון דער יידישער מדינה.

די דאָזיקע דעוואַלואַציע האָט ממש אויפגעציטערט דאָס לאַנד און די פאַר־שיידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

ווער עס האָט געזען ווי מען האָט ממש ווי היישעריקן באַלאַגערט די שפּייז־קראָמען און זיי אויסגעליידיקט פון די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, ווי אויך די מלבושים־געשעפטן, ווער עס האָט צוגעקוקט ווי די אַרבעטער־מאַסן האָבן מאַני־פעסטירט קעגן דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, ווער עס האָט געהערט באַגרינדן דעם דראַסטישן שריט פון דער ווייטיקלעכער עקאָנאָמישער אָפּעראַציע פון דעם ראש־ממשלה, דעם פינאַנץ־מיניסטער און אַנדערע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן, ווער עס האָט געהערט די קאָמענטאַרן פון ספּעצן אויפן עקאָנאָמישן געביט, געלייענט די קאָמענטאַרן אין די צייטונגען, אויפגעכאַפּט די שמועסן און רעאַקציעס פון די מענטשן אין גאַס, האָט געפילט און אַרויסגעשפּירט אין זיין גאַנצער גרויס און טיף דעם דאָזיקן טראַנסצענדענטאַלן שריט אויפן עקאָנאָמישן און חיונהדיקן לעבן פון דעם לאַנד. ווי אַ דונער אינמיטן טאָג האָט אינדערפרי געטראָפן די ידיעה אין דער ראַדיאָ און אין די צייטונגען, און מענטשן זענען פּשוט פאַרטשמעליעט געוואָרן.

נאָך קיינמאָל ניט געזען און געהערט אַזאַ פּלוצימדיקן און דערשיטערנדיקן באַשלוס פון דער רעגירונג.

פונקט ווי מיר זענען איבערראַשט און באַטויבט געוואָרן פון דעם פּלוצימדיקן אומדערוואַרטן אויסברוך פון דער יום־כיפּור־מלחמה, אַזוי זענען מיר באַטויבט געוואָרן פון דעם אויסברוך פון דעם לחם־קלאַפּ, פון דער דעוואַלואַציע און די קייט פון אויסשטראַלונגען און אויסווירקונגען וואָס דאָס האָט מיטגעבראַכט. דאָס ערשטע מאָל אַז די דעוואַלואַציע האָט גלייך געבראַכט מיט זיך אַ קאַפּשווינדלערישע שטיי־גערונג פון די פּרייזן פון אַרטיקלען פון ערשטן געברויך ווי אַלץ אין אַלגעמיין,

ווי דאָס וואָלט געווען אַ גוט דורכגעטראַכטער און אויסגעמאָסטענער פּאַרטומלדיקער קלאַפּ, פון וועלכן מען קומט ניט אַזוי גיך צו זיך. זעלטן אַז אַ ידיעה האָט זיך אַ שניט געטון אויף אַלעמען ווי די איצטיקע עקאָנאָמישע מאַסנאָמע, אַזוי ווירקנדיק און אַזוי פּאַרכאַפּנדיק. געגוג צו זאָגן אַז די טעגלעכע טעלעוויזיע־בייעסן, וואָס ברענגען פאַרשיידענע ידיעות פון דער מדינה און פון דער וועלט, זענען אין דעם טאָג פון דער דעוואַלואַציע אָפּגעגעבן געוואָרן בלויז דער טעמע און אירע אויס־ווירקונגען. אַז אפילו קיין פּאָליטישע נייעס האָט מען ניט איבערגעגעבן, און דאָס אין אַ צייט פון אַזאַ געשפּאַנטער לאַגע, פון אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס, פון אומגינסטיקע קאָניונקטורן פאַר ישראל.

הימל און ערד און... דעוואַלואַציע.

דער דאַזיקער טאָג האָט זיכער אַריינגעשריבן אַן אומגעוויינלעכן בלאַט אין דער עקאָנאָמישער און אַלגעמיינער געשיכטע פון דער מדינה. מיר געדענקען ניט אַזאַ צעטרייסלונג און אויפצאַפּל.

און מען האָט דערפילט אין דער פולסטער מאָס, און עס האָט זיך איינגעשניטן אין געמיט דאָס געפיל אַז מיר לעבן אין גורלדיקע אויסנאַמלעכע טעג פאַר אונדזער קעגנוואַרט און פאַר אונדזער צוקונפט, און אַז מלחמה איז ״תרתי משמע״, מיינט מען טאַקע ביידע, הגם פון איין שורש: מלחמה און לחם, ד.ה. קאַמף פאַר ברויט און דער דאַזיקער ברויט־קרבן צוליב דעם מלחמה־צושטאַנד פון דעם לאַנד.

טעג פון אויפטרייסלונג און שפּאַנונג

בלי שום ספק, לעבט אונדזער מדינה איבער גורלדיקע טעג אין איר געשיכטע אויף אַלע געביטן, סיי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, סיי מיט די אַרומיקע שונאים, ווי אויפן אינערלעכן פראָנט.

פון איין זייט די נאָכאַנאַנדיקע טעראָריסטישע אָנפאַלן און רציחות, וואָס לאָזן איבער אומאָפּמעקבאַרע שפּורן אויפן געמיט פונעם ישוב, פון דער צווייטער זייט די אומגינסטיקע אינטערנאַציאָנאַלע אויסוויקלונגען בנוגע ישראל, דאָס אונטערוואַרפן זיך דעם דרוק פון נאַפט און דאָס פאַרוואַרפן די מיגדסטע אידעאַלן פון צדק, פון יושר, אַזוי אַז דער מאָדערנער מענטש האָט דעם איינדרוק אַז מען קערט זיך אום צו אוראַלטע צייטן פון באַרבאַריזם.

פון דער צווייטער זייט, די גרויסע באַוועגונג פון התלהבות, וואָס האָט אַריינ־געשריבן אַ גאָלדענעם פּאַטריאָטישן בלאַט און האָט אַרויסגעהויבן אונדזער בעסערע יוגנט, וואָס איז אויסגעוואַקסן טריי די אידעאַלן פון תורה און פון ציון, און פאַר וועמען ביידע זענען הייליק און טייער. גלייכצייטיק פילט זיך די גרויסע עקאָנאָמישע אויפטרייסלונג, אין שייכות מיט דער אַנטוואָרטונג פון דעם ישראלדיקן פונט און פון דעם אויפשרויף פון פּרייזן איבער די פאַרשיידענע אַרטיקלען, און„ דער גראַנגל פון די אַרבעטער־מאַסן צו קריגן אויך העכערונג פון די אַרבעטס־לוינען, בכדי צו דעקן כאָטש טיילווייז דעם גרויסן הערשנדיקן יקרות.

ביז גאָר אויפטרייסלענדיק איז געווען דער איבערפאַל פון די טעראָריסטן אין בית־שאן, די ריירנדיקע סצענעס פון צער און צאָרן, די פאַריתומטע קינדער וואָס זענען פּלוצים באַרויבט געוואָרן פון זייערע עלטערן, און דאָס האָט אויפגעצאַפּלט דעם ישוב און אים וואַכזאַם געמאַכט איבער די לויערנדיקע געפאַרן.

מענטשן מעלדן זיך צו דער ציווילער גוואַרדיע, בעטן זיך אויסצולערנען שיסן און קענען האַלטן געווער אין דער האַנט, בכדי ניט צו בלייבן שוצלאָז אין אַנבליק פון די רוצחישע אַפּעטיטן פון די בלוטדורשטיקע און מערדערישע איבערפאַלער, וואָס זענען גרייט צו שפּרייטן פאַרניכטונג צווישן דער באַפעלקערונג.

מענער און פרויען פון אַלע עלטערס האָבן זיך געמאָלדן צו לערנען האַלטן אַ געווער אין האַנט, און יונג און אַלט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ציווילער וואַך אין די פאַרשיידענע ישובים פון דער מדינה.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט אַ טאָג ווער אַלץ קומט זיך לערנען שיסן און ווער עס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין משמר אזרחי (ציווילע וואַך), און עס האָט פאַר אונדז פאַר־ביימאַרשירט אַ בונטפאַרביקער מענטשן־קאַליידעסקאָפּ.

אָט גייט אַ באַקאַנטער אינטעלעקטואַל, אַ מחבר פון פאַרש־ביכער איבערן ציוניזם. אָט שפּאַנט אַ יונגער ראש־ישיבה מיט צענדליקער פון זיינע תלמידים. אין

אַ היפּשער ווײַלע אַרום זענען מיר דעם הדרת־פּנימדיקן ראש־ישיבה, מיט דער שוואַרצער באָרד און שוואַרצער קאַפּאָטע און אַ ביקס איבערן אַרעם, און מיר שטייען פֿאַרגאַפֿט פֿון דעם אויסטערלישן בילד. למען האמת, האָבן מיר שוין געזען רבנים און ראשי־ישיבות מיט ביקסן, אָבער אין זייערע מיליטערישע מונדירן, און איבעריק צו זאָגן אַז אַזאַ "סאָלדאַט" ווײַעט אייך אָן מיט וואַרעמקייט און ייִדישן ספּעציפֿישן חן, אָבער האַלטן אַ ביקס איבער אַ קאַפּאָטע ממש, אָנגעטון אין אַ האַרטן גרויסן קאַפּעליוש פֿון אַ ישיבה־מאַן האָבן מיר נאָך ניט געזען. אַזוי, אַז עס איז ממש געווען אַ ספּעקטאַקל ווי דער יונגער באַבערדלטער ראש־ישיבה, איז געגאַנגען מיט אַזאַ שטאָלצן גאַנג האַלטנדיק די ביקס אין דער האַנט. איר האָט ממש געהאַט פֿאַר זיך "סייפא וספרא", די ביקס און דעם ספר צוזאַמען.

איז דאָך אַ מצווה דער "הבא להרגך — השכם והרגו!" "אויב מען קומט דיך, חס וחלילה, טויטן, איז פֿעדער זיך און טויט יענעם", און דער ראש־ישיבה האָט טאַקע אין דעם זין געבראַכט זײַן גאַנצע ישיבה־כּתה זיי אײַנצואיבן צו פֿאַרטיידיקן זיך און פֿאַרטיידיקן מענטשלעך לעבן אין דער מדינה, וואָס דאָס איז אַ טייל פֿון די תּורהדיקע פֿאַרשריפֿטן, איבערגעזעצט אין דער פּראַקטיק.

און דאָרט ווו מען לערנט זיך שיסן, זעט אויס ממש ווי אַרויסגענומען פֿון אַ פֿילם־פּאַנאָראַמע, אַזוי שיין און גן־העדנ'דיק איז דער פּייסאַזש, אַזוי אידיליש און פּאַסטאָראַל, אַזוי אַז די גאַנצע שיס־איבונג קומט אויס ווי אַ דיסאָנאַנס.

אָך, טראַכט מען דערבײַ: מענטשן וואָלטן דאָך געקענט לעבן אַזוי שיין, במנוחה, בשלום, דאָס לאַנד וואָלט דאָך ממש געווען אַ גן־עדן, אַ פּראַכט, און דאָ מוז מען גאָר זיך לערנען ווי צו פֿאַרטיידיקן דאָס שטיקל לעבן און קענען זיך ווערן קעגן מערדערישע אָנפֿאַלן פֿון אַזעלכע וואָס זייער גאַנץ וועזן איז אַרײַנגעטון אין חורבן און פֿאַרניכטונג. אָבער די גרויעווירקלעכקייט איז גאָר אַן אַנדערע. דער ישוב ווי די וועלט איז אויפֿגעטרייסלט און צעטרייסלט. ניט די ציוויליזאַציע, ניט דער קאָמ־פֿאָרט, ניט די טעכניק, וואָס וואָלטן געקענט אַרײַנברענגען מזל־ברכה דער מענטש־הייט, זי גליקלעך מאַכן, ווירקן אָבער גאָרניט און דער מענטש שאַרפֿט ווײַטער זײַן שווערד, זעט גאָרניט דעם וווּנדער און שיינקייט פֿון ג־ס באַשאַף און זעצט פֿאַר זײַן שלעכטן גאַנג אויפֿן ערד־קײַלעך...

חן־גריבלעך פון ישראל

די מדינה איז טראָץ דער גרויסער הערשנדיקער שפּאַנונג, פּאָליטישע און עקאָ־נאָמישע, פול מיט חן־גריבלעך אויף טריט און שריט, וואָס גיבן צו איר פּנים אַ ספּעציעלע אייגנאַרטיקייט, אַ שאַרם און אַ ספּעציפישע גראַציע.

אַט למשל גייען מיר דורך, מיט אַן אַלטגעזעסענעם ירושלימער איינוווינער דורך אַ יאַטקע אין דער יידישער געגנט, ווייזט ער אונדז־אָן אַז דאָ קומט יעדן פאַרנאַכט, שוין אַ היפּשע צאָל יאָרן, אַ באַקאַנטער למדנישער ירושלימער רב, צו לערנען אַ בלאַט גמרא מיט די קצבים. איז דאָס בפירוש אַ זעלטענער פאַל, וואָס נאָר אין ירושלים קען דאָס פאָרקומען.

אָדער אַט גייען מיר אַריין אין אַן אַפּטייק אין בית־וגן קויפן עפּעס אַ מעדי־קאַמענט, ווען מיר זעען צווישן אַנדערע פאַרמאַצעווטישע פּראָדוקטן און רעקלאַמען אויפן טיש אויך אַן ערשט־דערשינענעם ספר פון אַ באַקאַנטן מחבר, וואָס איז געווענ־דעט צו דער יידישער פרוי אין חתונה־עלטער. מיר האָבן גאַרניט געוווּסט אַז מען פאַרקויפט אויך ספרים אין אַן אַפּטייק... און מענטשן קויפן עס דערביי, אַנדערע קוקן אַריין, בלעטערן עס, און ווילן דערגיין דעם טעם פון דעם ספר.

אויך אין דער יידישער געגנט אין גאולה האָבן מיר געזען ספרים וואָס פאַרקויפן זיך אין אַ וועשעריי און אין אַ שפּייז־קראָם... אפשים אַז דאָס איז דאָ אַ גאַנץ גוט און גאַנגבאַר מאכל...

אָדער אין די טעג פון "פּיחות", פון דער אַנטוועורטיקונג פון דעם ישראל־פונט, ווען קינד און קייט האָט נאָר גערעדט וועגן דעם, און וועגן אויפשטייג פון פּרייזן און אַז מען קריגט ניט פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, ווי צוקער, בוימל, א.א.וו., ווייל מען האָט זיי צעכאַפּט, קומט אַריין אַ תלמיד אין אַ באַקאַנטער ישיבה־גימנאַזיע אין ירושלים, און בעט הילף דעם ראש־ישיבה, ער זאָל אים העלפן געפינען אַ "חזון־איש" אויף אַ געוויסער מסכתא, ווייל אויך דאָס האָט מען "צעכאַפּט", און ער קען עס ניט געפינען אין דער גאַנצער ישיבה...

נו, איז דאָס אַ חן־גריבל, וואָס באַנחתט אייך און צווינגט אייך אויסצולייטערן אייער געמיט און געזיכט אין אַ האַרציקן שמייכל.

אָדער, אין די פאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן, האָט מען אַוועקגעזעצט שומרים אַ גאַנצן טאָג פון די זעלביקע תלמידים, היגע ישיבה־גימנאַזיע־בחורימלעך. טרעפט איר זיי זיצן און היטן "אין צווייען", ניט אַליין חלילה, נאָר מיט אַ גמרא אָדער "משנה ברורה", און איר מעגט שוין זיכער זיין אַז אַזעלכע שומרים וועלן אונדז אי"ה באַהיטן און באַשירעמען פון אַלדאָס בייז.

צי גאָר אַ פאַל פון אַ פאַרדעכטיקטן, ווען עס יאָגט נאָך די פּאָליציי און די

"משמר אזרחי", די ציווילע וואַך, און ווען מען "כאַפּט" אים שוין, ווייזט זיך אַרויס אַז דער "פאַרדעכטיקער" איז גאָר געלאָפן איילִיק אין מקווה אַריין...

צי ווען איר קומט אַריין אין רייניקונגס־אַנשטאַלט פון מלבושים, פאַרנאַכטלעך, און איר בעט אייער אַנצוג ביים געשעפט־אייגנטימער, און ער האַלט עס שוין אין אַרויסגעבן, אָבער פּלוצים אַנטלויפט ער אינמיטן, איילִיק, און שרייט אייך־נאָך אַז ער קומט שפּעטער, ווייל ער מוז לויפן דערביי אָפּדאַוונען מנחה, איידער עס ווערט שפּעט... און אַזוי קענט איר אָנווייזן אויף פאַרשיידענע חן־שפּרענקעלעך אויפן מדינה־געזיכט, וואָס צייכנט אירע גייסטיקע שטריכן מיט די בולטסטע פאַרבן פון יידישן שאַרם און ישראלדיקן חן.

אויף אַ חנוכה־מסיבה אין אַ ישיבה־גימנאַזיע

מיט אַ ספּעציעלן אינטערעס און באַזונדערן נייגער זענען מיר געגאַנגען אויף דער חנוכה־מסיבה פון אַ ירושלימער באַרימטער ישיבה־גימנאַזיע.

איבעריק צו זאָגן אַז מיר זענען שוין בייגעווען און זיך באַטייליקט אויף אומצייליקע חנוכה־מסיבות און אַקטן פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און פון די פאַרשיידענע פּראָגראַמען, אָבער אונדז איז נאָך ניט אויסגעקומען צו זיין אויף אַזאַ מין מסיבה.

שוין ביים אַריינקומען אין גרויסן עס־זאַל פון דער ישיבה־גימנאַזיע זענען מיר קודם פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם מעכטיקן געזאַנג וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון די אַריבער פירהונדערט תלמידים און פון דעם אַנבליק פון דער דאַזיקער צעזונגענער תורה־יוגנט, וועמעס בילד האָט פאַרכאַפּט.

דער גאַנצער זאַל באַזעצט ביי לאַנגע טישן מיט חנוכה־פּראָדוקטן, פול מיט לאַטקעס, פּרוכטן, אַרבעס, איילטייגלעך, מיט יוגנט און זייערע רביס און לערערס, און אַלעמאַל האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ מעכטיק כאָראַל געזאַנג, פול מיט ברען און התלהבות, באַגלייט אָפּטמאָל פון האַנט־פּליעסקעריי. דאָס איז דאָך פון דער בעסטער ישראלדיקער יוגנט, וואָס לערנט תורה און אַלגעמיינע לימודים און געפינט אין דעם אַ גליקלעכן סינטעז. אַ יוגנט "צו ג' און צו לייט", פון די בעסטע עלעמענטן פון דער מדינה, און וועמען עס קומט־אַן גאָר שווער דער אַריינטריט צוליב די פאָדערונגען פון ידיעות און צוליב דעם הויכן ניוואָ פון דעם אַנשטאַלט.

דער פּראָגראַם פון דעם אָוונט איז ביז גאָר אַן אייגנאַרטיקער. דער עלטערער ראש־ישיבה, וואָס איז דער גרינדער און גייסטיקער פירער פון דעם בכבודיקן תורה־מוסד, האָט אָנגעפירט מיט דער מסיבה, און האָט אַרויסגערופן פיר תלמידים, פון די פאַרשיידענע כיתות, זיי זאָלן זאָגן אַ דבר־תורה מעניני־דיומא.

און מיר זענען געזעסן און זיך באַנחתט מיט דער שיינער עקספּאַזע פון די דאָזיקע בחורימלעך, מיט זייער וווּילגעלערנטשאַפט, מיט זייער פּילפּול, מיט זייער ישיבהשן קנייטש און מיט זייער באַהאַוונטקייט אין גמרא, רש"י און תוספות, אין דעם אַריינטייטש און אויסטייטש פון שטעלן און געדאַנקען, אין דער אַרויסדרייגונג פון פּסוקים א.א.וו. און בעת מעשה האָבן מיר געטראַכט פון דעם ווונדער פון דער השגחה, ווי די תורה האָט זיך אַנגענומען ביי די דאָזיקע טייערע צבראַס, ווי זיי לעבן מיט תורה און ווייקן זיך און שווימען אין ים־התלמוד, און ווי דאָס תורה־ליכט האָט זיך אַזוי העל צעלויכטן אין דעם נייעם דור מיט אַזאַ פּראַכט און שיינקייט.

נאָכדעם האָט דער ראש־הישיבה געהאַלטן אַ ברייטערע דרשה איבער חנוכה און זיך טאַקע פאַררופן אויף די ציטירטע שטעלן פון די תלמידים.

צווישן איין דרשה און דער אַנדערער האָט געשפּילט דער אייגענער אַרקעסטער

פון די תלמידים פון דעם מוסד, איינער אויף אַקאָרדעאָן, אַ צווייטער גיטאַרע, א.א.וו. ווערדנדיק באַגלייט דורך דעם ענטוזיאַסטישן געזאַנג פון די הונדערטער מיטבאַ־טייליקטע אויף דער דאַזיקער חנוכה־פייערונג.

צום סוף האָט דער ראש־ישיבה געטיילט ספרים־פרייזן פאַר די שילער וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם ערשטן שול־טרימעסטער פון דעם לויפנדיקן לערן־זמן, און די פרעמירטע זענען רוישיק אָוואַציאָנירט געוואָרן דורך די מיט־שילער.

און מיר זענען געזעסן און געטראַכט אַז די דאָזיקע יוגנט איז עס דער בעסטער עקספּאַנענט פון דעם אידעאַל פון די חשמונאים, איז עס אַליין אַ לעבעדיקע מנורה פון מכבייאישן גייסט, און די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער אייביקייט פון תורה און פאַר דעם נצחון פון יהדות.

ווער וואָלט זיך עס פאַרגעשטעלט אַז אונדזערע אַלטע ספרים זאָלן זיך אַזוי ניי איינבירגערן אין אונדזער יוגנט מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און מיט אַזאַ אייפער. אַפּנים, אַז אויך דאָס איז אַ נייער חשמונאישער נס און אַז ביז זיי איז דערגאַנגען יענער ווייטער רוף פון "מי לה׳ אלי!" און האָט אין זיי געפונען דעם בעסטן אָפּקלאַנג און דעם גרייטסטן ענטפער.

חנוכה־וויוועצן

איבעריק צו זאָגן אַז די ימים טובים אין ישראל ווערן ווי געהעריק אָפּגעצייכנט און יעדער יום־טוב האָט זיך זיין אייגנאַרטיקייט, זיין ספּעציפישן חן, און זיינע באַזונדערע וויוועצן.

אָט־אַזאַ יום־טוב איז דאָ ביז גאָר פּאָפּולער און קענטיק, און דאָס איז חנוכה, דער "חג האורים", דער ליכט־יום־טוב, וואָס ווערט געפייערט דורך קינד און קייט, דורך אַלט און יונג מיט ענטוזיאַזם און פרייד.

ערשטנס, זענען עס די קינדער ביז גאָר גרויסע מחותנים צו דעם דאָזיקן חג. די דריידלעך פאַרנעמען ביי זיי אַ וויכטיקן שפּיל־מאָמענט, און איר קענט טאָקע געפינען דריידלעך פון אַלע סאָרטן מאַטעריאַלן און פאָרמען.

איבערהויפּט איז דאָ איינגעפירט אַ שיינער מנהג פון "המהדרין מן המהדרין", אַז אויך יעדעס קינד צינדט אָן זיין חנוכיה, זיין חנוכה־מנורהלע, און עס שאַפט זיך אַ ליכטיקער ספּעקטאַקל צו זען אין יעדן הויז אינמיטן דעם טאַטנס מנורה, און אין די זייטן די מנורהלעך פון די קינדער, און ווען אַלע זענען אָנגעצונדן איז עס פּשוט אַן עסטעטישע איבערלעבונג און אַ נאַציאָנאַלער מאָמענט.

און איר קענט טאַקע זען אויף די פענצטער פון בנין, אויף יעדן שטאָק און ביי יעדן פענצטער, פאַרשיידענע חנוכה־מנורהס, גרעסערע, קלענערע, פון די פאַרשיידענסטע אינטערעסאַנטע מאָדעלן, און גלייך מיט נאַכט, ווען עס צינדן זיך די עלעקטרישע ליכטער אין די הייזער, צינדן זיך אויך גלייך די חנוכה־לאָמפּן, און עס הערט זיך אַרויס דער "מעוז צור ישועתי" פון די פאַרשיידענע געביידעס.

אויף די דעכער פון שילן און אינסטיטוציעס צינדן זיך אויך די מנורות און ביי אַנדערע ווערן די חנוכה־לאָמפּן אַרויסגעשטעלט פאַר די טירן ביי די איינגענג. איבעריק אויך צו זאָגן אַז עס ווערן דורכגעפירט טויזנטער מסיבות־חנוכה אין דער גאַנצער מדינה, שול־מסיבות, אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען, מוסדות, אָנאַנסירן זייערע חנוכה־פייערונגען און ימים־טובים, און אויסער דעם איז חנוכה דער משפּחהדיקער יום־טוב. מען לאַדט זיך איין אויף לאַטקעס און אויף אייל־טייגלעך, און דאָס פּאַלט אויך צונויף מיט די חנוכה־וואַקאַציעס אין די שולן, אַזוי אַרום אַז די משפּחה זיצט אַ פאַרייניקטע און אַ צונויפגעפאַרענע און פּראַוועט היימיש און פריינדשאַפטלעך דעם ליכט־יום־טוב.

אין אונדזערע טעג און אין די אומשטענדן אין וועלכע די מדינה לעבט איצט, באַקומט חנוכה אַ רעאַלן ווערט און אַ סימבאָלישן באַדייט און מען פילט באַשיינפּערלעך ניט נאָר דעם "בימים ההם" נאָר טאָקע דעם "ובזמן הזה", און געשיכטע און אַקטואַליטעט גיסן זיך צונויף אין איין אויסגוס.

אויב די וואָס האַלטן אַז דער טערמין "חנוכה" האָט אויך אַ שייכות מיט "חינוך",

איז פון דעם זעלביקן שורש, קענען אין דעם דאָזיקן פאַל געפינען די בעסטע אַסאָ־ציאַציע, פון חינוך, פון צונויפגיסונג און אייניקייט פון די פאַרשיידענע דורות און שיכטן בנוגע דער פייערונג און דעם אידעאַל פון חנוכה.

די חנוכה־וואָך איז פאַר יעדן איינעם אַ קוואַל פון איבערלעבונגען און דער־אייגענישן, און שפּילט־אַריין אין דעם נאַציאָנאַלן געמיט, אין דער משפּחהדיקער אַטמאָספערע און אין דער היינטצייטיקייט, און עס גיט די געלעגנהייט צו מאַניפעס־טירן די אַנגעהעריקייט און דעם פולן אַנשלוס צו די הייליקע יידישקייט־אידעאַלן פון די מכביער און עס צינדט, צוזאַמען מיט די חנוכה־ליכטלעך, דעם אייביקן יידישן אמונה־פלאַם, פאַר וועלכן די חשמונאים פון אַמאָל האָבן זיך געאָפּפערט אויפן מזבח פון אונדזער אומה און די גבורים פון היינט שטייען אויף דער וואַך, פאַר דער פאַר־טיידיקונג פון אונדזער טייערער מדינה.

אויף אַ שמחה אין אַלט־ירושלים

אַז מען קומט אַריין אין אַלט־ירושלים האָט מען טאַקע דעם איינדרוק אַז מען קומט אַריין אין אַן אַלטער וועלט. סיי די אַרכיטעקטאָניק, סיי דער אַמביענט, סיי די מקומות הקדושים, סיי די אַנגעהויפטע געשיכטע, די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ווי די טאָפּאָגראַפיע, די געבערגע, דער כותל, די ישיבת־הכותל, די אַראַבישע קלייטן, דער מאַרק, גיט אייך דעם איינדרוק אַז איר געפינט זיך אין אַן אויסערגעוויינטלעכער און ניט דורכשניטלעכער וועלט, ווייט פון דעם טאָג־טעגלעכן, און באַהויכט פון אַ שלייער פון ראָמאַנטיק.

שוין די אַלטע הונדערטיאָריקע כאַראַקטעריסטישע מויערן פון דער אַלט־שטאָט, מיט די פאַרשיידענע היסטאָרישע איינגענג, שטעמפּלען־אָפּ דעם אַריינטריט אין דער מיסטיק פון אַלט־ירושלים, פון דער עיר העתיקה.

דאָסמאָל זענען מיר געגאַנגען אויף אַ שמחה, אַ חתונה אין דער באַרימטער ספרדישער שיל "רבי יוחנן בן זכאי", און זענען ממש פאַרבליפט געוואָרן פון דער שיינקייט פון אָט־דעם דאָזיקן פּלאַץ.

די שיל געפינט זיך נאָענט פונעם כותל מערבי, נעבן דער ישיבת־הכותל, און דאָס איז אַ פּרעכטיקע געביידע אויפן ספרדישן סטיל מיט דער גאַנצער אָרנאַמענטאַציע, די באַלויכטונג און די באַפּוצונג פון אַ ספרדישן מקום קדוש.

דאָס זענען אייגנטלעך פיר שילן, וואָס זענען געבויט געוואָרן נאָך אין זעכצנטן יאָרהונדערט, אָבער וואָס זענען צעשטערט געוואָרן דורך די אַראַבער אין דער באַפרייאונגס־מלחמה אין 1948, און וואָס איז ווידער־געבויט געוואָרן מיטן פולסטן געשמאַק און פּראַכט נאָך דעם זעקסטאָגיקן קריג, און ערשט מיט צוויי יאָר צוריק פאַרענדיקט און באַנייט געוואָרן.

זענען דאָס פאַלגלעך פיר פאַראייניקטע געביידעס, אין וועלכע מען קומט אַריין פון איינער אין דער צווייטער, שילן, האַלן, הויפן, אַלץ ניי און אינטערעסאַנט, אַלץ ממש מערקווירדיק.

שוין פאַרן אַריינגאַנג בלייבט איר שטיין פאַרגאַפט פון דער שיינקייט פון די טויערן, וואָס זענען באַדעקט מיט בראָנזענע אויפשריפטן, און איר קומט אַריין אין אַן אילומינירטן שיינעם מקדש מעט מיט אַ פּרעכטיקן מזרח, באַמאָלן מיט בלוי־הימלישע פאַרבן און די טירן וואָס פירן צו די ספרדישע ספרי־תורה געמאַכט פון טייערן האָלץ, זענען זיין שיין, באַדעקט מיט מעטאַלענע כאַראַקטעריסטישע תנ"כדיקע פסוקים, וואָס כישופן דאָס אויג.

אַ גרויסער בעלעמער און בענק אויסגעשטעלט צום בעלעמער, לויטן ספרדישן מנהג, אַ שיינער הענגלייכטער, און אַ ברייטער איינגאַנג צו אַ דערנעבנדיקער צווייטער שיל, ווו מען טרעפט־אָן אַ רעסטאַווירטן אַריבערגעבראַכטן ארון קודש פון

איטאַליע מיט הערלעכע בראָנזענע באַדעקונגען, און אַ מאָקעט פון בית־המקדש.

אויף אַ זייל פון דער דאָזיקער שיל, איז בכיוון געלאָזט געוואָרן אַ קוואַדראַטנע אייל ווי עס איז געווען פריער, פאַר דער צעשטערונג, ניט באַקאַלכט, בכדי מען זאָל זיך שאַפן אַ באַגריף ווי עס האָט פריער אויסגעזען דער דאָזיקער בנין.

די חופה ווערט געשטעלט אין אַ נידעריקן הויף, צו וועלכן מען גייט אַראָפּ מיט שטיינערנע טרעפּ, אונטערן פרייען הימל, און ביי די זייטן, פאַרן אַראָפּגאַנג צום הויף זענען פאַראַן רונד אַרום שטיינערנע טעראַסן אויף די ווענט, וואָס זענען ווי אַ גוטער צוקוק־פּלאַץ, צו באַאָבאַכטן אַלץ וואָס קומט טאַקע פאָר און דאָס איז באמת סיי שיין, סיי חנוודיק און אין איינקלאַנג מיטן געבוי־סטיל, און סיי אַ „סטראַטעגישע" באַאָבאַכטונגס־באַזע, וואָס אַ בעסערע פּאָזיציע באַדאַרף מען ניט איבערהויפּט, ווען עס איז פאַראַן אַ געדרענגטע מאַסע מענטשן, און פון אויבן, פון דעם דאָזיקן אָבסערוואַציע־פּונקט האָט איר דעם גאַנצן בילד ווי אויף דער אויבער־פלאַך פון אייער האַנט.

מען קומט פון דאָרטן אַריין אין שיינע מאָדערנע זאַלן, און צוזאַמען שאַפט עס אַ געהויבענע ראַם פון אַלטע קאָניוקטורן און נייע פאָרמען וואָס באַאיינדרוקן.

איר גייט צוריק פון דער שמחה און איר באַמערקט די קליינע שמאָלע געסלעך פון דער אַלט־שטאָט, די נישעדיקע הייזער איבעווייניק, די בונטפאַרביקע באַווינער, און איר טראָגט אַרויס אויפן געמיט אַ ספּעציעלע איבערלעבונג פון אַ באַזונדערער געאָגראַפיע און די שטימונג און אָנהויך פון יאָרהונדערטער אָנגעהויפטער געשיכטע וואָס ליגן דאָ, אונטער אייערע פיס אויסגעשפּרייט אינערהאַלב דער אַרומיקער בער־גיקער פּראַכט פון דער אַלטער הייליקער און אייביקער שטאָט פון ישראל.

שבת אין בית־וגן

יעדע געגנט אין ישראל האָט זיך איר כאַראַקטעריסטישן שטעמפּל. ווען מען רעדט פון בית־וגן וואָס אין ירושלים, איז דאָס דער סינאָנים פון רעזידענציעלער עלעגאַנטער אָרטאָדאָקסיע, פון גייסטיקער עליטע און פון מאָנירפולער יידישקייט אין מאָדערנעם לבוש.

אין דער דאָזיקער געגנט, וואָס הויבט זיך אָן אַנטקעגן דעם הערצל־באַרג, און וואָס ציט זיך אייניקע קוואַרטאַלן, ליגט אויסגעגאָסן די שיינקייט, די ריינקייט, די חשיבות פון קולטורעלע יידישע יידן, פון טרייע אַפּהיטער פון דער יידישער מסורה, געקומענע פון די מערב־לענדער. אין דער דאָזיקער קאָמפּאַקטער באַפעלקערטער געגנט, קרייזן זיך ישיבות, אינסטיטוטן, אוניווערסיטעטן, שטיבלעך, לערן־אַנשטאַלטן, און אויסער די שטענדיקע איינוווינער, משמנא וסלתא, פּראָפעסאָרן, רבנים, סטודענטן, לעקטאָרן, מחברים, געפינען זיך הונדערטער ישיבה־בחורים און שילער פון די דאָזיקע פאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן.

אָט געפינט זיך דער הויכער תורהדיקער טעכנאָלאָגישער אינסטיטוט, ווו הונדערט פופציק בחורים לערנען לימודי־קודש און טעכנאָלאָגישע וויסנשאַפטן, אָט איז די רעליגיעזע מיידל־אוניווערסיטעט, ווו עטלעכע הונדערט צונויפגעפאַרענע מיידלעך פון גאַנצן לאַנד און פון אויסלאַנד לערנען די פאַרשיידענע אוניווערסיטאַרישע העכערע הומאַניסטיש־יידישע קעגנשטאַנדן. אָט די ישיבה־גימנאַזיע, "נתיב־מאיר", די קרוין־אינסטיטוציע פון דער בעץ פון ישיבה־גימנאַזיעס פון לאַנד מיט עטלעכע הונדערט בחורים. אָט די קרית־נוער, די סאַכאַטשאָווער ישיבה, קול־תורה־ישיבה, בית־יעקב־סעמינאַר, העכערער הלכה־אינסטיטוט, מכון פון דער תלמודישער ענציקלאָפּעדיע. אָט בויט זיך דער קאָמפּוס פאַרן הערי־פישל אינסטיטוט פאַר רבנים און דיינים, און נאָך און נאָך. אַ גאַנצע וואָך מערקט זיך אָט די עלעגאַנטע יידישקייט אין דער דאָזיקער הערלעכער הויכער טאָפּאָגראַפישער געגנט פון ירושלים, אָבער איבערהויפּט איז דאָס קענטיק שבת, ווען די גאַסן פון בית־וגן ווערן פול מיט מתפּללים וואָס גייען און קומען פון די פאַרשיידענע שילן, און נאָכן דאַווענען ווערן די גאַסן פול מיט שפּאַצירער, מענער, פרויען און קינדער, וואָס גייען אויף באַזוכן, וואָס לויפן צו שיעורים, צו תפילות, צו שלש סעודות, א.א.וו.

אין דער גרויסער שיל איז פייערלעכער. עטלעכע הונדערט מתפּללים דאַווענען אויפן ישראלדיקן שטייגער. דער רב רעדט פרייטיק צו נאַכטס איבער הלכה, און שבת אינדערפרי צו די בר־מצווהס איבער פרשת השבוע.

ביז גאָר פיין און היימישלעך, וואַרעם און חסידיש, איז אין דער סאַכאַטשאָווער שיל, ווו מען דאַוונט מיטן אשכנזישן אויסשפּראַך און מיט חסידישער התלהבות,

מיט אַ ניגון ביים "א־ל אדון" און אַזוי ווייטער. ביז גאָר חסידיש איז אין אַמשינאָ־ווער שיל, און גאָר פיין אין דער "קהל־חסידים"־געביידע.

אַז איר גייט פרייטיק צו נאַכטס איבער די גאַסן פון בית־וגן, נאָכן עסן, זעט איר אילומינירטע געביידעס, און איר הערט דאָס מיטרייסנד געזאַנג פון שירים און זמירות וואָס טראָגן זיך פון זיי און פאַרהילכן דעם חלל.

און איר מערקט אויך גאַנצע קאָנצענטראַציעס פון יידן וואָס הערן זיך צו צו אַ שיעור פון פרשת־השבוע, פון גמרא, א.א.וו.

דאָס פילט איר אַרויס אין דער שלווהדיקער שבתדיקער רו די "פיבערהאַפטע" יידישקייט־טעטיקייט, וואָס איז דאָ אינטענסיוו, דינאַמיש.

שפּעט אין אָוונט, פרייטיק צו נאַכטס, זעט איר לויפן אויף די שבתדיקע רואיקע גאַסן מיידלעך צו אַ שיעור פון "משך חכמה" אָדער צו אַ חסידישער שיחה פון אַ רביצן, צו אַ דרשה פון אַ מגיד, און איר זעט ווי פון די ברענענדיקע אילומינירטע איינגאַנגען פון די רעזידענציעלע הייזער שלייכן זיך אַרויס יינגלעך און מענער וואָס איילן זיך צו אַזאַ צונויפטרעף.

דער לבוש איז שבתדיק, נעט, עלעגאַנט, רייך. צי איז דאָס אַ באַשטריימלטער ייד, צי איז דאָס אַן אייראָפּעיש־געקליידעטער מאַן, צי אַ יינגל אין אַ ווייסן שבתדיק ציכטיקן העמד, צי באַחנטע שיין אָנגעטוענע קינדער. איר האָט דעם גוטן איינדרוק אַז בית־וגן טונקט זיך אין עכטער פיינער עסטעטישער יידישקייט, וואָס קען באַ־פרידיקן די בעסטע געשמאַקן און די גרעסטע פאָדערונגען בהסכם צו דער צייט און צו יעדן אָרט.

שמועסן פון יידישע סאָלדאַטן

זאָגט זיך וואָס איר ווילט, אָבער עס איז פאָרט אַ יידישע מדינה!... און דאָס קענט איר מערקן אין אַלץ און אין אַלעמען.

אַט־זיצן מיר למשל ביי אַ שטעל פון רעקרוטירונג פון דער אַרמיי, און די סאָלדאַטן, וואָס שטעלן זיך צו, אַפּנים הייבן זיך אָן צו לאַנגווייליקן צוליבן וואַרטן, און ווי אַ שטייגער ביי אַזעלכע אומשטענדן הייבט מען אָן צו פאַרפירן שמועסן. אַט פאַנגט אָן אַזאַ שמועס, הויך, און באַהאַרצט, אַ מיטליאַריקער יונגערמאַן, אַ היגער צברא און פאַרפירט דעם שמועס, וואָס וועט איבערגיין באַלד אין אַ דעבאַטע, איבער דעם וואָס בינדט אַ יידן צו דער יידישער מדינה, און וואָס ברענגט אים צו דער יידישער אַרמיי, אויב ניט זיין אַנגעהעריקייט צו דעם יידישן גלויבן, ווייל אויב ניט די אמונה, צו וואָס דאַרף אַ ייד שטרעבן פון אַלע ערד־טיילן דווקא קיין ישראל, און וואָס גיט אים אַ לעגיטימע רעכט צו באַוווינען דאָס לאַנד, אויב ניט די תורה־רעכט, דער צוזאָג צו די אבות צו געבן זיי דאָס פאַרשפּראָכן לאַנד. די יידישע רעלי־גיע איז די וואָס גיט טאַקע אַ יידן דעם באַוווסטזיין פון זיין אַנגעהעריקייט צו דער מדינה, זיין דראַנג נאָך ארץ ישראל, וואָס באַרעכטיקט זיין מסירות־נפש דערצו, א.ד.ג.

די הערנדיקע סאָלדאַטן, צבראס און געקומענע פון ארבע פינות העולם, הערן זיך צו, וואָגן ניט אָפּצופרעגן, אַפּנים אַז זיי האָבן צו טון דאָ מיט אַן אינטעליגענטן יידן, ביז איינער אַ ייד, אַ רוסישער עולה, געקומען מיט צוויי יאָר צוריק פון קיעוו, הייבט אָן אין אַ שווערן נאָך ניט געהובלטן עברית, מיט אַ רוסישער אַקצענטירונג, אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער, כאָטש ער איז אויך מסכים אַז טראַדיציע איז אַ גרויסע זאַך, אָבער דאָך זענען פאַראַן אַנדערע פאַקטאָרן, נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע, קולטור־רעלע, וואָס באַשטרעבן און בינדן יידן צום לאַנד, און אויך ניט־פרומע האָבן זייערע מאָטיווירונגען. דער ערשטער ייד לאָזט זיך אָבער ניט און בעט אים געניוי צו דעפי־נירן וואָס איז אַ ייד, און וואָס איז אַ יידישע מדינה, און אויב ניט מיטן כוח פון דת, וויאַזוי באַרעכטיקט ער דאָס וואָס ווייטע און פרעמדע יידן קומען און קלאַמערן זיך צו דער מדינה, וועלכע רעכט יורידישע און גייסטיקע, האָבן זיי איבער איר, א.א.וו. מען שפּאַרט זיך, מען אַמפּערט זיך. עס מישן זיך שוין אַריין זייטיקע. איינער קומט פון פראַנצויזישן מאַראָקאָ און פאַרפירט טאַקע דעם שמועס איבער עליה. ער פאַר־שטייט ניט וואָס מען זוכט אַזויפיל אויסערלעכע עליה און מען סטימולירט ניט קיין אינערלעכע עליה. אַט למשל האָט ער געבראַכט פאַר דער מדינה שוין דרייצן קינדער און די פרוי דאַרף באַלד אין אַ גוטער שעה געבוירן דאָס פערצנטע. אַט דאָס איז אמתע ניט "אימפּאָרטירטע" עליה, און דאָס דאַרף מען אָנערקענען, סטימולירן, אָפּ־שאַצן, באַלוינען. צום סוף גיט גאָר די מדינה די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פרעמד־געקומענע יידן, גיט זיי גוטע וווינונגען, די בעסטע באַדינגונגען און פאַרלייכטע־

רונגען, און דער אינערלעכער עליה ווערט גאַרניט געשאַנקען אַזאַ אויפמערקזאַמקייט.

מיר פרעגן אים איבער זיין מאַראָקאַנער שטאָט, און ער הייבט אָן צו שילדערן די געשיכטע פון דאָרטיקן ישוב, זיין שטייגער־לעבן ביז דער וועלט־מלחמה, אונטער דער פריערדיקער פראַנצויזישער אָקופּאַציע און נאָכדעם.

דערהערנדיק "פראַנצויזן", הייבט אָן אַ דריטער צו שילדערן ווי ער האָט גע־טראָפן די לאַגע פון יידן אין פראַנקרייך בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, ווען עס איז אים אויסגעקומען דאַן דאָרטן צו זיין, און אַ פערטער הייבט אָן צו שילדערן די געקומענע פון יענע לענדער וואָס לערנען אין זיין אינסטיטוט וואָס ער פירט אָן.

מען הייבט אָן אַריינצורופן איינציקווייז די סאָלדאַטן אין דער ביוראָ, און ווער ניט ווער זעצט נאָך פאָר אין צווייען אָדער אין דרייען די שמועסן, און איר גייט אַוועק מיטן איינדרוק, אַז ניט איר שטייט אין אַ רעקרוטירונגס־ביוראָ פון יידישער סאָלדאַטן־דינסט, נאָר איר קערט זיך אום פון אַ סימפּאָזיום, אויף וועלכן עס זענען געלופטערט געוואָרן קירצלעך נאָר מיט התלהבות אייביקע און אַקטועלע פראַגן פון יידן און יידישקייט, וואָס באַשעפטיקן אונדזער אומה אַלס גאַנצע, און אַפּנים אויך די פאַרשיידענע יידישע יחידים אין דער מדינה און אויף דער גאַרער יידישער וועלט. איז ווי מיר האָבן שוין געזאָגט ביים אָנפאַנג: פאָרט און דאָך אַ יידישע מדינה!...

אויף דער וואַך פאַר דער מדינה

אַז די גאַנצע מדינה איז איין גרויסע אַרמיי, איז דאָך יעדערן באַוווסט. אָבער דאָך בלייבט מען איבערראַשט ווען מען גייט צו „מילואים", צום אָבליגאַטאָרישן יערלעכן מיליטער־דינסט, און מען טרעפט דאָרטן וועמען עס וואָלט אייך גאָרניט איינגעפאַלן צו געפינען דאָרט. און איר דערפילט זיך גאָר היימיש, ווייל איר דער־בליקט אַז די „צבא" איז צונויפגעשטעלט פון אנשי־שלומינו, מיט וועמען איר קומט אין קאָנטאַקט, וועמען איר זעט טעגלעך, און דאָ פלוצעם איז ער אין דער אַרמיי, צי מיט אַ העכערן גראַד, צי אַ פשוטער סאָלדאַט.

אַט טרעף איך גלייך אַן ביים אַריינקומען צום רעקרוטירונגס־שטעל עפּעס אַ קענטלעכן יונגערמאַן, און ווען ער הערט אַז מיר זענען פון אַרגענטינע, גיט ער זיך אויך צו דערקענען, אַז אויך ער שטאַמט פון דאָרטן און איז עולה־געווען מיט אַכצן יאָר צוריק, און אַזוי צעשמועסנדיק זיך, ווייזט זיך אַרויס אַז ער איז עס אַן אייניקל פון דעם ערשטן פאָרזיצער פון דער אַרגענטינער מזרחי־באַוועגונג און גרינ־דער און ערשטער פאָרזיצער פון דעם בוענאָס־איירעסער ראַבינאַט, וואָס מיר האָבן גוט געקאָנט אין אונדזערע יינגלעשע יאָרן, ווען מיר זענען געווען דער אָנפירער פון דער דעמאָלטיקער „יבנה"־אָרגאַניזאַציע.

און עס גייט גאָר אַוועק אַ שמועס איבערן געאַכטעטן זיידן, איבער זיינע גלענצנדיקע ספרים וואָס מיר האָבן, איבער זיין איידלקייט און זיין מקרב־זיין יידן פון אַלע שיכטן צו תורה און טראַדיציע, אַזש מיר פאַרגעסן גאָר צוליב וואָס מיר זענען אַהערצו געקומען, און ערשט צום סוף דערמאָנען מיר זיך דערפון...

און אונדזער דינסט דריקט זיך דאָס מאָל אויס אין זיין די שומרים, נאַכטיקע וועכטער, פון סטראַטעגישע פונקטן אין ירושלים, און במשך אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר די געלעגנהייט, בעת מיר גייען און היטן די הייליקע שטאָט, זיך באַקאָנענען מיט די מיט־היטער און עס וויקלט זיך פאַר אונדז אויף אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע פרשה פון די תפוצות ישראל און זייער עליה קיין ארץ ישראל.

נעבן אונדז גייען די ערשטע וואַך־נאַכט אַן איראַקער עולה און אַ מאַראָקאַנער ייד. דער איראַקער תושב איז דאָ עולה געווען מיט אַ דריי און צוואַנציק יאָר צוריק און, דער מאַראָקאַנער מיט אַכצן יאָר צוריק.

און עס הויבט זיך אָן אַ שפּאַנענדיקע שילדערונג פוןביידן איבער דער דעמאָל־טיקער לאַגע פון יידישן ישוב אין איראַק, און ווי דער דרוק, די רדיפות און די פייגען פון דאָרטיקן רעזשים האָבן גורם־געווען אַז איבער הונדערט פופציק טויזנט יידן זאָלן נעמען און איבערלאָזן אַלץ און אַלעמען און עולה־זיין קיין ישראל. ווי אַזוי זיי האָבן געטראָפן די מדינה אין זייער אַ דעליקאַטער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער

לאַגע, ווי זיי האָבן זיך געראַנגלט פאַר זייער עקזיסטענץ, ביז זיי האָבן זיך דער־שלאָגן צו אַ געוויסער פּאָזיציע.

ווי אַ זאַכקענער פון דעם מצב פון דעם דעמאָלסדיקן איראַקער יידישן ישוב, האָט ער מיר געענטפערט און העכסט אינטערעסאַנט געשילדערט זייער דערנער־וועג, זייער קאָמערציעלע פעיקייטן, זייערע קאָנטשאַפטן און קאָנטאַקטן מיט דער פינאַנציעלער און רעגירונגס־וועלט, און זייער איינגלידערונג אין דער יידישער מדינה. איצט פאַר־מאָגט ער פינף זין און דריי טעכטער, שוין אַלע צבראָס, און איבעראיאַר וועלן אויסער אים אַליין, אויך דינען אין דער ישראל־אַרמיי זיינע דריי זין.

דער צווייטער סאָלדאַט, איז אַ פרומער מאַראָקאַנער. צוליב פאַרשיידענע פיזישע געזונטהייטס־מאָטיוון, קען ער ניט טראָגן קיין געווער, אָבער דערפאַר פירט ער מיט זיך אַן אַנדער "געווער", אַ טלית און אַ פּאָר תפילין, וואָס ער נוצט ביים ענדיקן די שמירה צום דאַווענען נאָך איידער ער קערט זיך אום אַהיים. ער איז אַ טאַטע פון אַכט קינדער קיין עין הרעה, און גיט זיי אַלעמען אַ העכט רעליגיעזע דערציונג.

דער איראַקער סאָלדאַט איז אַן אַרבעטס־דירעקטאָר אין דער ירושלימער מוניצי־פּאַליטעט און דער מאַראָקאַנער איז אַ באַאַמטער אין דער אָפיציעלער דרוקעריי פון דער שטאַט, און עס גייט אַוועק אויך פאַר אונדז אַ באַלערנדיקער שמועס איבער דער בוי־טעכניק אין דער מדינה און אויף דער גאָרער וועלט ווי איבער דעם דרו־קעריי־וועזן. און אַזוי גייענדיק און היטנדיק און שמועסנדיק צערינט די פינצטערניש פון דער נאַכט און עס וואַכט־אויף נאָך אַן אַרבעטס־טאָג פאַר דער שטאָט. מענטשן הייבן אָן איילן צו דער אַרבעט, לויפן צו כאַפּן דעם אויטאָבוס, עס הויבט אָן צו ווימלען מיט דעם פיבער פון דעם נייעם טאָג, און מיר לאָזן הינטער אונדז איבער די ערשטע וואַכנאַכט פאַר דער מדינה.

אין אַ ליל־שימורים

דאָס יידישע פאָלק איז אַ טייערע אומה און דער ישוב פון ישראל איז אַ טייערער ישוב. דאָס צייגן מיר זיך איבער יעדעס מאָל וואָס מיר קומען אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע יידן, פון פאַרשיידענע לענדער־אָפּשטאַמען מארבע פינות העולם.

און אַט האָבן מיר זיך ווידער געקענט איבערצייגן דערין בעת אונדזערע מילואים, אונדזער פּעריאָדישן מיליטערישן דינסט.

דאָס מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו שטיין אויף דער וואַך ביינאַכט, ד.ה. פון שפּעט אין אָוונט ביז אינדערפרי, און היטן סטראַטעגישע פונקטן פון דער הייליקער שטאָט. אַזוי אַרום אַז יעדע נאַכט איז ווירקלעך געווען אַ ליל־שימורים, אַ וואַך־נאַכט פאַר דער מדינה. און דערביי איז אונדז אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט פאַרשיידענע אַזעלכע היטער, וואָס האָבן אויך גלייכצייטיק דערפילט זייער מיליטערישע און ציווילע פליכט לגבי דעם לאַנד.

דאָס זענען יידן געקומען מארבע פינות העולם, פון אַמעריקע, איראַק, מאַראָקע, אַרגענטינע, א.א.וו.

מיר זיצן אין אַ משטרה, אַ ישראלדיקן קאָמיסאַריאַט, און מיר באַקענען זיך מיט אַ יונגן פּאָליציסט. תחילה מיינען מיר אַז דאָס איז אַ צברא, אָבער אויף אונדזער אָנפרעגע ענטפערט ער אונדז אַז ער איז מיט אַ צוועלף־דרייצן יאָר צוריק געקומען פון מאַראָקע אַלס בר־מצווה־בחורל, אָנגעהויבן אַרבעטן ביי פאַרשיידענע שווערע אַרבעטן, ווי ביי שטיינער־גראָבעריי, ביי אינסטאַלאַציע, א.א. ביז ער איז געוואָרן אַ פּאָליציסט. ער דערציילט אונדז אַז שוין אין מאַראָקע האָט ער געלערנט און געקענט גוט עברית און אויך גמרא, און האָט דאָרטן דורכגעמאַכט אַ תלמוד־תורה און אויך אָנגעפאַנגען לערנען אין אַ ישיבה, אַזוי אַרום איז דאָס אַ יידיש־דורכגעדרונגענער שוטר.

עס קומען אַריין יונגע סאָלדאַטן פון דער גרענעץ־וואַך, משמעות לייכטע יינגלעך. איינער אַזאַ הייבט־אָן צו רעדן טעלעפאָניש צו זיינער אַ פריינדין לייכטזיניקע יונגע רייד, אָבער דערביי כאַפּן זיך ביי אים אַרויס דרך־אגב אַ שלל פון חז״ל־ווערטלעך, ווי ״די לחכימא ברמיזה״, א.א.וו., און עס דערמאָנט זיך טאַקע דער זאָג פון חז״ל, אַז אפילו די ליידיקגייער פון ישראל זענען פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים. אַזוי אויך שיט אַט דער דאָזיקער לייכטזיניקער בחור מיט חז״ל־ווערטלעך.

מיר גייען אויף אונדזער שמירה־טור מיט אַן איראַקער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שווייגער. אָבער דאָ צערעדט ער זיך און עס פליסן פון זיין מויל באַוווסטזיניקע געדאַנקען וועגן דער אויפגאַבע פון דער שמירה, אַז היינט היט ער אַנדערע, בעת אַנדערע היטן אים אָפּ ווען זיי דערפילן זייער מיליטער־דינסט. ער רעדט מיט ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט וועגן דער מדינה,

אַלס איינציקער פּונקט אין דער וועלט וווּ יידן קענען געפינען זייער ריכטיקע היים, און איר פילט אַז דער דאָזיקער שווייגער איז פול מיט בענטשונג און ליבּ פאַר דער יידישער מדינה.

אַ צווייטע נאַכט גייען מיר אַרויס מיט אַ יונגערמאַן אַ צבּרא, וועמעס עלטערן שטאַמען פון דאַנציק. דער דאָזיקער יונגערמאַן ווייזט זיך גלייך אַרויס אַלס אינטע־לעקטואַל פון ערשטן ראַנג. ער האָט געלערנט געשיכטע און רעליגיע־וויסנשאַפטן אין דער ירושלימער אוניווערסיטעט און איז אַן אויסגעצייכנטער שפּראַכן־קענער. אויסער עברית רעדט ער און איז באַהאַוונט אויף יידיש, קען אויסגעצייכנט שפּאַניש, איז געווען אַ לערער פון ענגליש, קען דייטש, געלערנט לאַטייניש, א.א.

ער גיט זיך אָפּ מיט פּאַרש־אַרבעטן און אַרבעט אין אַ וויכטיקער מדינה־קערפּערשאַפט. פּריוואַט איז ער אַ קאָלעקציאָניסט פון אַלטע מטבעות און אַנטיקוואַרן, און ס'איז אַ תענוג מיט אים אויסצושמועסן אין די פאַרשיידענע טעמעס פון דער יידישער און אַלגעמיינער קולטור. ער איז גאָר צופרידן און האָט אויפגעלעבט צו געפינען אַ "קאָמפּאַניאָן", וואָס זאָל זיך מיט אים אונטערהאַלטן אויף די דאָזיקע פאַרשידנאַרטיקע קולטור־אַספּעקטן.

און איר הייבּט אָן צו טראַכטן ווי אייגנאַרטיק עס איז דער מענטשן־עלעמענט פון דער ישראל־אַרמיי, אויף וואָס פאַראַ הויכן ניוואָ זיי שטייען, מיט וואָס פאַראַ זאָרג און ליבשאַפט זיי רינגלען אַרום דער מדינה, און איר זעגנט אויך מהרהר ווי גוט און ווויל עס וואָלט געווען ווען זיי קענען פאַרווענדן זייער גאַנצע ענערגיע פאַר דער זעלבער אין צייטן פון שלום. עס וואָלט דאָך דאַן געווען ממש אַ גן־עדן מיט אַזעלכע היטער, מיט אַזעלכע שומרים פאַר דער גאַנצקייט, פאַר דער פאַרטיידיקונג פון מדינת־ישראל, און דאָס לאַנד וואָלט דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברכה־קוואַל פון אונדזער פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

מיט יידישע סאַלדאַטן־וועכטער

ישראל פאַרמאָגט אַ טייערן ישוב. דאָס זעט מען אויף טריט און אויף שריט, איבערהויפּט ווען מען קומט אין קאָנטאַקט מיט די פאַרשיידענע שיכטן מענטשן.

אונדז איז דאָס איצט אויסגעקומען, ביי אונדזער יערלעכן פעריאָדישן דינסט, צו באַאָבאַכטן און קומען אין באַרירונג מיט די פאַרשיידענע עלעמענטן אין אונדזער פּליכט. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די פאַרשטייער פון די פאַרשיידנסטע עדות, פרומע, ניט־פרומע, טראַדיציאָנעלע, א.א.וו.

אַט לאָמיר נעמען אונדזער קצין, ד.ה. דער קאַפּיטאַן. ווען מיר פאָרן צוזאַמען, הייבט ער אָן אַרויסווייזן זיין בקיאות אין תורה, אין תלמוד, אין גמטריאות, אין ליטעראַטור און אין יידישן הומאָר, אַז איר בלייבט פאַרבליפט. איר פאַרגעסט אַז דאָס איז אַ מיליטערישער קצין, נאָר איר האָט פאַר זיך אַ הויך־געבילדעטן און באַלעזוע־נעם מאַן. רעדט איר פון ליטעראַטור, זאָגט ער אייך אַז ער האָט איצט אָנגעפאַנגען צו לייענען חיים גראַדען, יצחק באַשעוויסן, און ער הייבט אייך אָן אויסרעכענען זייערע ווערק און דעם אינהאַלט און אַרויסזאָגן זיין מיינונג איבער זיי.

זיצט אַ צווייטער קאָלעגע, איז ער אַ סערזשאַנט, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין געשיכטע, קען שפּראַכן, אַריינגערעכנט אויסגעצייכנט שפּאַניש, וואָס ער האָט דאָ־הי אויסגעלערנט, צוזאַמען מיטן גאַנצן שפּאַנישן פאָלקלאָר, אידיאָמען, ליטעראַ־טור, קען דייטש, ענגליש, יידיש אויסגעצייכנט, און איז באַהאַוונט אין די חדרי־חדרים פון אונדזער ווי פון דער אַלגעמיינער קולטור.

ווען מיר זענען געגאַנגען וואַכן אין די נעכט, האָבן מיר געהאַט דעם איינדרוק, ביים שמועסן פון נאַכט ביזן קאַיאָר, אַז מיר געפינען זיך אויף דער אוניווערסיטעט אָדער ביי וויסנשאַפטלעכע סימפּאָזיומס. אַפּגערעדט, אַז ער איז עס אַ מאַדים אויף גוט־יידישן און פאַרשיידנאַרטיקן הומאָר.

אַזוי, אַז מיר האָבן ניט גע׳בטל׳ט די צייט, נאָר געהאַט אַן אמתן אינטעלעקטועלן געגוס.

אַ דריטער ייד, איז אַ מאַראָקאָנער, מיט דער גאַנצער אויסשפּראַך פון אַזאַ, איז ער אַ גבאי אין אַ מאַראָקאָנער שיל, און האַלט אייך די גאַנצע צייט אין רעדן וועגן פּרשת־השבוע.

אַ פערטער איז אַ קיבוצניק, וואָס האַלט אין איין וואַרפן יידישע ווערטלעך.

אַ פינפטער איז אַ פרומער צברא. צעזינגט ער זיך פּלוצלונג חזניש: „צדיק כתמר יפרח״.

אַ זעקסטער איז אַן איראַקער ייד, אַן איבערגעגעבענער, אַ באַוווסטזיניקער, טריי דער מדינה און דאַנקבאַר דער זעלבער, ווו ער קען זיך אויסלעבן אַלס אינטע־גראַלער מענטש און ייד, נאָך די קאַשמאַרן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין איראַק.

אַ זיבעטער איז אַן אָפּשטאַמיקער פֿון פֿראַנצויזישן מאַראָקע, שוין איינגעגלידערט אין לאַנד, אַרבעט אין אַ רעגירונגס־אַנשטאַלט, און וואַרפֿט מיט פֿראַנצויזישע גלייכווערטלעך.

אַלע זענען זייער פֿריינדלעך און געזעלשאַפֿטלעך אָנגענעם, טאַקע ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ קיבוץ־גלויות־מדינה ווי ישׂראל, און איר האָט באַשיינפּערלעך דאָס געפֿיל, אַז טראָץ די פֿאַרשיידענע שטאַמלענדער, זיטן, שפּראַכן, געשיכטע, ווערט דאָ אויסקריסטאַליזירט דורך דעם לעבן אַליין דער מיזוג־גלויות, און עס ווערן פֿאַרווישט די געאָגראַפֿישע אונטערשיידן, וואָס די צייט וועט נאָך מער פֿאַרווישן, און עס וועט אויפֿקומען אַן איינהייטלעכער ישׂראלדיקער טיפּ, אָנגעזאַפּט מיט די זאַפֿטן פֿון בונטפֿאַרביקן דורותדיקן קאָסמאָפּאָליטישן קאָלאָריט, וואָס וועט נאָך מער באַרייכערן און אינטערעסאַנטער מאַכן אָט דער נייער גענעראַציע.

איר האָט דאָס געפֿיל אַז די דאָזיקע מיליטער־דינסט איז אַ גרויסע איבערלעבונג פֿון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, פֿון קענען און דערקענען די פֿאַרשיידענע מיטגלידער פֿון יידנשטאַט, וואָס באַרייכערט אייער וויסן און דערפֿאַרונג אויף אָט־דעם געביט, און העלפֿט אייך־מיט אַריינצודרינגען אין די קעמערלעך פֿון דער נייער ישׂראלדיקערווירקלעכקייט.

אויף אַן אָוונט פון יידישער ליטורגיע

פאַראַן געביטן וואָס זענען אייביק דויערנדיקע, צוציענדיקע און אינטערעסאַנטע, סיי פאַר אַלטע ווי פאַר יונגע דורות, וואָס געפינען אין זיי זייער לעבנס־אינטערעס און אינהאַלט. איינער פון די דאָזיקע געביטן איז זיכער די יידישע ליטורגיע, וואָס האָט צאַלרייכע אָנהענגער אין אַלע תפוצות־ישראל.

אינטערעסאַנט, אין אַרגענטינע, למשל, איז אויפגעקומען אַ נייער דור יונגע און ענטוזיאַסטישע ווי אויך פעיקע חזנים, וואָס פאַרנעמען דעם עמוד אין די גרעסטע שילן פון דעם לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט און פון אַנדערע לענדער.

די יידישע ליטורגיע איז טיף אַריינגעדרונגען אין דער פאָלקס־נשמה און זינגט־אַריין אין דעם יידישן געמיט ווו יידן געפינען זיך.

איבערהויפּט איז אין ישראל, דאָס קלאַסיש לאַנד פון רינה און תפילה, פון טויזנטער שילן און מנינים, אין דעם קאָנגלאָמעראַט פון יידן פון ארבע פינות העולם, אַ דאַנקבאַר פעלד פאַר אָט־דעם שטח פון יידישן גייסטיקן שאַפן.

זענען דאָ איינגעבאַקן, היימיש און באַקאַנט, ביי יונג און אַלט, דער סקאַרבאָווער דורותדיקער נוסח־התפילה, די קריאה־טראָפּ, און דאָס ווערט דאָ קולטיווירט און פאַראייגנט מיט דער גרעסטער נאַטירלעכקייט. ווען מען איר שיקט־צו צום עמוד ווייזט ער אַרויס קענטשאַפט און געניטשאַפט אין אָט־דעם נוסח, און אַז איר דאַוונט אין אַ שיל, און זעט וואָס פאַראַ גרויסע צאָל בעלי־תפילה און בעלי־קריאה עס געפינען זיך דאָרטן, הייבט איר אָן אין געדאַנק באַרעכענען אַז איר וואָלט מיט זיי געקענט באַזאָרגן צענדליקער קהילות אין די גלות־לענדער, ווו אַזעלכע פעלן־אויס, און עס פילט זיך אָפּטמאָל אַ מאַנגל אין די דאָזיקע כוחות.

זענען מיר די לעצטע טעג געווען אויף אַ קאָנצערט אין אַ צענטראַלן זאַל אין ירושלים, ווו עס איז אויפגעטראָטן אַ באַגאַבטער און ערשטראַנגיקער שטערן אין דער חזנים־וועלט, און אויסער דער גרויסער הנאה און גייסטיקן געניס וואָס מיר האָבן געהאַט פון זיינע וווּנדערבאַרע אינטערפּרעטאַציעס, פון זיין מעכטיקן שיינעם קול, פון זיינע תנועות און מייסטערשאַפט, האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע הנאה פון דעם פּובליקום אינעם זאַל.

מיר האָבן זיך מיט בייגער און גרויס אינטערעס געגומען אַרומקוקן אויפן פּול־באַזעצטן זאַל, צו זען ווער זענען עס די קאָנסומענטן פון דער ליטורגישער קונסט און מיר האָבן פעסטגעשטעלט אַז דאָ זיצן באַנאַנד עלטערע יידן און פרויען, ווי יונגע בחורים און מיידלעך, חסידישע יידן, וואָס מיר האָבן גראָד ניט דערוואַרט צו טרעפן מיט זייערע קאַפּאָטעס און שטריימלעך אויף אַ חזנים־קאָנצערט ווי מאָדערנע יידן, פּראָפעסיאָנאַלן, סטודענטן, אויסלענדער, צבראס, היגע, טוריסטן.

זעלטן, אַז מיר טרעפן אַזאַ דורות־אידיליע און צוזאַמענקונפט פון פאַרשיידענע שטרעמונגען, ווי אויפן דאָזיקן חזנישן קאָנצערט.

און מיר האָבן טאַקע איינגעזען, אַז דאָס וואָס מען זאָגט און מען לערנט, אַז די יידישע תפילה פאַרייניקט אַלע יידן אויף דער וועלט, האָט אויפגעהאַלטן דעם העברעישן לשון, דעם יידישן גייסט, די יידישע אייניקייט; אַז דאָס וואָס דו טרעפסט־אָן אַ יידן אין וועלכן עס איז לאַנד, פון פאַרשיידענע קאָנטינענטן, מנהגים, שפּראַכן, אַבער די תפילות זענען די זעלביקע, און זענען עס דער העכסטער אויסדרוק פון אחדות־ישראל, איז ניט נאָר אַ שיינע טעאָריע נאָר לעבעדיקע ווירקלעכקייט.

דער כוח פון דורותדיקן נוסח־התפילה, פון די האַרציקע קלאַנגען פון דער יידישער ליטורגיע, זענען נאָך אַלץ די הערשער פון דעם יידישן געמיט און פון דער יידישער נשמה, אויף לאַנגע־לאַנגע יאָרן, און דער קאַנאַל פון יידישן האַרץ־אויסגוס, פון יידישן געמיט־צושטאַנד און פון השתפכות־הנפש פון אחינו בני ישראל איבער דער גאַרער וועלט.

פורים — דער אויסדרוק פון יידישער פרייד און בטחון

פורים איז טאַקע געשען דער נס אין פרס און מדי, אויסער ישראל. דערפאַר זאָגט מען טאַקע ניט קיין הלל, ווייל, ווי האָט איינער געזאָגט: אין גלות מוז מען פירן אַ שתדלנות-פּאָליטיק. חנוכה ווידער זאָגט מען הלל, ווייל דער נס איז געשען אין ישראל, און אין ישראל פירט מען אַ גבורות-פּאָליטיק.

אָבער דאָך זעט זיך פורים אָן דווקא אין ישראל מיט דער גאַנצער נאַטירלעכער פרייד פון אַ יידישער מדינה און מיט דעם כאַראַקטעריסטישן יידישן בטחון פון יידן איבער דער וועלט, אַז אויך די היינטיקע המנס און פיינט וועלן מיר איבערקומען און איבערלעבן.

איז דאָך פורים דער אינספּיראַציע-קוואַל פון אַט-דעם דאָזיקן בטחון, פון אַט דער האָפענונג וואָס נעסטעט זיך אין יידישן האַרץ, איבערהויפּט אין דער היינטיקער צעטרייסלטער צייט און אין דער היינטיקער איבערגעקערטער און קאָנוולסיאָנירטער וועלט, אין אַ וועלט, ווי אַ יידישער זשורנאַליסט האָט זיך טרעפלעך אויסגעדריקט, וווּ עס פירט זיך אַ קאַמף צווישן "המניזם", די שוואַרצע ברוטאַלע מאַכט פון די פאַרשיידענע המנס, און צווישן דעם "הומאַניזם", די העכערע מענטשלעכע אידעאַלן און שטרעבונגען.

איז עס אַ פאַרגעניגן געווען היינטיקן פורים, וואָס איז געשטאַנען, כידוע, אונטערן צייכן פון פּאָליטישע, זיכערהייט און אַקטועלע פראַגע-צייכנס אין דעם יידישן לאַנד, זיך צוקוקן צו די פורים-פייערונגען און פריידיקן הומאָר, מיט וועלכן עס האָט געשפּרודלט די מדינה.

ביז גאָר אָנזעעוודיק איז דער יום-טוב צווישן דעם קליינוואַרג, וואָס פאַרשטעלט זיך אין די פאַרשיידענע מאַסקעס און קליידונגען, צעשפּילט זייערע קינדערישע פאַנטאַזיעס, און פילן-אָן מיט הייטערדיקייט די צוקוקערס.

ביז גאָר אָנזעעוודיק איז דער יום-טוב אין די פאַרשיידענע ישיבות און שולעס, גימנאַזיעס, אין וועלכע די דאָזיקע פריידיקע איינפאַלן קומען צום אויסדרוק אין בונטפאַרביקע אינסצעניזאַציעס, טעאַטראַליזאַציעס, פּאַראַדיעס, קופּלעטן, אימיטאַציעס פון רביים און לערער.

מיר זענען בייגעווען אַזאַ פריידיקע פייערונג פון ישיבה-גימנאַזיסטן, ביי וועלכער מען האָט "געקרוינט" אַ פורים-רב, וואָס איז אַריין רייטנדיק אויף אַן אַראַביש אייזעלע, אַז געמיינט האָט מען אַז דאָס איז אָדער משיח, אָדער להבדיל, בלעם הרשע, און ווען דאָס אייזעלע האָט פאַר זיך דערזען עטלעכע הונדערט צעפייערטע בחורים, האָט זיך עס דערשראָקן און פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט געבן אַ טראָט, און אַ צענדליק בחורים האָבן עס געמוזט ציען, שטופּן, נעמען און צווינגען אַריינצומאַרשירן ביז דער בינע מיטן פורימדיקן רב.

אויך די טעלעוויזיע גיט איבער דאָס לייענען די מגילה, דאָס יאָר פון אַ ישיבה פון גוש־עציון, ווו עס זיצן הונדערטער ישראלדיקע בחורים און הערן זיך איין מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צו דער התלהבותדיקער דרשה פון זייער ראש־ישיבה, וואָס מונטערט און וועקט צו בטחון און אמונה אין נצח־ישראל, און נאָכדעם לייענט אַ יונג בחורל מיט אַ קלאָרער שיינער און פעסטער שטימע, מיט דער ספרדישער ישראלדיקער אויסשפּראַך די מגילה.

אויך גיט זי איבער בילדער פון קאַרנאַוואַל־פייערונגען אין תל־אביב, מיט יידישער באַפאַרבונג און אַקצענטירונג אינערהאַלב דער מאָדערנער אינסצעניזירונג.

אַ ביז גאָר איינגעבירגערטע אינסטיטוציע איז דאָס שלח־מנות־שיקן און די פורים־סעודות, און בקיצור: עס ווערט אין לאַנד אויפגעלעבט און נאַטוראַליזירט די אַלטע יידישע פאָרמען פון דעם היימישן און פאַלקסטימלעכן פורים־יום־טוב.

ערב־פסח שטימונג אין דער מדינה

פסח איז דאָך דער קעניג פון די ימים טובים און דער פילבאַרסטער צווישן אַלע. סיי די הכנות ווי דער יום־טוב גופא פאַרנעמען שוין דעם יידנס אויפמערקזאַמקייט אַ צייט פריער און איז ביז גאַר קענטיק אין דער יידישער היים און אויף דער יידי־שער גאַס. אוודאי און אוודאי איז דאָס געזאָגט געוואָרן אין ישראל.

מען זעט שוין דעם אָנקומענדיקן פסח איבעראַל. מען האָט שוין אָנגעהויבן דאָס אויספאַרקויפן די פאַרשיידענע פסחדיקע פראָדוקטן.

היי־יאָר איז פאַראַן אַ גאַנצער וויכוח צווישן די רבנים הראשיים איבער דער כשרות פון ווייַנען. הרב עובדיה יוסף האָט מתיר געווען און הרב שלמה גורן נישט. זאָגט דאָך דער אינערן־מיניסטער ד״ר בודג, אַז מען וועט דעריבער היי־יאָר טרינקען ווייַן ״מן היקב״ אָבער ניט ״מן הגורן״...

אין די שוי־פענצטער פון די בוכהאַנדלונגען קען מען שוין זען אַ צייט די פאַר־שיידנסטע הגדות של פסח, פון פאַרשיידענע פירושים, פאָרמאַטן, אילוסטראַציעס, וואָס ציען־צו דאָס אויג. אין די צייטונגען און אויף די וואַנט־שילדן רעקלאַמירט מען שוין די פאַרשיידענע קאָלעקטיווע סדרים וואָס וועלן פאָרקומען אין די האָטעלן מיט די חזנים און כאָרן, און די וואָס ווילן זיך איינשפּאָרן די הכנות צום סדר און געניסן אין אַ קאָלעקטיווער סביבה גרייטן זיך שוין צו מיט די זיץ־פּלעצער.

אויך די אַרמיי גרייט די טראַדיציאָנעלע סדרים פאַר די סאָלדאַטן מיט דער באַטייליקונג פון רבנים און געסט.

די קינדער און די שילער פון די פאַרשיידענע שולן גרייטן זיך אויך אויף די פסח־וואַקאַציעס און די באַפעלקערונג מאַכט שוין די פּלענער פון באַזוכן אין די פרייע טעג פון חול־המועד, ביי משפחה און פריינד איבערן לאַנד, וואָס ניט אַ גאַנץ יאָר קען מען דאָס באַהויפּטן, ווייל מען איז געבונדן צו דער אַרבעט און די קינדער אין די שולעס.

אין פאַרשיידענע שולן, אין די קיכן פון די אינטערנאַטן ווערן געשייערט און געכשרט די קיכן. אין מאַנכע פון זיי פירט מען דורך די הגעלת־כלים ערב־פסח פאַר די תלמידים. אויך פירט מען דורך די טראַדיציאָנעלע קמחא דפסחא־זאַמלונגען פאַר די פאַרשיידענע אָרעמעלייט און מוסדות. בקיצור: דער ליבער יום־טוב קומט און דערנענטערט זיך, אָרום אַ וועלט פון געשעענישן און פאַרהאַנדלונגען, פון שפּאַ־נענדיקע טעג און קאָנווולסיעס, גייט זיך דאָס יידישע לעבן זיין גאַנג.

עס דוכט זיך אַז די הגדה, אַז די פסח־הגדה איז דאָך היינט אַקטועלער ווי שטענדיק, און אַז דער געראַנגל צווישן יידן און מצרים איז ווי אַרויסגעשפּרונגען פון די טויזנט־יעריקע געשיכטע־בלעטער מיט קראַפט און לעבן.

דער הרב הראשי רופט טאַקע צו יידן פון אַלע וועלטטיילן צו קומען אויף פסח

מקיים־זיין עליה לרגל, אַזוי אַז געשיכטע און אַקטואַליטעט וועבן זיך צונויף אין איין קנויל, און "אַלט־ניי־לאַנד" איז אַ פּילבאַרער ענין דאָ־הי.

עס הויבט אויך די נאַטור זיך צו צעפּרילינגן און אויפּבליען, און דער חודש האביב הייבט אָן אויפגיין אין זיין גאַנצער פּראַכט.

בלייבט אויך אַז דער געמיט זאָל זיך צעפּרילינגן און צעגרינען, אַז די שוואַרצע כמאַרעס וואָס רינגלען אַרום די היינטיקעווירקלעכקייט זאָלן צערונען ווערן און עס זאָל טאַקע קומען דער פרייהייט־פּרילינג, דער אייביקער אביב פאַר אונדזער פאָלק און לאַנד.

דער געאייניקטער פאָלקס־פראָנט

אין אַנבליק פון דער פאַרשטאַרקטער טעראָריסטישער טעטיקייט אין דער מדינה, פון וועלכער עס איז שוין, צום גרויס באַדויערן, פאַראַן אַ סאַלדאָ פון אַ סך אומשולדיקע קרבנות, פון פאָלקס־טראַגעדיעס, איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער געאייניקטער פראָנט פון דעם גאַנצן ישוב, צוריקצושטויסן און צו באַקעמפן אָט די טעראָר־כוואַליע, און איבערהויפּט צו שטיין אויף דער וואַך און פאַרהיטן ווי ווייט מעגלעך נייע אויסברוכן און אומגעריכטע אַטאַקעס. דער גאַנצער ישוב בילדעט איין פאָלקס־פראָנט פון וואַכזאַמקייט און פאַרטיידיקונג. איבעריק צו זאָגן אַז מען האָט פאַרשטאַרקט דעם מיליטער־דינסט, דאָס פעריאָדישע רופן פון די רעזערוו־כוחות צום דינסט.

עס האָט זיך געבילדעט די אַזוי־גערופענע משמר אזרחי, ציווילע וואַך, וואָס באַשטייט פון וואָלונטירן אין די פאַרשיידענע שכונות איבערן לאַנד, וואָס פּאַטרולירן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן די גאַסן און די פּונקטן, וואָס היטן און פאַרהיטן פון אַריינדרינגלער, און וואַכן איבער דער גאַנצקייט פון די מוסדות און פאַרמעגנס פון דער מדינה.

ניט איינמאָל אַנטדעקן זיי באַצייטנס אויפרייס־מאַטעריאַלן, וואָס זענען פאַרשטעקט און קאַמופלאַזשירט, און ניט איין אומגליק איז אַדאַנק דער דאָזיקער ציווילער וואַך אויסגעמיטן געוואָרן.

איבעריק צו זאָגן אַז די פּאָליציי איז לעבטנס גאָר שטאַרק באַשעפטיקט, איבערהויפּט די ספּעציאַליזירטע איבערן צענעמען אָט־דעם אויפרייס־מאַטעריאַל.

אויך איז שטאַרק טעטיק די הג״א, די ציווילע פאַרטיידיקונג פון דער ישראל־אַרמיי,ביים אַבליגאַטאָרישן מיליטערישן דינסט, ביים היטן פּערמאַנענט די סטראַטעגישע פּונקטן פון דער מדינה, און זייער נוצן איז אומגעהייער גרויס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די לאַנד־פּאָזיציעס.

מען האָט לעצטנס אויך גענומען איינאיבן די עלטערע תלמידים פון די מיטלשולן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער ציווילער וואַך. אין די שולעס האָט מען באַשטימט אין יעדן חינוך־אַנשטאַלט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פון זיכערקייט, וואָס אָרגאַניזירט די פּערמאַנענטע שילער און עלטערן־וואַך, טאָג ווי נאַכט, און היטן די שולן און זייער אומגעבונג פון אויפרייסן און אַריינדרינגונגען.

אין די גרעסערע אַנשטאַלטן איז באַשטימט געוואָרן אַן אויפזעער פון ציווילער פאַרטיידיקונג פון דער אַרמיי.

אויסער דעם האָבן די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, ווי שולן, געדונגען שומרים וואָס היטן צוזאַמען מיט די עלטערן און תלמידים, מיט געווער אין האַנט.

מיר האָבן אַליין געטראָפן מענער וואָס האָבן דערפילט זייער רעזערוו־דינסט

אין מיליטער, אויסער דעם האָבן זיי אָפּגעגעבן עטלעכע שעה אַ טאָג צו היטן אַלס עלטערן די חינוך־מוסדות פון זייערע קינדער, און אויסער דעם געגעבן עטלעכע שעה אַ וואָך פאַר דער ציווילער פאַרטיידיקונג.

עס ווערן פאַרשטאַרקט און פאַרשאַנצט די פאַרשיידענע שול־געבוידעס. עס ווערן אויפגעבויט "זיכערקייט"־גריבער, אַריינצוואַרפן אויפרייס־מאַטעריאַל, בכדי, אויב זיי רייסן־אויף זאָלן זיי ניט שעדיקן קיינעם. עס ווערן אָפּגעהאַלטן פּערמאַנענט פאַרזאַמלונגען, אינסטרואירט די באַפעלקערונג, איינגעאיבט די שילער.

בקיצור: די גאַנצע מדינה איז געוואָרן איין געאייניקטער פאָלקס־פראָנט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון יידיש לעבן, פון יידיש האָב און גוטס, און פאַר דער צוריק־שליידערונג פון דעם שוואַרצן אוממענטשלעכן און מערדערלעכן טעראָר, וואָס קעמפט מיט אַזעלכע בידערטרעכטיקע מיטלען קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג פון דעם לאַנד. און עס בלייבט דאָך מתפלל צו זיין אַז דער אייביקער היטער, דער "שומר דלתות ישראל", זאָל אויפהיטן זיין פאָלק, "לא ינום ולא יישן שומר ישראל", און, בענטשן זיין פאָלק מיט שטאַרקייט און מיט שלום, "ה' עוז לעמו יתן, ה' יברך את עמו בשלום".

אויף אַ צוזאַמענפאָר פון עלית־הנוער

אין אַ זוניק־צעשיינטן טאָג זענען מיר געפאָרן קיין נתניה, איינטיילצונעמען אויפן כינוס פון מנהלים פון דערציונגס־אַנשטאַלטן מיט אינטערנאַטן, וואָס איז פאַר־רופן געוואָרן דורך דער עלית־הנוער אין לאַנד.

דער וועג איז וווּנדערשיין. מיר פאָרן דורך דורך די פּרעכטיקע לאַנדשאַפטן פון די ירושלימער בערג, גרינע צעאַקערטע פעלדער, גאָלדענע באַלאַדענע ציטרוס־פּרוכטן. מיר פאָרן דורך לוד, דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן לופט־פעלד און די אַווי־אַגען־אַנגאָרן. דער טאָג איז מילד, די זון איז שטראַלנדיק, דער וועטער אַ מחיהדיקער, און דער געמיט לויטערט זיך אויף.

דער כנס איז געווידמעט אַ זייער אינטערעסאַנטע טעמע, יידן און די אַרומיקע וועלט, האָט דאָך די עלית־הנוער געבראַכט יוגנט און קינדער פון ארבע פינות העולם, ווו יידן זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער סביבה און קולטור, ביטבאַטייליקט זיך אין דעם צושטייער פון דער קולטורעלער קריסטאַליזאַציע פון די באַטרעפנדיקע וווינלענדער. דאָ אין לאַנד, גיט מען אונדז איבער, לערנען אין די אַנשטאַלטן פון עלית־הנוער ביי די פערצן טויזנט קינדער און יוגענטלעכע, אַזוי אַז דער דאָזיקער אָרגאַניזם איז אַ יש. מיר האָבן געלעגנהייטלעך באַזוכט אַ רייע גרויסע אַנשטאַלטן, און דער איצטיקער כינוס קומט טאַקע פאָר אין דעם רעליגיעזן יוגנט־צענטער פון חינוך און פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג, ווו עס לערנען ביי די הונדערט פּופּציק קינדער.

די געביידעס זענען גערוימע און דער גאַנצער פאַרנעמונגספולער פּלאַץ אין ציכטיק און אויפגערוימט און מאַכט אַן אַנגענעמען רושם.

עס באַטייליקן זיך ביי די פערציק אָנפירנדיקע מיטגלידער פון חינוך־אַנשטאַלטן פון דער מדינה, און עס טרעטן־אויף אַ דאָקטער־דערציער, אַן אוניווערסיטעט־פּראָ־פעסאָר און אַ רב.

דער דאָקטער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון דייטש־שפּרעכנדיקע יידן, פון אָרטאָ־דאָקסישן לאַגער. דער פּראָפעסאָר איז דאָצענט פון געשיכטע און איז ניט קיין פרומער, און דער רב איז אַ הי־געבוירענער און דערצויגענער פרומער יונגערמאַן. ער זיצט אין תפילין און אַזוי האַלט ער זיין עקספּאָזע.

דער דאָקטאָר רעדט איבער דער טעמע: "דאָס יידיש פאָלק אין קאָנפראָנטאַציע מיט אַנדערע פעלקער און קולטורן אין משך פון זיין געשיכטע". ער פירט־אויס אינטערעסאַנטע שלוסן, אַז אַדאַנק אָט־דער קאָנפראָנטאַציע, אַדאַנק די וויכוחים, האָט דאָס יידישע פאָלק געשאַפן אַ סך ווערטן. דער געשיכטע־פּראָפעסאָר רעדט איבער "עם ישראל און מדינת־ישראל איבערהאַלב דער וועלט־קולטור אין אונדזער דור". ער מאַכט אַ שאַרפן אַנאַליז פון דער הייַנצייטיקער יידישערווירקלעכקייט,

ווען דאָס יידיש פאָלק האָט פאַרלוירן זיין ספּעציפישקייט און אונטערשייד אין זיין מהות פון דער אַרומיקער וועלט, וואָס דאָס באַשווערט אָפּצוזונדערן זיך פון דער אַרומיקער וועלט, לויט וועלכער פירונג מען איז זיך נוהג.

צום סוף האָט גערעדט דער יונגער רב איבער "דאָס יידנטום און פרעמדע קול־טורן, אין שפּיגל פון דער הלכה", און האָט אַרויסגעבראַכט די מיינונגען פון חז"ל איבער פאַרשיידענע געביטן פון וועלכע מיר זונדערן זיך אָפּ און צייכענען זיך אויס צווישן די פעלקער.

עס איז דערנאָך פאַרגעקומען אַ קורצער מיינונגס־אויסטויש פון די אַנוועזנדיקע, וואָס האָבן איינגעוועבט אייניקע מיינונגען פון די לעקטאָרן, און דער עולם איז דערנאָך איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ זייער געשמאַקן מיטאָג דורך דעם פערסאָנאַל פון דעם חינוך־אַנשטאַלט.

מיט מנחה בציבור איז דער דאָזיקער אינהאַלטלעכער און דערהויבענער כנס געשלאָסן געוואָרן, ווינטשנדיק זיך דערנאָך אַ כשרן און פריילעכן פּסח.

מיר פאָרן־צוריק קיין ירושלים איבערן פּרעכטיקן וועג, פול מיט די אַרויסגע־זאָגטע געהויבענע רעיונות פון דעם דאָזיקן סימפּאָזיום, וואָס איז ניט געווען קיין דורכשניטלעכער צוזאַמענפאָר נאָר פון אַ הויכן קולטור־קאַליבער, וואָס האָט באַלערנט און אָנגערעגט נאָכצודענקען איבער וויכטיקע און וועזנטלעכע אַספּעקטן פון יידנטום אין דער געשיכטע און אין דער הייַנטיקער צייט.

הערנדיק אַ ירושלימער מגיד

אינטערעסאַנט ווי יידישקייט האָט זיך איבערגעטראָגן און איבערגעפלאַנצט אַזוי באַטירלעך אין ישראל, מיט אַלע ניואַנסן פון אַמאַליקן אייראָפּע, סיי אין תוכן ווי אין פאָרעם, סיי אין גייסט ווי אין אויסערלעכקייט.

ווער וואָלט זיך געוועגן אַמאָל פאָרגעשטעלט אַז יידן אין ארץ־ישראל, הי־געבוירענע און דערצויגענע, זאָלן גיין אַנגעטון אין זעלבן טראַכט, ממש אין די זעלביקע בגדים, לערנען אויפן זעלבן שטייגער, מיט די זעלבע העוויות, אַזוי אַז עס קומט אייך אויס ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשפרונגען פון אַ געשיכטע־כראָניק פון אַמאַליקן פוילן, גאַליציע, אונגאַרן א.ד.ג.

אַזוי, אַז אויב אונדז אינטערעסירט אַמאָל, אַ נייעס, איז ניט נאָר אמתע "נייעס", ארץ־ישראלדיקע פּראָדוקטן, נאָר פשוט אַן "אַלטע" נייעס, איבערגעפלאַנצט אַקוראַט ווי אַמאָל אויפן היגן באָדן. דאָס איז דאָפּלט אינטערעסאַנט. עס גיסט זיך צונויף ממש פאַרגאַנגענהייט מיט קעגנוואַרט, ליטעראַטור, ווי איר האָט אַמאָל געלייענט איבער אַזעלכעס, מיט צאַפּלדיקער רעאַליטעט.

זענען מיר טאַקע מיט אַזאַ נייגער געגאַנגען חול־המועד פסח הערן אַ באַקאַנטן ירושלימער מגיד, און מיר האָבן טאַקע געזען און געהערט אַ גוטן, אויסגעדראָשענעם מגיד, מיט דער גאַנצער קונסט און טעכניק, לויט ווי מיר האָבן עס געלייענט פון אַמאָל, מיט דער גאַנצער צוציונגס־קראַפט און אינהאַלט, און מיר האָבן ערשט דאָן פאַרשטאַנען ווי אַזעלכע מגידים פלעגן צוציען קינד און קייט אין די אַמאַליקע אייראָפּעישע שטעטלעך, וואָס פלעגן שלינגען זייערע רייד, זיך קוויקן מיט זייערע דרשות און זיך שטאַרקן מיט זייער מוסר.

אַ סך אַזעלכע מגידים זענען דאָך אַריין אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע און ליטעראַטור, און זייערע דרשות און משלים זענען דאָך ביז היינט צו טאָג אַ שם־דבר און דער קנין פון אונדזער קולטור־פאַרמעגן איבעראַל.

און הלמאי זאָלן מיר לייקענען: אַ סך מאָדערנע רעדנער און דרשנים וואָלטן געמעגט ביי אָט דעם ירושלימער מגיד לערנען די קונסט פון רעדן, פון האַלטן גע־שפּאַנט דעם עולם, פון אַריינגעבן אינהאַלט און טעם זייערע ווערטער, פון האָבן אַ קאָנסטרוקציע און אַ ציל פון דער דרשה, אַן אָנפאַנג, אַ מיטן און אַן ענדע. וואָס־וואָס: אָבער דער מגיד איז אַ "קינסטלער" און אַן אמתער "פאַכמאַן" און קען זייער אָבער זייער גוט זיין אויפגאַבע, און איז ביז גאָר דעריבער מצליח.

ערשטנס, זיין טאָן. ער ווייסט ווען צו רעדן שטיל, גיין העכער, "קרעשענדאָ", ביז ער דערגייט צום דונערדיקן קלימאַקס און ביז ער דערפירט צו איבערצייגעוודיקן אויספיר פון זיינע טעזיס, וואָס זענען אומאָפּפרעגבאַר, און מיט וועלכע דער עולם אידענטיפיצירט זיך געגנצלעך.

צווייטנס, זיין רעדנערישער טאַלאַנט, זיינע זשעסטיקולאַציעס, זיין זינגעוודיקייט, זיינע מגידישע חנדלעך, דאָס אַלץ שאַפט דעם איינדרוק פון אַ גייסטיקן קולטורעלן קליינקונסט־פּראָגראַם, וואָס גיט אַריין אויפהייטערונג, אַמוזירונג, און דעסטגלייכן דערגרייכט זיין ציל פון דערציען דאָס פאָלק צו יראת־שמים, צו תורה, צו קדושה. בקיצור: ער קען האַלטן און ״נעמען״ דעם עולם, וואָס הערט אים גערן, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און מיט אומגעשטילטן נייגער.

און ווער איז דער עולם? — קינד און קייט, אנשים, נשים און טף, אינטעליגענטע יידן, לערנערס, ישיבה־לייט, הדר־ייִנגלעך, אינטעלעקטואַלן, און אַלע באַגלייך האָבן אַ געהויבענעם גענוס, זיצן פאַרפלאָמט און צעשטראַלט, ווען דער ייִד, מיט דער דיקלעכער מגידישער פיגור, מיט דער לאַנגער זיך גרויענדיקער באָרד, אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, נאָכן האָבן אויסגעטון דאָס שטריימל, אין דער שוואַרצער יאַרמולקע, און נאָכן האָבן אַוועקגעשטעלט זיין שטעקן, שאַקלט זיך פלינק און מאַכט אַלע מגידישע העוויות, וואָס שפּילן אַריין אין טאָן און אינהאַלט.

דער זאַל איז געפּאַקט. אַ יונג בחורל האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ פענצטער, כדי בעסער צו קענען זען און הערן. פון גרויס היץ, האָט ער אויסגעטון זיין גאַרטל, זיין קאַפּאָטקעלע, עס אויפגעהאָנגען אויפן פענצטער, און אויף דער נעבנדיקער פענצטער־קליאַמקע האָט ער אויפגעהאָנגען זיין האַרט קאַפעלושל, און אויף דער דאַזיקער ביז גאָר ״סטראַטעגישער״ פּאָזיציע, איז ער געשטאַנען־געהאָנגען די גאַנצע צייט אָן מיד ווערן.

הכלל: מיר האָבן, פון צווישן אַנדערע איבערלעבונגען, צווישן אַנדערע נייעס און ״נייעסן״ פון אַמאָל, אויך אָט דעם גייסטיקן גענוס און פאַרגעניגן געהאַט ביים הערן דעם באַקאַנטן ירושלימער מגיד, און עס האָט זיך פאַר אונדז אויסגעוויקלט קלאָר און אַמבולטסטן ווי אונדזערע אבות־אבותינו האָבן זיך גאַנץ פיין און גאַנץ קולטורעל געקענט מיט זיי אויסלעבן, אויב ניט בעסער פון היינטיקע סימפּאָזיומס און אַקטן.

אַפּצייכענענדיק דעם 27־סטן יום־העצמאות

למען האמת, איז מען אין ישראל אַריינגעטון אין די טאָג־טעגלעכע האָוועניש, פּראָבלעמען, ידיעות, געשעענישן, אַזוי אַז דער יום־העצמאות האָט איבערגעריסן די גרויע אַלטעגלעכקייט און האָט ווידער אַ פלייץ געטון מיט דער אָנגעהויפּטער אייב־געגוורעטער ראָמאַנטיק פון דער מדינה־ווירקלעכקייט, און עס איז אַרויסגעקומען ווידער אויף דער אויבערפלאַך די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם דאַטום.

ווידער האָבן זיך די גאַסן באַפּוצט מיט ישראלדיקע פענער און סימבאָלן, ווידער האָט קינד און קייט געפייערט נאָך אַ יאָר פון ישראלס מדינהשאַפט, און ווידער איז אויף אַ טאָג־צוויי פאַרווישט געוואָרן די זאָרג און די דאגה פאַר דער צוקונפט, פאַר דעם געראַנגל פון אונדזער מדינה פאַר איר עקזיסטענץ און איר המשך.

זענען די פייערונגען, ווי אַלע יאָר, געשטאַנען אונטערן צייכן פון יום־הזכרון, ערב יום־העצמאות, און פון יום־העצמאות גופא. ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט טרעפ־לעך אַ רעדנער, אַז דאָס זענען ביידע זייטן פון דער ייִדישער מטבע. דער יום־הזכרון סימבאָליזירט דעם עבר, די קרבנותפולע גרייטקייט צו אָפּפערן זיך פאַר דער עטאַב־לירונג און דעם קיום פון ייִדנטום, און דער יום־העצמאות באַדייט די האָפענונג פאַר דעם עתיד פון אונדזער פאָלק און מדינה, און ביי ייִדן, ווי באַוווּסט, איז עבר און עתיד ענג צונויפגעבונדן.

אונדזער יציאת־מצרים שטייט אונטערן צייכן פון "זכור", געדענק. האָט שוין דער פרעזידענט בן־צבי ז"ל זיך טרעפלעך אויסגעדריקט אַמאָל וועגן ראש־השנה, אַז ער הייסט "יום הזכרון", וואָס באַדייט דער געדענק־טאָג, די פאַרגאַנגענהייט, און ראש־השנה, ניי־יאָר, וואָס דאָס מיינט צוקונפט, דער אָנפאַנג פונעם עתיד.

און דער דאָזיקער רעדנער אַליין, האָט עס פאַרלוירן צוויי זין, איינעם אין דעם זעקס־טאָגיקן קריג און איינעם אין דער יום־כפור־מלחמה...

און ווי געפּלעפט זענען מיר געוועזן, דורכפאָרנדיק מיטן אויטאָבוס, אינעם יום־הזכרון, דורך אַ ירושלימער גאַס, האָבן מיר באַמערקט אויפן באַלקאָן פון דעם צווייטן שטאָק, זיצן איינגעבויגן אַ באַצערטער פאָטער איבער אַ ברענענדיקן פאַקל, און אַזוי האָט ער זיך מתיחד־געווען מיטן אָנדענק פון זיין געפאַלענעם זון פאַר ישראלס קאַמף און אומאָפּהענגיקייט.

און אַז עס קומט דער יום־העצמאות, פילט מען אַרויס ווי דער ישוב זוכט אַן אויסדרוק, אַ פּאַסיקע פאָרעם פון פייערן דעם דאָזיקן נייעם יום־טוב, דאָס אַריינפּאַסן אים אין דעם קאָמפּלעקס פון דער ייִדישער טראַדיציע און שטוב־אַטמאָספער, און עס גייען דעריבער אום דיסקוסיעס, מיינונגס־פאַרשידנהייטן, עצות־געבעריי, א.א.וו. ווי דער יום־העצמאות זאָל פאַרנעמען זיין פאַרדינטן פּלאַץ אין דעם ייִדישן באַלאַ־דענעם טראַדיציע־קאַלענדאַר.

כמעט אַלע, פרומע און ניט־פרומע, שטימען איין אַז דער יום־העצמאות מוז האָבן אַ יידישע אונטערלאַגע און טראַדיציע, בכדי ער זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דעם ציקל פון די אַנדערע יידישע פייערונגען און זאָל ווערן אַן אינטעגראַלע טייל פון די זעלבע.

די רעליגיעזע קרייזן האָבן טאַקע שוין איינגעשטעלט אַ פייערלעכע תפילה־אָפּריכטונג, מיט אַ קריאת־התורה, מיט שופר־בלאָזן, מיט זאָגן הלל. עס גייט נאָך אָן די דיסקוסיע צי זאָל מען זאָגן הלל מיט אַ ברכה צי אָן אַ ברכה. די וואָס האַלטן אָן אַ ברכה, מאָטיווירן דאָס, אַז ס'איז נאָך ניט קיין גאולה שלמה. די וואָס האַלטן מיט אַ ברכה, גיבן־אָן וואָגיקע מאָטיוון פון תהלות ותשבחות פאַר די ניסים, פאַר דער אתחלתא דגאולה, פאַרן ראשית צמיחת־גאולתנו.

די טעג איז אונדז אויסגעקומען צוצוזען אַ טעלעוויזיע־פּראָגראַם מיט מיינונגען ווי צו פאַרוואַנדלען יום־העצמאות אין אַ פולן און עכטן יידישן יום־טוב, לויטן שטייגער פון די אַנדערע, מיט אַ קידוש, מיט אַ ספּעציעלער סעודת־יום־העצמאות, וכדומה.

איין פרוי האָט למשל געוויזן אַ יום־טוב־קוילעטש וואָס זי האָט אָפּגעבאַקן אין דער פאָרם פון אות "עין", פון "עצמאות", און פאָרגעשלאָגן אַז דאָס זאָל מען איינפירן צו דער סעודה.

אַ צווייטער אינטעלעקטואַל האָט פאָרגעשלאָגן, אַז עס מוז זיין אַ טיפּיש מאַכל, וואָס זאָל אויסדריקן דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון דעם טאָג, ווי די קניידלעך, פּסח, מילכיקס, אויף שבועות, האָניק — עשרת־ימי תשובה, לאַטקעס — חנוכה, א.א.וו. פון זיין זייט, האָט ער פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל יום־העצמאות דאָס פייערן מיט קאָנסערוון, היות דאָס דריקט אויס דעם כאַראַקטער פון דער מדינה...

ווי עס איז צו זען, דאַרף ערשט דער דעפיניטיווער אינהאַלט און כאַראַקטער, דער שטעמפּל און אָפּצייכענונג נאָך קריסטאַליזירט און אָנגענומען ווערן איינשטימיק דורך אַלעמען, עס זאָל ווערן אַן אייגנהייטלעכער טאָג איבעראַל. אָבער דערווייל, ביז דאָס וועט געשען, און ווער ווייסט וויפל צייט דאָס קען נעמען, פייערט מען אומעטום, יעדער איינער אויף זיין שטייגער, ווער מיט אַ סעודה מיט ליכט און יום־טובדיקע מאכלים, ווער מיט תפילות, מיט מסיבות, מיט טענץ, מיט אַקטן, מיט קאָנצערטן, מיט אַ תנ"ך־פאַרמעסט, א.א.וו. א.א.וו., און דער דאָזיקער טאָג הייבט אָן אַריינצודרינגען אינעם געמיט, אין דער געשיכטע, אינעם פאָלקלאָר, אין דער פאָלקס־טראַדיציע, און ווערט פון זיך אַליין אַן אייגנאַרטיקע, באַטירלעכע דערשיינונג, וואָס רינגלט זיך אַריין אין דעם יידישן לוח מיט אַ ספּעציפישן חן און כאַראַקטער.

דער מתן־תורה יום־טוב אין ישראל

דער יום־טוב הייסט טאָקע זמן מתן־תורתנו, ווייל בלויז איינמאָל איז געווען דער אַקט פון געבן די תורה, אָבער דערפאַר — לויט יענעם רבייש ווערטל איז קבלת־התורה פּערמאַנענט. יעדן טאָג, יעדע שעה, און יעדעס פּלאַץ ווו יידן לערנען און האַלטן די הייליקע תורה, דאָרטן קומט פאָר דער קבלת־התורה־אַקט.

און דער מעמד הר־סיני חזרט זיך איבער יעדן שבועות, ווען יידן שטעלן זיך ווידער אויף צו הערן די עשרת־הדברות, און יעדע ווײלע, ווען זיי זענען עס מקיים אַט יענע אַלט־אייביקע פאַרשריפטן וואָס די גאַנצע וועלט אַנערקענט, אַלס די באַזיסן פון מענטשלעכער געזעצגעבונג און פּאַרהעלטעניש, אויף וועלכער די וועלט האַלט זיך. און אויב דאָס איז געזאָגט און געמיינט אין אַלגעמיין, פילט מען דאָס באַשיינ־פּערלעך אַרויס אין ישראל, איבערהויפּט שבועות.

שוין ביים אַרייַנקומען אין דער שיל, אַנטפּלעקט זיך אַ וווּנדערבאַר בילד ווי דער שיל־זאַל איז פייערלעך באַפּוצט מיט גרינס לכבוד שבועות, אין זכר פון דעם צעגרינטן סיני־באַרג אָדער פון דעם חג־הבכורים. איז דאָך טאָקע שבועות סיי דער מתן־תורה יום־טוב, סיי דער חג־הבכורים, און אין ישראל זעען זיך ביידע אָן מיט לעבעדיקער ווירקלעכקייט. די תורה אַליין איז דאָך אָן עץ־חיים, אַ לעבנס־בוים, אַזוי אַז בוים און תורה זענען אָרגאַניש צונויפגעבונדן. דער רב האַלט אַ שיינע טיפע דרשה איבער רות, איבער גרות ביי יידן, לויט דעם מוסטער פון רותן, און ציט אַ פּאַראַלעל צווישן איר מתן־תורה, איר באַקערן זיך צום יידנטום און צווישן דעם מעמד הר־סיני פון אונדזער פאָלק.

נאָך דער פייערלעכער יום־טובדיקער תפילה, לאָזן מיר זיך אַרויס אויף אָן איינגאַרטיקן "שפּאַציר" איבער די פאַרשיידענע שילן, צו זען ווי עס ווערט אָפּגעריכט דער תיקון־שבועות.

אין דער קילער פרישער ירושלימער אָנגענעמער נאַכט, שלייכן זיך געשטאַלטן וואָס לאָזן זיך אָפּריכטן דעם תיקון, יעדער איינער אין זיין קרייז, לויט זיין אויסוואַל, קינד און קייט.

אַט גייען מיר אַריין אין איין שיל, זיצן האַלבע נאַכט אַ פערציק יידן, און פאַר זיי לערנט און טייטשט־אײַן דער רב דעם מדרש פון מגילת־רות, ברענגענדיק אַ שלל פון ביישפּילן, תורה־ווערטלעך און חכמות, פון וועלכע דער עולם האָט שטאַרק הנאה.

מיר גייען אַריין אין אַ צווייטער שיל, און עס שטייט ווידער פאַר אָן עולם פון עטלעכע צענדליק יידן אַ עלטערער לעקטאָר, אַ געוועזענער דירעקטאָר פון אַ לערער־סעמינאַר פאַר די גלות־לענדער און אַ מחבר פון אַ באַקאַנטן מאָדערנעם פאַרטייטשטן סידור, און האַלט אַ שיעור אין דער גמרא ברכות.

מיר לאָזן זיך אין אַ דערבייאיק יוגענטלעכע שיל, און עס שטייט אָן אַדוואָקאַט,

וואָס איז אגב איינער פון די בעסטע בעל־קוראס, און לערנט ערנסט און פייערלעך פאַר עטלעכע צענדליק שול־קינדער איבער דעם באַדייט, דעם טייטש און די געדאַנ־קען פון די עשרת־הדברות. די קינדער באַטייליקן זיך אַקטיוו מיט אַרויסזאָגונגען איבער דעם געלערנטן, און מיר זעען פאַר זיך אַט די בעסטע גאַראַנטיע וואָס די יידן האָבן אָנגעגעבן טאָקע ביי מתן־תורה, זייערע קינדער. מיר גייען פון דאָרטן אַריבער אין אַ באַקאַנטער ישיבה, ווו מיר טרעפן־אָן אין דעם גרויסן אילומינירטן זאַל צענדליקער בחורים זיך שאָקלען איבער די גמרות מיט אַזוי פיל האַרץ און אויסדרוק, אַזש עס רייסט־מיט.

ביים אַרויסגיין באַגעגענען מיר מחנות יוגענטלעכע, יינגלעך, מיידלעך, מענער און פרויען וואָס לאָזן זיך גיין צום כותל אָפּצוריכטן דעם תיקון, און אינדערפרי טרעפן מיר זיי מידע אָבער צעשטראַלטע שוין גיין פון דאָרטן נאָכן תיקון און נאָכן אָפּדאַווענען, און זיי גיבן־איבער אַז דאָס בילד איז דאָרט געווען אימפּאָזאַנט, אַז טויזנטער יידן האָבן דאָרטן געלערנט און געדאַוונט, און אַז דאָס איז געווען אַן אומ־באַשרייבלעכע און אומפאַרגעסענע וויזיע.

אינדערפרי ריכט מען אָפּ די יום־טובדיקע תפילות און מען זאָגט אקדמות מיט אַ חסידישן ניגון און מיט דעם סקאַרבאָוון נוסח.

מען כאַפּט אַריין אַ חסידישן זמר, מען עסט שפּעטער די מילכיקע סעודה, און לסוף לאָזט מען זיך אַרויס אויף דעם שבועותדיקן שפּאַציר איבער די ירושלימער גאַסן, וואָס זענען פאַרפלייצט מיט יום־טובדיקע שפּאַצירער, וואָס פייערן, פילן און לעבן־איבער דעם מתן־תורה־יום־טוב מיט אַלע ניואַנסן פון אונדזער טראַדיציע און מיט דער עכטקייט און שיינקייט פון אונדזערע תורהדיקע זאַפּטן.

אויף אַ ישיבהשער חתונה

מיר האָבן שוין באַשריבן אייניקע חתונות, פרומע און געוויינטלעכע, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער אייגנאַרטיקייט און אינטערעסאַנטקייט. איצט איז אונדז די טעג צוגעקומען צום ערשטן מאָל אין ישראל אַ ישיבהשע חתונה פון בלויז פרומע באַבערדלטע ישיבה־לייט פון ירושלים, מערסטנטייל פון מאה שערים.

אַזוי, אַז דער עולם איז געקומען אין די פאַרשיידענע ירושלימער קאַפּאָטעס, שטריימלעך, ספּאָדיקעס, און עס איז געווען ממש אַ ים מיט פאַרשיידענע בערד, פּיאות, און יונג און אַלט אָנגעטון אין זייער כאַראַקטעריסטישן יום־טובדיקן טראַכט.

דער חתן איז אַ תלמיד פון דער בראַצלאַווער ישיבה, זענען טאַקע געקומען מערערע תלמידים און עס האָבן געשיינט אַ סך זייער שיינע קינדער קיין עין הרע, פון פאַרשיידענע עלטערס. סיי די כלה, ווי דער חתן, זענען פון אַלטגעזעסענע ירושלימער משפחות, פון זיבן דורות, בערך אַ הונדערט און פופציק יאָר אין לאַנד. אַזוי, אַז די מערהייט פון דעם חתונה־עולם זענען טאַקע פאַרוואַנדטע, קוזינען, מחותנים א.א., פון די דאָזיקע פאַרצווייגטע פאַמיליעס. פון דער כלהס צד שטאַמט די משפחה פון צוויי תלמידים פון דעם ווילנער גאון, וואָס זענען עולה־געווען קיין ישראל, און פון חתנס צד, פון בראַצלאַווער חסידים.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין דער ירושלימער געגנט "גאולה", וואָס איז דער המשך פון מאה שערים, אין די אולמות "בעלז", אין די שמחה־זאַלן פון די בעלזער חסידים. ד.ה. דער בנין באַשטייט פון אַ גרויסער שיל, אַ ישיבה, אַ תלמוד־תורה, און דעם אונטערשטן גאָרן, אין דעם "מקלט", דעם שעלטער, איז פאָרגעקומען די חתונה. דער שעלטער איז טאַקע אויפגעריכט און נתעלה־געוואָרן, ווייל דאָרטן גע־פינען זיך זאַלן, פאַר פרויען און מענער, די קיך, א.ד.ג. בעת דער יום־כפור־מלחמה, זענען די מתפּללים פון דער שול אַראָפּ אין דעם שעלטער, און דער מקלט, טראָץ דער מלחמה, האָט אויסגעזען גאָר יום־טובדיק מיט די באַקיטלטע יידן און אויסגע־פוצטע פרויען און קינדער.

דער עולם איז אַ בנימוסדיקער, אַ גוט־דערצויגענער, אַ וווילגעלערנטער און אַ צוגעלאָזענער. עס דערשיינען אומצאָליקע אָרעמעלייט וואָס קומען נאָך אַ נדבה אויף אַזעלכע סאָרטן שמחות און די געסט גיבן יעדן איינעם מיט געדולד, מיט דרך־ארץ און מיט ברייטהאַרציקייט. די מצווה פון צדקה ווערט ביי זיי גאָנץ אָפּגעהיטן. אינטערעסאַנט איז אַ שטומער בעטלער, וואָס קומט נעט און פיין אָנגעטון, מיט אַ גרויסן פּאָרטפעל, ווי ער וואָלט געווען אַן עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון אַ גרויסער פירמע, און אויף זיין שטום־לשון באַקומט ער אַ פיינע מטבע פון דעם מחותן, און ווען יענער, וואָס פאַרשטייט זיך אין זיין שפּראַך, בעט אים בלייבן און עסן, גיט אים

יענער צו פאַרשטיין, אַז דאָס קען ער ניט, ווייל ער מוז נאָך "אַרבעטן" אויף נאָך דריי חתונות...

מען דאַוונט־אָפּ מנחה בציבור און מען שטעלט די חופה. די כלה איז פאַרדעקט מיט אַ גאָר דיקן שלייער, אַז קיין שפּאַרונע איז ניט פאַראַן אין איר, און אַזוי דרייט זי אַרום, מיט דער הילף פוןביידע מאַמעס, דעם חותן זיבן מאָל.

מיר ווילן צוזען די גאַנצע חופה־קידושין צערעמאָניע פון דער נאָענט, און מיר האַלטן־אונטער אַ חופה־שטאַנג, ווען מיר ווערן פלוצים דערשטוינט ווען מען רופט אונדז־אויף צו זאָגן אַ ברכה פון דעם סידור־קידושין. מיר טרעטן נאָכדעם ווידער צוריק און שטויסן־זיך אָן, אינעם געדרענג, אין איינעם פון די צוויי הבדלה־ליכט, מיט וועלכן מען פירט דעם חתן צו באַדעקנס און נאָכדעם צו דער חופה, און טריפן־אָפּ, ניט ווילנדיק, אויף אונדזער שוואַרצן אַנצוג אַן אָנדענק פון דער חתונה. דערביי עצהן אונדז די מאה שערימער, וואָס האָבן שוין געגנוג "דערפאַרונג" אויף אָט־דעם געביט, ווי אַראָפּצונעמען דעם ליכט־וואַקס.

מיר גייען אַריין אין זאַל. מען זיצט ביי די טישן. עס ווערט געגעבן אַ זייער פיינע חתונה־סעודה, און עס הייבן זיך אָן די פריילעכע געזאַנגען און טענץ, אויף וועלכע דער דאָזיקער עולם איז גאָר אַ מאַדים.

עס זיצט ביי פויק און צימבלען, דער יונגערמאַן, וואָס האָט איינגעפירט אַזעלכעס אויף די פרומע חתונות אין ירושלים, ווו עס שפילט ניט דער אָרקעסטער, אָבער ער זינגט, פויקט־צו, צימבלט גאָר פיין און ספּראַוועט זיך מייסטערהאַפט מיט זיין אויפ־גאַבע. ער טוט דאָס געשיקט, אָן אָפּשטעל, און עס דוכט זיך אַז מען דאַרף טאַקע גאָרניט קיין אָרקעסטער. עס איז פאַראַן אַזוי אויך גענוג שמחה, געזאַנג, טענץ, און עס זשומעט פונקט ווי מיט אַ גרויסן אָרקעסטער...

עס פעלט ניט דאָס אויפהייבן דעם חתן און אים דרייען אין אַ געווירבלדיקן טאַנץ. עס פעלט אויך ניט דער קלאַסישער טאַנץ אין די דאָזיקע קרייזן, מיט די פלעשער אויפן קאָפּ, באַוויזנדיק די קונץ פון ניט אַראָפּוואַרפן קיין פלעשל. און פאַר אונדז אַ גאָר נייער "ספּעקטאַקל", ווען אַ בחור שטעלט זיך אויף אַ בענקל אויפן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף אַזוי אַ היפּשע ווײַלע.

מען שמועסט מיטן עולם, מען הערט אַ ווערטל, אַ דבר־תורה, אַ מעשה פונעם רבין אָדער גוטן עלטער־זיידן, מען שלינגט־אַריין דעם מראה פון אַזויפיל יידיש־לעכע יידן, איבערהויפּט פון דעם חן פון דעם שיינעם קליינוואַרג. און דאָ דאַרף מען שוין באַצייכענען, אַז מען הערט נאָר רעדן אַ שיינעם, פולן, זאַפטיקן יידיש. ממש אַ שטיק איירָאָפּע האָט זיך דאָ אַריבערגעטראָגן מיט אַלע יידישע זאַפטן, פלוס דעם היגן צוגאָב, ווי די צייט וואָלט זיך ניט גערירט, און ווי געשיכטע וואָלט אויפגעלעבט אָדער אַרויסגעשווומען פון די אַנאַלן פון מזרח איירָאָפּעישן קאָמפּאַקטן ישוב.

מיר באַטייליקן זיך אויף די שבע ברכות, און מיר גייען אַוועק פון דער דאָזיקער עקסקלוסיוו פרומער ישיבהשער חתונה, ווי מיר וואָלטן אַרויסגעשפּרונגען פון די בלעטער פון אַ געשיכטע־בוך פון די לעצטע יאָרהונדערטער יידיש לעבן.

אויף אַ "שבע ברכות" אין מאה שערים

איינס איז לייענען אין דער ליטעראַטור, הערן מעשיות וועגן חסידיזם, און אַ צווייטע זאַך איז ממש איבערלעבן מאַמענטן עכטע פון חסידות ביי אמתע רעאַלע חסידים, געבוירענע און דערצויגענע אין דער יידישסטער באַרימטער געגנט פון מאה שערים.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן אַז חסידות זאָל זיך איבערפלאַנצן, איבערטראָגן אַזוי לעבעדיק, מיט אַלע מעגלעכע זאַפטן, קנייטשן, סיי אין דעם לבוש, אין דער תנועה, אינעם דיבור, אינעם גייסט, אינעם טאַנץ, אינעם שיר, ווי דאָס איז געשען דאָ אין ישראל.

פאַראַן דאָ די פאַרשיידענע חסידים פון די באַזונדערע דינאַסטיעס, ווי גער, וויזשניץ, ראַדזין, קאַרלין, בראַצלאַוו, א.א. אַזוי אַז עס איז פאַר אייך אַ גרויסע איבערלעבונג אַ פייערונג אין זייער סביבה. איר שלינגט ממש און זאַפּט־איין יעדע באַוועגונג, יעדן ניואַנס, בכדי אַנצוקליידן אין אייער מוח אין לעבעדיקער צאַפּלדיקער ווירקלעכקייט, דאָס וואָס עס איז געווען פאַר אייך ביז איצט הוילע ליטעראַטור, געשיכטע און סיפור.

איז אונדז טאַקע לעצטנס אויסגעקומען צו זיין אין אַ הויז אין האַרץ פון מאה שערים, אין די כאַראַקטעריסטישע געדרייטע געסלעך, אַנטקעגנאיבער דעם מאַרק, אויף אַ "שבע ברכות" פון אַ תלמיד פון דער היגער קאַרלינער ישיבה, און עס איז בפירוש כדאי געווען. עס זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע צענדליק תלמידים און פריינד פון דעם חתן און מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט, אַ מוצאי־שבת, פון נאָך הבדלה ביז נאָך חצות, בייצווזיין און צו באַאָבאַכטן די שמחה.

אַז די חברה קען זיך משמח־זיין, איז אויסער יעדן ספק.

יונגע בחורים און יונגעלייט אין די פאַרשיידענע קאַפּאָטעס, העל־געשטרייפטע, ירושלימער מאָדע, שוואַרצע, אַטלעסענע, ווער מיט ווייסע זאָקן, ווער מיט ברייטע שטריימלעך אָדער די ברייטע מאה שערימדיקע האַרטע קאַפּעליושן. שיינע בחורים, לעבעדיקע, דערצויגענע, תורה־יונגעלייט. אַ פאַרגעניגן צו זיין אין זייער געזעלשאַפט. דער חתן אויבנאָן און מען האָט אונדז מכבד־געווען נעבן אים, אַזוי אַרום אַז מיר האָבן געהאַט אַ "סטראַטעגישע" אָבסערוויר־פּאָזיציע פאַר דעם גאַנצן רעאַלן חסידישן בילד.

דער חתן זיצט זיך בנעימותדיק און טיילט אַלע וואָס בעטן אים ציגאַרן. מען פאַנגט־אָן דערלאַנגען די געשמאַקע סעודה און עס הייבט זיך אָן די סעריע פון מוצאי־שבתדיקע ניגונים, דער "אליהו הנביא", "אל תירא עבדי יעקב" א.א.

חברה חסידים פאַלן אַריין אַלעמאָל אין אַלץ גרעסערן עקסטאַז, די שטימען הייבן זיך, עס פאַנגט אָן אַ חסיד זייער פיין און הילכיק צו פויקן און צימבלען, דער

כלהס ברודער נעמט אַרויס פון דער גרויסער שאַפּע זיין קלאַרינעט, ווייל ער איז איינער פון די בעסטע קלאַרינעטיסטן פון ירושלים, שפּילט אויף חסידישע און אַלגעמיינע חתונות, אין צה"ל א.א.וו. און עס פאַנגט זיך־אָן ממש אַ קאָנצערט און די חסידים "האַלטן שוין מער ניט אויס", צענעמען די טישן, פירן זיי אַרויס, און עס גייט אַ סדרה פון שעהנלאַנגע ריקודים, קונציקע טענץ, טענץ מיט פלעשער אויפן קאָפּ. דער חתן "רייט" אויף די אַקסלען, אַלעמאָל פון אַ צעוואַקסענעם צווייטן חסידישן בחור, און איז שוין פאַרלויפיק באַזאָרגט מיט אַ טראַנספּאָרט־מיטל... מען טאַנצט, אַזש די ווענט ציטערן. מען זינגט, מען דרייט זיך. דאָס איז אַ גראַנדיעז פאַרכאַפּנדיק בילד, וואָס איר וועט דאָס ניט זען אין דעם בעסטן חסידישן פילם אָדער טעאַטער.

אינמיטן שטעלט זיך אַוועק אויף אַ שטול אַ חסידישער יונגערמאַן און זינגט אויס אַ פּאַראָדיע וועגן "הרי את" מיט אַלע קינסטלערישע פעיקייטן, און עולם האַלט זיך ביי די זייטן פון געלעכטער. אַלץ אויף אַ געשמאַקן פולן זאַפטיקן יידיש, וואָס איז אַגב די אומגאַנגס־שפּראַך פון די דאָזיקע חסידים, פּונקט ווי אין אַמאָליקן אייראָפּע. אַזוי, אַז חסידות האָט זיך אויך אין לשון אַריבערגעטראָגן אַהערצו, ניט נאָר אין טראַכט נאָר אין לעבעדיקער שפּראַך אין מויל.

אַ ספּעציעלן פאַרגעניגן שעפּט איר ווען איר הערט די קינדער רעדן יידיש מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און חן, אַזש אַ מתיקות פאַרגיסט אייער גאַנץ וועזן.

נאָך דער אייזקרעם, זעצט מען זיך צו די "שבע ברכות", און מען איז אונדז מכבד מיט זיי. מיר האָבן דאָס מאָל אַ פיינעם היפּשן כאָר, אַ זעלטענע גרופּע מיטזינגערס און מיטזאָגערס און שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט, פירט אונדז אָפּ אין זיין טענדער אַ קאַרלינער בחור. בלויז דאָס אַרויספּאָרן מיטן טענדער דורך די שמאָלע געדרייטע גאַסן פון מאה שערים, וואָס זענען ברייט בלויז און פּונקט די מאָס פון אַ טענדער, איז שוין אַליין אויך אַ גרויסע "קונץ".

מיט גרויס הנאה פון דעם דורכגעלעבטן, עפּעס אַ נייע זעלטענע דעראייגעניש, געזעגענען מיר זיך און באַדאַנקען דעם אויטאָ־פירער פאַר זיין ליבעסווירדיקייט ווי פאַר דעם גרויסן גייסטיקן גענוס פון דער גאַנצער שמחה.

אויף אַ שול־אויספלוג איבערן לאַנד

דאָס דורכפירן אויספלוגן, דאָס קענען און באַקענען זיך מיטן לאַנד, איז געוואָרן אַ מוז און אַ נאַציאָנאַלער ספּאָרט.

איז דאָך ניט קיין וווּנדער. עס ליגן דאָך אָנגעהויפט גאַנצע שיכטן געשיכטע אויף טריט און שריט, אַזוי אַז יעדער שפּאַן איז אָנגעזאַפּט מיט תנ"ך, מיט משנה און גמרא, מיט אַמאָליקער און הייִנטצייטיקער געשיכטע, און עס קומט נאָך דערצו צו די שיינע פּרעכטיקע לאַנדשאַפט, די ווונדערבאַרע טאָפּאָגראַפיע, אַזוי אַז דאָס אַלץ פירט און סטימולירט צו דער דורכפירונג פון אַזעלכע אויספלוגן, פון וועלכע מען גייט אַרויס באַנחתט און באַלערנט. ווער שמועסט נאָך אַז עס פאַרט־מיט אַ מדריך, אַ ספּעציעלער וועגווייזער וואָס דערקלערט אייך די באַדייטונג פון די באַטרעפנדיקע דורכפאָר־פּלעצער, זייער געשיכטע, די פאַרשיידענע געשעענישן וואָס זענען זיך דאָ פאַרלאָפן במשך פון יאָרהונדערטער. דאַן זענט איר ממש אַ גליקלעכער רייזנדער.

און אָט־אַזאַ אויספלוג האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט דורכצופירן. דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזירטע עקסקורסיע פון אַן עולים־שולע, צו וועלכער מיר האָבן זיך צוגעקייטלט. די שילער קומען פון בוכאַרע, גרוזיע, מאַראָקע, אַזוי אַרום אַז זיי זענען אַליין אַן אינטערעסאַנטער אָביעקט. די מערסטע טייל רעדט שוין פליסיק און נאַטירלעך עברית און גיט זיך שוין צו פאַרשטיין אין דעם דאָזיקן לשון. זיי זענען עס פריילעכע חברה, פאַרשטיפטע, קלוגע און לעבעדיקע, אַזוי אַז מיט זיי קען מען זיך זיכער ניט לאַנגווייליקן. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי פאַרפילט מיט העברעישע שירים, וואָס זיי זינגען שוין מיט האַרץ און געפיל און מען פילט אַז די עליה האָט זיי שוין געוווּנען.

דער מנהל זאָגט, ביים אַרויספאָרן פון ירושלים, הויך, דורך אַ מיקראָפאָן, דעם "תפילת הדרך", און די קינדער ענטפערן הויך און שטאַרק "אמן", און דאַן נעמט איבער דעם מיקראָפאָן דער דערפאַרענער וועגווייזער, וואָס דערקלערט אַלע דורכפאַרנדיקע פּלעצער.

מיר פאָרן דורך דעם באַרג־קאָרידאָר ווו עס האָט אַריינגעשריבן אַ גלאָררייכן קאַפּיטל דער פּלמ"ח אין זיין קאַמף פאַר ירושלים, און מיר לאָזן זיך צו אַ פּלאַץ ווו מען מושטירט פאַראַשוטיסטן. מיר אָבסערווירן ווי עס לאָזן זיך טאַקע אַראָפּ פאַראַשוטיסטן און עס פאַלגט אַ דעמאָנסטראַציע און אַ דערקלערונג פון אַ צה"ל־אָפיציר איבער דעם פאַראַשוט. די קינדער פאַרוואָרפן מיט פראַגן, אויף וועלכע דער אָפיציר ענטפערט רואיק און באַזאָכט און שטעלט צופרידן זיינע קליינע פרעגער.

מיר לאָזן זיך נאָכדעם קיין ראשון לציון צו די באַרימטע וויין־קעלטער פון דעם באַראָן ראָטשילד, און פאַרברענגען נאָכן באַזוכן זיי, געמיטלעך אינעם פּאַרק קעגנ־

איבער. פון דאָרטן לאָזן מיר זיך צום ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות, באַזוכן ווייצמאַנס קבר, דעם מאָנומענט פאַר די געפאַלענע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, די פּאַרקן אין דעם גרויסן שיינעם שטח פון ישראלס וויסנשאַפטלעכן צענטער.

מיר לאָזן זיך קיין אשדוד ווו מיר באַזוכן דעם גרויסן שיינעם פּאָרט און ווו אַ מאַטראָס דערקלערט אונדז די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דעם פּאָרט, און מיר פאָרן דורך נאָכדעם די שיינע שטאָט, וואָס איז געבויט געוואָרן אויף זאַמד און הויבט זיך היינט אַרויס מאַיעסטעטיש.

מיר לאָזן זיך נאָכדעם קיין אשקלון, ווו מיר באַזוכן דעם ים, און די אַלטערטימער. צווישן די אַלטערטימער זעען מיר אַ וואַנט פון אַן אַכט הונדערט יאָר און זיילן און סאַרקאָפאַגן פון אַריבער צוויי טויזנט יאָר. דער וועגווייזער דערקלערט די קינדער אַז אשקלון איז געווען אַ גרויסער און רייכער צענטער אין דעם אַלטערטום.

מיר גייען אַראָפּ אויף די פאַרשיידענע ערטער אויפן וועג, די קינדער שפּילן, לענען אונטער דאָס האַרץ, און מען לאָזט זיך צוריק קיין ירושלים.

דער וועגווייזער דערקלערט די נעמען און היסטאָרישן באַדייט פון די פאַרשיידענע ערטער פון דעם ירושלימער קאָרידאָר. דאָס בילד אַליין איז סיי ווי פאַרכאַפּנדיק און באַצויבערנדיק. אפילו אָן שום ווערטער, און אין דער לעצטער פּאַזע פונעם אויספלוג קומט־פאָר אויפן אויטאָבוס אַ לידער־קאָנקורס פון די פאַרשיידענע גראַדן און פון סאַלאָס. חברה קליינוואַרג זינגט זייער שיין, אַזוי אַז עס איז שווער אויסצוטיילן דעם אָדער יענעם די פּרייזן, ווייל די פאַרשיידענע אַנטיילנעמער צייכענען זיך זייער שטאַרק אויס, און די זשורי באַשליסט דעריבער צו פּרעמירן אַלע קינדער מיט אייזקרעם, וואָס מען קויפט־איין פאַרן דערנענטערן זיך צו דער הייליקער שטאָט.

מען דערבליקט שוין פון דער ווייטנס ירושלים, און די קינדער ברעכן־אויס ספּאָנטאַן אינעם געזאַנג "ירושלים של זהב" און אַזוי, מיט אָט דעם ליד אויף די ליפּן, פאָרן מיר אַריין אין שטאָט אַריין. די ירושלימער פאַרנאַכטיקע לופט, איז ווי געוויינטלעך, קיל און מחיהדיק, און נעמט־אונדז אויף אין אירע ווינט־פליגלען מיט גענאַד און מיט דערפרישונג.

אויף אַן ענדע שול־יאָר פייערונג אין אַן עולים־שולע

ענדע שול־סעזאָן אין ישראל ווערן, ווי אויף דער גאַנצער וועלט, דורכגעפירט טויזנטער סיום־מסיבות, פייערונגען, שול־אַרויסלאָזן, א.א.וו.

מיר אַליין זענען איינגעלאַדן אויף אומצייליקע אַזעלכע פייערונגען, אָבער אונדז האָט צווישן אַנדערע אַזעלכע אַקטן, אינטערעסירט צו זיין אויף דער סיום־פייערונג פון אַן עולים־שולע, היות מיר קענען די קינדער און די עלטערן זינט זיי זענען אָנגעקומען אין לאַנד, מיט אַ יאָר מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען מיר זענען אַליין עולה־געווען, און מיר האָבן דעריבער געוואָלט זען די דערגרייכונגען פון די דאָזיקע תלמידים.

ווען זיי זענען אָנגעקומען, נאַטירלעך, האָבן זיי ניט געהאַט די שפּראַך אין מויל, ניט געהאַט די באַזע פון חינוך, און זענען געווען פרעמד צו די אַלע געלערנטע קעגנשטאַנדן. אַזוי, אַז זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו גיין אין אַן עולים־שולע, אויך אַ נייע פאַר דעם דאָזיקן צוועק. אַזוי, אַז סיי די שול ווי די תלמידים זענען נייע, און דאָס איז אַן עקספּערימענט פאַר ביידן.

און סיי די געגנט, איז אויך אַ נייע, אויפגעקומען מיטן עליה־שטראָם פון פאַר און נאָכן יום־כיפּור־קריג, אַזוי אַז אייער אָפּשאַצונג איז אַן אַלגעמיינע.

דאָס פּלאַץ איז ראַשיק אויסגעוואַקסן פאַר אייערע אויגן, און שווער צו דער־קענען עס. אימפּאָזאַנטע בנינים, שיינע געפּלאַסטערטע גאַסן,ביימער זענען געפלאַנצט געוואָרן. די טראָטואַרן זענען געפּלאַסטערט געוואָרן, עס איז פאַראַן אַ ווונדערבאַרע אילומינירונג, עס זעען זיך אַרויס בלומען, און אַ היימישקייט ווייעט פון דער גאַנצער שיינער הויכער געגנט אין ירושלים. ווען מיר זענען אַהינצו אָנגעקומען, איז נאָך אַלץ געווען אין אָנפאַנג, אין בוי־סטאַדיום, שטויב און בלאָטיק, אָן ביימער און בלומען, ניט קיין ברוקירטע גאסן און געפּלאַסטערטע טראָטואַרן, און היינט איז עס ממש אַ פּראַכט. עס ווערט שוין אויסגעענדיקט אַ קאָמערציעלער צענטער מיט קראָ־מען עס זענען אויפגעקומען אַ פּאָסט, בענק, שילן, שולעס, קינדערגערטנער, און אַלץ איז אַן עדות פון אימפּעטפולן בוי און ראַשיקן פּראָגרעס.

די אייבוווינער און זייערע קינדער, מערסטנטייל פון גרוזיע, בוכאַרע, וואָס האָבן קיין וואָרט ניט געקענט אויף העברעיש, פאַרשטענדיקן זיך היינט שוין גאַנץ נישקשה אויף דעם דאָזיקן לשון, און די קינדער האָבן זיך שוין צוגעוווינט, און קענען שוין קאָנקורירן מיט אַנדערע אַזעלכע ווי זיי.

זיי שטיפן שוין אויפן דאָזיקן לשון, קריגן זיך, לערנען.

און ווי דערשטוינט זענען מיר געוואָרן צו הערן אויפן סוף שול־יאָר זייערע העברעיִשע שירים אין דעם גוט־צוגעגרייטן כאָר, מיט אַזוי פיל פאַרשטענדעניש און האַרץ. און ווי אָנגענעם איבערראַשט זענען מיר געוואָרן ווען מיר האָבן געזען און

געהערט די קינדער פאַרשטעלן, אויף אַ פּליסיקן שיינעם העברעיש. איבערהויפּט זענען מיר געוואָרן זייער עמאָציאָנירט ווען מיר האָבן געהערט אַ מיידעלע פון גרוזיע רעציטירן יחזקאלס וויזיע פון די טרוקענע ביינער מיט אַ כאַראַקטעריסטישן רוסישן אַקצענט...

די קינדער האָבן זיך זייער געספּראָוועט מיט זייערע טעאַטער־ראָלן, פיין פאַר־געשטעלט, געטאַנצט, דעקלאַמירט, פּונקט ווי אַלע קינדער אויף דער וועלט.

אינמיטן האָבן זיי אויפגעזונגען אַ פּאָפּולער ליד אויף רוסיש און אַ קינד וואָס לערנט טאַנצן האָט געטאַנצט אַ רוסישן באַלעט. אינצווישן האָט אַ מיידעלע דער־קלערט די עלטערן דעם אינהאַלט פון דער פאַרשטעלונג אויף רוסיש, און איר האָט געהאַט דעם באַשיינפּערלעכן איינדרוק, ווי אַריבערגעקומענע יידן פון יענעם ווייטן און אַלטן אייראָפּעישן קיבוץ, הייבן זיך אָן ביסלעכווייז איינלעבן און אויסלעבן אין דער נייער מדינה, סיי שפּראַכלעך, סיי קולטורעל, און ניט פילנדיק הייבן זיי אָן זיך איינגלידערן אין לאַנד און זיך איינשמעלצן אין דעם גרויסן קיבוץ־גלויות־קעסל וואָס דאָס איז מדינת ישראל.

אין אַ רעליגיעזן קיבוץ

דער ישראל־קיבוץ איז געוואָרן אַ שם־דבר איבער דער ברייטער וועלט, יידי־שער און ניט־יידישער. אַ סך זעען אין אים אַ רעוואָלוציאָנערן לעבנס־סיסטעם, אַ לייזונג פון אַ סך פּריוואַטע ווי סאָציאַלע פּראָבלעמען. מאַנכע קומען זיך מיט אים באַקענען, לעבן אין אים, נעמען אים־אָן פאַר זייערע באַטרעפנדיקע ווינטערטער און ליבן אים און רימען ביז דאָס העכסטע.

אַזוי צי אַזוי איז דאָס אַן אינטערעסאַנטער איינגעגעבענער עקספּערימענט, און ס׳איז כדאי זיך צו באַקענען.

ערשטנס, איז אַ קיבוץ אייגנאַרטיק אין זיין איינשטעלונג, אין זיין געבוי, אין זיינע קאָלעקטיווע פאָרמען, און איז סתם אינטערעסאַנט פאַר אַ באַזוך.

איז אונדז טאַקע לעצטנס אויסגעקומען צו באַזוכן אַ רעליגיעזן קיבוץ, נאָענט פון לוד, אויפן וועג קיין פּתח־תקוה, און מיר האָבן דאָרט גערן פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג.

אָנגעקומען זענען מיר אינדערפרי און אָרויסגעפאָרן פון דאָרטן פאַרנאַכט, אַזוי אַז מיר האָבן געהאַט עטלעכע גוטע שעה צו באַאָבאַכטן, באַזוכן און געניסן.

גלייך ביים אָנקומען וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרינער גראָזן־באַדעק. עפּעס אַזאַ שיינער גרין־קאָליר, ווי אַרויסגענומען פון דעם שענסטן געמעל. דאָס גיט גלייך אַ וויי און אַ פאַרפלייץ דעם געמיט מיט באַרויקנדיקער ווירקונג, און גיט דעם גוטן געפיל פון געפינען זיך אויפן שויס פון דער נאַטור.

מיר שפּאַצירן אַריין אינעם קיבוץ, אַלס גאַסט פון אַ דאָרטיקער משפּחה, און מיר גייען גלייך אַריין אין זייער פיינער אויסגעשטאַטער און באַקוועמער וווינונג. די דירה האָט אַלע נויטיקע באַקוועמלעכקייטן און איז פאַרזען מיט די קאָנדיציעס פון היינטיקן סטאַנדאַרט, די מכשירים, דער "עיר קאָנדישאָנער", א.א.וו.

די צימערן זענען מעבלירט מיט געשמאַק און באַקוועמלעכקייט. פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ קאָנפאָרטאַבעלע שטאָט־וווינונג, און מען פילט טאַקע דאָרטן ניט קיין שום אונטערשיד פון דער לעצטער.

מיר פרעגן זיך נאָך אויף דער געשיכטע פון דעם קיבוץ און אויף זיין כאַראַק־טער, און מיר הייבן אָן אונדזער שפּאַציר איבערן זעלביקן. דאָס ערשטע לאָזן מיר זיך צו די קינדער־היימען, אין צענטער פון קיבוץ, וואָס זענען איינגעאָרדנט לויט די פאַרשיידענע עלטערס, אָנפאַנגענדיק פון ערשט־געבוירענע עופהלעך, ביז די פאַר־שיידענע ווייטערדיקע עלטערס. די קינדער זענען דאָ פריי און צעפרייטע און ס׳איז אַ פאַרגעניגן זיי צו באַאָבאַכטן.

מיר לאָזן זיך צו דער ניי־אויפגעבויטער בילד־שיינער שיל. די פאָרמען זענען מאָדערנע און עלעגאַנטע. די געמעלן — אָריגינעלע און פּרעכטיקע. דער בעלעמער,

דער אַרויפגאַנג צום ארון־קודש, די בענק, דער ארון־קודש, די וויטראַזשן, די ברייטע פענצטער, די ליכטיקייט — אַ פּראַכט. אַ מקדש מעט. סיי די מענערשע שיל ווי די פרויען־גאַלעריע, דער עזרת־נשים. אין דער שיל־געביידע איז פאַראַן אַ חדר־עיון, אַ לייען־ און לערן־זאַל, ווו עס קומען פאַר טעגלעכע לערן־שעורים, און די שיל־ביבליאָטעק איז פאַרשידנאַרטיק און פאַרזען מיט די נויטיקע ספרי־קודש.

מיר באַזוכן דעם וווּנדערבאַרן ספּאָרט־סאַלאָן, וואָס האָט אינטערנאַציאָנאַלע פאַרמען, גרויס און נייסטע קאָנדיציעס, לויט די לעצטע פאַרשריפטן פון ספּאָרט. אַזוי אויך דער אָלימפּישער שווים־באַסיין.

מיר זעען פון דערווייטנס די צעאַקערטע ערד, ווי די אינדיקעס־שטייגן. עס איז מיטאָג־צייט, און מען לאָדט אונדז איין אין דעם פאַרנעמפולן ערשט־געבויטן גרויסן ליכטיקן עס־צימער וואָס אימפּאָנירט. די קיך איז פון די מאָדערנסטע, פאַרזען מיט מעכאַנישע אויטאָמאַטישע כלים־וואַשער, מיט שילדן פון "פלייש־קס", "מילכיקס" און אַז שבת גייען זיי אויטאָמאַטיש.

מיר טרעפן־אָן די מיטגלידער פון קיבוץ ווי אויך אַ סך געסט, באַזוכער, סטודענטן וואָס אַרבעטן אין די וואַקאַציעס, מיטגלידער פון דער מיליטערישער אַרבעטס־אָפּטיילונג, א.א.וו.

דאָס עסן איז געשמאַק, נאַרהאַפט און אַ געמיטלעכקייט ליגט אויסגעגאָסן אויפן שיינעם עס־סאַלאָן פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן.

מיר פאַרלאָזן זאַטע און צופרידענע דעם חדר־האוכל און מיר לאָזן זיך ווייטער אין אונדזער שפּאַציר אין קיבוץ, רוען זיך אָפּ אין דער וווינונג, און פאַרנאַכט פאַרלאָזן מיר דאָס פּלאַץ, ווו מיר האָבן טאַקע געהאַט דאָס געפיל פון האָבן געווען אין יענער באַשריבענער און באַזונגענער ישראל, יענע קיבוצישע ווירקלעכקייט פון וועלכער מען רעדט שוין לאַנג מיט באַגייסטערונג און ראָמאַנטיק.

בני־ברק — די ייִדישקייט־שטאָט

פאַראַן געגנטן וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער פולסירנדיקער און כאַראַק־טעריסטישער ייִדישקייט, אַ שטייגער ווי מאה שערים, וואָס זענען אַ שם דבר אין דער מדינה. אָבער בני־ברק איז אַ גאַנצע שטאָט וואָס איז באַפאַרבט מיט ייִדישקייט־קאָלאָריט, און ווו עס אָטעמט מיט היימישער ייִדישלעכקייט. אַזוי די גאַסן, אַזוי די פאַרביימאַרשירנדיקע ייִדן, מערסטנטייל באַבערדלטע, און דער חן און אָטעם פון דער שטאָט איז זיין ייִדישקייט־לבוש, וואָס האָט איר געשאַפן אַ רום איבער גאָר דער וועלט.

די שטאָט פאַרמאָגט, כן ירבו, ביי די אַכציק טויזנט איינוווינער, און היות עס זענען פאַראַן אויך ניט־רעליגיעזע ייִדן און קרייזן, בילדן דאָך די רעליגיעזע די מערהייט פון שטאָט, און דאָס שטעמפּלט־אָפּ דעם חותם פון דער זעלבער.

אַ שטאָט פון שילן און בתי־מדרשים, פון חסידים און רביישע הויפן, פון ישיבות און ייִדישע שמחות־זאַלן. אַ שטאָט וואָס גיט דעם טאָן אין דער ייִדישקייט פון דעם לאַנד. און דאָס דערקענט זיך אין דער אַטמאָספערע, אין אירע גאַסן, אין די נעמען פון די גאַסן, אין דעם טראַכט און שטייגער, אין דער וואָכן און אום שבת.

אַ שטאָט פון אַ סך באַרימטע חינוך־אַנשטאַלטן, וואָס דערציען טויזנטער זין און טעכטער אינעם אומבויגזאַמען גייסט פון ייִדישקייט, און ווייט־אָן מיט דעם בני־ברק פון דער הגדה של פסח, ווו רבי עקיבא און רבי טרפון זענען געזעסן פסח אַ גאַנצע נאַכט ביז עס זענען געקומען זייערע תלמידים און זיי געמאָלדן אַז עס איז געקומען די פרימאָרגן־צייט פון קראת שמע.

אַט דערציילט מיר מיינס אַ באַקאַנטער, וואָס זיין פרוי איז אַ דערציערן אין אַן אַנשטאַלט פון אָריענטאַליש־אָפּשטאַמענדיקע ייִדישע מיידלעך, וואָס קומען פון פּרי־מיטיווע היימען, ניט שטענדיק פרומע און קולטורעלע, און ווי מען דערציט זיי־איבער און מען טרעט זיי אויס דעם וועג פאַר תורה און ייִדישקייט. ווי מען מאַכט זיי חתונה מיט תורה־לייט און ווי זיי זענען עס די געטרייסטע זיילן פון די שפּעטערדיקע תורהדיקע משפחות.

ער דערציילט אונדז דעם פאַל פון אַזאַ מיידל, וואָס דער פאָטער האָט זי געוואָלט חתונה־מאַכן מיט אַ רייכן בחור פון זיין עדה, ווי זיי פירן זיך, און ווי דאָס מיידל, וואָס האָט באַקומען אַן עכט־שטרענגע רעליגיעזע דערציונג אין דעם אויבנדערמאָנטן אַנשטאַלט, האָט צוריקגעוויזן דעם שידוך, ווייל זי באַגערט נאָר צו פאַרבינדן איר לעבן מיט אַ ישיבה־מאַן.

ער גיט מיר איבער איבער איר קאָנפליקט מיט אירע פרימיטיווע עלטערן, און איבער דער אינטערווענץ פון דעם אַנשטאַלט, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט און קונציק פאַרגעשטעלט איר אַ תורה־מאַן, און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך געזען און

געפעלן האָט מען באַדאַרפט ערשט "באַאַרבעטן" די קעגנערישע פּרימיטיווע עלטערן, ווי אַזוי דער בחור איז אַריין אין דער היים, און ווי סוף־כּל־סוף איז געלונגען די עלטערן זאָלן איינגיין אויפן שידוך, און עס האָלט שוין איצט ביי דער לעצטער "פּאַזע", אַז דער חתן זאָל בעטן, לויטן מנהג פון דער עדה פון דעם מיידל, די האַנט פון דער כּלה, ביי די עלטערן...

עס איז אַ ראָמאַנס מיט אַ יידישקייט־אונטערשלאַג, וואָס שפּילט זיך אָפּ, אין אַ גרויסער צאָל, אין דער יידישער בני־ברק.

מיר דאַרפן אַריין אין אַ קראָם, אויף אַ צענטראַלער גאַס פון דער שטאָט, און מיר גייען אַריין אין דער זעלבער און וואַרטן און וואַרטן, און קלאַפּן־אָן, און "אין קול ואין עונה". די קראָם איז אָפן און ליידיק, אָן אַ בעל־הבית. מיר גייען אַרויס אויפן טראָטואַר, און זעען דעם בעל־הבית אַרויסגיין פון דעם קעגנאיבערדיקן בית־מדרש, ווו ער האָט געדאַרפט עפּעס "דערליידיקן"...

דאָס קען אויך זיך טרעפן אין אַ בני־ברק.

בקיצור: די שטאָט איז אָפּגעגאָסן מיט אַ יידישקייט־חן וואָס שטראַלט אַרויס און קוקט אַראָפּ פון אַלע גאַסן און פון אַלץ און אַלעמען און טונקט זי איין אין אַ ספּעציפישער אייגנאַרטיקייט, וואָס האָט איר געשאַפן אַ שם אין דער נאָענט און אין דער ווייטנס.

ראש־השנה אין בית־וגן

בית־וגן איז אפשר, אויב ניט זיכער, די שענסטע יידישלעכסטע געגנט אין ישראל. איר געאָגראַפישער פּייסאַזש, איר קילע לופט, איר מענטשן־פּערסאָנאַזש, איז אַ סינאָנים פון שיינער, עכטער, עלעגאַנטער, געשמאַקער יידישקייט, וואָס מאַכט אייך פילן גוט און באַקוועם.

אירע מענטשן זענען עס די עליטע פון ירושלים, און אַ חשיבות און הויכער קול־טור־ניווא אַטעמט־אַרויס פון אירע גאַסן.

זענען מיר צום ערשטן מאָל געווען ראש־השנה אין דער דאָזיקער שיינער באַרימטער שכונה פון דער מדינה, און מיר האָבן געשעפּט הויפּנס הנאה.

פאַראַן דאָ שילן איבער שילן, אַז איר ווייסט ניט ווו אויסצוקלייבן און מוזט זיך באַנוגענען מיט איינער, ווייל איר קענט דאָך ניט דאַווענען אין אַלע מיטאַמאָל. פון דער צווייטער זייט, בלייבט די שכונה פאַר אייך אינטערעסאַנט אויף אַ לאַנגער צייט, ווייל היינט באַקענט איר זיך מיט דער סביבה, מאָרגן מיט אַ צווייטער. פאַראַן דאָ אַ גראַנדיעזע שיל אין דער ישיבה־גימנאַזיע "נתיב מאיר", ווו עס דאַווענען עטלעכע הונדערט תלמידים מיט זייערע ראשי־ישיבות און מענטשן פון דער סביבה. דער פאַרנעמפּולער האָל, ווו עס שטייען הונדערטער שטענדערס און דער ארון־קודש, מאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. און בלויז דער אָנבליק פון די דאַווענער און זייערע כאַראַלע תפילות רייסט־מיט און אימפּאָנירט מיט דער שיינקייט.

פאַראַן דאָס זעלביקע בילד אין דער "קול־תורה"־ישיבה, אין דעם גראַנדיעזן בנין און בית־מדרש, אין דער גר"א־שיל, אין דעם קהל־חסידים, אין די חסידישע אַמשינאָווער און סאַכאַטשאָווער שילן, מיט זייערע רביים און חסידים, אין דעם "בית דוד ואסתר, און אחרון־אחרון, ווו מיר האָבן געדאַוונט היי־יאָר, אין דער צענטראַלער "מגדל־שול". דאָ אימפּאָנירט דער סדר און די אָרדענונג, דער שיינער בנין און דאָס דאַווענען אויפן ישראלדיקן שטייגער.

אינטערעסאַנט: די בעלי־תפילה, און בעלי־קריאה זענען עס די גבאים גופא פון שיל, און זיי דאַווענען ראָטאַציע, היינט דער שחרית, מאָרגן דער צווייטער. היינט לייענט איינער ביי שחרית, אַ צווייטער מנחה, אַ דריטער צומאָרגנס. אַלע זענען זיי עס באַהאַוונט אין דעם ימים נוראימדיקן נוסח און איינער איז גאָר אַ פיינער און פּרעכטיקער בעל־מוסף, וואָס דאַוונט מיט אַ שיין קול, געשמאַק, האַרציק, און רייסט־מיט מיט זיינע שירים.

די שטילקייט איז מוסטערהאַפט, דער דרך־ארץ — לדוגמא, און דאָס געפיל איז געהויבן.

אין אָוונט, דעם ערשטן טאָג, און פאַר די תקיעות דרשנט דער רב, אַ באַקאַנטער

הלכה־עקספּערט, וואָס ברענגט אַרויס פאַרשיידענע געדאַנקען איבער דעם יידישן אַנהייב יאָר און איבערן סימבאָל און באַדייט פון שופר־בלאָזן.

די שילן ווערן געהיטן היי־יאָר דורך די מתפללים, און ס׳איז ביז גאָר אינטע־רעסאַנט צו זען די שומרים זיך דרייען מיטן טלית און איבער אים מיט דער ביקס אַרום דער שיל, דערווייל זיך אָפּשטעלן און נאָכזאָגן די ״קדושה״, אויפכאַפּן און מיטדאַווענען אינדרויסן, בעת זייער שמירה.

אַ ספּעציעלע איבערלעבונג האָבן מיר דעם צווייטן טאָג, נאָך מנחה, צו תשליך. אַזאַ באַקוועמלעכקייט האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אין אונדזער לעבן. מיר פלעגן דאַרפן שטענדיק גיין גאַנץ ווייט ביז אַ ים אָדער אַנדערן וואַסער, און דאָ האָבן מיר דעם וואַסער־רעזערוואַר פון ירושלים, אַ הונדערט פופציק מעטער פון אונדזער וווינאָרט אין דער שכונה. און די גאַנצע גאַס איז פול און פאַרפּלייצט מיט די טויזנטער תושבים פון דער געגנט און פון ווייטערע שכונות, יום־טובדיק גע־קליידעט, מיט זייערע פרויען און קינדער, מיט זייערע מחזורים אין די הענט, זיך לאָזן צום וואַסער־רעזערוואַר, און פון אים. און ביי דער פאַרנאַכטיקער קילקייט פון דעם פאַרגייענדיקן טאָג און דאָס לינד ווינטל ביים וואַסער, וואָס גלעט און באַ־רויקט, שטעלן זיך אָוועק שטיל די צאָלרייכע ״תשליך״־גייער, און זאָגן פון דעם מחזור־אַרויס די תשליך־תפילה, און טרעטן־אָפּ זייער פּלאַץ פאַר די אָנקומענדיקע. מען וואַרפט סימבאָליש אַריין די באַגאַנגענע זינד אין וואַסער אַריין, און מיט אַ געלייטערטן און באַרויקטן געמיט, לאָזט מען זיך צוריקגיין, מיט אויפגייענדיקע האָפענונגען און הייסע געבעטן, אַז דאָס קומענדיקע יאָר זאָל זיין אַ בעסערס, אַ יאָר פון פרידן און גליק פאַר דעם פאָלק, פאַר דער מדינה, פאַר דער גאַנצער וועלט.

אויף אַן אויפרוף אין מאה שערים

וואָס־וואָס, אָבער מאה שערים איז שטענדיק אינטערעסאַנט. וויפל מען זאָל דאָרטן ניט אַריינבליקן, זיך דורכדרייען, זיך פאַרהיימישן, קענט איר זיך אַלץ ניט באַפרייען פון דעם געפיל, ווי דאָס וואָלט אַרויסגעשפּרונגען פון עפּעס אַ ווייטער תקופה, און איר שלינגט איין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס מיט בייגער און פאַרגאַפטקייט.

איז אונדז לעצטנס אויסגעקומען בייצוווינען דאָרטן עטלעכע שמחות, ווי אַ חתונה, אַ שבע ברכות, און דאָס מאָל זענען מיר אַ שבת אינדערפרי געגאַנגען אויף אַן אויפּ־רוף אין אַ בית־מדרש אין מאה שערים.

מיר זענען געגאַנגען מיט אַ קענטיקן אינטערעס. עפּעס אַ קלייניקייט: שבת אין מאה שערים!

געגאַנגען זענען מיר אַ שעה צייט פון אַ ווייטערע געגנט, און שוין דער פּרי־מאָרגנדיקער שפּאַציר איבער די שבתדיקע געגנטן פון ירושלים, די פּרעכטיקע בערגיקע פּאַנאָראַמע, איז שוין ווערט די אָנשטרענגונג און דעם גאַנג.

כאָטש ס׳איז זומער, איז אין די פרימאָרגן־שעהן נאָך גאַנץ גוט דער וועטער, עס ברענט נאָכניט די זון, און עס איז אַ מחיה צו גיין בחוצות ירושלים און זיך דערביי צוקוקן צו די הרי־יהודה.

מיר קומען־אָן אין דער געגנט פון מאה שערים, און הויבן זיך אָן אַריינדרייען אין אירע געסעלך, ביז מען קומט אָן צו דעם מאַרק־פּלאַץ, און פון דאָרטן לאָזן מיר זיך גיין צו דעם בית־מדרש פונעם אויפרוף.

אין דעם געביידע געפינען זיך עטלעכע שילעכלעך פּאַראַמאָל, אין דעם אונ־טערשטן שטאָק, אין דעם אויבערשטן און אין די זייטן.

דער קול־תפילה דאַוונט אַרויס פון די אַלע שילעכלעך און בתי־מדרשים. ווו מען האַלט שוין ווייט אין דאַווענען, ווו ביי קריאת־התורה, און ווו מען פאַנגט ערשט אָן. אין יעדן בית־מדרש דאַוונט מען אין צוויי מנינים. מיר קומען אָן צום ערשטן, נאָכן אָנפאַנגען דאַווענען. דער חתן, וואָס רופט זיך אויף, זיצט אין אַ נייער שיינער עלעגאַנטער קאַפּאָטע און אין אַ שפּאָגל־נייעם פוטערנעם טונקעלען שטריימל, וואָס פּאַסט אים גאָר שיין צו זיין איידל באָבערדלטן געזיכט. די מחותנים ווי אויך די אַנדערע מיטדאַווענער אויך אין דעם זעלביקן טראַכט, און מען דאַוונט גאַנץ געשמאַק און געמיטלעך.

עס קומט דער אויפרוף, ווען מען רופט־אויף דעם חתן צום מפטיר, נאָכן געבן עליות די פאַרשיידענע מחותנים, און דאָ ״באָמבאַרדירט״ מען ממש פון דער פרויען־אָפּטיילונג דעם יונגן חתן מיט גאַנצע זעק מיט פיסטאַשקעס, ניסלעך, צוקערקעס. מיר האָבן נאָכניט געזען אַזאַ באָמבאַרדירונג אין די שילן ווי דאָ. דער חתן וויקלט זיך איין אין דעם נייעם טלית וואָס די כלה האָט אים געשאָנקען לכבוד דער חתונה,

און היט דאָס שטריימל און די ברילן פאַר דער געוואַלטיקער באַוואַרפונג. דאָס קליינ־וואַרג העלפט־מיט אים צו באַמבאַרדירן, און גלייך נאָכדעם נעמט עס זיך צו דער שנעלער אַרבעט פון כאַפן און אויפקלייבן די ניסלעך און צוקערקעס פון דיל.

דער דיל ווערט אַנגעשאָטן, און עס קומט אַ בחור מיט אַ ווייכער באַרשט אויס־צוקערן דעם דיל, כדי דער מקום־קדוש זאָל זיין ווי געהעריק צו די תפילות.

מען ענדיקט דאָס דאַווענען, און מען פאַרבעט דעם עולם צו דעם קידושא רבא, וואָס ווערט געטיילט מיט דער ברייטער האַנט. אַלע סאָרטן משקאות און קאַלטע געטראַנקען, און איבערהויפט דער כאַראַקטעריסטישער שוואַרץ־פאַרברוינטער ירוש־לימער קוגל.

דער קידוש ווערט געטיילט פאַר אַלע פיר שילן וואָס דאַווענען אין דער געביידע, אַזוי אַז דער חתן און די מחותנים וואַרטן ביז יעדער מנין זאָל ענדיקן דאַווענען, אַ זאַך וואָס פאַרציט זיך אַ היפשע וויילע, אַ צוויי שעה בערך.

נאָכן קידוש, גייען מיר אין הויז פון דעם חתן אויף טשאָלנט, און דאָ ווערט ער ווידער ״באַמבאַרדירט״, אומגעריכטערהייט, ביים צוקומען צו זיין הויז, וואָס געפינט זיך אויפן ערשטן שטאָק, און פון אויבן קענען די פרויען בעסער דורכפירן זייער פלוצימדיקע באַוואַרפונג, וואָס ווערט באַגלייט פון הילכיקע געלעכטערס.

דער טשאָלנט איז עכט יידישלעך און געשמאַק. מען הערט דערביי אַ דבר־תורה, אַ קאָמענטאַר איבער די געשעענישן פון טאָג אין ישראל, און צופרידענע און זאַטע, סיי אין רוחניות ווי אין גשמיות, לאָזן מיר זיך צוריק אַהיים, דאָסמאָל שוין אין אַ הייסערן וועטער פון דעם נאָכמיטאָג, הגם עס בלאָזט אַ פריש ווינטל אינמיטן זוניקייט, און מיר נעמען־מיט דעם אַראָמאַט פון אַ שבת אין דער יידישלעכסטער געגנט פון ישראל.

אַ ראַדיאָ־ראַפּאָרט איבער די ישיבות

אָפּטמאָל קענט איר אומגעריכט "כאַפּן" אַן אינטערעסאַנטע טעמע. אַט זיצן מיר מוצאי־ראש־השנה בייַנאַכט, און נאָך צוויי טעג פון ניט הערן נייעס און ניט זען קיין צייטונג, ווען "המחדש בכל יום תמיד מעשי־בראשית", ווען אַלע טאָג איז עפּעס נייעס, איבערהויפּט אין היינטיקע דעצידירנדיקע צייטן פאַר דער וועלט און פאַר דער מדינה, נעמען מיר מיט נייגער און שפּאַנונג און שטעלן־אָן די ראַדיאָ.

פּונקט טראַנסמיטירט די זעלבע די יידישע ראַדיאָ־שעה, ווען נאָך אייניקע ידיעות הערן מיר אַ מיקראָפאָנישן רעפּאָרט איבער די ישיבות אין לאַנד.

און דער רעפּאָרט איז העכסט שפּאַנענד און אינטערעסאַנט. דער איבערגעבער פון דעם שפּאַציר איבער די פאַרשיידענע ישיבות אין דער מדינה, גיט־איבער אַז היינט־צו־טאָג געפינען זיך איבערן לאַנד אַריבער הונדערט ישיבות, ווי אויך כוללס פאַר יונגעלייט. ישראל איז געוואָרן דער גרעסטער תורה־צענטער, און עס זענען איבערגעפלאַנצט געוואָרן די באַרימטע אייראָפּעישע ישיבות, מיט זייער צוגאַנג און שטייגער פון לערנען. אַזוי רופט ער אָן למשל די גרעסטע ישיבה, די פּאָניעוויזשער ישיבה אין בני־ברק, ווו עס לערנען אַריבער זעקס הונדערט יונגעלייט, אַזוי דערמאָנט ער די ישיבה פון מיר, פון חברון, פון בעלז, פון חכמי־לובלין, די ישיבה פון הר־ציון, די מיידל־שולן און כוללס, און איר גאַפּט פון די אַלע פּרטים און פון דעם קאָלאָריט און בונטפאַרביקן תורה־קראַנץ פון אַריבער צוואַנציק טויזנט תלמידים וואָס לערנען אין זיי.

פאַראַן אַ ישיבה, למשל, פון בעלי־תשובות, פון אַזעלכע יונגעלייט וואָס האָבן ניט געלערנט אין זייער קינדהייט און יוגנט, און וואָס זענען געקומען פון אַמעריקע ספּעציעל לערנען און זיך אָננעמען מיט יידישקייט, און אין דעם זין צו דערציען זייערע משפּחות. פאַראַן למשל תלמידים פון רוסלאַנד, פון די אָריענטאַלישע לענדער, פון פראַנקרייך, פון אַמעריקע, פון אַרגענטינע, פון קאַנאַדע, און דאָס העכסט אינ־טערעסאַנטע זענען זייערע גראַווירטע ענטפערס אויף די געשטעלטע פראַגעס פון דעם רעפּאָרטער.

איין תלמיד איז אַ ספרדישער, אָבער מיר בלייבן געפּלעפט פון זיין נאַטירלעכן זאַפטיקן און רייכן יידיש. מיר וואָלטן זיך קיינמאָל ניט געגלויבט אַז דאָס רעדט אַ ספרדישער ייד מיט אַלע ניואַנסן און אַקצענטירונגען פון אונדזער היימישן יידיש. אויף דער פראַגע, ווי קומט עס צו אים אַזאַ פיינעס מאַמע־לשון, ענטפערט ער אַז דאָס האָט ער דערוואָרבן אין גייסטעט, אין דער ישיבה אין דער ענגלישער שטאָט.

אַ צווייטער אינטערוויואירטער בחור איז געקומען מיט אַ צייט פון רוסלאַנד, און גיט־איבער אַז דאָרטן האָט ער ניט געקראָגן קיין יידישע דערציונג, און ערשט דאָ האָט ער געקראָגן זיין יידישקייט־וויסן און דעם טעם פון זיין אַ תלמיד־חכם.

אַ דריטער יונגערמאַן איז אַהערצו געקומען פון פילאַדעלפיע. ער זאָגט אַז מען מוז לערנען תורה כדי צו ווערן אַ תלמיד־חכם און אַזוי אַרום זיך קענען אויסלעבן ווי אַן אמתער ייד, און וויסן ווי צו קענען העלפן אונדזער פאָלק.

זיין פרוי לערנט אין דער פרויען־שול וואָס ביי זיין ישיבה, און דער רעפּאָרטער כאַפּט אויך מיט איר אַ שמועס. צווישן אַנדערעס דערלויבט ער איר צו פרעגן, נאָכן בעטן אין פאָרויס ביי איר אַנטשולדיקונג, פון וואָס זיי לעבן, אַז ביידע לערנען זיי. און די פרוי ענטפערט, אָן וואַקלענישן: מחסדי־ה׳...

דאָס דערמאָנט אונדז יענעם רבין וואָס ער האָט אויף דער זעלבער פראַגע, פון וואָס ער לעבט, געענטפערט: פון צוויי קי. ווען מען האָט ביי אים געוואָלט קויפן מילך, האָט ער זיי געענטפערט, אַז מען האָט אים, ליידער, ניט גוט פאַרשטאַנען:

ער לעבט פון צוויי "כי". איין "כי" איז "כי בו ישמח לבנו", און די צווייטע איז "כי בשם קדשו בטחנו"...

מיר זיצן און הערן זיך־צו מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם דעם ראַדיאָפאָנישן רעפּאָרטאַזש און שפּאַציר איבער די פאַרשיידענע ישיבות, פון אַלע סאָרטן און טיפּן.

איין טיפּ ישיבה, איז למשל די הסדר־ישיבות, וואָס לערנען אויף עברית. דאָס זענען די אַזוי באַרימטע מיליטער־ישיבות, ווו עטלעכע חדשים לערנט מען, עטלעכע חדשים גייט מען אין מיליטער, אַזוי במשך פון אַ פיר יאָר. דער אָנפירער פון איינער פון אָט־דעם נייעם טיפּ ישיבות, זאָגט אַז די דאָזיקע דערציִען צו אהבת התורה און שמירת־הארץ.

דער רעפּאָרטער גיט־איבער פון אַ גראַוווירטער לענטע, דעם אויפגעכאַפּטן לערנען בציבור אין די פאַרשיידענע ישיבות, און עס קלינגט אייך ווי אַ דערהויבענע סימפאָניע. הונדערטער קולות מיטאַמאָל חזרן־איבער דעם דף גמרא, ווער אויף יידיש, ווער אויף עברית, ווער אויף ענגליש, מיטן קנייטש, מיטן אויסטייטש, און איר באַקומט דעם רעאַלן בילד פון דעם פּולסירנדיקן תורה־צענטער וואָס עס איז ישראל, ווו טויזנטער יונגעלייט, ייִנגלעך און מיידלעך, וויקן זיך אין די אַלטע קוואַלן פון אונדזער קרישטאָל־ריינער תורהדיקער קולטור, און ריגלען זיך אַריין אין דער שיינער דורות־קייט פון תורה, מצוות, מידות תרומיות און מעשים טובים.

איר פילט זיך אָנגענעם באַאיינדרוקט און באַלערנט, און אַ שטאָלץ כאַפּט־אייך אַרום און אַ בענטשונג פאַר אַזאַ דור וואָס גייט־אויף אין תורה און יראת־שמים.

די פאַרשידנאַרטיקייט פון די תשמישי־קדושה

קיין וווּנדער איז דאָס ניט, וואָס אין ישראל, די יידישע מדינה, זאָל אויך זיין אַן אויפבלי פון די פאַרשיידענע תשמישי־קדושה, פון די פאַרשיידענע אַרטיקלען צום שטייגער־דינסט און צום רעליגיעזן לעבן. ס׳איז אַנדערש ניט געווען צו דער־וואַרטן פון אַ יידישער מדינה, ווו דער דת, און די תורה בליט און איז לעבעדיק אַפגעהיט, זייענדיק דער קנין פון דעם פאָלק.

אָבער אינטערעסאַנט איז עס דאָך, און איר האָט הנאה ביים אַנטדעקן אַלעמאָל אַ נייעם אַרטיקל פאַרן דאָזיקן געברויך.

מיר האָבן אַמאָל געשריבן וועגן אַן אויסשטעלונג פון תשמישי־קדושה, וואָס איז אין דער גרעסטער טייל באַשטאַנען פון עקספּאָנאַטן פון דורות, פון אַמאָליקע יידישע קהילות, די מערהייט שוין אונטערגעגאַנגענע און פאַרניכטעטע, אָבער די דאָזיקע עקספּאָנאַטן האָבן זיך אויפגעהאַלטן, און בילדן עס דעם שיינעם אַנדענק פון דעם אַמאָליקן קאָלירפולן יידישן שטייגער־לעבן אין יענע יידישע געאָגראַפישע צענטערן.

אָבער איצט האָבן מיר אין זין די אַקטועלע עקספּאָנאַטן, וואָס ווערן געקויפט און פאַרנוצט, און זענען אַ טייל פון אַ לעבעדיקער יידישלעכער ווירקלעכקייט אין דער יידישער מדינה. אויסער די וואָס מיר קענען פון די אַמאָליקע עקספּאָנאַטן, אָדער האָבן געזען אין מוזעאומס אָדער אין בילדער אין לערן־ביכער און ענציקלאָפּעדיעס, זענען איצט אויפגעקומען אין דער מדינה אַזעלכע וואָס זענען דאָ ניט געווען, סיי די אַרטיקלען ווי די מאָדערנע שטאָפן, ווי פּלאַסטיק, נעוראָסטאַ, טערעליין, א.א.וו.

אַט־למשל איז פאַראַן אַן איבערדעק אויפן טעלעפאָן, פאַר שבת און יום־טוב, פון די פאַרשיידענע שטאָפן, טערעליין, סאַמעט, מיטן אויפשריפט ״שבת ויום־טוב״, אין די פאַרשיידענע קאָלירן און מיט די פּאַסיקסטע באַפּוצונגען, מיט וועלכן מען דעקט איבער דעם טעלעפאָן שבת און יום־טוב, און אויך דער טעלעפאָן ווערט נתעלה.

אַט האָט מען געמאַכט אַ שיין עלעגאַנט זעקעלע, פון אַלע קאָלירן און שטאָפן, פאַרן אפיקומן, מיטן אויפשריפט ״אפיקומן״, וואָס איז גראַציעז און עס רופט אַרויס אפילו אַ שמייכל. מען טראָגט־אונטער די אַפּיקומן־״גנבים״ אַן עלעגאַנט זעקעלע פאַר זייער ״גניבה״...

אַט־למשל זעען מיר עס אין ישראל בלויז: צו טראָגן אַ לולב, אַ ספּעציעלן פּלאַסטישן לאַנגן שיידל, וואָס נעמט אַריין דעם לולב, און איז גאָר באַקוועם אים צו טראָגן אויף דער גאַס, צוזאַמען מיטן אתרוג־האַלטער.

אָדער פאַרן האָניק צו טונקען, פון ראש־השנה ביז סוכות, אַזעלכע ספּעציעלע זילבערנע אָדער נייראָסטענע גאָרפינקעלעך, דער האָניק אין אַ קרישטאָלן פלעשל

און אויפן זילבערנעם פוס, דער אויפשריפט "ארץ זבת חלב ודבש", איז דאָס מלא חן. שוין אָפּגערעדט פון מצה־האַלטער פון פּלאַסטיק פאַר אַ גאַנץ יאָר, און אויף פּסח, זילבערנע מצה־ און קערה־האַלטער פון עטלעכע שטאָק, אָדער פּליושענע סאַמעטענע מצה־האַלטער אויף פּסח, פאַר די דריי מצות צום סדר, רייך פאַרפּוצט און אויסגעהאַפּטן.

אָפּגערעדט שוין פון די ספּעציעלע קוואַרטן, נייראָסטענע, פּלאַסטישע, זילבערנע, מיט צוויי אויערן, און מיטן אויפשריפט "נטילת ידים".

אָדער מעסערס מיטן אויפשריפט "לכבוד שבת", "המוציא לחם מן הארץ", אָדער מעסערלעך אויף פרוכטן מיטן אויפשריפט פון "בורא פּרי העץ", אויף יעדן איינעם, אָדער גאָפּלעך מיטן זעלביקן אויפשריפט, א.א.וו.

אַט־האָבן מיר יום־כפור געזען אין שיל, ווי איין ייד האָט אונטערגעלייגט אויפן דיל אַ סאַמעטן אויסגעהאַפּטן זעקל, אויף צו פאַלן כורעים. תחילה האָבן מיר געמיינט אַז דאָס איז אַ טלית־זעקל, און שוין געהאַט אין האַרצן תערומות אויפן יידן. אָבער מיר קוקן זיך ספּעציעל נענטער צו און לייענען דעם אויפשריפט "ואנחנו כורעים ומשתחוים", ד.ה. ספּעציעל אויף צו פאַלן כורעים.

אָדער מיר קויפן אַ טעלער לכבוד שבת, צו שטעלן די חלות, טאָקע אויסגעמאָלן צוויי חלות און אָנגעשריבן "לכבוד שבת".

אָדער אַ הבדלה־טעלער מיט די ברכות־הבדלה. שוין אָפּגערעדט די אַלע באַקאַנטע אַרטיקלען, ווי בשמים־ביקסלעך, אתרוג־האַלטער, אויפשריפט אין זילבערנע אותיות פון "לחיים", אויף אַ פלאַש וויין, א.א.וו. א.א.וו.

בקיצור: די אינדוסטריע פון תשמישי־קודש, די באַקאַנטע, און איבערהויפּט די נייע, בליט און מערט־זיך, פאַרשאַפט פאַרגעניגן דאָס אויג און דאָס האַרץ, ווערט טאָקע געקויפט און גענוצט, און איז אַ קוואַל פון פריידיקע אַנטדעקונגען און אויפציטער, ווען מען דערבליקט אַלע מאָל אַ נייעם אינטערעסאַנטן און מיט געשמאַק פּראָדוצירטן אָביעקט, וואָס גיט־צו קאָלאָריט דעם פּולסירנדיקן יידישן שטייגערלעבן אין דער מדינה, און שטעמפּלט זי אָפּ מיטן חותם פון אייגנאַרטיקייט און דורות־דיקער טראַדיציע אין אַ נייער מאָדערנער אויפלאַגע.

אַ סוכה אויפן באַלקאָן

ס'איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן דער רייכער סימבאָליק פון יום־טוב סוכות. פאַראַן ימים טובים וואָס זעען זיך־אָן מערער אין שטוב, אַנדערע אויף דער גאַס. סוכות איז אין דעם זין אין ישראל פולקאַם. ער זעט זיך אין שטוב, אין גאַס, אין שיל. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, און אַ באַקאַנטער בוי־אונטערנעמער האָט אונדז געוויזן אַ דירה אין בוי, האָבן מיר בייגעוווינט אַ פּאָר אונדז דאָן איינ־טערעסאַנטן משא־ומתן צווישן אים און אַן עלטערע פרוי. ווען ער האָט איר געזאָגט אַ פּרייז פון אַ דעפּאַרטאַמענט, האָט זי אים געענטפערט, אַז ער מוז איר כך וכך אַראָפּלאָזן פון פּרייז, אַ היפּשע סומע, היות די דירה האָט ניט קיין פּלאַץ אויף אַ סוכה. און יענער האָט איר טאַקע געמוזט נאָכלאָזן, היות זיינע דירות נעמען אַריין אין ביודזשעט די סוכה־פּלעצער.

זענען דאָך יידן, וואָס האָבן ניט שטענדיק געהאַט קיין שטוב, דאָך געוועזן אייגנ־טימער און גאַנצע "אינדזשעניערן" אויף סוכה־בוי, און זיך באַמיט יעדער איינער צו באַווייזן זיינע בוי־פעיקייטן... און דאָ, אין ישראל, קען מען דאָס זען. די פאַר־שיידענסטע סוכות ווערן אויפגעשטעלט, אַזש אַ חיות זיי אָנצוקוקן.

איז דאָך די מצוות סוכה געגעבן געוואָרן נאָך אין מדבר און שטאַמט פון מדבר. פאַראַן אפילו ערגעץ אַ קשיה:— פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אין מדבר ניט געגעבן קיין פאַרטיקע דירות די יידן. מן האָט ער זיי געשפּייזט פערציק יאָר, וואַסער פון אַ ברונעם, די יידן זענען געוועזן רייך פון ביזת־מצרים, איז פאַרוואָס־זשע עפּעס סוכות, ביידלעך? — ענטפערט די וועלט, אַז ווען ער וואָלט זיי געוועזן געגעבן דע־פּאַרטמענטן, וואָלטן זיי ביז היינט געזעסן אין מדבר, און ניט געוועזן אַרויס פון דאָרטן...

אַדער אַנדערע פרעגן: פאַרוואָס זאָגט מען פסח "מה נשתנה", מיט גרויס פאַר־וווּנדערונג פאַרן סדר, זיינע מינים, וואָס ניט אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר זעט מען זיי. איז פאַרוואָס זאָגט מען ניט ביי די סוכות "מה נשתנה", וואָס איז אויך אַ גרויסע בייעס, אפשר אַ גרעסערע פון פסח? מען ציט זיך דאָך אַריין איינגאַנצן אין די סוכות אויף גאַנצע זיבן טעג. — איז דאָס דאָך אַ גרעסערער פּלא!

— אָבער, ענטפערן גוטע יידן, אַז יידן זאָלן וואַנדערן, אַז יידן זאָלן ניט האָבן קיין סטאַבילע היים, איז דאָך קיין ווונדער ניט...

איז דווקא אין ישראל, ווו יידן האָבן אַ היים, באַמיט מען זיך צו האָבן אויך אַ וואָס שענערע סוכה.

אונדז אַליין, קומט אויס יעדן סוכות איבערצולעבן אַן אַנדערע דעראייגעניש, לויט די סוכות. מיר האָבן שוין געהאַט אין אונדזער לעבן, אַלע יאָר, פאַרשיידענע סוכות. אַמאָל אַ סוכה אין הויף, אַמאָל אויפן דאַך, אַמאָל אין אַ האָטעל, אַמאָל אין

שול־הויף, א.א.וו. אַלץ לויט די מעגלעכקייטן פון דעם געגעבענעם פּלאַץ. דאָ אין ישראל האָבן מיר פאַראַיאָרן געהאַט אַ סוכה איבערן דאַך פון אַן עטלעך שטאָקיק הויז, און גאַנץ פיין פאַרבראַכט.

און היי־יאָר קומט אונדז אויס צו האָבן אַן עלעגאַנטע סאָלידע סוכה אויף אונדזער וואוין־באַלקאָן. אַ סוכה מיט פיינע ווענט, מיט אַ פענצטערל, מיט אַ שיינעם אַריינגאַנג און באַפּוצונגען.

דאָס געפיל איז אַ געהויבנס, און די סוכה איז אַ געהויבענע און דערהויבענע, אויפן באַלקאָן... אַקעגנאיבער, זע איך די אַנדערע "איינזשעניערן", וואָס בויען אויך אויף זייערע באַלקאָנען ענלעכע סוכות.

איז דאָך שוין באַקאַנט יענער אַנעקדאָט פון דעם ניו־יאָרקער יידן וואָס האָט אויפגעשטעלט אויפן באַלקאָן פון זיין דירה אויפן וואָלקנקראַצער אַ סוכה, און דער־פאַר גערופן געוואָרן צום ריכטער, ווייל דער ניט־יידישער אייגנטימער האָט ניט געקענט פאַרליידן, אַז ער מאַכט אים קאַליע דעם עסטעטישן אויסזען פון דעם פאַר־נעמפולן בנין, און יענער, וואָס איז געווען אַ קלוגער ייד, און האָט געקענט די יידישע טראַדיציע, האָט טאַקע צוגעפּסקנט גערעכט דעם בעל־הבית און פאַראָרדנט דעם יידן, ביז אין אַכט טעג אַרום אַראָפּצונעמען די סוכה פונעם באַלקאָן...

דאָ, אין ישראל, איז אַזאַ פאַראָאָרדענונג ניט פאַראַן. עס גייט, אדרבא, אַן אַ האַנדל פון אתרוגים, פון ארבע מינים, מען בויט געשמאַק סוכות איבעראַל, און יעדע סוכה איז גאָר היימיש און געשמאַק, און איבערהויפּט איז דאָס אַ נייער געפיל, פאַר אַן עולה וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַ סוכה אויף זיין באַלקאָן אין גלות, דווקא צו זען ווי אויף זיין באַלקאָן אין ישראל הויבט זיך אויף אַזוי גראַציעז אויף אַכט טעג די יידישע יערלעכע סוכה.

און עס בעט זיך אין האַרצן יענע תפילה וואָס מיר זאָגן טאַקע סוכות ביים בענטשן: — הרחמן, הוא יקים לנו סוכת דוד הנופלת, זאָל דער דערבאַרעמדיקער אונדז אויפשטעלן די זיך וואַקלענדיקע סוכת־דוד", און אַז די סוכה וואָס סימבאָלי־זירט וואַנדערונגען אין גלות־מדבר, זאָל ווערן אַ סוכת־שלום, דער סימבאָל פון פרידן אין אונדזער לאַנד.

אַ בר־מצווה־פייערונג אין דער סוכה

סוכות איז די קלאַסישסטע שפּאַציר־צייט אין ישראל. ווער עס פאָרט אַרויס אויף וואַקאַציעס, ווער עס פאָרט באַזוכן קרובים און פריינד, ווער עס באַזוכט די מדינה דורך אָרגאַניזירטע טורן, און ווער עס שפּאַצירט סתם מיט פרוי און קינדער.

דער וועטער איז היי־יאָר זייער אַ שיינער, ממש צו שפּאַצירן, און עס גלוסט זיך אַרויס און זען אינטערעסאַנטע זאַכן.

עס איז אונדז אויסגעקומען צו זען אַ פרימאָרגן אַ סוכות־אויסשטעלונג, און צווישן אַנדערע מערקווירדיקייטן האָט צוגעצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט אַ זיל־בערנער אתרוג־האַלטער פון 18־טן יאָרהונדערט פון מאַראָקע, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט דער אויפשריפט, "יהי רצון שתתן לי לב טוב", זאָלסט אונדז, רבונו של עולם, געבן אַ גוט האַרץ", היות ווי דער אתרוג האָט אַ פאָרעם פון אַ האַרץ און סימבאַליזירט טאַקע דאָס גוטע יידיש האַרץ.

איז דאָס אונדז שטאַרק געפעלן און מיר האָבן זיך געקוויקט מיטן איינפאַל.

אין אָוונט ווידער איז אונדז אויסגעקומען צו פאָרן אין דער שיינער געגנט אין תל־אביב, וואָס הייסט "רמת אביב", די פרילינג־הויכקייט, וואָס איז כשמה כן היא, אַזוי ווי איר נאָמען, באַבלומט און באַגראָזט, ממש פרילינגדיק. מיר זענען געפאָרן צו אַ בר־מצווה־פייערונג פון אַ משפחה.

די בר־מצווה־פייערונג איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער סוכה פון דער פאַר־צווייגטער משפחה, און די סוכה איז אייגנטלעך דער גרויסער משפחה־סאַלאָן, וואָס האָט אַ דאַך־פליגל וואָס מען עפנט אויף סוכות און מען לייגט דאָרט סכך, און עס ווערט דערפון אַ פאַרנעמפּולע סוכה. דער סכך גרין, מיט אַ שלל פאַרפּוצונגען. אויך אין די אַנדערע צעעפנטע צימערן, וואָס פירן אין דער ברייטער שטוב, ווי אויך נאָך דער סוכה, אין דעם גרויסן גאָרטן זענען געגרייט טישן מכל טוב, ווו עס זיצן די פרויען און קינדער, וואָס זענען פטור פון מצוות סוכה. אינגאַנצן, די גאַנצע שטוב, אַלע צימערן געגרייט, מאַכט עס אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק, און דער גאָרטן, וואָס ציט זיך פון דעם גרויסן פענצטער פון דער סוכה, איז ווי אַ המשך צו דער סוכה מיט איר גראָזיקייט, ליכטיקייט און באַבלומטקייט.

דער עולם קומט זיך צונויף אין דער אייגנאַרטיקער סוכותדיקער ראַם. עס איז ליכטיק, פייערלעך און פריילעך.

מען הויבט זיך אָן אָוועקצוזעצן, טרינקען אַ "לחיים", אונטערלעגנען דאָס האַרץ. די געסט זענען צונויפגעפאָרענע פון פאַרשיידענע לאַנד־טיילן, משפחה, פריינד. מען ווינטשט דעם בר־מצווה־בחור, אַ גאָר באַחנטער צברא, וואָס הייסט נאָכן ראַדזי־נער רבין זצ"ל, די עלטערן און משפחה, ער זאָל אויסוואַקסן אַ גוטער ייד. מען צעשמועסט זיך, מען באַקענט זיך, מען אַנטדעקט, ווי געווייגטלעך אין ישראל, ניט־

גענאַטע און באַוווסטע קרובים, פון אַ צופעליקן שמועס, און עס באַווייזט זיך טאַקע דער ראַדזינער רבי מיט זיין סוויטע.

ער טרינקט אַביסל משקה, דערפרעגט זיך ביי זיינע חסידים וואָס יעדער איינער מאַכט, זאָגט אַ דבר־תורה, און דער בר־מצווה־בחור הייבט אָן זאָגן זיין דרשה, וואָס ווערט איבערגעריסן מיט געזאַנג.

מיר ווערן געזעגענען צו זאָגן עפּעס מעניגי־דיומא, און אין אַ זייער הייטערער שטימונג, געזעגנט מען זיך מיט די בעלי־שמחה, מיט די געסט, און צופרידענע פון דער אָריגינעלער איבערלעבונג, לאָזן מיר זיך צוריק אַהיים קיין ירושלים.

אַ שפּאַציר אין דער אַלט־שטאָט ירושלים

מען דערציילט אַז אַ צבראַלע איז געקומען קיין אַמעריקע און זיך דאָרטן באַפריינדעט מיט אַ יידיש יינגעלע, אַן אַמעריקאַנער. בעתן באַזוך ביי אים אין שטוב, האָט זיך דאָס אַמעריקאַנער יינגעלע געזעצט מאַכן זיינע שול־אויפגאַבן, און דאָס צבראַלע האָט זיך צוגעקוקט צו די ביכער וואָס ער לערנט. זעט ער אַז די אַמערי־קאַנער געשיכטע איז אַ דין ביכעלע, בעת די געאָגראַפיע איז אַ דיק בוך.

רופט ער זיך אָן צו זיין חברל: ביי אונדז אין ישראל איז גאָר פאַרקערט. די געאָגראַפיע איז אַ דינע; דערפאַר אָבער איז אונדזער געשיכטע ביז גאָר אַ דיקע...

דאָס קומט אונדז אַלעמאָל אויפן זינען ביים באַזוכן די פאַרשיידענע ערטער אין דער מדינה. געאָגראַפיש איז די מדינה, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער, אַ קליינע, אָבער דערפאַר האָט יעדער שפּאַן גאַנצע הויפנס געשיכטע, פון די פאַר־שידענע תקופות, און דו טרעטסט ממש אויף געשיכטע.

אַ לופט־פליער האָט מיר אַמאָל איבערגעגעבן: ווען איך הויב זיך אויף מיט מיין אַוויאָן אין דער הויך, זע איך שוין ניט ישראל, נאָר די אַרומיקע לענדער, אָבער אויף צו זען ישראל, מוז איך אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פונעם אַוויאָן און אַראָפּקוקן אַהינצו"...

אָבער ישראל איז אַ לאַנד וואָס איר דאַרפט אַריינקוקן אין דער פאַרגאַנגענהייט, און קוקן טיף אין אירע אַנגעהויפטע געשיכטע־שיכטן.

איז דעריבער דאָס לאַנד אַ פּערמאַנענטער קוואַל פון באַזוכן און פון לערנונג. סוכות, חול־המועד, נוצן טאָקע מענטשן אויס זייערע פרייע שטונדן אויף צו מאַכן אויספלוגן און באַזוכן, טורנעס, דערקלערטע דורך ספּעציאַליזירטע מענטשן, און זיי הויבן אָן בעסער צו פאַרשטיין דאָס געזעענע, און אַ וועלט פון נעכטן אַנטפּלעקט זיך פאַר זייערע אויגן.

האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אין אַזאַ אָרגאַניזירטן באַזוך, דורך דעם טוריזם־מיניסטעריום און דער ירושלימער מוניציפּאַליטעט, אין דער אַלטשטאָט פון ירושלים, און ווידער האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט די זאָנדערבאַרע אייביקע הייליקע שטאָט, מיט אַלע אירע שיינקייטן, טאָפּאָגראַפישע, כאַראַקטעריסטישע געסלעך און קוואַר־טאַלן, פון וועלכע עס קוקן אַרויס די געשיכטע־טויערן פון דער מענטשהייט.

דער עקסקורסיע־לערער דערקלערט יעדע טייל, אָנהייבנדיק פון די טורעמס, ער גיט איבער זייער אומוואַנדלונגען פון די עלטסטע צייטן ביז הייַנט, ווייזט אונדז אַ מאַקעטע פון דער אַלט־שטאָט, און פירט אונדז זען די פאַרשיידענע טיילן, אַרמע־נישן קוואַרטאַל, יידישער.

צווישן אַנדערע באַזוכן מיר די חורבה פון יהודה החסיד, די רעסטאַווירטע צענ־

טראַלע ספּרדישע יוחנן בן זכאי־שילן, דעם כותל און די אויסגראָבונגען אונטערן כותל.

מיר קלעטערן אויף היסטאָרישע ערטער, מיר דרייען זיך אַריין אין די פאַר־שיידענע געסלעך פון דער אַלט־שטאָט.

דאָ איז אַ שילד פון די געפאַלענע פאַרטיידיקער פון דער שטאָט אין דער מלחמת־השחרור.

דאָ קומט אונדז אַנטקעגן אַן אַראַבער מיט אַן אייזעלע, און מיר דערמאָנען זיך באַלד אין בלעמס אייזל. דאָ גייען מיר פאַרביי דעם אַראַבישן מאַרק. און מיר פאַרגעסן אַ ווייל אַז מיר לעבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און עס דוכט זיך, אַז מיר שפּרינגען אַריין אין ווייטע געשיכטע־תקופות, איבער וועלכע מיר האָבן געלערנט אין חומש און אין דער געשיכטע.

דער עקסקורסיע־אָנפירער דערקלערט אַלעם אויספירלעך און ברייט, און מיר פילן ניט אַז עס איז פאַריבער, אָדער בעסער געזאָגט, פאַרפלויגן, אַריבער דריי שעה. אַזוי זענען מיר אַלע אַריינגעצויגן אינעם שפּאַציר און אין זיינע באַלערנדיקע דער־קלערונגען. מיר לאָזן זיך צוריק מיטן אויטאָבוס, און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ ווונדערבאַרער בערגיקער פּייסאַזש פון דער הויך; בערג און טאָלן, הייזער, גראָזן און ביימער אויף די בערג־אַראָפּהאַנגען. דאָס בילד פון ירושלים פון דער הויך איז פאַרבליפנד. און איר פאַרשטייט טאָקע ווי עס האָבן דאָ געקענט אויפקומען נביאים און אינספּירירטע פּאָעטן, ווייל די נאַטור און די טאָפּאָגראַפיע אַליין שפּילן אַריין אינעם געמיט פון דעם צושויער און אין די אָנגעהויפטע געשיכטע־שיכטן, וואָס ליגן פאַר און אונטער אייערע פיס, ווי אָפּקלאַנגען פון פאַרשווונדענע דורות און תקופות.

איבעריק צו זאָגן, אַז מען גייט אַרויס באַלערנט און באַרייכערט פון אַזאַ מין אויספלוג.

אויף אַן אייגנאַרטיקער אויסשטעלונג

זענען מיר חול־המועד סוכות געפאָרן ספעציעל קיין בני־ברק זען אַ רעקלאַ־מירטע אויסשטעלונג פון סוכות־באַפּוצונגען פון אַ שלל יידישלעכע מאָטיוון אין די פאַרשיידענע אויסדרוקן, געמעלן, שניצערייען, מאַקעטן, קופּערנע בילדער, אויל־בילדער, א.א.וו.

יענעם טאָג איז פאַרגעקומען דער יערלעכער גאַנג פון דרייסיק טויזנט יידן, געקומענע פון גאַנצן לאַנד, קיין ירושלים. סאָלדאַטן און ציווילע, מענער און פרויען, זענען געגאַנגען קילאָמעטערס אַנצוקומען קיין ירושלים, ווו די גאַסן זענען פאַר־פלייצט געוואָרן דורך טויזנטער גייער, פאַרשיידענע גרופּעס אין זייער קאָלירטער קליידונג, און דער גאַנצער פאַרקער איז דעריבער אָפּגעשטעלט געוואָרן ביז פאַר־נאַכט, דאָס הייסט דער געוויינטלעכער אריינפאָר און ארויספאָר פון שטאָט.

דאָס איז דאָך די ערשטע מצווה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן אונדזער פאָטער אברהמען: לך־לך... און דאָס זענען זיינע קינדער מקיים פון יאָר צו יאָר. איינער האָט זיך אויסגעדריקט אַז דאָס איז שוין דאָס זעקס און פערציקסטע יאָר פון אַזאַ גאַנג. אַ צווייטע פרוי, פון דריי און זיבעציק יאָר, וואָס האַלט זיך פריש און מונטער, און זעט גאָרניט אויס איר עלטער, איז געפרעגט געוואָרן צי עס איז איר ניט שווער דער גאַנג און דאָס קלעטערן די בערג. האָט זי געענטפערט אַז אַלץ איז לויט דעם ווילן פונעם מענטשן. וויל ער ניט, איז אים אפילו שווער צו טרינקען אַ גלאָז וואַסער, און אויב פאַרקערט, וויל ער, איז אים גאָרניט שווער צו קלעטערן בערג. ס'איז אַלץ יענער "אין לך דבר העומד בפני הרצון", האָסט גאָרניט קיין זאַך וואָס זאָל זיך דיר אַנטקעגנשטעלן דיין ווילן...

אַזוי ווי מיר האָבן ניט געקענט פאָרן אויפן געוויינטלעכן וועג, זענען מיר געפאָרן דורך אַ צווייטן וועג וואָס פירט צווישן אַראַבישע געדיכטע שטעט און דערפער. די לאַנדשאַפט איז אַ פּרעכטיקע. דער פייסאַזש איז פאַרבליפנדיק. די זיך טוישנדיקע בערג, די וואַטע־פּלאַנטאַציעס, די שלענגלדיקע וועגן אין די בערג, זענען פּרעכטיק און שניידן זיך איין אינעם געמיט.

מיר קומען־אָן קיין בני־ברק, און דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אויך אַן אינ־טערעסאַנטע מענטשן־לאַנדשאַפט. עס שוועבן־פאַרביי די פאַרשיידנסטע אינטערע־סאַנטע יידישלעכע טיפּן, אין פאַרשיידענע קאַפּאָטעס, גאַרטלען, שטריימלען, ספּאָדי־קעס, באָרד און פּיאות, און ס'איז אַ נחת פאָרן אויג דאָס אַלץ אויפצוכאַפּן.

מיר קומען אַריין אינעם בית־וויזשניץ ווו עס קומט פאָר די אויסשטעלונג. דאָס זענען אָרנאַמענטאַציעס און בילדער פון אַ פרומע קינסטלער־משפחה, אויסגעשטעלט אין אַ רייע צימערן. אינעם ערשטן צימער, שטעלן זיי אויס צייכענונגען און וויטרי־נען פון די אוישפּיזין און אַנדערע סוכות־באַפּוצונגען.

אין אַ צווייטן צימער איז געווען פון האָלץ אַ פּרעכטיקע און ווירקנדיקע רעפּליק פון דעם כותל המערבי, וואָס האָט אַלעמען באַאיינדרוקט.

אין אַ דריטן צימער זענען געווען געמעלן, קופּערנע רעליעפן פון פאַרשיידענע שילן, ווי אויך מאַקעטן פון אַ שיל, פון נחס תיבה, פון שלמהס פּאַלאַץ און אַנדערע.

איבערהויפּט האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט אַ גרויס בילד מיט דעם גאַנצן אינערן פון אַ גרויסער שיל, מיטן ארון־קודש, דעם בעלעמער, די בענק, די טישן און אפילו די אויסגעלייגטע ספרים און סידורים. דאָס בילד איז אימפּאָנירנדיק און לעבעדיק, אַזש עס פאַרגאַפּט. די קאָלירן באַטירלעכע, די פּערספּעקטיווע אַ פאַנ־טאַסטישע.

צווישן די קופּערנע געשניצן האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ גאַסן־אַפּשניט פון מאה שערים און דער מאַרק פון דער דאָזיקער געגנט, ווי ער וואָלט אַרויסגענומען געוואָרן פון דאָרטן ווי ער שטייט און גייט און ער וואָלט אַריינגעראַמט געוואָרן אין אָט־די בילדער. די אויסשטעלונג איז רייך אין מאָטיוון, אין די פאַרשיידענע באַנוצטע מאַטעריאַלן און אין די פאַרבן. עס שוועבט איבער זיי די שיינקייט פון יידישקייט און דער שטייגער פון דורות.

איר ווייסט ניט ווו צו קוקן פריער און וואָס צו באַטראַכטן בעסער. איר גייט אַרויס באַאיינדרוקט און מיט אַ טיפער עסטעטישער קינסטלערישער איבערלעבונג און גייסטיקן הויכן גענוס, וואָס סומירט זיך צו די דערהייגענישן פון דעם שיינעם סוכות אין ישראל.

ביכער פון זעלבן מחבר:

ציוניסטישע פיגורן — 196 זייטן, 1953.

צייטמאָטיוון — 200 זייטן, 1957.

באַטראַכטונגען פון דער נאָענט — 174 זייטן, 1961.

אויף אייגענע וועגן — 232 זייטן, 1965.

אין גייסט פון דורות — 210 זייטן, 1968.

״על עספיריטו דע איסראַעל״ (שפּאַניש) — 128 זייטן, 1970.

״לאַ טראַדיסיאָן העברעאָ״ (שפּאַניש) —

איבערזעצער פון יזכור־בוך ״די קהילה פון האראדלא״, פון העברעיש אויף יידיש, דערשינען אין תל־אביב, 328 זייטן, 1966.

רעדאַקטאָר פון בוך ״קול תורה בארגנטינה״ (שפּאַניש) — 150 זייטן, 1970.

רעדאַקטאָר פון ״המדריך לכשרות״ — 72 זייטן, 1972.

איבערזעצער פון ספר ״הלכה לעם״ פון הרב יעקב בערמאַן, פון עברית אויף שפּאַניש.